STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03803

ZUMER-LEBEN

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יובילעאום אויסגאבע.

שלום־עליכם.

זומער-לעבען.

ארויסגעגעבען דורך פערלאג „פראגרעס“, ווארשא.

אלע ווערק
שלום־עליכם,
צוועלפטער באנד.

תר״ע״ג. — 1912.

ЗУМЕРЪ-ЛЕБЕНЪ, соч. Шолемъ-Алейхема.
Тип. „Универсаль“, Варшава, Лешно 31.

אינהאלט.

מאריענבאד.
כתרילעווקער נשרפים.
וואָרים בעדער.
גלות דאטשע.

מאריענבאד.

מאַריענבאַד.

ניִשט קיין ראָמאַן, נאָר אַ פּערפּלאָנטערניש צווישען צוויי שטעדט: ווארשא און מאַריענבאַד, דורך 36 בריוולעך, 14 ליבעצעטעלעך און 46 דעפּעשען.

№ 1.

בעלצי קורלענדער פון בערלין צו איהר מאַן שלמה קורלענדער אויף די נאַלעווקים (ווארשא).

לבעלי היקר מ׳ שלמה נ״י.

איך קום דיר צו מעלדען, אַז דערווייל בין איך נאָך אין בערלין און וועל ערשט קאָנען אַרויספאָהרען קיין מאַריענבאַד הלואי נאָך שבת. איך דאַרף מיך פאַר דיר נישט פערענטפערן, נאָר דו קענסט מיר גלויבען, אַז איך בין כלל נישט שולדיג, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך זאָל מיך פערהאַלטען אין בערלין אַ גאַנצע וואָך צייט. אַז דו וועסט אויסהערען ביז׳ן סוף אַלסדינג, וואָס איך האָב דאָ איבערגעטראָגען, וועסט דו אַליין זאָגען, אַז מען קאָן נישט אויסרעכנען אַ זאַך אויף צופריהער. „אַ מענש טראַכט און גאָט לאַכט״. אַזוי איז די מעשה:

איך האָב גערעכענט צו פערברענגען אין בערלין מעהר נישט, אַז איין טאָג, העכסטענס צוויי. וואָרום וואָס דאַרף געדויערען זיין ביים פּראָפעסאָר? וואָלט געווען גוט, ווען איך ברענג אַראָב דעם פּראָפעסאָר צו זיך. האָב איך מיר אָבער איבערגעלעגט: צו וואָס זאָל איך דיר אויסברענגען איבריגע דרייסיג מאַרק, וואָס קענען צונויץ קומען אויף

עֶפּעֶס אַנדעֶרש? איִך העֶר אַזוֹי אויך אָפּט מאָל פון דיִר, אַז עֶס געֶהט
אַוועֶק אַ סך געֶלד, און די צייַט, זאָגסט דוּ, איִז איִצט אויך ניִשט איִן
בּעֶסטעֶן, און נאָך כּדוֹמה אַזעֶלכעֶ אָנצוהעֶרעֶניִשעֶן העֶר איִך פון דיִר...
און מחמת דעֶריִבּעֶר האָבּ איִך שוין ניִשט געֶוואָלט פּעֶרפאָהרעֶן איִן
יעֶנעֶם האָטעֶל אַרויף דעֶר פריִדריִכשטראַסעֶ, וואָס מייַן קרובה הוה׳לעֶ
האָט מיִר געֶהאַט אויפגעֶשריִבּעֶן. ווי קעֶן איִך מיִך גלייַכעֶן צו חוה׳לעֶ
טשאַפּניִק? חוה׳לעֶ מעֶג אויסבּרעֶנגעֶן וויִפיִעל זי וויִל, ווּעֶט איִהר קיי-
נעֶר ניִשט זאָגעֶן, וואָרום חוה׳לה איִז ניִשט דאָס צווייטעֶ ווייבּ בּיי
איִהר מאַן אַזוֹי ווי איִך, און איִהר מאַן האָט ניִשט קיין קיִנדעֶר פוּנ׳ם
עֶרשטעֶן ווייבּ אַזוֹי ווי מייַן מאַן, און בּעֶרעֶל טשאַפּניִק ציִטעֶרט ניִשט
אַזוֹי איִבּעֶר׳ן גראָשעֶן ווי דוּ, און האָט ניִשט מורא בּלייבּעֶן איין אָרי-
מאַן אויף דעֶר עֶלטעֶר, ווי דוּ האָסט מורא. איִך מיין ניִשט, חלילה,
קיין זאַך, איִך זאָג עֶס גאַנץ עֶרנסט, אַז איִך וויִל דיִר ניִשט אויס-
בּרעֶנגעֶן קיין איִבּעֶריִגס, און מחמת דעֶריִבּעֶר האָבּ איִך מיִר אָבּגעֶ-
שטעֶלט דאָרט, וואוּ אַלעֶ אונזעֶרעֶ נאַלעֶווקיִר שטעֶלעֶן זיִך אָבּ, בּיי
דעֶר פּעֶרעֶלצוהייג. דאָס איִז אַ יוּדיִנעֶ איין אלמנה, זעֶהר אַ וואוילעֶ
בּעל-הבּית׳טעֶ און איין עֶהרליִכעֶ, קאָכט אויסגעֶצייכעֶנט און נעֶמט ניִשט
טייַעֶר, און ס׳איִז ניִשט וויייט פון אומעֶטוּם. פאַר צעֶהן פּעֶניִג בּיִסטוּ
אויף דעֶר לייפּציִגעֶר שטראַסעֶ, בּיי ווערטהיימעֶר׳ן. און ווי איִז דאָס
מעֶגליִך זייַן איִן בּעֶרליִן און ניִשט אַרייַנגעֶהן אויף אַ מיִנוּט צו ווערט-
היימעֶר׳ן? דוּ זאָלסט זייַן איין מאָל בּיי ווערטהיימעֶר׳ן, וואָלסט דוּ
אַליין געֶזאָגט, אַז ס׳איִז אוּנמעֶגליִך. דעֶם נאָמעֶן ווערטהיימעֶר האָבּ
איִך געֶהעֶרט נאָך איִן וואַרשאָ. נאָר איִך האָבּ מיִר קיינמאָל ניִשט
פאָרגעֶשטעֶלט, אַז עֶס קאָן זייַן אויף דעֶר וועֶלט אַזאַ מין געֶוועֶלבּ.
וואָס זאָל איִך דיִר זאָגעֶן, בּעֶלי היקר? עֶס לאָזט זיִך גאָר ניִשט בּעֶ-
שרייבּעֶן! וואָס איין אויג קאָן זעֶהעֶן און וואָס אַ מויל קאָן רעֶדעֶן! און
מעֶנשעֶן — אַ שפּיִלקעֶ ניִשט דוּרכצוּוואַרפעֶן! און אַלסדיִנג בּזול הזול,
פּונקט די העֶלפט געֶגעֶן די מקחים, וואָס בּיי אונז אויף די נאַלעֶווקיִס.
שטעֶל דיִר פאָר: צוויי מאַרק אַ טוּץ נאָז-טיִכלעֶך! אָדעֶר פאַר אַכט
און נייַנציִג פעֶניִג אַ פּאָר זאָקעֶן זייַדעֶנעֶ, וואָס דוּ ווּעֶסט זיי ניִשט קוי-
פעֶן בּיי אונז פאַר קיין רוּבּל מיִט צוואַנציִג. ציִ אַ שטייגעֶר פאַר אַכט
און זעֶכציִג פעֶניִג אַ וואַנט-זייגעֶר — נוּ, קאָן מעֶן לעֶבּעֶן? איִך רעֶכעֶן,
אַז גאָט ווּעֶט העֶלפעֶן, איִך ווּעֶל פאָהרעֶן צוריִק אַהיים געֶזוּנדעֶר-
הייט — זאָל איִך פאָהרעֶן וויִעדעֶר איִבּעֶר בּעֶרליִן, ניִשט איִבּעֶר וויִען —

וויען איז, זאָגט מען, אַ עק, אַ פּוסטקע אַקעגען בערלין — און ערשט דערמאָלט זיך אַרײַנכאַפּען צו ווערטהײַמער'ן און מיט אַ רײַנעם קאָפּ זיך אַ נעם טאָן אײַנקויפען אין בעל-הבית'ישקײַט אַרײַן אַלסדינג וואָס מע דאַרף: אַ ביסעל גלאָזוואַרג און אַ ביסעל פּאַיאַנס און אַנדערע שטוב-זאַכען. הײַנט זײַדענשטאָף און מעבעל און פּערפומען. פּאַר דער גרעניץ זאָלסט דו קײַן יסורים נישט האָבען. איך וועל מיר שוין מסתמא אײַן עצה געבען. חוה'לע טשאַפּניק פיהרט אַריבער אַלע יאָהר גאַנצע קאַסטענס. דערווײַל האָב איך מיר נאָך כמעט גאָרנישט געקויפט, אויסער אַ ביסעל וועש, אַ פּאָר זומערדיגע שיך, נאָך אַ היטעלע, און אַ שלאַפראָק פון הוילע סטענגעס, אַ האַלב טוץ אונטערשטע קלײַדלעך, אַ גרינעם זײַדענשירם, הענטשיקלעך, שפּיצלעך און פריזלעך מיט נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס איך מוז עס האָבען קײַן מאַריענבאַד. און ווײַל איך בין שוין געוועזען בײַ ווערטהײַמער'ן, האָב איך מיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטען און געהײַסען אין אײַן וועגס אַרײַנפּאַקען אַ האַלב טוץ טישטיכער מיט צוויי טוץ סערוועטלעך מיט אַ מאַשינדעל אויף צו שלאָגען פּוטער. איך האָב חרטה, ווי הינט עסען מיך, וואָס איך האָב דיך נישט געפאָלגט און נישט מיטגענומען נאָך אַ פּאָר הונדערטער. אַ גרויס נאַרישקײַט פון מיר, וואָס איך האָב מיך געוואָלט אויספּײַנען פאַר דיר, אַז איך בין נישט אַזאַ גרויסע אויסברענגערין, ווי דו מײַנסט. אַ סך מעהר מצוה געוועזען אין ווערטהײַמער'ן, אײדער אינ'ם דאָקטאָר, אויסקרענקען זאָל ער דאָס! נאָך אין בערלין האָט מיר געפעהלט אַ דאָקטאָר! קאַרג האָבען מיר דאָקטוירים אין וואַרשאָ! מאָל דיר, די בערלינער דאָקטוירים וואָלטען שוין געמעגט וואַרטען ביז איך וועל זיי שיקען רופען. איז אָבער בעשערט אײַן אומגליק, ווײסט דו הערען.

איך בין נאָר געקומען צופאָהרען אויף דער סטאַנציע, וואָס איך זאָג דיר, בײַ דער פּערעלצווײַג, נאָך נישט צײַט געהאַט זיך אַרויסוואַשען און אָנטאָן, ווי עס געהער צו זײַן, האָט מען מיך שוין אַ נעם געגעבען: וואָס פאַר אַ דאָקטאָר איך וועל מיר הײַסען ברענגען? זאָג איך: „ערשטענס, ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז איך דאַרף אַ דאָקטאָר? זעה איך דען אויס אַזוי שלעכט, וואָס מע דערקענט עס אויפ'ן פּנים? און צווײַטענס, זאָג איך, האָב איך פון דער הײם אײַן אַדרעס צום פּראָפעסאָר". רופט זיך אָן צו מיר אײנער, עפּיס אײַן אַלטער בחור מיט אַ נאָז, וואָס סע וואַקסט אויף איהר ווײַמפּערלעך. האָט קײַן פאַראיבעל נישט, זאָגט ער, מאַדאַם, וואָס איך וועל אײַך זאָגען. אָט ווײַל,

זאָגט ער, איהר האָט איין אַדרעס צום פּראָפעסאָר, מוזט איהר זיך פריהער זעהען, זאָגט ער, מיט'ן דאָקטאָר. ווארום ס'איז אַ גרויסע נפקא מינה, זאָגט ער, פון דעם, וואָס איהר וועט זאָגען דעם פּראָפעסאָר, ביז, זאָגט ער, דער דאָקטאָר וועט איהם, זאָגט ער, זאָגען אויף זיין דאָקטאָר-לשון". לאָזט זיך אויס, אַז אָט דער אַלטער בחור מיט דער רויטער נאָז וואוינט טאַקי ביי אָט דער אלמנה פערעלצווייג, וואָס איך זאָג דיר, און ער איז אַ קאָמיסיאָנער פון דאָקטוירים, דאָס הייסט, ער פערנעמט זיך דערמיט, וואָס ער ברענגט אַראָב אַ דאָקטאָר, אַז מע דאַרף, און דער דאָקטאָר ברענגט שוין אַראָב דעם פּראָפעסאָר, אָדער ער פיהרט שוין אָב צום פּראָפעסאָר אַהיים. געב איך זיי אָנצוהערעניש, אַז מיך פיהרט מען נישט. „איך בין נאָך, זאָג איך, גאָט זיי דאַנק, אויף אַזוי פיעל קרעפטיג, אַז איך קאָן נאָך געהן אַ מייל צו פוס". רופט זיך אָן צו מיר דער קאָמיסיאָנער מיט די ווייַמפערלעך: „מאַדאַם! ביי מיר היַט איהר, זאָגט ער, געפועל'ט, אַז איהר קאָנט געהן דריי מייל צו פוס. נאָר איך דאַרף אייך זאָגען פריהער, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפען, זאָגט ער, אייער טרחה. אַ בערלינער פּראָפעסאָר, זאָגט ער, אַז איהר קומט אַליין אָהן אַ דאָקטאָר, האַלט ער אייך נישט מעהר, זאָגט ער, ווי אַ האַלבע מינוט, פּי-פּו-פּאַ, אַ קלאַפּ מיט'ן פינגער, איינס-צוויי-דריי און — אַראָב פון מארק. פערטיג. און אַז איהר קומט, זאָגט ער, מיט אייער דאָקטאָר, איז גאָר אַנדערע ווערטער. אַ דאָקטאָר קאָן ער נישט אָבזאָגען. אַ דאָקטאָר מוז ער אויסהערען. האָט איהר שוין, זאָגט ער, פערשטאַנען, צי נאָך נישט?"...

אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ער האָט מיר אַראָבגעבראַכט דעם דאָקטאָר. איז מיר דער דאָקטאָר אפילו באַלד נישט געפעלען אין שלייער. ער קוקט נישט אין די אויגען אַריין, האָט קיין צייט נישט, און רעדט מיט אַ קוויטש. האָסט עפּעס ליעב אַ דאָקטאָר, וואָס קוקט נישט אין די אויגען אַריין און רעדט מיט אַ קוויטש?

אויסגעפרעגט זיך ביי מיר, ווער און וואָס און ווען, און גוט בעטראַכט מיך פון אַלע זייטען, איז ער אַ בעלן געווען, דער קלוגער דאָקטאָר, מיך אַוועקלעגען אין בעט, איך זאָל איהם ליגען ביז מאָרגען. מאָרגען וועט ער מיך, זאָגט ער, נאָך אַמאָל בעטראַכטען. און ערשט דעמאָלט וועט ער מיר, הייסט עס, זאָגען, צו וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר ער זאָל מיך מעלדען. דערהערט, אַז ער וויל מיך אַוועק-

לעגען, האָב איך איהם אויפגעקלערט, אַז פון אַוועקלעגען מיך זאָל ער פערגעסען. איך בין נישט געקומען, זאָג איך, קיין בערלין ליגען. איך דאַרף זיין, זאָג איך, ביי ווערטהיימער'ן, און דאַרף זיין ביי טיטצען, און וויל, זאָג איך, זיין אומעטום. אויב ער וויל, זאָג איך, קומען מאָרגען, מעג ער קומען, נאָר מיך אַוועקלעגען אין בעט — דאָס, זאָג איך, וועט נישט געהן!... ער האָט געמיינט, אַז ער האָט אָנגעטאָפּען אויף אַ יאַחנע פון די נאַלעווקיס און וועט ביי איהר ציהען מאַרקען! איך האָב באַלד אַרויסגעזעהען, אַז ס'איז נישט קיין דאָקטאָר, נאָר אַ פּיאַווקע. והראיה, אַט וועסט דו הערען, וואָס אַ בלוטצאַפּער קאָן! די האָהר שטעלען זיך קאַפּויר!

אויף אין דערפריה, איך קום מיט איהם צום פּראָפעסאָר, לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז גאָרנישט דער פּראָפעסאָר, וואָס חוה'לע טשאַפּניק האָט מיר פערשריבען. ס'איז גאָר איין אַנדער פּראָפעסאָר אויף גאָר אַנדערע שלאַפקייטען. דאָס בין איך געוואָהר געוואָרען ערשט נאָכדעם, אַז מע האָט מיך גוט אָנגעמוטשעט, און מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטען און געזעצט זיך פאָהרען. האָב איך געמיינט, מיר פאָהרען אַהיים, צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז מיר פאָהרען צו נאָך אַ פּראָפעסאָר, און ווידער נישט צו דעם פּראָפעסאָר, וואָס איך מיין. צו אַ פּראָפעסאָר איין אַקושער האָט ער מיך גאָר געבראַכט צו פיהרען! ווער איך דאָך מסתמא רעכט אויפגעבראַכט און הויב אָן צו געוואַלדעווען. ענטפערט מיר דער דאָקטאָר מיט זיין קוויטשיג קולכעל, אַז איך בין נישט אין וואַרשאָ אויף די נאַלעווקיס, איך בין אין בערלין, און אַז איך זאָל נישט מאַכען קיין לאַנגע טענות, און אַז ער האָט קיין צייט נישט און אַז ער ווייסט בעסער צו וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר איך דאַרף! האָסט דו עפּעס צו איהם? און אַט אַזוי ווי איך זאָג דיר, זענען מיר אויסגעווען, לאָז זיך דיר דאַכטען, ביי דריי פּראָפעסאָרען, און אַלע דריי פּראָפעסאָרען, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך אויפגערעדט, האָבען געזאָגט אַלע אין איין קול: „מאַריענבאַד!" — ווי באַלד אַזוי, צו וואָסער אַ כפּרה האָב איך בעדאַרפט די פּראָפעסאָרען, און נאָך דריי דערצו? מאַריענבאַד האָב איך דאָך געהערט נאָך אין וואַרשאָ. קורץ, שולדיג געווען דעם רוח אַ גאַנג, פאַרפאַלען.

געקומען אַהיים, בין איך געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך האָב מיך קוים געהאַלטען אויף די פיס, און איך האָב מיך שוין נישט װילענדיג געמוזט אַריינלעגען אין בעט אַריין. מיינסט דו דאָך, אַז לאַנג

בין איך געלעגען? נישט מעהר זאל דער דאקטאר לעבען אויף דער וועלט. עס האט מיך אין דער גיך געגעבען א טראג אויף פון בעט, גלייך, ווי א דונער וואלט מיך דערשלאגען. שטעל דיר פאר א חשבון פון א פעלד-גזלן: איך זאל איהם בעצאהלען, זאגט ער, אכציג מארק! פאר וואס אכציג מארק? „א פראסטער חשבון, זאגט ער: צוויי וויזיטען צו צעהן איז צוואנציג. דריי קאנסוליומס ביי דריי פראפעסארען צו צוואנציג איז זעכציג. און זעכציג מיט צוואנציג איז, זאגט ער, אלע מאל און אומעדום אכציג”. האב איך אויפגעהויבען מסתמא אזא סקאנדאל, אז מע איז זיך צונויפגעלאפען אלע: די בעל-הבית'טע די אלמנה, דער אלטער בחור דער שלים-מזל, און אלע איבריגע געסט. „וואו זענען מיר? — האב איך מיך צעשריען אויף זיי — אין בערלין צי אין סדום? עס איז ביי אייך ערגער, זאג איך, טויזענד מאל ווי ביי אונז אין רוסלאנד! נישט קיין דאקטוירים זענען ביי אייך, זאג איך, נאר חוליגאנעס! פאגראמשטשיקעס!” מיט איינעםווארט, וואס מיר איז געקומען אויפ'ן מויל, דאס האב איך זיי געזאגט. און לאז זיך דיר דאכטען, עס האבען זיך אריינגעלעגט מענשען, און מע האט אונז קוים מיט צרות אויסגעגלייכט פאר פינף און פופציג מארק. פינף און פופציג מכות זאלען זיך איהם זעצען, דעם שענעם דאקטאר, אויפ'ן פנים! ביזט דו שוין פארטיג? האב צייט. ס'איז נאך פארהאן איין אלטער בחור מיט א רויטער נאז מיט ווייספערלעך, הייסט ער זיך א חוץ בעצאהלען פופצעהן מארק. וואס איז דאס? דאס איז, זאגט ער, זיין קאמיסיאן פאר'ן דאקטאר, וואס ער האט מיר, זאגט ער, רעקאמענדירט. וואס זאגסט דו צו אזא פרא אדם? עס האט מיך אזוי פערקאכט ביים הארצען, אז עס האט זיך מיר אבגערופען מיין אומגליק, און איך בין געבליבען ליגען מיט א מיגרען ביז'ן אנדערען טאג. א קלייניגקייט אזוי פיעל געלד ארויסצווארפען, און פרעג אויף וואס? אויף ווען? וואלט נישט גלייכער געווען צעהן טויזענד מאל דאס איבערלאזען בעסער ביי ווערטהיימער'ן? איך עס מיך אויף א לעבעדיגע, וואס איך בין נישט געקומען אהער מיט איין וואך פריהער, וואלט איך געטראפען דא מיין חוה'לע — פארט א קרובה, און וואלט נישט אריינגעפאלען צו אט די פיאווקעס אין די הענד אריין. א שטיקעל גליק, וואס בערלין איז א שטאדט, וואס איז פארהאן וואס צו זעהען, א נישט, וואלט איך קראנק געווארען פאר דאסאדע. און צו זעהען איז דא אין בערלין אין איין טאג אזוי פיעל, וואס דו וועסט דאס נישט זעהען ביי

אונז אין ווארשא אין דרייסיג יאהר אפילו. א חוץ ווערטהיימער'ן און טיטץ און נאך אזעלכע געוועלבען, איז פארהאן אין בערלין א „ווינטערגאר-טען", מיט איין „אפאלא"-טעאטער, מיט א צירק „שומאן" און מיט א צירק „בוש". היינט איז דא, זאגט מען, א „לבנה-פארק", איז דאס גארנישט צו בעשרייבען. איך קלויב מיך ערשט געהן אהינצו אם ירצה שם מארגען, וועל איך דיר שוין מארגען בעשרייבען, דערווייל זיי געזונד און זאג שבע-רחל'ען, זי זאל אלטונג געבען נישט בלויז אין קינד, נאר אויף דער גאנצער שטוב זאל זי אלטונג געבען. איך האב פאר'ן אוועקפאהר פערגעסען פערשרייבען א קעלנער'ל מיט צוויי ציבע-לעך אין קויטינגען גרעט. און א סלאי איינגעמאכטס האב איך אנגעדוי-בען א טאג פאר'ן אוועקפאהר, איז פון איהם זאל זי נוצען אין קינד אריין און נישט אנריהרען מעהר פון די איינגעמאכטסען, וואס אויפ'ן באלקאן אונטערן קאסטען. און בריעף זאלסט דו מיר שרייבען, למען השם, קיין מאריענבאד פאסט רעסטאנט, ווי מיר האבען אבגעשמועסט.

פון מיר דיין פרוי

בעלצי קורלענדער.

№ 2.

שלמה קורלענדער פון די נאלעווקים (ווארשא) צו זיין פריינד חיים סאראקער אין מאריענבאד.

ליעבער פריינד חיים.

איך האב צו דיר, ידידי, א קליינע בקשה, דאס הייסט, נישט קיין קליינע, נאר טאקי א גרויסע בקשה. א גאנץ גרויסע! עס האט מיר געטראפען, ליעבער פריינד, איין אומגליק: מיין בעלצי פאהרט קיין מאריענבאד. וואס עפים פלוצים קיין מאריענבאד? פרעג מיך עפים גרינגערס. זי זאגט, אז זי איז נישט געזונד און מוז האבען מאריענ-באד. און דער דאקטאר זאגט אויך, אז זי איז נישט געזונד און מוז האבען מאריענבאד. און אז צוויי זאגען שכור, דארף דער דריטער געהן שלאפען... נאר בסוד וועל איך דיר איבערגעבען — און איך בעט דיך, אז צווישען אונז זאל עס טאקי בלייבען, — איך פערשטעה דעם שכל פון מאריענבאד. אז די מאדאם טשאפניק פאהרט קיין מאר-

יענבאר, היינט פארוואס זאל די מאדאם קורלענדער אויך נישט פאהרען קיין מאריענבאד? זי גלייכט מיך צו בעריל טשאפניק! זי ווייסט נישט, א פנים, אז דאס, וואס טשאפניק קאן — קאן נישט איך, נישט דו, נישט קיינער. טשאפניק קאן אבזיצען א קיילעכיג יאהר אין דער שענסטער דירה ווי א מאנארך, און גאר פארגעסען, אז פאר א דירה דארף מען צאהלען דירה-געלד. נישט היינט געדאכט, אז טשאפניק איז ביי מיר געזעסען אין שכנות, האב איך געמיינט, אז איך וועל פון איהם בעקומען די טשאכאטקע. אלע טאג פלעגט ער זיך הייסען מאכען רעמאנט, און מיט מיר פלעגט ער זיך שאפען, ווי מיט א סטרוזש. איין אנדערן וואלט איך ארויסגעווארפען אויף דריי שפענדלעך, און מיט איהם האב איך געמוזט אננעמען א פולען מויל מיט וואסער און מאכען א שווייג — צוליעב בעלצי'ן. באשר וואס? באשר ווייל זיין חוה'לע געהער זיך אן מיט מיין בעלצי'ן גליעד-גליעד-געשוועסטערקינדער, דעם פערד'ס-בייטש-שטעקעלע'ס-א-פידקאווע! וואס איך האב מיך אין דעם יאהר אנגעזעהען אויף דעם בעריל טשאפניק, איז דאס אויף א וואך צו דערצעהלען. צו בעריל טשאפניק, אז עס קומט דער קצב מאהנען פאר פלייש, עפענט ער איהם מיט'ן קאפ די טהיר: א העזה פון א קצב — גאר מאהנען פאר פלייש! און צו דער מאדאם טשאפניק, אז מע קומט מיט א חשבון פון געוועלב, געהט מען אזוי לאנג, ביז מע צערייסט צוויי פאר שיך און מע הערט אויף צו געהן. פון שניידערס און פון שוסטערס רעדט מען נישט. מע ווייסט שוין, אז צו טשאפניקען נאך געלד געהט מען נישט, ווארום מע וועט נישט גותנ'ען. וואס דארפסט דו מעהר? אט איז דא נישט לאנג געווען ביי זיי א וועטשערינקע. די מאדאם טשאפניק איז געווען א אימעניניצע, סאמע פאר'ן אבפאהרען קיין מאריענבאד, — האסט דו געדארפט זעהען, וואס דארט האט זיך אבגעטאן! איך בין נישט געווען, נאר מיין בעלצי דערצעהלט, אז מיט אזא קאלאציע וואלט מען שוין געקאנט חתונה מאכען צוויי טעכטער. דאס עסען האט מען בעשטעלט ביי העקסעלמאנען אין רעסטאראן, און וועטשערע איז געווען כיד המלך: פיש, און פלייש, און געבראטענס, און וויין, און ביער, און וואס דו ווילסט. די פלעשלעך האבען געקנאקט, משרתים האבען בעדיענט, ס'איז געווען „ליהודים", און ווי געוועהנטליך האט מען פערלעגט א „בענקעל", און דער באנקיר איז געווען טאקי טשאפניק, און געוואונען האט טאקי ווידער טשאפניק — ער קאן די מלאכה! — גאנצע הונדערטערס, זאגט בעל-

צי, זענען געווען אין באנק. פונדעסטוועגען, אז העקסעלמאן איז גע־קומען אויף מארגען מיט א רעכענונג, האט מען פון איהם געמאכט אזא געלעכטער, אז ער שעמט זיך שוין גאר אויסצוזאגען... נאר איך האב מיך פעררעדט פון טשאפניקען און כמעט פערגעסען אן מיין בקשה.

מיין בקשה איז אט וואס: אזוי ווי מיין בעלצי פאהרט, הייסט עס, קיין אויסלאנד דאס ערשטע מאל אויף איהר לעבען, זי ווייסט נישט, וואו א טהיר עפענט זיך און קען נישט די שפראך, לכן זאלסט דו זיין אזוי פריינדליך איהר קומען צוהילף, רעקאמענדירען א רעכטע סטאנציע, א גוטען דאקטאר, א כשר'ען רעסטאראן, — מיט איינעם ווארט, זאלסט זיין פאר איהר, וואס מע רופט א וועגוויזער. אגב, וועל איך דיך בעטען, זאלסט נאכקוקען, מיט וועמען זי בעגעגענט זיך דארט, און מיט וועמען זי קומט זיך צענויף. איך וויל, פערשטעהסט דו מיך, זי זאל זיין א ביסעל וויט אבגעשיידט פון דער מאדאם טשאפניק. וואס האב איך אייגענטליך צו דער מאדאם טשאפניק? זי האט מיר קיין געשעפט נישט קאלי געמאכט, נאר איך וויל נישט, מיין בעלצי זאל זיין קנעפיל שבקנעפיל מיט דער מאדאם טשאפניק, חאטש זיי זענען גליעד-געשוועסטערקינדער. איך וויל נישט, אז זי זאל זיין איהר אפוטרופוס, אז וואס די מאדאם טשאפניק זאגט — איז גוט, און וואס די מאדאם טשאפניק טוט אן — איז שען, און וואס זי דער־זעהט אויף דער מאדאם טשאפניק — דאס ווילט זיך איהר. גלויב מיר, ליעבער פריינד, עס געהט מיר נישט אין געלד. דו ווייסט, אז איך בין, חלילה, נישט אזא קמצן, און מיין בעלצי פיהרט ביי מיר אויס, ווי מע זאגט, דאס טעלעריל פונ'ם הימעל — פארט דאס צווייטע ווייב. דאס צווייטע ווייב, זאגט מען, און א בת-יחידה פיהרען אויס אלסדינג. נאר וואס דען? איך וויל נישט, אז וואו צוויי זאל מיין ווייב זיין א דריטע... וואס קומט מיר דערפאר? איך האב אזוי אויך גענוג שונאים אויף די נאלעווקים, וואס וואלטען מיך דערטרונקען אין א לעפעל וואסער. און ווער שמועסט, זינט איך האב חתונה געהאט פאר בעלצי'ן, וואלטען זיי זיך וועלן נוקם זיין אן מיר, איך וויים נישט פאר וואס, גלייך ווי איך וואלט עמיצען אנגעריהרט אין כבוד אדער אין פרנסה. באשר, זאגען זיי, זי וואלט געקאנט זיין מיינע א שנור. טאמער ווייסט דו, וואס געהט זיך עס אן מיט זיי? עס זענען שוין געווען שטיגוטע־רעס, וואס האבען זיך געפרובט מאכען צווישען אונז א בייז לעבען.

פרעג, וואס האב איך זיי געטאן? דער גאנצער געוואלד, למאי זי איז א שענע! א רוח זיי אין פאטער און מוטער אריין — און אז איך זאל געוועזן חתונה האבען דאס אנדערע מאל און נעהמען א מיאוסניצע, וואלט זיי שוין געוועזן בעסער?

הכלל, ליעבער פריינד, קיין סך דארף איך מיט דיר נישט שמועסען. איך מיין, אז דו פערשטעהסט שוין דעם מיין, וואס איך מיין... איך וויל, אז דו זאלסט זי האלטען אויפ'ן אויג, און זאלסט מיר אריינשרייבען אמאל א בריוועל פון דיין מאכען, וואס דו מאכסט, און פון מיין בעלצין, וואס זי מאכט. און אז זי וועט זיך ווענדען צו דיר נאך געלד — איך האב איהר געגעבען דיין אדרעס — זאלסט דו איהר ארויסגעבען אויף מיין רעכענונג וויפיעל זי וויל, געוועהנטליך, נישט אויף אמאל, נאר ביסלעכווייז, ווייל ביי איהר געלד — צווישען אונז זאל עס בלייבען — האט גאר קיין ממשות נישט. איך האב עס געוואוסט פריהער, אז ווען איך זאל איהר מיטגעבען, למשל, פון דאגען איך ווייס אליין נישט וויפיעל, איז אזוי ווי זי פאהרט איבער בערלין, וועט דאס דארט מסתמא אוועקגעהן ביי איהר מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך. און כך הוה, אזוי ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט. איך האב שוין בעקומען פון איהר א בריוועל פון בערלין (פאהרענדיג קיין מאריענבאד, האט זי זיך אראבגעחאפט קיין בערלין) שרייבט זי מיר א גרוס, מיין בעלצי הייסט עס, פון עפים איינעם מיט'ן נאמען ווערטהיימער, האט ער א געוועלב, אט דער ווערטהיימער, וואס מע געפינט, זאגט זי, ביי איהם פון פויגעל-מילך. איז זי שוין געוועזן דארט, שרייבט זי מיר, מיט א וויזיט, און ווערליג איך פערשטעה, האט זיך דער ווערטהיימער פון איהר נישט גענארט. זי גלייכט זיך צו דער מאדאם טשאפניק. בעריל טשאפניק בערימט זיך, אז ער האט געהאט מיטגעגעבען זיין חוה'לען קיין אויסלאנד א תק'ער אויף דער נסיעה. און אז זי איז געקומען קיין בערלין, האט זי שוין געשריבען, מע זאל איהר שיקען נאך געלד, האט ער איהר געמוזט אויף דער צווייטער וואך ארויסשיקען נאך א תק'ער. ער ווארפט זיך עס מיט תק'ערס, אט דער טשאפניק! טאמער ווייסט דו די געשעפטען, וואס ער טרייבט? א מענש זיצט אין ווארשא שוין אפשר צוואנציג יאהר און לאז מיר עמיצער זאגען, מיט וואס האנדעלט בעריל טשאפניק? עס איז זיך איין אבגעפוצט יודעל, מיט א שען בייכעל, מיט א פיינעם חתוך-הדבור, און עס רעדט נישט איין איבעריג ווארט; איין אויגעל

קוקט ביי איהם בלומר'שט קיין פּצון-זייט און דאָס אַנדערע טראַכט, ווי אַזוי מע צעשפּיליעט דיך און מע בעקומט ביי דיר אַרוים אַ גמילת חסד אויף צו פערפאַלען...

הקצור, ער איז גאָרנישט ווערט, אָט דער טשאַפּניק, מיר זאָלען פון איהם אַזוי פיעל רעדען. איך בעט דיך נאָך אַמאָל, חיים, דו ווייסט, ווי מיין בעלצי איז ביי מיר טייער. איך האָב גרויס עגמת נפש, וואָס זי פאָהרט אַליין. איך וואָלט אויך מיטגעפאָהרען — נאָר ווי קאָן איך אַוועקוואַרפען דאָס געשעפט? ס'איז ביי מיר סאַמע סעזאָן. איך האַלט אין בויען, און צו גאָט אַ האָפנונג: אַ יאָהר וועל איך, דאַכט מיר, האָבען גאָר נישט קיין שלעכטס. וועדליג עס ווייזט זיך, דאַרף זיך מיט דירות אַוועקשטעלען מיט'ן אויבערשטענס הילף אַ סך העכער ווי פאַראַיאָהרען, נאָר פאַר מיין בעלצין איז נישט נויטיג, זי זאָל עס וויסען. אדרבה, אויב עס וועט דיר אויסקומען, מעגסט דו איהר זאָגען פערקעהרט... ווי אַזוי צו רעדען דאַרף מען דיך נישט לערנען. דו ווייסט שוין... און ווייטער איז נישטאָ קיין בעזונדערע נייעס. אונזערע צייטונגען לייענסט דו דאָך דאָרטען אויך, ווייסט דו שוין מסתמא, אַז ביי אונז איז עפּיס נישט אַזוי פרעהליך. אַ גרוס קאָן איך דיר אָבגעבען פון דיין אסתר'ן. איך האָב זי געזעהען פון דערווייטען. זי שיינט מיר גאַנץ נאָהענט אויף דער צייט צו זיין. היינט-מאָרגען... טאָמער אַ יונגעל, ווי אַזוי וועט דאָס זיין אָהן דיר אַ ברית? זעה זשע למען השם, ידידי, טו ווי איך בעט דיך און שרייב מיר באַלד אַ תשובה.

פון מיר דיין בעסטער פריינד

שלמה קורלענדער.

№ 3.

בעלצי קורלענדער פון בערלין צו איהר מאן שלמה קורלענדער אויף די נאלעווקים (ווארשא).

לבעלי היקר מ' שלמה נ"י.

איך האב דיר צוגעזאגט נעכטען, אז איך וועל דיר בעשרייבען דעם בערלינער „לבנה-פארק", וויבאלד איך וועל נאר קומען פון דארט, — טו איך דיר צוליעב, חאטש אפילו דאס איז א זאך, וואס עס איז אונמעגליך, ווארום אז איך זאל דיר א גאנצע נאכט זיצען און שרייבען, וועל איך דיר דען בעשרייבען אפילו א צעהנט חלק פון דעם, וואס מע זעהט זיך אן אין דעם „לבנה-פארק"? ס'איז שוין איין מאל א פארק! שטעל דיר פאר א גרויסען פארק פון סאמע פייער, ארום און ארום פייער, אלע שטיבער זענען בעגאסען פון אויבען ביז אראב מיט פייער. און גלייך, ווי דו קומסט, טרעטסט דו אריין אין א „לאך-זאל", דאס איז א מין זאל, וואס אז דו קומסט אריין פאלט אן אויף דיר א געלעכטער און דו לאכסט אזוי לאנג, ביז דו ווערסט שיער צעפלאצט פאר געלעכטער, — ווארום וואוהין דו גיסט זיך א קעהר, זעהסט דו, אז דו האסט א פנים פון א שווארץ יאהר. דערנאך בעצאהלסט דו און זעצסט זיך אויף אזא מין משוגע'נע באהן, וואס פליהט משוגע'נערווייז איבער בערג און איבער טאלען. אט טוט עס דיר א הויב אויף, העכער הייזער, און אט טוט עס דיר א מאר-דעווע אראב אין אלדע שווארצע יאהר, אין דער שאול תחתיה אריין, אז דו ווערסט שיער נישט צעפאלען אויף שטיקער. און עס ווערט א קוויטשעריי מיט א געפילדער. און באלד נאך דעם הויבט עס דיך אויף ווידער ארויף אויף א בארג און ווידער אראבגעלאזט דיך אין דער ערד אריין. ביז דו קומסט צוריק אויפ'ן אייגענעם ארט און בלייבסט שטעהן, ווי א נאר. הייסט דיר דער דייטש אויסשטייגען, ארויסגעהן הייסט עס. געהסט דו אראב ווי א נעכטיגער. און נאכדעם קומסט דו צו צו א טייך, זעהסט דו, ווי מענשען גליטשען זיך אויף שיפלעך בארג-אראב און פאלען אריין גלייך אין וואסער אריין און ווערען נישט דערטרונקען; נעמט דיך אן א יצר-הרע און דו קריכסט ארויף אויף טרעפ אויפ'ן בארג און קויפסט ווידער א בילעט און זעצסט זיך אריין

אין שיפעל און פליהסט, ווי א משוגע׳נער, אין וואסער אריין, און געהסט ארויס פון דארט א פערשפריצטער פיטש-נאס, און דו בלייבסט שטעהן און קוקסט זיך ארום, פאר וואס א דייטש נעמט געלד? פון דארט געהסט דו א ביסעל ווייטער, זעהסט דו ווילדע מענשען און שווארצע ציגיינער פון מצרים, וואס טאנצען און זינגען, דרעהען זיך און שפרינגען, לעקען מיט דער צונג געגליהטע אייזענס, שטעכען זיך מיט שפיזען, מאכען מיט די בייכער, און פאר דעם אלסדינג צאפט מען ביי דיר געלד. און אז דו ווילסט, פיהרט מען דיך נאך אריין גלייך אין גיהנם אריין און מע ווייזט דיר מתים מיט רוחות מיט שדים, שלענג און עקדישען, מיט צרות, מיט שלעק, — און דו בענשט גומל, וואס מען האט דיך ארויסגעלאזט א לעבעדיגען. פון קאפעס, רעסטאראנען, מוזיק, שפיעל-קעסטלעך, קינעמאטאגראפען, קאמעדיעס, פאטאגראפיעס, און נאך אזעלכע זאכען — פון דעם שמועסט מען נישט. דאס איז דארט פארהאן, ווי שטערען אין הימעל, און ווען דו זאלסט זיך נאר וועלען צולאזען צו די דייטשען, און געהן אומעטום, וואו מען רופט דיך, קאנסט דו ארויס פון דארטען א קדוש. מיך האט די גאנצע חתונה געקאסט ארום און ארום א נישט א צעבראכענעם פעניג. ווערסט דו דאך פרעגען, ווי אזוי איז דאס מעגליך? ווערסט דו הערען א שענס.

אט דער בחור דער פרא אדם מיט די ווייםפערלעך, וואס האט ביי מיר ארויסגעפרעסט פופצעהן מארק דערפאר, וואס ער האט מיר גערעקאמענדירט דעם שענעם דאקטאר, האט ער מיך דאס גענומען אין דעם „לבנה-פארק" אויף זיינע הוצאות, און נאך מכבד געווען מיך מיט זעלצער-וואסער און מיט שאקאלאד און מיט וואס דו ווילסט. געזעהען, א פנים, אז ס׳איז מיר איבער דער טבע, מאכט ער צו מיר אזוי: „פאר שענע ווייבלעך, וואס דארפען האבען צום דאקטאר, בין איך, זאגט ער, א קאמיסיאנער און אויף אנצוקוקען בערלין בין איך, זאגט ער, אוים קאמיסיאנער, נאר א קאוואליער און א דזשענטעלמען". האסט דו עפים צו אזא שלים מזל? שוין געהענדיג צוריקוועגס, רופט ער זיך אן צו מיר, דער חכם, און דאס פנים לויכט איהם, ווי די זון אין תמוז: „מאדאם! איהר וועט קיין פאראיבעל נישט האבען, וועל איך אייך עפים זאגען". זאג איך: „אבי א קלוגם". זאגט ער: „א קלוגם ווייס איך נישט, נאר פאר אייך וועט עס, זאגט ער, זיין זעהר אינטערעסאנט". זאג איך: „אויב אינטערעסאנט, פאר וואס נישט?..."

מאכט ער צו מיר: „נאר מיט א תנאי, מאדאם, אז איהר זאלט מיר דערנאך זאגען, זאגט ער, אייער מיינונג". זאג איך: „פארוואס זאל איך אייך נישט זאגען?..." זאגט ער: „ניין, איך מיין איהר זאלט מיר, זאגט ער, זאגען אויפריכטיג, נישט פערלייקענען". זאג איך: „למאי זאל איך לייקענען?..." זאגט ער: „ניין, איך מיין, טאמער געפעלט דאס אייך נישט, זאלט איהר מיר, זאגט ער, זאגען, אז עס געפעלט אייך נישט". זאג איך: „זאגט, וואס נודעט איהר?..." שטעלט ער זיך אפ און מאכט צו מיר אזוי: „הערט-זשע אויס, מאדאם, עס איז אזוי די געשיכטע. איהר וועט מיר גלויבען צי ניין? אפשר וועט איהר מיר גלויבען און אפשר ניין. חאטש איך וויסט נישט, זאגט ער, פאר וואס איהר זאלט מיר נישט גלויבען. איך בין א מענש, זאגט ער, איין אויפריכטיגער, וואס איך האב — דאס, זאגט ער, זאג איך. איך האב פיינט, זאגט ער, האלבע ווערטער. ביי מיר איז איינס-צוויי-דריי און פארטיג. איך דארף אייך זאגען, זאגט ער, מאדאם, אז איך בין אזא מענש, זאגט ער, וואס האב איך עפיס, מוז איך עס ארויסגע-בען. האלטען דאס לאנג ביי זיך קאן איך נישט. איך האב אייך שוין לאנג, זאגט ער, געוואלט זאגען, אז איהר זענט מיר געפעלען געווא-רען, זאגט ער, פון דער ערשטער מינוט, זאגט ער, וואס איך האב אייך דערזעהען. וואס וועט איהר, זאגט ער, זאגען דערויף?..." „וואס זאל איך, זאג איך, זאגען? ס'איז אייער גליק, זאג איך, וואס מיר זענען אין בערלין אויף דער פרידריכשטראסע. ווייטער וואלט איך אייך, זאג איך, בעוויזען, ווי אזוי צו זיין א נאחאל!..." דערמיט האט זיך אונזער שמועס געענדיגט און פון דעמאלט אן בין איך געבליבען אהן א קאוואליער און מוז געהן אליין אומעטום. נאר אהן איין אומ-גליק. בערלין איז נישט קיין וואלד און די דייטשען זענען אזעלכע מענשען, וואס זיי פוילען זיך נישט, שטעלען זיך אפ און הערען דיך אויס אלסדינג, און ווייזען דיר אן אלסדינג, וואס דו פרעגסט ביי זיי. און פערקעהרט, טאמער פרעגסט דו ביי זיי עפיס א זאך, וואס זיי ווייסען נישט, זעהט מען, אז ממש עס עקט זיך זיי דאס חיות. א דייטש בלייבט א דייטש.

האב איך דיר שוין ארויסגעשריבען אלסדינג, ווי איך האב דיר צוגעזאגט. געב גאט, איך זאל שוין קומען געזונטערהייד קיין מאריענ-באד, וועל איך דיר פון דארט שרייבען מעהר נייעס. דערווייל זיי געזונד אין שרייב מיר קיין מאריענבאד, וואס הערט זיך ביי אונז אין

װאַרשאָ? װאָס מאַכט אסתר סאַראַקער? צי איז זי שוין געלעגען געװאָרען, צי נאָך נישט? און אויב יאָ, װאָס האָט זי געהאַט: אַ יונגעל, צי אַ מעדעל? אַ שענער יושר פון אַ מאַן. איך מײן טאַקי חיים סאַראַקער. איבערלאָזען אַ װײַב אויף דער צײַט און אַלײן אַװעקפֿאָהרען קײן מאַריענבאַד — װאָס איז? ער װיל „אָבנעמען", פֿערליערען דעם בויך. װען דאָס זאָל זײַן אויף מיר, װאָלט ער שוין צוריק אויף די גאַלעװוקים נישט געקומען. איך װאָלט איהם געלאָזט, ער זאָל שוין בלײַבען זיצען דאָרטען, אין מאַריענבאַד, אויף שטענדיג. ער װאָלט שוין בײַ מיר „אָבגענומען" און פֿערלױרען נישט נאָר דעם בויך אַלײן. זאָג דיר, װאָס דו װילסט — ער איז דײַנער אַ גוטער פֿרײַנד — נאָר מע מוט נישט אַזוי. עס האָט מיר אויסגעריסען אַ שטיק האַרץ, אַז איך בין געװען בײַ איהר זיך געזעגענען. זי איז נישט אַזעלכע, װאָס זאָל זיך בעקלאָגען, נאָר מע זעהט. זײ האָבען שוין אַזאַ מזל בײדע שװעסטער: סײַ אסתר, סײַ חנצי. חנצי, זאָגט מען, װערט נאָך מעהר אויסגעריסען בײַ איהר מאיר'ן. מע האָט מיר געזאָגט דאָ אין בערלין, אַז מאיר מאַריאַמטשיק איז אויך אין מאַריענבאַד. און בראָני לויפֿערמאַן און לאה'צי גרױסשטוהל, און די יאַמאַיטשיכע מיט איהרע טעכטער זענען שוין אויך אין מאַריענבאַד? אַלע נאַלעװוקים אין מאַריענבאַד. קײן עין הרע נישט! — איך האָף צו טרעפֿען פֿון דיר בריעף אין מאַריענבאַד נאָר פֿערגעס נישט מיר שרײַבען פֿון אַלסדינג, װאָס אין דערהײם טוט זיך. זאָלסט נישט פֿערלאָזען זיך אינגאַנצען אויף שבע-רחל'ען. זאָלסט אַלײן איבערקוקען אַלע טאָג, װאָס זי ברענגט פֿון מאַרק, און איבערװעגען דאָס פֿלײש פֿון קצב און למען השם נישט נעהמען אָהן געלד קײן זאַך, װאָרום די קרעמער, די עהרליכסטע אפילו, האָבען אַ טבע, זײ שרײַבען צו. און טאָמער װעט זײַן בײַ דיר לאה די מאָדניצע מיט טענות, אַז איך האָב איהר אָבגעריסען פֿאַר דער אַרבײט און װעט זיך װעלען פֿערלאָזען אויף דײַן יושר, זאָלסט דו איהר נישט ענטפֿערן. דערפֿאַר, װאָס זי האָט געסטראַשעט מיט'ן סאָנד, זאָל זי געהן אין סאָנד. און פֿערגעס נישט, למען השם, אַרױסשיקען מיר געלד קײן מאַריענבאַד. איך װעל דיר געבען צו װיסען מײַן אַדרעס באַלד, װי איך װעל קומען צופֿאָהרען. גאָט זאָל העלפֿען, איך זאָל שוין קומען געזונטערהײד.

פֿון מיר דײַן פֿרױ

בעלצי קורלענדער.

№ 4.

שלמה קורלענדער פון נאלעווקיס (ווארשא) צו זיין ווייב בעלצי קורלענדער אין מאריענבאד.

לזוגתי היקרה מרת בעלצי שתחי'.

איך האב דיינע ביידע בריעף פון בערלין ערהאלטען און קום דיר צו מעלדען, בעלצי היקרה, אז איך בין ב"ה געזונד און אז אין דערהיים איז אלסדינג אין בעסטער ארדנונג. הלואי וואלטען נאר אלע לאקאטארען וועלען צאהלען צו דער צייט, מעל זאל נישט דארפען האבען מיט זיי צו טאן. ווארום א חוץ, וואס עס געהט פערלוירען געלד, קאסט נאך הוצאות, אדוואקאטען מיט פאפירען מיט שלעק. און דערצו נאך די בזיונות, וואס מע האט, ווארום עס זענען דא אזעלכע לאבעסעס, וואס בערימען זיך, אז טאמער ווארפט מען זיי ארויס פון דער דירה, וועלען זיי דיך בעשרייבען אויף די גאזעטען. און איך וויל נישט, מע זאל מיך בעשרייבען אויף די גאזעטען. איך האב עס פיינט. היינט דאס בויען, וואס איך בוי, שלינגט איין אזוי פיעל געלד, אז איך וויים גארנישט, ווי אזוי איך וועל זיך אמאל אויסבארען, און דערצו האט מען צוטאן מיט גראבע מענשען, בעלי-מלאכות און ארבייטער, וואס קריכען אויפ'ן קאפ, האבען נישט קיין טראפען דרך-ארץ פאר א בעל-הבית. הכלל, וואס זאל איך דיר זאגען, בעלצי היקרה, ס'איז צרות מיט צרות! און דא קומסט דו מיט דיינע בריוולעך פון בערלין, קאנסט דו דיך גארנישט משער זיין דעם עגמת-נפש, וואס איך האב געהאט, וואס דו ביסט נישט געפאהרען אויף וויען איידער אויף בערלין. מילא, דו ווילסט זיך זיין ביים פראפעסאר איין עצה האלטען — מהכיתיתי. איך וועל דיר, חס ושלום, נישט פערוועהרען, און קיין געלד, ווייסט דו גאנץ גוט, אז איך וועל דיר נישט זשאלעווען דארט, וואו עס געהט אין דיין געזונד, פקוח נפש. נאר ארייגלאזען זיך מיט דאקטוירים פיאווקעס און האבען צוטאן מיט דריי פראפעסארען, וועלען זיי דיר סוף כל סוף פערדרעהען דעם קאפ, אז דו וועסט, חס ושלום, קראנק ווערען פון זיי. איז איין מאל אוועק. והשנית, פרעג איך דיך, בעלצי היקרה, ווי שאנעוועסט דו נישט דיין געזונד און געהסט ארום צו ווערטהיימע-

רעדען און צו טיטשען האנדלען מציאות? איך גלויב דיר, אז ס'איז ביי
זיי אלסדינג בחצי חנם. איז, ערשטענס, ביי מיר דיין געזונד טייערער,
און צווייטענס, מיין איך, אז מע קריגט אין ווארשא אויך די מציאה.
פאר געלד קריגט מען אלסדינג, זאגט מען, נאר נישט קיין קדחת.
אודאי איז טאקי כדאי, זאג איך דיר, זיך שטופען אין איין ענג-
שאפט — וואס איז? טאמער וועט מען קויפען א פאר זאקען מיט א
וואנט-זייגער? דארף מען איינשטעלען דאס לעבען דערויף? איך פרעג
דיך, בעלצי, ביסט דאך עפיס נישט פון די נאלעווקער יענטעס, כ'לע-
בען, ווי קומט דאס, דו זאלסט טאן אזא נארישקייט? היינט דאס ארום-
געהן אנקוקען בערלין, דארף איך דיר זאגען, בעלצי היקרה, אז איך
הויב נישט אן צו פערשטעהן, וואס אייגענטליך איז דא וואס צו זעהן
אין בערלין? איך שטעל מיר פאר א גרויסע שטאדט, דריי מאל,
פינף מאל, צעהן מאל אזוי גרוים ווי ווארשא: און מויערען שענע,
גרויסע, א סך שענער און א סך גרעסער, ווי אין ווארשא, — נו וואס
זשע האב איך דערפון? צי, א שטייגער, דו שרייבסט, אז דו ביסט
געוועזען אין מיזעאטער און אין צירק און אין נאך אזעלכע ערטער —
ארט עס מיך נישט. פערקעהרט, ביסט דו אין אויסלאנד, דארפסט
דו אומעטום זיין און אלסדינג זעהן. פאר וואס נישט? מיך ארט נאר
איין זאך: למאי זאלסט דו נישט היטען דיין כבוד און דיין שטאט און
לאזען זיך פיהרען פון יעדען לעדיגגעהער, וואס דו קאנסט איהם נישט
און ווייסט איהם נישט? גוט, וואס דו האסט אנגעטראפען אויף א
פלאכט, א פרא אדם, וואס האט געלעגט אויף דיר כבוד. וואס טוט
מען, אז מע טרעפט אן אויף א חוליגאן, אדער אזוי א שארלאטאן?
אין דער פרעמד, בעלצי, דארף מען זיין געהיט נאך מעהר ווי אין
דערהיים. מען קאן אמאל האבען דעם גרעסטען בזיון מיט'ן גרעסטען
אומגליק, חלילה. איך האב דעריבער געשריבען א בריעף צו מיין גו-
טען פריינד חיים סאראקער קיין מאריענבאד, ער זאל דיר בעהילפיג
זיין אמאל מיט איין עצה, אמאל מיט א גוטווארט. ער איז א מענש,
וואס איז שוין געוועזען אין אויסלאנד עטליכע מאל און איז בעקאנט מיט
זייערע געננ און מיט זייערע מנהגים. און אגב, אזוי ווי איך האב
מיט איהם חשבונות, האב איך צו איהם אנגעוויזען, ער זאל דיר
ארויסגעבען געלד, וויפיעל דו וועסט בעדארפען האבען. ווארום דאס
שיקען פער פאסט קאסט טייער, היינט פערליערט מען אפטמאל אויפ'ן
קורס, אז ס'איז נישט כדאי דאס שיקען, לכן זאלסט דו זיך זעהן

דאָרט מיט חיים סאַראַקער און זאָלסט איהם לאָזען גערים'ען און זאָלסט איהם זאָגען, אַז איך וואַרט פון איהם אַ ענטפער אויף מיין בריעף, וואָס איך האָב איהם די טעג געשריבען. און דו זאָלסט איהם איבערגעבען, אַז ביי איהם אין דערהיים איז נאָך דערווייל קיין שום נייעס נישט פאָרגעקומען. זיין אסתר האַלט זיך נאָך. און נאָך אַ זאַך וועל איך דיך בעטען, בעלצי היקרה, אַז דו זאָלסט זיך האַלטען אַ ביסעל ווייטער פון דיין קרובה, חוה'לע טשאַפּניק. נישט מחמת דעם, וואָס זי האָט נישט קיין שענעם נאָמען ביי אונז אויף די נאַלעווקים, — איך לאַך מיך אויס פון אַזעלכע זאַכען — נאָר גלאַט אַזוי, איך וויל נישט, מע זאָל דיך האַלטען אין מויל יעדער בעזונדער און מען זאָל אויף דיר טייטלען מיט די פינגער. ווייל אין מאַריענבאַד, זאָגסט דו דאָך אַליין, איז איצט אַ שטיק וואַרשאָ. די גאַנ"ע נאַלעווקים האָבען זיך היינטיגען זומער, זאָגסט דו, אַריבערגעטראָגען קיין מאַריענבאַד. קענסט פערשטעהן, אַז בראָני לויפערמאַן און לאה'צי ברוילשטוהל און אפילו יאַמאַיטשיכע מיט איהרע טעכטער, זאָגסט דו, זענען שוין אויך אין מאַריענבאַד. היינט וואָס ווילסט דו נאָך? בעדאַרפסט דו דיך היטען פאַר זיי, ווי אין איין אויג אַ שטאָך, וואָרום זיי זענען מסוכנ'ע בערעדערינם! איידער אַריינפאַלען צו דער יאַמאַיטשיכע אין מויל אַריין, איז שוין בעסער אויסברעכען זיך אַ פוס. אש להבה! און וואָס געהט אָב בראָני לויפערמאַן? און לאה'צי ברוילשטוהל? וואָס איז מיט זיי די גדולה, וואָס זיי האָבען זיך אַוועקגעשלעפּט קיין מאַריענבאַד — ווייס איך נישט. מילא, לויפערמאַן האָט, זאָגט מען, געוואונען היינטיגען יאָהר אין דער לאָטעריע, ווילט זיך איהם פּטר'ען די עטליכע רובעל. אָבער ברוילשטוהל? ערשט יענע וואָך איז ער געוועזען ביי מיר נאָך אַ גמילת חסד, האָב איך איהם אָבגעזאָגט, ווי אַ טויטען. לייען גמילת חסדים און שיקען דאָס ווייב קיין מאַריענבאַד — דערויף דאַרף מען שוין האָבען איין עזות! און וואָס דו שרייבסט מיר, בעלצי היקרה, איך זאָל אַכטונג געבען אין שטוב, זאָלסט דו זיין גאַנץ רוהיג. דו דאַרפסט זעהען זיך נאָר קוריר'ען און קומען אַהיים בשלום. ווייטער וועט שוין אַלץ זיין רעכט. און וואָס דו האָסט מורא פאַר שבע-רחל'ען, איז דאָס איין איבעריגע זאַך. ערשטענס, האָסט דו זי שוין וויפיעל מאָל אויסגעפּרובט, אַז זי איז איין ערליכע, עס מעג ליגען גאָלד. און צווייטענס, געב איך טאַקע אַכטונג אויף איטליכם ברעקעל. נישט נאָר די צוקער-פּושקע, אפילו דאָס ברויט איז ביי מיר אונטערן שלאָס. און

אָהן געלד האָב איך אַליין אויך פיינט נעהמען אין די קלייטען. מיר האַנדלען טאַקי מיט עהרליכע לייט, אָרענטליכע מענשען, נאָר פונ־דעסטוועגען זאָל זיך זיי זעצען אַזוי פיעל מכות, וואָסערע גנבים זיי זענען. און ווייטער בעט איך דיך, בעלצי היקרה, זאָלסט נישט זשאַ־לעווען קיין געלד און זאָלסט זיך דאָרטען אָנטאָן כל הפערגעניגענס מיט כל הוואוילטאָגען אין דער וועלט, נאָר איין זאַך וועל איך דיך בעטען — אין די געוועלבען זאָלסט דו נישט געהן און קיין מציאות זאָלסט דו נישט האַנדלען. אַז דו וועסט קומען, אם ירצה השם, בשלום אַהיים, זאָג איך דיר צו, אַז איך וועל דיר קויפען אַלסדינג, וואָס דיין האַרץ געלוסט. צו וואָס טויג דיר שמאַטעס, טישטיכער, גאָזטיכלעך — דו האָסט זיי קאַרג? צו וואָס דאַרפסט דו אַ מאַשין אויף פוטער שלאָגען? און וואו וועסטו זיך אַהינטאָן מיט אַ וואַנט־זייגער? איך האָב מורא, בעלצי, אַז דו זאָלסט אויף דער גרעניץ נישט אַוועק־לעגען, חלילה, דאָס גאַנצע געזונד, וואָס דו וועסט אָנזאַמלען אין מאַריענבאַד, און עס וועט זיין אַרויסגעוואָרפען מיין געלד, אַחוץ, וואָס דו וועסט נאָך האָבען בזיונות, ווי פאַר דריי יאָהרען די מאַדאַם קאָ־ראַלניק פון די נאַלעווקיס, וואָס האָט אויסגעזעהן אויף דער גרעניץ אַ ביסעל צו גראָב, האָט מען זי געבעטען, מחילה, אין אַ בעזונדער חדר און אויסגעטאָן ביז דער העמד און אָבגעוויקעלט פון איהר העכער פיער הונדערט איילען זיידענע בענדער. פון דעמאָלט אָן האָט זי דאָס בעקומען ביי אונז אויף די נאַלעווקיס דעם שענעם נאָמען „די קאָראַל־ניטשקע מיט די סטענגעס”.

זיי געזונד און זעה למען השם זאָלסט זיך מיר פערריכטען און קומען, אי״ה, געזונטערהייד אַהיים,

ווי עס ווינשט דיר באמת

בעלך שלמה קורלענדער.

№ 5.

חיים סאָראָקער פון מאַריענבאַד צו זײַן פרײַנד שלמה קורלענדער אויף די נאַלעווקים (וואַרשאַ).

ליבער פרײַנד שלמה!

איך האָב דײַן ליבען בריעף ערהאַלטען. עס פרעהט מיך זעהר, וואָס דו שרײַבסט צו מיר אַזוי אָפענטליך, ווי צו אײַן אמת'ען פרײַנד, און עס וועט מיך נאָך מעהר פרעהען, אַז איך וועל דיר בעהילפיג זײַן, מיט וואָס איך וועל נאָר קאָנען. אַז דײַן בעלצי קומט קײַן מאַריענבאַד — דאָס האָב איך געוואוסט נאָך אײדער דײַן בריעף איז צו מיר אָנגעקומען. ווי אַרום און פון וועמען בין איך עס געוואָהר געוואָרען? טאַקי פון דער מאַדאַם טשאַפּניק. ווי אַזוי? לאָס איך דיר אויסשרײַבען די גאַנצע מעשה אַקוראַט, ווי אַזוי ס'איז געווען. ס'איז במילא נישטאָ וואָס צו טאָן, מע ווערט דאָ שיער נישט משוגע, וועל איך ווערען אויף אַ מינוט אַ שרײַבער. נאָר אײַן זאַך וועל איך דיך בעטען, שלמה, אַז אַלסדינג, וואָס איך וועל דיר שרײַבען פון דאַנען, זאָל זײַן בסוד. דערפאַר, וואָס דו האָסט זיך מיט דײַן בריעף פערטרויט אויף מיר, ווײַל דו האַלסט מיך פאַר אַ בעל-סוד, פערטרויע איך פאַר דיר אַזעלכע זאַכען, וואָס איך וואָלט זיי פאַר אײַן אַנדערן נישט געטרויעט, אפילו פאַר מײַן אײגען ווײַב, און איך בין זיכער, אַז צווישען אונז וועט דאָס בלײַבען.

קודם דאַרף מען דיר בעשרײַבען דאָס מאַריענבאַד, זאָלסט וויסען, מיט וואָס מע עסט דאָס און וואָס דאָס איז. אַהער קומען צופאָהרען מענשען, וואָס גאָט האָט זיי געבענשט מיט אַ סך געלד און געשטראָפט מיט אַ סך פלײש, מײן איך פערקעהרט, געשטראָפט מיט אַ סך געלד און געבענשט מיט אַ סך פלײש. אַזעלכע מענשען זענען די סאַמע אומגליקליכסטע אויף דער וועלט. זיי ווילען עסען און טאָרען נישט. זיי ווילען געהן און קאָנען נישט. זיי ווילען ליגען, לאָזט מען זיי נישט! „איהר דאַרפט געהן, וואָס מעהר געהן, מאַכען מאָציאָן — זאָגען די דאָקטוירים — איהר דאַרפט אָפּנעהמען, זאָגען זיי, וואָס מעהר אָפּנעהמען”... „אָפּנעהמען” הײסט אויף אונזער לשון פערליערען דאָס בײַכעל, אַ ביסעל אײַנדאַרען הײסט עס. און אויף „אָפּ-

נעהמען" איז פארהאן איין מיטעל — מאריענבאד. עס נעמט אפ, ווי מיט די הענט נעמט עס אפ! און וואס איז דער חדוש? אז עסען עסט מען דא מכות מיט בכורות — דער דאקטאר לאזט נישט עסען — און מע לעבט נאר פון דעם, וואס מע טרינקט און דערפריה דאס ביסעל מים המאררים, וואס מע רופט דאס „קרייצברונען". א טעם האט דאס ווארימערהייד אויפ'ן ניכטערען הארצען פון צעהן חלשות'ען, און אז דו טרינקסט דארפסט דו שפאצירען, מאכען מאציאן, ווי דער דאקטאר רופט עס אן. און נאך אזא טרינקעכץ מיט אזא מאציאן גלוסט זיך עפעס נעהמען אין מויל אריין; געהסט דו אהיים עסען, דערלאנגט מען דיר „פריהשטיק" נישט קיין עסען. וואס איז דאס פאר איין עסעניש, איך בעט דיך, אז פלייש — נישט, אייער — נישט, זעמעלעך — נישט, א שאל „קאקע" מיט א סעכערעל, אט דאס איז דער גאנצער פריהשטיק. און נאכ'ן פריהשטיק הייסט ערשט דער דאקטאר געהן, מאכען מאציאן, און ערשט דעמאלט בעקומסט דו דעם רעכטען אפעטיט, און אז עס קומט די צייט פון ווארעמעס, דאכט זיך דיר אוים, אז דו וואלסט איינגעשלונגען איין אקס מיט די הערנער. זאגט אבער דער חכם, דער דאקטאר: „לא, פעטערשי! אז איהר וועט אזוי אכל'ען, זאגט ער, וועט איהר, זאגט ער, אבנעמען א פייג נישט קיין פוד שמאלץ, און וועט נישט פטור ווערען, זאגט ער, פון אייער טשעמאדאן ווי לאנג איהר וועט לעבען!"

הקצור, ס'איז א גיהנם, וואס זאלסט דו קלערען? איין שטיקעל גליק, וואס מע קאן אנפייפען דעם דאקטאר. ער הייסט עסען קדחת — קדחת עס אליין. ער הייסט געהן, — גיעה. מיר וועלען זיך בעסער אוועקזעצען מאכען א פרעפעראנסעל. איז אבער דער חסרון, וואס נישט אלע מאל איז דא א דריטע האנד. מוז מען מאכען אין צווייען א זעקס-און-זעכציג. דו ווייסט דאך, אז איך האב עס נישט פיינט. נאר מיט וועמען קאן מען דא שפיעלען אין זעקס-און-זעכציג, אז נישט מיט דער מאדאם טשאפניק? אוי איז דאס א מאדאם! וויפיעל דו קענסט בעריל טשאפניק, איז ער א הונט אקעגען זיין ווייב. ס'איז, זאג איך דיר, א מאראם פון גאט! שפיעלען שפיעלט זי דווקא נישקשה'דיג. זי וועט פערשטעקען אין גארטעל דריי מאנסבילען. נאר וואס דען? זי האט פיינט פערשפיעלען מיט סכנת נפשות! און אז זי פערשפיעלט צאהלט זי נישט: „נישקשה, זאגט זי, איך בין, זאגט זי, א בטוח, און פאר נויט, זאגט זי, וועט אייך מיין מאן, זאגט זי, בעצאהלען".

וואָס זאָגסט דו אויף דעם צאָהלער? וואָלט זי נאָר ליעב געהאַט שפּיע-
לען אין זעקס-און-זעכציג, וואָלט נאָך געוועזען אַ האַלבע צרה! איז
אָבער דער חסרון — זי האָט ליעב, מע זאָל מיט איהר געהן שפּאַצי-
רען איבער מאַריענבאַד. וואָלט דאָס שפּאַצירען אַליין אויך געוועזען
נאָך צו דערליידען; איז אָבער דער חסרון, וואָס זי האָט פיינט גלאַט
אַזוי צו שפּאַצירען; שפּאַצירען הייסט ביי איהר געהן איבער די גע-
וועלבען, האַנדלען מציאות, אָבנאַרען די דייטשען — שמעקט דאָס
שוין מיט אַ גמילת-חסד אויף אַ קורצע צייט, דאָס הייסט אויף צו פער-
פאַלען. אַ שלאַק, זאָג איך דיר, פון זיין ליעבען נאָמען! מע קאָן
זיך גאָר פון איהר נישט אויסבעהאַלטען. און ווי אויף צו להכעיס בין
איך דאָ איינער אויפ'ן יאַריד. נישטאָ איין מאַנסביל פון די נאַלעווקים.
סאַמע נקבות. דו האָסט דאָ בראָני לויפערמאַן, און לאה'צי ברויל-
שטוהל, די מאַדאַם שירענצים מיט דער מאַדאַם פעקעלים. היינט די
יאַמאַיטשיכע מיט איהרע דריי איבערגעוואַקסענע מאַמזעלען, וואָס האָ-
בען אַ שם אין מאַריענבאַד מיט זייערע יאָהרען. זיי וואָלטען געוועזען
גאַנץ פיינע מאַמזעלען, ווען זיי זאָלען נישט האָבען די נעזער. אַ גע-
רעט היינטיגען סעזאָן אין מאַריענבאַד אויף נאַלעווקער ווייבער, און
גלאַט אַזוי ווייבער, ווייבלעך, דאַמען, דאַמען, אָהן אַ שיעור דאַמען!
על-פּי-רוב זענען דאָ גראָבע ווייבער פון ביאַליסטאָק, פון קעשענעוו,
פון יעקאַטערינאָסלאַוו, פון קיעוו, פון ראָסטאָוו און פון אָדעס און פון
דער גאָרער וועלט, וואָס קומען אַהער כלומר'שט אויף דער „קור“,
נאָר זייער גאַנצער מיין איז חתנים פאַר זייערע טעכטער, די צייטיגע
מאַמזעלען. אָנגעטאָן געהען זיי אין זייד און אין סאַמעט, טראָגען העל-
זער פערעל און פיהרען אַרוים זייערע מאַמזעלען אויף דער אויסשטע-
לונג. רעדען רעדען זיי „קאָמעניצער דייטש“ און וואַרפען מיט אויגען
אויף יעדען מאַנסביל, ווי איינער רעדט: „ביסט דו אַ בחור, קום
אַהער. ביסט דו אַ בעוויַיבטער, זאָלסט דו געהן אַהין, פון וואַנען דו
ביסט געקומען...“ אַרום די דאָזיגע „מאַמעס“ דרעהט זיך אַרום, ווי אַ
ביהן אַרום האָניג, איינער אַ פּאַרשוין מיט אַ צילינדער, וואָס מע רופט
איהם סוויִרסקי — אַט דער סווירסקי — דאָס איז אַ יוד אַ שדכן, אַ
לאַנד-שדכן. אַליין איז ער אפילו אַ אונזעריגער, נאָר ער רעדט נישט
קיין זשאַרגאָן, חאָטש געב איהם אַ קרענק. נאָר דייטש. אַ שידוך איז
ביי איהם — אַ „פּאַרטי“, אַ חתן איז אַ „ברויטיגאַם“; „איַיער ווייב“ וועט
ער דיר קיינמאָל נישט זאָגען, נאָר „אייער פרוי געמאַהלין“. איך זאָג

דיר, דעם זיבעטען חן אָנצוקוקען, ווי די גראָבע מאַמעס מיט די העלזער פערעל יאָגען זיך נאָך דעם הערר סווירסקי, רעדען מיט איהם „קאָמעניצער דייטש“, און ער בעריהמט זיך פאַר זיי, וויפיעל „פאַרטיען“ ער האָט שוין אויסגעפיהרט אויף דער קור און אַלע דורך ליעבע! אונזער יאַמאַיטשיכע פון די נאַלעווקיס מיט איהרע דריי טעכטער האָב איך בעגעגענט שוין עטליכע מאָל אַרומשפּאַצירען מיט דעם הערר סווירסקי, וואָס טוט נישט אויס דעם ציליגדער־הוט נישט שבת, נישט וואָך. גאָט מעג איהר העלפען, מהכיתיתי, איך ווינש איהר פונ׳ם גאַנצען האַרצען, אַז סווירסקי זאָל איהר קריגען אַ „פאַרטי“, דריי „פאַרטיען“ מיט דריי „ברוטיגאַמ׳ס“, פאַר אַלע איהרע דריי נעזער, עס מעג זיין אָהן ליעבע, אַבי גיכער, וואָרום ס׳איז אַ סברא, אַז די יונגערע מעג זיך שוין אָבשערען, וואָרום זי איז שוין אַריבער שלשים... און אַז מיר זאָלען צולעגען צו איהרע יאָהרען די יאָהרען פון איהרע צוויי עלטערע שוועסטער, וועט איינאיינעם, האָב איך מורא, חאַפּען עפּיס מעהר פון אַ מאה... נאָר חאַפּט זי בעני! איך זעה, ווי וויים מעגליך די יאַמאַיטשיכע אויסמיידען, וואָרום דו קענסט דאָך זי, וואָס פאַר אַ בערעדערין דאָס איז, אַ וואַנט מיט אַ וואַנט קען זי דיר צעצופיהרען!

אַצינד, אַז איך האָב דיר שוין אַ ביסעל בעשריבען מאַריענבאַד, מעג איך דיר שוין בעשרייבען, ווי אַזוי איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז דיין בעלצי קומט צופאָהרען.

איך קום אַרויס נעכטען אין דערפריה צום „וואָדאָפּאָי“, טרעף איך די מאַדאַם טשאַפּניק, מיט דער מאַדאַם לויפערמאַן, מיט דער מאַדאַם ברויכשטוהל, מיט דער מאַדאַם שערענצים, מיט דער מאַדאַם פעקעלים, מיט דער יאַמאַיטשיכע מיט אַלע איהרע דריי נעזער, און נאָך ווייבער, הכלל, די גאַנצע מאַריענבאַדער נאַלעווקים. „גוט מאָרגען“, „גוט יאָהר“. „ווי געהט עס?“ „וואָס הערט זיך נייעס?“ דערוויל רופט זיך אָן צו מיר חוה׳לע טשאַפּניק: „ווייסט איהר שוין, אַז מיר האָבען מאָרגען אַ גאַסט ביי אונז אין מאַריענבאַד?“ זאָג איך: „גאָט ליעב אייך מיט אייער גאַסט, ווער איז?“ זאָגט זי צו מיר: „אַנו, זייט אַ חכם און טרעפט“. „זאָג איך: „וואָס בין איך אייך פאַר אַ טרעפער?“ זאָגט זי: „איך וועל אייך זאָגען אַ סימן“. זאָג איך: „אדרבה, לאָמיר הערען, זאָג איך, אייער סימן“. זאָגט זי: „נישט איין סימן, נאָר עטליכע סימנים. ערשטענס איז זי, זאָגט זי, אַ שענע,

דאָס שענסטע ווײַבעל פֿון אַלע נאַלעווקער ווײַבלעך". דאָס האָט שוין פֿערדראָסען, ווי איך האָב פֿערשטאַנען, אַלע איבעריגע דאַמען, וואָרום זיי האָבען אַלע פֿיער זיך איבערגעקוקט מיט מאָרנע אויגען און געוואָרפֿען אַזאַ פֿײַעריגען קוק אויף דער מאַדאַם טשאַפּניק, וואָס קאָן פֿערברענען אַ קליין שטעדטיל אין פּוילען, און די מאַדאַם טשאַפּניק מאַכט זיך, ווי זי זעהט נישט און רעכענט אויס די מעלות פֿונ'ם שענעם ווײַבעל, וואָס קומט צופֿאָהרען צו אונז קיין מאַריענבאַד. „טאָמער וואָלט געווען געַנוג, זאָג איך צו איהר, אויסרעכענען מעלות? אפשר ווייסט איהר, זאָג איך, נאָך אַ סימן?" „דער אַנדערער סימן, זאָגט זי, — זי האָט אַ מאַן, וואָס איז עפּיס מעהר, ווי צוויי מאָל עלטער פֿון איהר, וואָרום זי איז נאָך נישט אַלט, זאָגט זי, קיין צוואַנציג יאָהר אפילו".

דאָ האָבען אַלע איבעריגע דאַמען אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער: „אַ חוץ גוי'שע שבתים און יום-טובים!..." זעה איך, אַז ס'איז אַ מעשה אָהן אַנ'עק, רוף איך מיך אָן צו דער טשאַפּניק: „אפשר וואָלט גענוג געווען, זאָג איך, שאַרפֿען די צינגלעך און זאָגען, זאָג איך, ווער איז דאָס ווײַבעל, וואָס קומט צו אונז קיין מאַריענבאַד?" מאַכט צו מיר די טשאַפּניק: „שאַט, נאָך איין סימן, זאָגט זי, און איין עק, זי איז, זאָגט זי, טאַקי מײַנע אַ קרובה". „אַזוי? — זאָג איך — וואָס זשע דרעהט איהר אַ מוח? זאָגט, זאָג איך, אַז עס קומט צופֿאָהרען בעלצי קורלענדער קיין מאַריענבאַד און אַ סוף!" און עס נעהמט אַוועק אַ שמועס צווישען די דאָזיגע ווײַבער וועגען דײַן בעלצי'ן, און מעהר פֿון אַלע געוועהנטליך יאַמאַיטשיכע. וואָס זאָל איך דיר זאָגען, שלמה? איך קאָן עס גאָר אַזוי פֿיעל נישט אַרויסשרײַבען און וויל עס גאָר אפילו נישט איבער'חזר'ען. דו דאַרפֿסט שוין אַליין פֿערשטעהן, וואָס אַ יאַמאַיטשיכע קאָן זאָגען אויף דײַן בעלצין, און נישט אַזוי נאָך אויף בעלצין, ווי אויף דיר! עמיצער זאָל הערען, וואָלט ער זיכער מיינען, אַז דו האָסט איהר קאַלי געמאַכט אַ יאַריד, אָדער אַ שידוך. אַ גליק, וואָס ס'איז אונטערגעקומען דער העדר סווירסקי מיט'ן ציליגדער און האָט אַוועקגערופֿען די יאַמאַיטשיכע אויף אַ סוד, מסתמא וועגען אַ „פּאַרטי" מיט אַ „ברויטיגאַם".

אָט אַזוי בין איך געוואָהר געוואָרען פֿון דײַן בעלצין, אַז זי קומט צופֿאָהרען קיין מאַריענבאַד. און ערשט אויף דער נאַכט, אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפֿען דײַן בריעף. זעהר רעכט, וואָס

דו האסט מיר געשריבען. זײַ זיכער, ליעבער פרײַנד, אז איך וועל מסתמא זעהען טאן פון דײַנעטוועגען און פון איהרעטוועגען אלסדינג, וואס דו בעטסט מיך. קאנסט זיך שוין אויף מיר פערלאזען. איך וועל נישט זשאלעווען קײן טרחה און קײן צײַט צו שרײַבען דיר אלע מאל וואס און ווען... דערפאר דארפסט דו אויך נישט פוילען זיך און שרײַבען אפטער בריוולעך, וואס הערט זיך עפּיס נײַעס בײַ אונז אין ווארשא. נאר עפּיס פרעהליכע נײַעס זאלסט דו מיר שרײַבען. איך האב פײַנט טרויעריגע בריעף. ממה נפשך: בין איך אויף דער קור, דארף איך פערגעסען פון אלע צרות און פון אלע אומגליקען. ס'איז גענוג די צרות, וואס מע טראגט א גאנץ יאהר אין דערהײם. ווערסט מיר גלויבען צי נײן? איך, אז איך בין אין אויסלאנד, לײען איך אפילו נישט קײן בלאט-צײַטונג. איך טו מיר מײַן זאך בשלמות: איך עס און טרינק און שלאף און געה אויפ'ן שפאציער און „נעם אפ" און שפיעל א פרעפעראנסעל, אויב ס'איז דא א דריטע האנד, א נישט איז אין צווײַען א זעקס און זעכציג. און ווײַטער זײַ געזונד. אם ירצה השם מא״גען, אז דײַן בעלצי וועט קומען, וועל איך דיר מסתמא באלד געבען צו וויסען פון אלעם נאך מעהר באריכות. זײַ נאך אמאל געזונד און מאך גוטע געשעפטען,

ווי עס ווינשט דיר דײַן בעסטער פרײַנד

חיים סאראקער.

№ 6.

בעלצי קורלענדער פון מאריענבאד צו איהר מאן שלמה קורלענדער אויף די נאלעווקים (ווארשא).

לבעלי היקר מ' שלמה נ״י!

איך קום דיר צו מעלדען, אז איך בין געקומען בשלום קײן מאריענבאד און האב געמײנט, איך וועל טרעפען אויפ'ן באנהויף חוה'לע טשאפניק, לסוף לאזט זיך אויס, אז מײַן קרובה האט מײַן לעצטען בריעף פון בערלין נישט ערהאלטען. אזוי זאגט זי, נאר איך מײן, אז ס'אליגען. זי האט מײַן בריעף זעהר גוט ערהאלטען, נאר זי האט

קיין צייט נישט געהאט געהן מיך אָבנעהמען פון דער באהן; זי איז פערנומען; זי שפּילט גאנצע טעג אין זעקס און זעכציג. טרעף מיט וועמען? — וועסט קיינמאָל נישט טרעפען, אפילו ווען דו זאָלסט זיין מיט אַלצעהן קעפּ — מיט דיין גוטען פריינד חיים סאָראָקער. אַך, ווען זיין אכתר זאָל דאָס וויסען! אַ פּגירה וואָלט איך זיך געריכט אויף דיין גוטען פריינד! ער לעבּט דאָס דאָ אַ גוטען טאָג, זאָגט מען, ער באָדט זיך דאָ, זאָגט מען, ווי אַ קעז אין פוטער. דאָס בין איך געוואָהר געוואָרען באלד ווי איך בין געקומען, פון דער יאַמאַיטשיכע. איך האָב געהאַט די עהרע זי צו בעגעגענען אויפ'ן וואָגזאַל מיט אַלע איהרע דריי נעזעלעך. זיי האָבען אַרויסבעגלייט עפּיס אַ יונגען מאַן, אַ פּנים אַ חתן האָט מען געפאַנגען, מחמת עס האָט זיך געשאַרט אַרום זיי עפּיס אַ בלאָזנע פאַרשוין מיט אַ הויכען קוימען אויפ'ן קאָפּ, ווייזט אוים, אַ שדכן. קיין סך האָט זי מיט מיר נישט געקאָנט רעדען; פונדעסטוועגען האָט זי צייט געהאַט מיר איבערצוגעבען פּעק מיט נייעס פון אונזערע נאַלעווקער לייט אין מאַריענבאַד, וועלכעס איך לאָז איבער אויף איין אַנדער מאָל. דערווייל וועל איך דיר בעשרייבען די נסיעה פון בערלין קיין מאַריענבאַד.

נישט קיין גוטע נסיעה האָב איך געהאַט, און אַלץ איבער וועמען? איבער דיר און איבער דיין קלאָגען זיך, וואָס דו בעקלאָגסט זיך אויף די שלעכטע געשעפטען. איך האָב געזשאַלעוועט נעהמען צווייטען קלאַס און בין געפאָהרען דעם גאַנצען וועג דריטען קלאַס, איז זעהר נישט איינגענעהמען. ערשטענס איז ענג, נישטאָ וואו צו זיצען. פון צו לעגען זיך איז אָבגערעדט, און אָנגערויכערט איז ווי אין אַ באָד. די דייטשען רויכערען אַזעלכע מסוכ'ענע ציגאַרען, וואָס פער'-הרג'ענען דעם קאָפּ. און צווייטענס, קוקט מען אויף דער גרעניץ אין צווייטען קלאַס גאָר אַנדערש, ווי אין דריטען קלאַס, האָטש איך קאָן מיך נישט בעקלאָגען, אַז מע זאָל האָבען ביי מיר עפּיס אויסגעטריי-סעלט. נאָר פּחדים האָב איך געהאַט, וואָס איך קאָן דיר גאָר אַזוי פּיעל נישט אַרויסגעבען. איך האָב געמיינט, אַז צווישען בערלין און מאַריענבאַד איז נישטאָ קיין שום גרעניץ. זיי רעדען דאָך אַלע אויף איין שפּראַך, צו וואָס בעדאַרפען זיי אַ גרעניץ? צום סוף לאָזט זיך אוים, אַז ביי זיי איז אויך דאָ אַ גרעניץ און די דייטשען האָבען אויך ליעב קוקען און זוכען און נישטערען. האָב איך מיך איבערגעשראָקען נישט אויף קאַטאָוועס. און געשראָקען האָב איך מיך נישט אַזוי פאַר

די איבעריגע זאַכען, ווי פאַר די שפּיצען. ווען איך וויים, אַז פון בערלין קיין מאַריענבאַד איז דאָ אַ גרעניץ, וואָלט איך מיך שוין מיט די שפּיצען אַנדערש בעוואָרענט. איך וואָלט זיי אַריינגענייט אין דער געשטעפּטער קאָלדרע, אַזוי ווי די טשאַפּניק טוט אַלע יאָהר. און איך, שטיא, בין געגאַנגען און האָב זיי פון דעק גרינג אָנגענייט אויף מיינע אַלטע קליידלעך און אַריינגעלעגט זיי אין קויטיגען גרעט. פרעגט מיך דער דייטש: „וואַס האַבען זיי היער?" איז מיר אַנטלאָפען דאָס גו״ר. געה איך און עפען איהם אויף דעם טשעמאָדאַן און זאָג איהם: „אַלטע קליידער און קויטיגע גרעט". הערט ער מיך אויס און ווייזט מיר אויפ'ן צווייטען טשעמאָדאַן: „אונד וואַס האַבען זיי היער?" געה איך און עפען איהם אויף דעם צווייטען טשעמאָדאַן, שפּרינגט נישט אַרויס דיין שטרויענער קאַפּעליוש? איך האָב גאָר פערגעסען דיר שרייבען, אַז איך האָב דיר געקויפט אַ שטרויענעם קאַפּעליוש ביי ווערטהיימער'ן אין בערלין, איין עכטע פּאַנאַמע. טרעף, וואָס קאָסט זי? איך וועל דיר נישט אויסזאָגען, ביז איך וועל נישט קומען אַהיים. דו מוזט אַליין טרעפען, וויפיעל איך האָב בעצאָהלט פאַר דיין פּאַנאַמע. קורץ, אַז ס'איז אַרויסגעשפּרונגען די פּאַנאַמע, בין איך געבליבען אַ געשטאָרבענע: ווי קומט צו מיר אַ מאַנסבילשער קאַפּעליוש? פאַל איך אויף איין עצה — איך וויים, אַז אַ דייטש איז נישט איבעריג קלוג — און איך רוף מיך אָן צו איהם אויף דייטש: „דאָס איזט מיין פּאַנאַמע, ביי אונז אין ריסענלאַנד טראָגען אַלע דאַמען מאַנסבילשע פּאַנאַמעס". ענטפערט ער מיר דערויף גאָרנישט ניט, און מאַכסט צו מיר: „פיהרען זיי רוסישען טיי? האַבען זיי סיגאַרעטען?" טראַכט איך מיר: מיינע צרות אויף דיין קאָפּ! און רוף מיך אָן צו איהם, אַז מיט קיין טיי האַנדעל איך נישט, און קיין סיגאַרעטען רויכער איך נישט. נעמט דער דייטש און טוט אַ שטרייך איבער מיט אַ קריידעל איבער אַלע מיינע טשעמאָדאַנעם, פּעקלעך און קוישלעך, ווי איינער רעדט: כשר! דורכגעלאָזט הייסט עס. הייַנט געה זיי אַ נביא און טרעף, אַז דער דייטש וועט ביי מיר זוכען נאָר רוסישע טיי מיט רוסישע פּאַפּיראָסען! באַשערט געווען אומזיסטע פּחדים מיט אומזיסטע יסורים. ווען איך פאָהר אָבער צווייטען קלאַס, וואָלט דער איבערשרעק אויך נישט געווען, וואָרום אין צווייטען קלאַס, זאָגט מען, געהט דער דייטש נאָר דורך פערביי דעם װאַגאָן און פרעגט זיך נאָך, אויב ס'איז נישט פאַרהאַן ביי עמיצען

עפּיס צו צאהלען. און ווער איז שולדיג? טאקי איך אליין. אז איך ציטער אויסברענגען דיר איין איבעריגען גראשען. זאגען זאגסט דו מיר טאקי גארנישט. נאר אז ס'קומט צום חשבון האסט דו א טבע זיפצען און קרעכצען און געבען אנצוהערענישען, אז עס געהט אוועק א סך געלד... איך בין מיך מחיה, וואס איך האב חאטש אנגעטראפען אין בערלין א ביליגע סטאנציע מיט אנ'ערליכע בעל-הבית'טע. די פערעל-צוויג האט מיר דערלאנגט פאר'ן אוועקפאהר, זאלסט אנקוקען א חשבון, האב איך געטייטט, איינס פון די צוויי: אדער ס'איז א חלום, אדער זי איז פונ'ם זינען. שטעל דיר פאר: קיין גלאז מילך רעכענט זי נישט. טיי און צוקער האט זי פערגעסען; הערינג, רעטעכלעך, ציבעלקעס, לעבערלעך און נאך אזעלכע זאכען — דאס ווערט אנגערופען, זאגט זי, „פארשמאק". רעכענען רעכענט זי נאר פאר'ן עסען און פאר'ן שלאפען. ווייטער גארנישט און איבערלאזען טרינק-געלד, ווי עס פיהרט זיך אין די האטעלען, איז מען ביי איהר אויך פטור, ווארום זי איז דאך אליין די דיענסט און אליין די בעל-הבית'טע. איך זאג דיר, נישט קיין האטעל, נאר א גן-עדן! נישט אומזיסטע שטעהען ביי איהר אלע אונזערע נאלעווקער דאמען... הייסט דאס ארויסבעגלייטען מיך אויפ'ן וואגזאל? נישט געלאזט מיך אפילו א געפעק-טרעגער נעהמען. אלסדינג אליין! און טאמער איז דיר קארג, האט מען מיר נאך אונטערגעטראגען א בוקעט פון פרישע בלומען! דאס איז שוין געווען נישט פון איהר, נאר פונ'ם קאמיסיאנער, דעם אלטען בחור דעם פרא אדם מיט די ווייםפערלעך, וואס איך האב דיר געהאט געשריבען אין מיין פריהעריגען בריעף. אט א אידיאט! גאר פערגעסען דעם פסק, וואס ער האט געחאפּט פון מיר אויף דער פרידריכשטראסע, טשעפעט ער זיך צו מיר אויף מארגען, איך זאל איהם זאגען, אויפריכטיג, אויב ס'איז אמת, וואס ער האט געהערט, אז איך האב א מאן א זקן פון עטליכע און אכציג יאהר. פרעג איך איהם: „אין ארעם זענט איהר קיינמאל נישט געוועזען?" רופט ער זיך אן צו מיר אויף ליטוועש (ער איז נאך א ליטוואק אויך צו די צרות): „וואסי?" זאג איך: „אין ארעם, זאג איך, איז דא א טלאמאטשאו מיט א הלירע. איינס פון די צוויי וואלט פאר אייך געווען, זאג איך, נישט איבעריג..." מיינסט דו אפשר, אז ער האט זיך געפונען בעליידיגט? זינט גאט האנדעלט מיט שלים-מזל'ן האט ער נאך אזא שלים-מזל נישט בעשאפען. א סך ערגער פון די צוויי שלים-מזל'ן, וואס דער אויבער-

שטער האט מיר צוגעשיקט דערנאך אין וועג, שוין זיצענדיג אין וואגאן דריטען קלאס. נאר פון זיי האב איך חאטש געהאט א שטיקעל נוץ. זיי האבען מיר ביידע אבגעטראטען זייערע פלעצער און איך האב געקאנט נישט נאר זיצען, נאר אפילו לעגען זיך שלאפען. האב איך אבער מורא געהאט, טאמער זענען זיי זשוליקעס. א קשיא אויף א מעשה? ארויסגעגעבען האבען זיי זיך אפילו פאר זעהר פיינע מענשען. איינער האט זיך פא..עשטעלט אלס לאדזער קאמיוואיאזשאר, פון דריי פאבריקען, און דער אנדערער האט געזאגט, אז ער האט א „סקלאד אפטעטשנע" אין לאמזשע. רעכטע צוויי שלים-מזל'ן! — מיך האבען זיי נישט געוואלט רופען „מאדאם", חאטש געב זיי א קרענק, נאר „פריילין" און נאר „מאמזעל"! זאג איך צו זיי: „פשעפראשאם, איך האב שוין א מאן". זאגען זיי: „פשעפראשאם, מיט וואס וועט איהר אונז איבערצייגען?" נעם איך און ווייז זיי דאס קידושין-פינגערעל און רוף מיך אן: „אט דאס איז אייך ווינציג?" נעמט איינער, דער וואס איז א קאמיוואיאזשאר פון דריי פאבריקען, בייגט זיך צו צו מיר, בעטראכט דאס פינגעריל און טוט מיר א קוש אין האנד. נעם איך און וואַרף איהם אויף א פאטש. האט דאס געהאט, זאג איך דיר, דעם זיבעטען חן! פונדעסטוועגען מיינסט ..., אז זיי האבען מיר נישט געהאלפען ארויסווארפען דאס געפעק פון וואגאן אין מאריענבאד? זיי האבען אפילו שטארק חשק געהאט, איך זאל זיי אויפגעבען מיין אדרעס אין מאריענבאד, האב איך זיי געזאגט, זיי זאלען א ביסעל צודארען; „אז איך וועל מיך נאך אייך פערבענקען, זאג איך, וועל איך אייך געבען צו וויסען, זאג איך, דורך א דעפעש, אדער דורך א שליח"...

אט אזוי ווי דו זעהסט, האב איך געהאט נישט קיין גליקליכע רייזע. א רייזע פון פחדים מיט שרעק מיט בייזע בעגעגענישען, א חוץ וואס איך בין א נאכט נישט געשלאפען, און דער קאפ טוט מיר וועה נאך איצט און בין צעלאמעט, צעבראכען און מיעד, און מחמת דעריבער שרייב איך דיר נאך פון מאריענבאד גארנישט. אז איך וועל מיך אויסרוהען און ארומקוקען, וואו איך בין אין דער וועלט, וועל איך דיר שוין שרייבען פון אלסדינג. דערווייל זיי געזונד, און געב אכטונג אין שטוב, פערלאז דיך נישט אויף שבע-רחל'ן. היינט, זי זאל נאך א מאל ארויסנעמען אלע טעפיכער מיט אלע מיינע ווינטערדיגע מלבושים מיט'ן רויכווארג, גוט דורכלופטערען, נאך אמאל איבערשי-

טען מיט נאַפטאַלין, און איך שיק דיר דאָ מײַן אַדרעס און זאָלסט נישט פערגעסען למען השם מיר באַלד אַרויסשיקען געלד.

פון מיר דײַן פרוי

בעלצי קורלענדער.

№ 7.

חיים סאַראָקער פון מאַריענבאַד צו זײַן װײַב אסתר סאַראָקער אויף די נאַלעווקים (װאַרשאַ).

טײַערע אסתר!

איך דאַנק דיר פיעל מאָל, װאָס דו שרײַבסט מיר אַזעלכע אָפּטע און גוטע בריעף. דו דאַרפסט װיסען, אַז בײַ מיר איז נישטאָ קײן גרעסערער יום-טוב, װי אַז איך האָב פון דיר אַ בריעף. די פּאָסט — דאָס איז דאָס אײנציגע שטיקעל פערגעניגען דאָ אין דעם װיסטען מאַריענבאַד. װען נישט די פּאָסט, װאָלט מען גאָר משוגע געװאָרען. נישטאָ װאָס צו טאָן. נישטאָ מיט װעמען זיך צו בעגעגענען. נישטאָ מיט װעמען אַ װאָרט אויסצורעדען. און דאָס מאַריענבאַד אַלײן, אַזוי װי עס איז געװען עטליכע יאָהר צוריק, אַזוי איז דאָס פערבליבען. די אײגענע גראָבע פּעמפּעקים, װאָס קומען אַהער מיט זײערע פולע טשעמאָדאַנעס „אָפּנעמען“, װער אַ פּוד און װער צװײ. די אײגענע גראָבע װײַבער מיט די העלזער פּערעל, װאָס קומען אַהער מיט זײערע צײַטיגע מאַמזעלען זוכען חתנים, חאַפּען אײדעמ'ס. די אײגענע אָבגעפּוצטע דײַטשען, װאָס האַלטען זיך פרימער פאַר דער גאַנצער װעלט דערמיט, װאָס זײ טוען אָן דעם קאַפּעליוש צום עסען און גאָלען נישט די בערד אום ספירה. אײן גאָט װײסט דעם אמת, װי איך האָב זײ פײַנט, די דאָזיגע האַלבע יודען! אַ פּנים, אַז אַ האַרץ פיהלט אַ האַרץ. אונזערע רוסישע, האָבען זײ פײַנט טאַקי נאָר אַזוי װי חזיר, און אונזערען אײן אָרימאַן, אַ „שנאָרער“ הײסט ער בײַ זײ, װאָלטען זײ צעריסען אויף שטיק-שטיקלעך. דערפאַר האָבען זײ ליעב אונזער רוסיש געלד דאָס חיות. פאַר אַ רוסישען הונדערטער װעט דיר אַ דײַטש אַראָבנעמען דאָס היטעל פאַר אַ מײַל. אַ דײַטשער יוד פערשטעהט נישט, װאָס

האבען מיר זיך צו בעקלאגען אויף „אונזער לאנד”, וועלכעס פערמאגט אזעלכע רובלען, וואס מיר בעקומען פאר זיי דריטהאלבען קרוין און א מאל גאר מיט א פאר העלער צוגאב?...

איין עבירה, אסתר, וואס איך בין נישט קיין שרייבער. איך וואלט דא געהאט שטאף צו שרייבען און צו שרייבען. און מעהר פון אלע וואלט איך בעשרייבען אונזערע נאלעווקער ווייבער, וואס קוים פאהרען זיי אריבער די גרעניץ, אזוי ווערען זיי דאמען און פערגעסען אונזער ווארשאווער לשון און הויבען אן צו רעדען אויף דייטש, אויף קאמעניצער דייטש. א סך, די וואס פון אדעס, רעדען נאר אויף רוסיש. נאר דאס איז שוין איין מאל א רוסיש!... היינט דאס אנטאן זיך זייערס, דאס ווילען זיך אויספיינען איינע פאר דער אנדערער מיט'ן הוט, מיט'ן שמוק און מיט די בריליאנטען! זאלסט זעהן, וואס דא טוט זיך מיט זיי. די וועלט איז מיט זיי פול. די גאנצע וועלט. אז זיי קומען ארויס אויפ'ן פראמינאד, אדער אז זיי קלויבען זיך צענויף אין קאפע „עגערלענדער”, טייטש מען אויף זיי מיט די פינגער, ווארום זיי הויבען אויף אזא געפילדער, און לאכען אזוי הויך, און קוויטשען אזוי שטארק, גלייך ווי זיי וואלטען געוועזען ביי זיך אויף די נאלעווקים.

מיט איינעם ווארט, אסתר, מאריענבאד האט זיך אין די עטליכע יאהר נישט א רוק געגעבען, זאלסט זאגען אויף א האהר. נאך מיינונג איז דאס יודישע מאריענבאד א ביסעל געפאלען, זינט דער ענגלישער קעניג עדוארד איז נפטר געווארען. פאר עטליכע יאהרען, אז איך בין געוועזען אין מאריענבאד, געדענק איך, וואס דא האט זיך אבגעטאן מיט דעם עדוארד'ען, וואס האט געגעסען געפילטע פיש אין דעם גרעכטען יודישען רעסטאראן. נישט נאר דער בעל-הבית פונ'ם רעסטאראן, א פעטער אויבגעפאטעטער דייטש מיט א נאז ווי אנ'אוגערקע, האט געהאלטען פאר א גדלות דאס, וואס ער האט זוכה געוועזען, אז דער ענגלישער קעניג זאל ביי איהם עסען פיש, נאר יעדער קורגאסט, איטליכער יוד, האט זיך געהאלטען גרויס דערמיט, וואס ער עסט דארט, וואו דער ענגלישער מלכות האט געגעסען. עס זענען געוועזען יידען, וואס האבען געשריבען אהיים און בערימט זיך פאר זייערע ווייבער, אז זיי עסען ביי איין טיש און כמעט פון איין טעלער מיט'ן ענגלישען מלכות, דעם בערימטען אוהב-ישראל... איצט איז אין מאריענבאד נאר נישט דאס. מע קאן זאגען, אז עדוארד, עליו-

השלום איז אָבגעשטאָרבען פאַר די מאַריענבאַדער יודען אַ סך מעהר, ווי פאַר דער גאַנצער איבעריגער וועלט.

און ווייטער, וואָס זאָל איך דיר שרייבען נאָך, טייערע אסתר? איך שיק דיר דאָ אַ בריעף פון מיין פריינד שלמה קורלענדער. געפעלט דיר, ווי דער שוטה ציטערט עם אַ ביסעל איבער זיין בעלציִן? און וואָס זאָגסט דו, וואָס ער צערעדט אויף בעריל טשאַפּניק? אַז מע זאָגט, אַז די קורלענדער זענען אַ ביסעל נישט דערזאָלצען, איז דאָס אַ פּנים, טאַקי אַנ'אמת. אָט אַ שוטה! ער מיינט, אַז איך האָב דאָ כאַקי נישט מעהר וואָס צו טאָן, נאָר אַכטונג געבען אויף זיין בעלציִן. טאָמער זענען דאָ קאַרג גאַלעוואָקער ווייבער, נאַ דיר נאָך אייגע! מיר דאַכט, אַז איין יאַמאַיטשיכע מיט איהרע דריי טעכטער איז גענוג פאַר מאַריענבאַד און בעשטעהט שוין פאַר אַלע גאַלעוואָקער ווייבער. מיין גאַנץ גליק, וואָס איך האַלט מיך מיט די גאַלעוואָקער ווייבער און איבערהויפּט מיט ווייבער פון דער ווייטען. איך האָב זיי איבערגעלאָזט פאַר דיין שוואָגעריק. ער איז אַ קאַוואַליער, פאַר איהם איז דאָס אַ שטיקעל עסק... נאָר איך ווייס, דו האָסט פיינ״, אַז מע רעדט פון דיין מאיר'ן, איז שאַ! חאַטע פּאָקרישקע... הכלל, איך ווייס נאָר איין זאַך: בין איך אויף דער קור, דאַרף איך מיך קורירען, אַ נישט — וואָס האָב איך צו טאָן אין מאַריענבאַד? עס איז גענוג דאָס נוידען, וואָס מע נודעט זיך און דאָס בענקען, וואָס מע בענקט אַהיים. גאָט זאָל העלפען עס זאָל שוין אַריבערלויפען די צייט און איך זאָל שוין קומען אַהיים. דערווייל קאָן איך דיר זאָגען, אַז איך טו נאָר דאָס, וואָס דער דאָקטאָר הייסט, אפילו אויף אַ האָר טרעט איך נישט אָב, ווי איין ערהליכער יוד פון שלחן-ערוך. און דער דאָקטאָר איז מיט מיר זעהר צופריעדען. ער האָפט, אַז איך זאָל איצטיגס מאָל אָפּנעמען נישט ווינציגער און אפשר נאָך מעהר ווי פאַר עטליכע יאָהרען. און וואָס איז דאָס חדוש? מיר דאַכט, אַז וואָס איך גייה אויס דאָ אין איין טאָג, וועל איך נישט אויסגעהן אין דער היים אין אַ יאָהר. אַ חוץ, וואָס איך לעג מיך צו אַמאָל נאָכ'ן עסען אויף אַ האַלבע שעה, זיץ איך נישט אפילו אַ מינוט. פון קאָרטען שמועסט מען נישט. איך האָב שוין נישט אָנגעקוקט קיין קאָרט אין די אויגען זינט איך בין פון וואַרשאַ. און עסען עס איך כמעט גאָרנישט. איך היט די דיעט אַזוי שטרענג, אַז דער דאָקטאָר אַליין וואונדערט זיך. ער זאָגט, אַז די אַלע פעטע פאַציענטען זיינע, אויסער איך איינער, ליידען פון דער

אכילה. איך גיה מיט דעם גאנג, אז מע איז אויף דער קור, טאר מען נישט נאכגעבען דעם יצר-הרע. מיר זינדיגען גענוג מיט'ן עסען א גאנץ יאהר אין דערהיים. וואס? נישט אזוי?

דו פרעגסט מיך, אסתר, וואס איך טו גאנצע טעג און מיט וואס איך פערברענג די צייט? וואס זאל מען טאן אין דעם וויסטען מאריענבאד? אדער מען איז ביים ברונען, אדער מע מאכט מאציאן, אדער מע זיצט אין דערהיים און מע לייענט א בוך. איך האב קיינמאל אזוי פיעל נישט געלייענט, וויפיעל איך לייען דא אין מאריענבאד. זעלטען, זעלטען מאכט זיך, אז איך קום ארוים אין קאפע „עגערלענדער" טרינקען א גלעזעל טיי און לייענען א בלאט-צייטונג. קאן איך אבער דארט לאנג נישט זיצען איבער די גראבע ווייבער מיט זייערע טעכטער, וואס די מאמעס האבען געבראכט אהער אויף דער אויסשטעלונג. איך דאנק גאט, וואס מיר האבען זיהן, ניעט קיין טעכטער, וועלען מיר פערשפארען פיהרען זיי אהער אויף דער אויסשטעלונג, אז זיי וועלען אויסוואקסען. קוש די קינדער, אסתר, און, למען השם, זאלסט זיך זעהען מיט'ן דאקטאר נאך אמאל, ער זאל דיר זאגען אקוראט, ווען דו דארפסט אבווארטען... און זיי מיר געזונד, און איך קוש דיך פיעל מאל און לאז גאט געבען, זאלסט מיך בעגליקען אין גיכען מיט א גוטער דעפעש.

דיין איבערגעגעבענסטער מאן

חיים סאראקער.

№ 8.

די יאמאיטשיכע פון מאריענבאד צו איהר מאן וועלוויל יאמאיקער אויף די נאלעווקיס (ווארשא).

וועלוועל! דו שרייבסט איך זאל דיר שרייבען נייעס, שרייב איך דיר, אז ס'איז נאך דערווייל גארנישטא, וואס צו שרייבען. אבער גארנישט מיט גארנישט. און איך שרייב דיר, וועלוועל, אז איך האב מורא, אז פון דעם מאריענבאד וועט נישט זיין גארנישט. איך האב די גאנצע צייט געטענה'ט, מע זאל פאהרען קיין קארלסבאד נישט קיין

מאַריִענבאַד, ווארום איִן קאַרלסבאַד, זאָגט מען, קומט צופאָהרען די גאַנצע וועלט. איִן קאַרלסבאַד ווערען געשלאָסען, זאָגט מען, די גרעסטע שדוכים איִן די טויזענדער. און דו האָסט דיִך אָבער איינגעשפּאַרט, ווי אַ גוי, מאַריִענבאַד, און דו אַז דו שפּאַרסט זיִך איין אַ זאַך איִז דען מעגליִך דיִך איִבערצושפּאַרען אַפיִלוּ מיִט דריי פּאָר אָקסען? און איִך שרייב דיִר, וועלוועל, נאָך אַ מאָל, צו וואָס האָט מיִר געטויגט אָט דאָס מאַריִענבאַד, אַז מע זעהט דאָ ניִשט קיין מאַנסביִל אויף אַ רפואה? וואו מע וואַרפט אַ שטעקען טרעפט מען אַ הונט, און וואו מע טוט זיִך אַ קעהר טרעפט מען אַ ...דאַם מיִט אַ מאַמזעל אויף חתונה צו מאַכען. און אַז כיִך האָט גאָט געבענשט, קיין עין הרע, מיִט דריי מאַמזעלען, וואָלט איִך, דאַכט מיִר, געבעגט זיין אויף איין אַנדער פּלאַץ, ניִשט אויסשטעהן אַזאַ ביִטערע קאָנקורענץ? און ווי אויף צו להכעיס האָבען זיִך היינטיִגען זומער אַ לאָז גייגעבען אַ הער אַלע מיִט זייערע מאַמזעלען, און אַלע שיִטען זיי מיִט נדן: צוואַנציִג טויזענד, דרייסיִג טויזענד, פערציִג טויזענד. מיִט צעהן טויזענד וויִל מען דאָ גאָרניִשט הערען. אַ ליאַדע דאָקטאָר׳ל, וואָס ביי אונז אויף די נאַלעווקיִם וואָלט ער גענומען מיִט ביידע הענד צעהען-פופצעהן טויזענד, הייבט זיִך דאָ אָפּגיִלטען. און פון סוחריִשען שטאַנד זענען אַצונד אויך געוואָרען מיִט גאָלד גלייך. און איִך שרייב דיִר, וועלוועל, אַז ס׳איִז דערווייַלע זעהר ניִשט פרעהליִך, ווארום אָט דער סוויִרסקי, וואָס איִך האָב דיִר געשריִבען, אָט דער לאַנד-שדכן מיין איִך, האָט מיִר געהאָט געבראַכט צופיִהרען דריי שטיִקלעך סחורה. איינער פון זיי איִז אַ לאָדזער פון לאָדז, זעהט אויסעט אַ קראַנקער צו זיין, ווארום אַז ער רעדט רעדט ער ווי מיִט אַ זאַדיִשקע, האָטש זיזוי אויפ׳ן קוק איִז ער אַפיִלוּ גאַנץ פיין געקליידעט, און האַלט זיִך שיִין, און ער זאָגט, אַז זיין פאָטער האָט אַ פאַבריִק איִן לאָדז, דאָס הייסט ניִשט קיין פאַבריִק נאָר אַ קליין פאַבריִקעל. און נדן גיִט מען איִהם, זאָגט ער, צעהן טויזענד און אַקעגען פערלאַנגט ער פיִנף און צוואַנציִג טויזענד. און איִך טענה מיִט איִהם, מיִט׳ן וועלט-שדכן: „פאַר וואָסערע מעשים-טובים קומט איִהם דריי מאָל אַזוי פיִעל? דערפאַר וואָס ער זיִנגט אַזוי שעִן?“ און ער ענטפערט מיִר, דער וועלט-שדכן: „ערשטענס איִז פיִנף און צוואַנציִג, זאָגט ער, נאָר דריִטהאַלבען מאָל אַזוי פיִעל ניִשט דריי מאָל אַזוי פיִעל, און צווייטענס, זאָגט ער, דאַרפט איִהר בענטשען גומל, וואָס ער הייסט זיִך ניִשט געבען, זאָגט ער, פיִנף מאָל אַזוי פיִעל. איִהר זעהט

דאָך, זאָגט ער, וואָס הײַנט טוט זיך מיט חתנים אין מאַריענבאַד! גיט מיר, זאָגט ער, דרײַ טוץ אַזעלכע לאָדזער יונגע לײַט, וועט איהר זעהען, זאָגט ער, אויב איך וועל זײ נישט פאַרצוקערען". האָסט דו דיר אײַנמאָל אַוועק. און איך שרײַב דיר, וועלוועל, אַז דער אַנדערער איז אַ ביאַליסטאָקער פון ביאַליסטאָק, אויך זעהר אַ לײַטישער יונגערמאַן און אַ גאַנץ פערמעגליכער, נאָר שוין איין אלמן. דאָס הײַכט נישט קײן אלמן, נאָר אַ גרוש, וואָרום ער האָט ערשט נישט לאַנג, זאָגט ער, געֶ'גט זיך מיט אַ ווײַב. און אַז איך וויל מיך צופרעגען: פאַר וואָס האָט ער זיך געֶ'גט? לאָזט ער מיך נישט רעדען, דער וועלט-שדכן, וואָרום ער זיצט אַקעגען מיר, דער וועלט-שדכן, פערבײַסט אַ ליפּ און ווינקט צו מיר ווי אַ גזלן. און איך זאָג איהם נאָכדעם, דעם וועלט-שדכן: „אין גאָטעס ווילען, זאָג איך, ווי קאָן איך אָנהויבען רעדען מיט אַ מענשען, אַז איך ווײס נישט, זאָג איך, פאַר וואָס האָט ער זיך געֶ'גט? אפשר, זאָג איך, האָט זי איהם געֶ'גט, נישט ער זי?" און ער ענטפערט מיר, דער וועלט-שדכן, אַז „ערשטענס זעהט מען נאָכ'ן יונגענמאַן, אַז ער האָט זי געֶ'גט, נישט זי איהם. וואָרום נישט אַזאַ יונגענמאַן, זאָגט ער, גט מען, און צווײַטענס, זאָגט ער, אַז איהר וועט אָנהויבען, זאָגט ער, אַזוי צו גריבלען זיך, טאָמער אַזוי און טאָמער אַזוי, קאָנט איהר, זאָגט ער, פאָהרען מיט אײַער סחורה, זאָגט ער, צוריק קײן וואַרשאָ אויף די נאַלעווקיס". און איך זאָג צו איהם: „זאָגט מיר, זאָג איך, וואָס וואַרפט איהר מיר אויף, זאָג איך, די וואַרשעווער נאַלעווקיס, איהר מײנט, זאָג איך, בײַ אונז קריגט מען נישט די סהורה?" „אַז מע קריגט, זאָגט ער, בײַ אײַך די סחורה, צו וואָס זשע האָט איהר בעדאַרפט זיך מטריח זײַן אַזוי ווײַט און נאָך מיט דרײַ טעכטער דערצו?" אַ שײַגעץ קאָן! בײַ אונז אין וואַרשאָ וואָלט אַזאַ יוד ווי אָט דער סווירסקי בײַ מיר געפלויגען פון די טרעפּ אַראָפּ פײַל אויסען בויגען, און דאָ האָט ער אָנגעטאָן אַ שוואַרצען קוימען אויפ'ן קאָפּ מיט געלע הענטשקעס אויף די הענד און רופט זיך לאַנד-שדכן און מע צערײַסט איהם אויף שטיקלעך. און איך שרײַב דיר, וועלוועל, אַז קײן סך רעדען טאָר מען דאָ נישט מיט איהם, מיט'ן לאַנד-שדכן, וואָרום ער איז בײַ זיך אַ גרויסער פּריץ. ער זאָגט, אַז בײַ איהם געהען די שדוכים נישט אויפ'ן שדכנישען אַרט, נאָר דורך בעקאַנטשאַפט און דורך ליעבעס. דאָס הײַסט, פריהער טרעפט מען זיך אויף אין קאַפע „עגערלענדער", אַזאַ גאָרטען מיט מוזיק און מיט טישלעך אַ סך. דאָרט ווערט געֶ-

שלאָסען דאָס בעקאַנטשאַפט כּלומר'שט גאַנץ אומגעהרען, טאַקי דורך
איהם, דורכ'ן לאַנד-שרכן. נאָכדעם בעגעגענט מען זיך בײַ'ם ברונען,
וואו מע טרינקט וואַסער, שוין אָהן דעם לאַנד-שרכן. דערנאָך געהט
מען אין טעאַטער אָדער אויף קאָנצערט, און קײַן לאַנד-שרכן זעהט
מען אַלץ נישט. און דאָרטען אין טעאַטער אָדער אויפ'ן קאָנצערט קומט
שוין דאָס פערליעבעניש, און נאָכ'ן פערליעבעניש אַ פערלאָבעניש, און
ערשט אויפ'ן פערלאָבעניש וואַקסט אויס דער לאַנד-שרכן און נעמט אָב
זײַן רח"ש. נאָר ווי דערלעבט מען דאָס שוין, רבונו של עולם? האָסט
דו דיר שוין צווײ חתנים. און איך שרײַב דיר, וועלוועל, אַז דער
דריטער איז אַ קעשעניעווער פון קעשעניעוו. נאָר מיר האָבען איהם
נאָך רעכט נישט אָנגעקוקט, ווײַל ס'איז געווען בײַנאַכט, און ער האָט
זיך בעקאַנט מיט די קינדער אין טעאַטער. וועל איך דיר שוין שרײַ-
בען פון איהם אַנ'אַנדערם מאָל. און איך שרײַב דיר, וועלוועל, קאָנסט
דיר זאָגען וואָס דו ווילסט, מיר האָבען צו שדוכים קײַן גליק נישט.
אָט דער לאָדזער, וואָס פון לאָדז, האָט זיך מישב געווען און איז
פלוצים אָבגעפאָהרען פון מאַריענבאַד. דער פאָטער האָט איהם, זאָגט
ער, אַרויסגערופען קײַן לאָדז. אַזוי זאָגט ער, דער לאַנד-שרכן. צום
סוף לאָזט זיך אויס, אַז סאַ'ליגען. ער איז גאָר אַוועקגעפאָהרען ערגיץ
אין אַ סאַנאַטאָריע. און איך שרײַב דיר, וועלוועל, ווי אַזוי איך בין
געוואויר געוואָרען, אַז ער פאָהרט אין אַ סאַנאַטאָריע נישט קײַן לאָדז.
מיר זענען אַלע אַרויסגעקומען צו דער באַהן, איך און די קינדער און
דער לאַנד-שרכן, איהם צו בעגלײַטען, און גוט נאָכגעקוקט אפשר
פאָהרט מיט איהם דער לאַנד-שרכן אָנקוקען אַ כּלה, אַ קשיא אויף אַ
לאַנד-שרכן? און איך שרײַב דיר וועלוועל, אַז איך האָב גוט נאָכגע-
קוקט, ווי ער נעמט איהם אַ בילעט, דער לאַנד-שרכן, האָב איך גע-
הערט, ווי ער זאָגט צום קאַסיר „באַדענווײַלער". דאָס האָב איך גאַנץ
גוט געהערט, איך בין נישט טויב. און איך זאָג צו איהם נאָכדעם, צום
לאַנד-שרכן: איהר האָט דאָך געזאָגט, זאָג איך, אַז ער פאָהרט קײַן
לאָדז, צום כּוף האָט איהר איהם, זאָג איך, גענומען אַ בילעט גאָר
קײַן באַדענווײַלער? און ער זאָגט צו מיר: „וואָסערע פּלאָמען? וואָסער
באַדענווײַלער?" און איך זאָג צו איהם: „איך האָב גוט געהערט ווי
איהר האָט געזאָגט, זאָג איך, באַדענווײַלער, איך בין נישט קײַן טויבע".
און ער זאָגט צו מיר, דער לאַנד-שרכן: „אַ מאָדנע יודינע איהר
זענט! ווייסט איהר דען נישט, זאָגט ער, אַז באַדענווײַלער איז אויף

יעָנעָר זייַט לאָדז?" און איך זאָג צו איהם: „איהר זאָלט שוין אַזוי זייַן, זאָג איך, מיט דעָר נאָז, ווי לאָדז האָט אַרום זיך אַ באַרעָנווייַלעָר. מסתמא האָט איהר איהם, זאָג איך, אַוועָקגעָשיקט, זאָג איך, כּדי אַ באַרעָנווייַלעָר אָנקוקעָן אַ כּלה, זאָג איך, זייַט זיך, זאָג איך, מודה, וואָס טויג אייַך היִנטיִשעָ געָנג?" און עָר צעָלאָזט זיך, דעָר לאַנר-שרכן, און רופט מיך אַוועָק אויף אַ זייַט און דעָרצעָהלט מיר דעָם גאַנצעָן אמת, און שוועָרט זיך מיט אַזעָלכעָ שבועות, אַז מעָ מעָג גלויבעָן אַ משומד, אַז דעָר בחור איז ניִשט מיט אַלעָמעָן, דאָס הייַסט, חלילה, ניִשט קראַנק, נאָר אַזוי, זאָגט עָר, אַ ביִסעָל פיִבעָר. האָבעָן איהם די דאָקטוירים, זאָגט עָר, אָבגעָשיִקט אויף אַ קורצעָ צייַט קייַן באַרעָנווייַלעָר אין אַ סאַנאַטאָריעָ, זאָגט עָר. און איך שרייַב דיר, וועָלוועָל, אַז איך האָב מיך ניִשט בעָרוהיִגט ביז איך האָב מיך ניִשט צעָפרעָגט אַקוראַט דאָ אין מאַריעָנבאַד. אויב ס'איז אמת, אַז אין באַרעָנווייַלעָר איז פאַרהאַן אַ סאַנאַטאָריעָ. און עָס לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז טאַקי איין אמת. נאָר וואָס קומט אַרויס? דעָרווייַל איז געָבליִבעָן אין מאַריעָנבאַד מיט אַ חתן ווינציִגעָר. און איך שרייַב דיר, וועָלוועָל, אַז איך האָב בעָגעָגעָנט דאָ אויפ'ן באַנהויף הייַנט אין דעָרפריִה אונזעָר שלמה קורלעָנדעָר'ס ווייַבעָלעָ בעָלציִ, אויסגעָסטראָצעָלט, ווי אַ כּלה צום שלייַעָר-וואַרעָמעָס. און אויפ'ן וואָגזאַל האָט זי אָבגעָוואַרט אונזעָר מאַריאַמטשיִק'ס זוהנדעָל פון אָדעָס, מאיר'ל שאַרלאַטאַן, איך האָב עָס אַלייַן געָזעָהעָן מיט מייַנעָ אויגעָן, איך בין ניִשט בליִנד, ווי עָר האָט זי אַרויפגעָזעָצט אויף דעָר פוהר. און איך האָב אַלייַן געָזעָהעָן מיט מייַנעָ אויגעָן, איך בין ניִשט קייַן בליִנדעָ, ווי זיי האָבעָן זיך אויפגעָזעָצט בייַדעָ אויף איין פוהר פאָהרעָן אין שטאָדט אַרייַן, איך זאָל שוין אַזוי זעָהן מייַנעָ קינדעָר צו דעָר חופּה אין גיִכעָ צייַטעָן אמן. און איך שרייַב דיר, וועָלוועָל, אַז פון צווייטעָן חתן, דעָם ביאַליִסטאָקעָר פון ביאַליִסטאָק, האָב איך דיר נאָך לעת עתּה גאָרניִשט וואָס צו שרייַבעָן, ווייַל עָר געָפעָלט מיר ניִשט דעָרמיִט, וואָס עָר איז שוין בעָקאַנט מיט דעָר טשאַפּניִטשקעָ. ווי קומט עָר צו דעָר טשאַפּניִטשקעָ? מילא, אַז אונזעָר חיים סאָראָקעָר פון די נאַלעָווקים איז מיט איהר אַ נאָהנטעָר מחותּן, שפּיִעלט עָר חאָטש מיט איהר אין זעָקס און זעָכציג גאַנצעָ טעָג מיט גאַנצעָ נעָכט, אַז אָך און וועה איז צו חיימ'ס ווייַב, אסתּר'ן מייַן איך. אָבעָר וואָס געָהט זיך אָן עָר, אַ ביאַליִסטאָקעָר יונגעָרמאַן פון ביאַליִסטאָק, מיט דעָר מאַדאַם טשאַפּניִק? און איך שרייַב דיר,

וועלוועל, אז איך קוק נאך אקוראט נאכ'ן ביאליסטאקער פון ביאלי-סטאק און וואס איך וועל געוואויר ווערען וועל איך דיר מסתמא שריי-בען. דערוויל שרייב מיר, פארוואס שרייבסט דו מיר נישט פון דער היים, וואס הערט זיך אין דער היים? און זיי געזונד און עס לאזען דיך גריסען די קינדער גאר פריינדליך און לאז גריסען די איבעריגע קינדער גאר פריינדליך.

פון מיר דיין געטרייע פרוי

פערעל יאמייקע.

№ 9.

שלמה קורלענדער פון נאלעווקים (ווארשא) צו זיין ווייב בעלצי קורלענדער אין מאריענבאד.

לזוגתי היקרה מרת בעלצי שתחי'.

דיין בריעף, אז דו ביסט געקומען בשלום קיין מאריענבאד, האב איך מקבל געווען. א דאנק גאט, וואס דו האסט זיך ארויס-גריסען פון דעם פערשאלטענעם בערלין מיט די ווערטהיימערס מיט די שטייגערס די אלטע בחורים מיט נאך אזעלכע לצים און ביסט אריבערגעפאהרען גליקליכערהייד די גרעניץ און ביזט דערפאהרען געזונטערהייד ביז מאריענבאד. טאקי ממש נסים ונפלאות. אלע יודען פאהרען קיין מאריענבאד און מיט קיינעם טרעפען זיך נישט אזעלכע גליקען, ווי מיט דיר. ערשטענס, וואס האסט דו בעדארפט פאהרען דריטען קלאס? דו זאגסט, אז דער גאנצער חיב בין איך. פערשטעה איך נישט, ווי קענסט דו זאגען אזא זאך, אז איך האב דיר אנגעזאגט אפשר טויזענד מאל, אז דו זאלסט נישט זשאלעווען קיין געלד אויף זיך. איך, אז איך בעקלאג זיך אמאל למאי עס געהט אוועק איבעריגס, איז נאר דעמאלט, ווען מען ברענט געלד אויפ'ן פייער, ווען מע ברענגט אוים אויף דער רוח ווייסט וואס, אויף שמאטעס, אבער דארט, וואו ס'איז שייך צו געזונד, שפילט ביי מיר געלד לחלוטין קיין ראלע נישט. א סימן, איך האב דיר פאר'ן אוועק-פאהר, שוין אויפ'ן וואגזאל אין ווארשא, כמעט מיט געוואלד אנגע-

האָנגען איין איבעריגען הונדערטער, קוים איינגעבעטען זאָלסט איהם געהמען. הײַנט ווי קאָנסט דו זיך אויף מיר בעקלאָגען, אַז איך זשאַלעווע דיר, חס ושלום, איין איבעריגען גראָשען, אָדער אַז איך קוק דיר אַרײַן צו שטאַרק אין חשבון אַרײַן? דו ווייסט גאַנץ גוט, בעלצי היקרה, ווי מיר איז טײַער דײַן געזונד, אַז איך קוק נישט אויף קיין זאַך, צי די לעקאַטאָרען צאָהלען דירה-געלד צי נישט, צי איך בוי צי איך בוי נישט, דאָס וואָס דו דאַרפסט — דאָס איז תמיד פאַרהאַן און דאָס וועט, אם ירצה השם, תמיד זײַן. און נאָך בעדאַרף איך דיר זאָגען, בעלצי היקרה, אַז איך בין דיך נישט חושד, חלילה, אויף אַ האָהר. דו ביסט בײַ מיר בעגלויבט פון דער ערשטער שעה, וואָס איך האָב דיך דערקענט, און איך ווייס, אַז די אַלע שטיגוטערעס, מיט די שנײַגערס, מיט די שאַרלאַטאַנעס, וואָס דרעהען זיך אַרום סײַ דאָ אין וואַרשאָ (געדענקסט פאַראַיאָהרען אין פאַלעניצע?), סײַ די וואָס אין בערלין און אין וועג און אין מאַריענבאַד, וואָס זענען נאָך דיר די כפרה, בעדאַרפען מיר אָנגעהן אײַגענטליך פונקט, ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי. איך ווייס, אַז דו האָסט זיי אַלעמען אין דער ערד, ווארום דו ביסט אַ רײַנע כשר'ע נשמה און ביסט געטרײַ צו דײַן מאַן, צו וועלכען דו האָסט זיך איבערגעגעבען, ווײַל דו ווייסט, אַז ער איז דיר געטרײַ און איבערגעגעבען מיט לײַב און לעבען. עלבן קאָנסט דו מיך נישט חושד זײַן אין קיין זאַך: אַז איך טראָג אויף דיר, חלילה, אַ שלעכטע מחשבה. גלויב מיר, איך פערשטעה גאַנץ גוט, אַז דער שאַרלאַטאַן, וואָס האָט געהאַט אַ פאָטעפאַלנאָסט אַ קוש געבען אין האַנד אַרײַן אַ פרעמד ווײַב, האָט דיך דערמיט נישט אָבגענוצט, אַזוי ווי עס האָט דיר נישט געשאַדט דער פאַלעניצער שלים-מזל, וואָס האָט זיך מיר מודה געוועזן, אַז ער איז נאָך דיר די כפרה... אודאי ווען איך פאָהר מיט דיר אין וואַגאָן, וואָלט איך מיר מיט דעם לאָדזער קאָמיוואָיאַזשאָר פון דרײַ פאַבריקען אָבגערעכענט נישט אַזוי ווי דו: איך וואָלט איהם געבראָכען אַ ביין, אַז דער רוח וואָלט איהם צוגענומען. ער וואָלט בײַ מיר פערזוכט דעם טעם פון הלכות אשת-איש. עס איז מיר נאָר אַ חידוש אויף דיר, וואָס דו האָסט נישט אַרײַנגערופען דעם קאָנדוקטאָר און געהייסען איהם אַרויספיהרען צו אַלדע שוואַרצע יאָהר; נישט דערלאָזען, אַז אַזאַ עזות מחוצף פנים זאָל דיר נאָך העלפען אַרויסוואַרפען די פעקלעך פון וואַגאָן, אַז דו ביסט געקומען אויפ'ן אָרט. צי אַ שטײַגער, ווי דערלאָזט,

אז אזא שכייגער ווי דער אלטער בחור פון בערלין, נאכדעם וואס ער האט מיט דיר גערעדט אזעלכע קלארע דבורים אויף דער פרידריך-שטראסע, זאל דיר אונטערטראגען בלומען אויפ'ן וואגזאל? ביי מיר וואלט אזא לעקיש געחאפט מיט די בלומען גלייך אין פנים אריין. וואס פאר א מחותן איז ער מיט דיר צו שענקען מתנות, אונטערטראגען בוקעטען? פארהאן ביי אונז א שפריכווארט: „ווי דער מענש נעמט זיך פאר, אזוי העלפט איהם גאט". איך מיין נישט, חס-ושלום, דיך בעליידיגען דערמיט. איך זאג נאר, אז יעדער מענש דארף זיך האלטען אין דער מראה, היטען זיין שטאט, נישט דערלאזען צו אזעלכע סקאנדאלען, נישט דערלעבען זאל ביי מיר יענער שארלאטאן פון לאדז, ער זאל גאר האבען א השגה מיר צו געבען א קוש אין האנד אריין, און א זאגען צווישען אזוי פיעל מענשען! דאנקען גאט נאך, וואס ס'איז נישט געזעסען דערביי קיין היימישער פון די נאלעווקים, און גוט האסט דו געטאן, וואס דו האסט זיי נישט געזאגט דעם נאמען דיינעם, לאזען די כלבים חאטש א מכה וויסען, ווער דו ביסט. נאר דאס איז אלץ פון די זאכען, וואס האבען ביי מיר קיין ווערדע. איך האב דיר געוואלט שרייבען, בעלצי היקרה, וועגען איין אנדער זאך. נאר איך וועל דיך בעטען, אז צווישען אונז זאל עס בלייבען. קיין פויגעל טאר נישט וויסען, וואס איך שרייב דיר דא. ס'איז א הייליגער סוד. מע האט ביי מיר כמעט גענומען תקיעת-כף, אז איך זאל דיר וועגען דעם קיין חצי-דבור נישט שרייבען. אזוי איז די מעשה:

דו שרייבסט, אז אויפ'ן באנהויף אין מאריענבאד האסט דו דיך בעגעגענט מיט אונזער יאמאיטשיכע פון די נאלעווקים. הלואי וואלסט דו דיך מיט איהר בעסער נישט בעגעגענט, וואלט איך איצטער געוועזען א סך רוהיגער און נישט געהאט קיין חרפות-בושות פאר לייטען. יאמאיטשיכעס מאן בעגעגענט מיך היינט אויף געגשא גאס און מאכט צו מיר אזוי: „איך קאן אייך, זאגט ער, אבגעבען, רב שלמה, א גערוס פון אייער פרוי פון מאריענבאד". זאג איך: „א דאנק פאר א גערוס, ווי קומט איהר קיין מאריענבאד?" זאגט ער: „נישט איך, זאגט ער, מיין פרוי איז איצט אין מאריענבאד, זאגט ער, אויף דער קור, זאגט ער, עס געהט איהר, זאגט ער, גאנץ נישקשה'דיג". „געלויבט דער אויבערשטער, זאג איך, וואס זשע, זאג איך, שרייבט אייך עפים אייער פרוי פון מאריענבאד?" געהט ער און נעמט ארויס א גרויסען

בריעף, בעשוועהרט מיך פריהער מיט כל השבועות, פערבויגט פון אויבען און בעוויזט מיר, וואס אונטען שטעהט, עטליכע שורות, — איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. זי שרייבט איהם, יאַמאַ־טשיכע דיינע, עס, מיט דעם דאָזיגען לשון (איך גיב דיר איבער איהרע אייגענע ווערטער): „און איך שרייב דיר, וועלוועל, אַז איך האָב בעגעגענט דאָ אין מאַריענבאַד אויפ׳ן באַהנהויף, שרייבט זי, היינט אין דערפריה אונזער שלמה קורלענדער׳ס צווייטע פרוי, בעלצי, אויסגעפוצט, שרייבט זי, ווי אַ כלה צום בעדעקענס. און אויפ׳ן וואָגזאַל האָט זי אָבגעוואַרט, שרייבט זי, אונזער מאַריאַמטשיק׳ס זוהנדעל, מאיר׳ל שאַרלאַטאַן, און איך האָב אַליין געזעהען, שרייבט זי, מיט מיינע אויגען, ווי זיי האָבען זיך אויפגעזעצט ביידע, מאיר׳ל מיט בעלצי׳ן, אויף איין פוהר, איך זאָל אַזוי זעהען, שרייבט זי, מיינע קינדער צו דער חופה געהן"... נו, ווי געפעלט דיר אַזאַ זאַך? פערשטעהט זיך, אַז איך האָב איהם געזאָגט, אַז סאַ׳ליגען. „עס האָט זיך אייער ווייב, זאָג איך איהם, אויסגעוויזען אַ קוצע קוה פאַר אַ באַרנבוים. דאָס האָט געמוזט זיין, זאָג איך, נישט מאיר׳ל מאַריאַמטשיק, זאָג איך, נאָר מיין פריינד חיים סאַראָקער, זאָג איך, וואָרום איך האָב געשריבען, זאָג איך, צו חיים׳ן, אַז מיין בעלצי, זאָג איך, פאָהרט די טעג קיין מאַריענבאַד". אַזוי האָב איך געזאָגט דער יאַמאַ־טשיכעס מאַן און אַזוי האָב איך טאַקי ביי מיר אַליין אָפגעפּסק׳ענט, נאָר אַז איך בין געקומען אַ היים און האָב איבערגעלייענט דיין בריעף, וואו דו שרייבסט, אַז דו האָסט דיך טאַקי בעגעגענט מיט דער יאַמאַ־טשיכע אין מאַריענבאַד אויפ׳ן וואָגזאַל, און אַז דיין קרובה, חוה׳לע טשאַפּניק, זאָגסט דו, איז נישט אַרויסגעקומען דיר אַקעגען, וואָרום זי איז געזעסען, זאָגסט דו, מיט חיים סאַראָקער, זאָגסט דו, און געשפּיעלט, זאָגסט דו, אין זעקס און זעכציג. ווי באַלד אַזוי איז דאָך יאַוונע וויאַסנע, אַז דאָס איז נישט געווען חיים, און ווי באַלד נישט חיים, ווער זשע דען איז דאָס געווען?

איך קאָן מיר גאָרנישט פאָרשטעלען, בעלצי היקרה, אַז דאָס זאָל זיין געוועזען מאיר׳ל מאַריאַמטשיק, וואָרום די ביסט מיט איהם, דאַכט מיר, גאָרנישט אַזוי נאָהענט בעקענט. ובפרט דו אַליין שרייבסט, אַז ער איז אַ שאַרלאַטאַן און זיין חנצי ווערט ביי איהם אויסגעריסען. סיידען דו האָסט זיך מיט איהם בעקענט נאָהענט די לעצטע צייט טאַקי ביי חיים סאַראָקער׳ס ווייב אסתר? וואָלסטו, דאַכט מיר, געמעגט דער־

צעהלען מיר אויך, אז דו האסט זיך בעקענט מיט דעם תלשיט? אלא, אז דו האסט מיר נישט דערצעהלט, איז א סימן, אז דו האסט זיך מיט איהם נישט בעקענט. און ווי באלד, דו האסט זיך מיט איהם נישט בעקענט, איז עס דאך געווען נישט ער. ווי באלד אזוי, פרעגט זיך נאך אמאל די איינענע קשיא: ווער זשע איז דאס געווען אט דער יונגער-מאן, וואס האט דיך אפגעווארט אין מאריענבאד אויפ'ן וואגזאל, און פון וואנען האט ער געוואוסט, ווען דו קומסט צופאהרען? איך מיין אבער, אז די גאנצע מעשה איז שקר וכזב, וויל עס שטאמט פון דער יאמאיטשיכע. על-כן בעט איך דיך, בעלצי היקרה, אויב ס'איז א ליגען, זאלסט דו מיר קיין פאראיבעל נישט האבען, וואס איך שרייב דיר אזעלכע זאכען, וואס נישט געשטויגען און נישט געפלויגען, און איך בעט דיר נאך א מאל און נאך א מאל זאלסט זיך זעהען מיט מיין גוטען פריינד חיים סאראקער און זאלסט ביי איהם נעמען געלד, ווען דו דארפסט און וויפיעל דו דארפסט און למען-השם נישט זשאלעווען אויף זיך און אויף דיין געזונד קיין שום געלד און זאלסט דיר אנטאן כל הפערגעניגענס מיט כל הוואוילטיגען שבעולם, און זאלסט מיר קומען, אם ירצה השם, א היים געזונד און שטארק, ווי עס ווינשט דיר

בעלך שלמה קורלענדער.

№ 10.

חיים סאראקער פון מאריענבאד צו זיין פריינד שלמה קורלענדער אויף די נאלעווקיס (ווארשא).

ליעבער פריינד שלמה!

אצונד קאן איך דיר שוין שרייבען נייעס פון דיין בעלצי'ן, זי איז שוין, ברוך-השם, אין מאריענבאד, און איך האב מיך שוין מיט איהר געזעהען, אבער איך האב נישט זוכה געווען צו רעדען מיט איהר מעהר, ווי צוויי מינוט, איבער איין אורזאכע, וואס נישט מיין שולד איז געווען דערינען. נאר לאס איך דיר דערצעהלען אקוראט, ווי אזוי ס'איז געווען די מעשה. דו ווייסט דאך, אז איך האב ליעב דערצעהלן

לען אַ זאַך זאָל עס זיין דערצעהלט מיט אַלע פּיטשעווקעס.

ווי איך האָב דיר שוין בעשריבען אין מיין פריהריגען בריעף, איז מען דאָ, אין מאַריענבאַד, כמעט דעם גאַנצען טאָג אין דרויסען אויף׳ן שפּאַציער. טאָן טוט מען דאָך, ברוך־השם, קיין האַנד אין קאַלטען וואַסער, נאָר מען שפּאַנט אַרום הין און צוריק איבער די גאַסען, מע זעהט דעם, מע זעהט יענעם, מע גיט זיך אָפּ דעם גוט מאָרגען און מע געהט ווייטער, גלאַט אַזוי, אָהן אַ שום צוועק, נאָר מיט איין כונה — מע זאָל „אָפּנעמען“.

דערווייל, אַזוי ווי איך געה מיר היינט נאָכ׳ן וואַרעמעס איבער מאַריענבאַד און נעם אָפּ, איך טו אַ קוק — מיין ווייבס שוואָגעריק, מאיר מאַריאַמטשיק, געהט מיט מיר מיט עפּעס אַ שען ווייבעל אונטער אַ מורא׳דיג ברייטען הוט, גאָר חבר, מעשה קאַוואַליער, אונטער די הענד. מילא, וואָס מיין ווייבס שוואָגער קאָן געהן מיט ווייבלעך — בעדאַרף איך דיר נישט דערצעהלען. מע קאָן איהם אויף די נאַלעוואָקים אויסגעבונדען. ווער ווייס נישט מאיר׳ל שאַרלאַטאַן? מיין שוועהר האָט זיך נעבאַך גיגנוג אויסגעבראָכט, ביז ער האָט קוים געקראָגען די מציאה פאַר זיין מיזינקע. איך האָב באַלד געזאָגט צו. מיין אסתר׳ן: „הערסט דו, זאָג איך, אסתר, אָט דער בחור, זאָג איך, געפעלט מיר נישט. צו פּיעל פראַנט, זאָג איך, און צו אַ גרויסער קנאַקער פאַר דיין חנצי׳ן“. איז זי דאָך אַ יודינע, זאָגט זי צו מיר: „אַז דו ביסט געוועזען, זאָגט זי, אַ בחור, ביסט דו דען נישט געוועזען, זאָגט זי, אַזאַ קנאַקער? דו וואָלסט נאָך איצטער אויך געוועזען, זאָגט זי, דער אייגענער, נאָר“... „נאָר וואָס, זאָג איך?“ „נאָר גאָר נישט, זאָגט זי, חאַטאַ פּאָקרישקע“. און אַזוי ווייטער, האַלבע ווערטער, ווי געוועהנטליך אַ ווייב.

הקצור, איך זעה מיין שוואָגעריק געהט מיט אַ יפהפיה עפּעס זעהר נאָהענט, טראַכט איך מיר: רבונו של עולם! ווער זאָל זיין אָט דאָס ווייבעל? עפּעס איז זי מיר אַזוי קענטליך, נאָר בשום אופן קאָן איך מיך נישט דערמאָנען, ווער דאָס איז? פּלוצים פליהט מיר דורך אַ געדאַנק: שאַ, אפשר איז דאָס בעלצי? נעכטען איז דאָך געוועזען דער טאָג, וואָס דיין בעלצי האָט בעדאַרפט קומען צופאָהרען פון בערלין. נאָר ערשטענס — וואָס פאַר אַ מחותן איז מיט איהר מאיר׳ל מאַריאַמ׳ טשיק? והשנית, וואָס עפּעס אונטער די הענד? ווען האָבען זיי זיך עס אַזוי גיך בעפריינדעט, אַז מע זאָל שוין געהן געאַרעמט? דערווייל, אַזוי ווי איך שטעה און טראַכט — ויבא המן — די יאַמאַיטשיכע מיט

איהרע אַלע דריי מאַמזעלען. „גוט מאָרגען". „גוט יאָהר". „געפעלט אייך דאָס פּאָרעל?" „וואָסער פּאָרעל?" „אייער מאיר'ל מאַריאַמטשיק מיט שלמה קורלענדערס ווייבעל. אַ לעבען ווי אונטערן באָד!" זאָג איך: „ווי קומט ער צו איהר?" זאָגט זי: „אַהאָ! איך האָב זיי נעכטען, זאָגט זי, געזעהען ביידען אויפ'ן באַנהאָף. עס ווייזט אויס, זאָגט זי, אַז ס'איז ביי זיי געווען איין צוגערעדטע זאַך, וואָרום פון וואַנען, זאָגט זי, ווייס אייער שוואָגער, ווען שלמה קורלענדערס ווייבעלע קומט צופאָהרען?..." אַזוי זאָגט יאַמאַיטשיכע און שיט, און שיט, ווי [illegible]הר שטיינער איז. נאָר איך מיין, אַז דאָס איז מיין שוואָגעריק געוואָהר געוואָרען פון דער טשאַפּניק. די טשאַפּניק האָט אויסגעפּויקט איבער גאַנץ מאַריענבאַד, אַז דיין בעלצי קומט צופאָהרען און בעוויזען אַלעמען די בריעף, וואָס בעלצי שרייבט צו איהר פון בערלין, האָב איך אפילו חשק געהאַט אַרויספאָהרען אויפ'ן באַנהויף אָבנעמען דיין בעלצי'ן. נאָר איך האָב נישט געוואוסט, מיט וואָסער אַ צוג זי קומט אָן. און אגב האָט מיר די טשאַ-ניק אַזוי פערדולט דעם קאָפּ נעכטען מיט איהר זעקס און זעכציג, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געפּלאָנטערט דער „פערציג" מיט'ן „צוואַנציג" און איך דעק און דעק... דערווייל האָב איך דורכגעלאָזט דיין בעלצי'ס אָנקומען, און מיין שוואָגעריק, ווייזט אויס, האָט דאָס דוקא נישט דורכגעלאָזט, וואָרום ס'איז אַ סברה, אַז ס'איז טאַקי איין אמת, אַז ער האָט זי געבראַכט צופיהרען פונ'ם באַדן. אַזוי ווייזט דאָס אויס. נאָר לאָמיר געהן כסדר, וואו מיר האַלטען. מיר האַלטען ביי דער יאַמאַיטשיכע.

דערהערט פון דער יאַמאַיטשיכע, אַז דאָס איז בעלצי, האָב איך מיך באַלד גענומען פערענטפערן, אַז איך האָב קיין צייט נישט הערען לשון-הרע. איך בעדאַרף, זאָג איך, געהן, זאָג איך. דער דאָקטאָר האָט מיך געהייסען, זאָג איך, געהן. און לאָז מיך שוין אַ ביסעל גיכער, גלייך נאָך זיי פון הינטען און יאָג זיי מסתמא אָנעט שוין בײַם אַריינגעהן אין האָטעל אַריין — שטעל דיר פאָר, אַז זי שטעהט טאַקי מיט איהם אין איין האָטעל! דערויף האָב איך מיך שוין נישט גערוכט... גלויב מיר, שלמה, ס'איז בלאָטע שבבלאָטע און אַלסדינג; מע שטעהט אַמאָל אין איין האָטעל דער שוואַרץ יאָהר ווייסט, מיט וועמען... נאָר פונדעסטוועגען איז דאָס מיר נישט געפעלען... ס'איז געזינטער, זי זאָל שטעהן ערגיץ אַנדערש...

הקצור, איך האָב דורכגעלאָזט אַ פּאָר מינוט, ביז זיי וועלען זיך

אָבגעזעגענען און צעגעהן, קום איך אַריין אין האָטעל גלייך צו דיין בעלצי׳ן, און מאַך מיך, גלייך איך ווייס גאָרנישט, גלייך, ווי דו האָסט מיר גאָרנישט געשריבען, אַז זי פאָהרט קיין מאַריענבאַד: „ברוך-הבא, זאָג איך, אַ גאַסט! וואָס מאַכסט דו, זאָג איך, וואָס מאַכט דיין שלמה? וואָס טוסט דו, זאָג איך, ביי אונז אין מאַריענבאַד?" מאַכט זי צו מיר: „ד׳אָס איינענע, וואָס איהר". זאָג איך: „אויף דער קור?" זאָגט זי: „אויף וואָס דען?" זאָג איך: „מיט אַזאַ פנים?" זאָגט זי: „קיינער ווייסט נישט, וועמען דער שוך קוועטשט". „ווילען מיר אפשר געהן, זאָג איך, אַ ביסעל אָנקוקען מאַריענבאַד?" זאָגט זי: „אַ דאַנק, איך האָב שוין געזעהען גאַנץ מאַריענבאַד". זאָג איך איהר: „אפשר ווילסט דו עסען? אפשר דאַרפסט דו אַ כשר׳ן רעסטאָראַן? וועל איך דיך פיהרען". זאָגט זי: „אַ דאַנק, מע האָט מיך שוין געפיהרט". זאָג איך: „ווער?" זאָגט זי: „מאיר מאַריאַמטשיק". האָט דאָס מיר דערלאַנגט, ווי מיט אַ שאַרף פון אַ מעכער גלייך אין האַרצען אַריין: וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט דיין בעלצי׳ן? ער בעדאַרף האָבען אַ זכיה, אַזאַ שאַרלאַטאַן, אַז זי ענטפערט איהם אויף אַ גוט מאָרגען, נישט אַרומגעהן מיט איהר איבער מאַריענבאַד, אַז ער זאָל זי פיהרען אין רעסטאָראַנען. פאַר מיר מאַכט נישט אויס. איך קען דיין בעלצי׳ן, פערשטעהסט דו מיך, נישט פון נעכטען, און איך ווייס, אַז דיין בעלצי קען איהם. ווער קען נישט מאיר׳ל שאַרלאַטאַן? די גאַנצע מעשה — וואָס וועט די וועלט זאָגען? דאָ אין מאַריענבאַד, דאַרפסט דו וויסען, קומט זיך צענויף מענשען פון דער גאָרער וועלט, צום מייגסטען לעדיגגעהער, וואָס קומען אַהער, ווי איך האָב דיר שוין געהאַט געשריבען, נישט מעהר, נאָר אָפּנעמען. מע ווערט אויסגעריסען אין עושר און אין כבוד. דאָס הייסט, מע עסט און כ׳ע טרינקט און מע שלאָפט און מע פוצט זיך אויס, און מע געהט שפּאַצירען, און מע קוקט, ווער מיט וועמען עס געהט, ווער מיט וועמען עס זיצט, און ווער מיט וועמען עס לאַכט. דערזעהט מען אַ שען ווייבעל מיט אַ אויסגעפוצטען יונגען מאַן, הויבט מען זיך אָן צו פרעגען: „ווער איז דער? און ווער איז די?" און מע הויבט אָן צו דערצעהלען מעשיות, מיט היסטאָריעס, מיט געשיכטען, פונקט, ווי ביי אונז, אויף די נאַלעווקים: נעמט מען אַריין עמיצען אין מויל אַריין, מעג זיך שוין יענער אָבגעזעגענען... און ווער שמועסט, אַז די יאַמאַיטשיכע איז דאָ אין מיטען — נו, נו! איך מיין נישט, חלילה, קיין זאַך, איך וואָלט נאָר ווילען, זי זאָל אויסמיי-

דען נישט קיין געווינשטע בעקאַנטשאַפט מיט אַזעלכע לייט, וואָס קאָן שאַדען איהר און דיר און אייך ביידען... וכפרט נאָך דיין בריעף, וואָס דו שרייבסט מיר, איך זאָל אויף איהר השגחה האָבען, האָב איך מיר געזאָגט: לאָז זיך זיין, וואָס סע וויל זיך. ראשית חכמה דאַרף מען זעהען פאַר דיין בעלצי'ן איין אַנדער סטאַנציע. פאַרהאַן אין מאַריענ־באַד געווג האָטעלס און גענוג מעבלירטע צימער. זיי זיכער, איך וועל זי שוין בעזאָרגען מיט אַ סטאַנציע, מיט אַ דאָקטאָר און מיט אַלעם. און געלד טאָמער וועט זי דאַרפען, וועל איך איהר מיט פערגעניגען אויסלייהען, אַזוי ווי דו שרייבסט מיר, נישט מיט אַמאָל, נאָר צו ביסלעך. מעגסט זיך שוין פערלאָזען אויף מיר. איך האָב אויך אַ ווייב און פערשטעה גאַנץ גוט. אַלע ווייבער זענען אויסגעקנאָטען פון איין טייג. אַ ווייב, זי מעג זיין די קליגסטע, קוים געהט זי דורך פערביי אַ גרויסען פענסטער מיט איין אויסשטעלונג פון שמאַטעס, געהט פערלוירען אינגאַנצען איהר חכמה. דו דאַרפסט דיין בעלצי'ן דערפון, אייגענטליך, גאָרנישט שרייבען. מיינע בריעף דאַרפען זיין ביי דיר, ווי איך האָב דיר שוין געשריבען, אַ הייליגער סוד. זי בעדאַרף אפילו נישט וויסען, אַז מיר שרייבען זיך דורך וועגען איהר. פערלאָז דיך שוין אויף מיר, שלמה, דו האָסט דאָ אַ גוטען שומר אין מאַריענבאַד, וואָס ווייס וואו איין און וואו אויס, און וואָס זיין נאָמען איז —

חיים סאָראָקער.

№ 11.

וועלוועל יאַמאַיקער כון די נאַלעווקים (וואַרשא) צו זיין ווייב פערעל יאַמאַיטשיכע אין מאַריענבאַד.

לאשתי החשובה מרת פערעל שתחי'.

דיין מכתב האָב איך היום מקבל געווען. די טענה וואָס דו טענה'סט אדות קאַרלבאַד, אַז קאַרלסבאַד איז בעסער פאַר מאַריענבאַד, האָב איך דיר כמה וכמה מאָל געזאָגט, אַז קאַרלסבאַד טויג נישט איבער כמה וכמה טעמים. ראשית, איז קאַרלסבאַד כפי איך פערשטעה מיט מיין שכל הישר אַ מקום פון חלווים, קראַנקע מענשען מיט אמת'ע

חולאת׳ן, על־פי־רוב אזעלכע, וואס ליידען על המאגען. און דער שכל איז דאך מתחיב, אז דארטען קאנען נישט זיין קיין חתנים, כי איך בין משער, אז עם המאגען האבען צו טאן עלטערע מענשען נישט קיין בחורים. והשנית, האב איך גלאט נישט געהערט, אז בקארלסבאד זאלען געשלאסען ווערען שדוכים נכבדים, ווי דו זאגסט. און דער, וואס האט דיר געזאגט, אז לקארלסבאד קומט די גאנצע וועלט, איז אדער א שקרן אדער א שוטה. און אז איך האב געזאגט מאריענבאד האב איך געזאגט מיט א טעם און מיט א שכל, כי איך בין נישט משוגע און וויים וואס איך רעד. און הגם איך בין במאריענבאד בעצמי נאך נישט געוועזן קיינמאל, פערשטעה איך פונדעסטוועגען על פי סברה, אז דאס מאריענבאד איז א מקום פון תענוג און פון מותרות. אהינצו פאהרען, הייסט עס, אזעלכע מינים מענשען, וואס אדער זיי פיהלען זיך, אז זיי זענען עטוואס נישט בקו הבריאה, אדער להיפך, זיי זענען שוין צו־פיעל בקו הבריאה, און זייער גאנצע כונה איז נישט מעהר, ווי א ביסעל אבצערעווען זיך, ווי למשל אונזער חיים סאראקער, וואס איז א גרויסער בעל־בשר, אדער אזעלכע מינים מענשען, וואס ווילען גלאט האבען א נחת רוח, אנקוקען א וועלט וכדומה אזעלכע תענוגי עולם. על־כן איז צווישען אזעלכע מינים מענשען בנקל צו געפינען א שדוך הגון א סך מעהר ווי במקום אחר.

און דאס וואס דו שרייבסט בנידון הדאקטוירימלאך, אז על הנאלעווקים זענען זיי בנמצא צו קריגען פאר עשרת אלפים רו״כ, האסטו, במחילה, א טעות גדול. די דאזיגע סחורה איז אצלנו בווארשא, די לעצטע צייט, וויעדער בחשיבות גדול, און אזא דאקטארעל ווי דו זאגסט, הייסט זיך בזמן הזה משלם זיין כ׳ אלפים און ל׳ אלפים נישט ווינציגער, כי דער שכל איז מתחיב: וואס מעהר גזירות עס ווערען ארויסגעגעבען, בעוונותינו הרבים, אויף יודישע קינדער בהגימנאזיעס והאוניווערסיטעטען וכו׳ וכו׳ ווערען דאקטוירים און ארוואקאטען אלץ טייערער און טייערער, און אויב די גזירות וועלען, חלילה, געהן נאך ווייטער, — איז מי יודע ביז וואנען עס קאן דערגרייכען!

און וואס דו שרייבסט מיר בנידון סוחרישע שדוכים בין איך גם כן נישט מסכים מיט דיר, אז ס׳איז געווארען טייערער, רק איך מיין אדרבא דעם היפך, און דאס איז אויך על־פי סברה און על־פי דרך הטבע, כי ס׳איז דא סוחרים חתנים לרוב בכל תפוצות ישראל. על כן זעה איך נישט ארוים מיט מיין שכל הישר, וואס דו האסט געהאט

צו יאָגען זיך אחר השדוך עם הלאָדזער פאַבריקאַנטעל. לאָדזער פאַבריקאַנטלאַך קאָן מען קריגען בכאן אויך. מע דאַרף ניט פאָהרען נאָך איהם למאַריענבאַד. ובפרט, אַז ער איז נאָך נישט בקו הבריאה איז אודאי נישט כדאי דער גאַנצער ענין.

און וואָס דו שרייבסט מיר בנידון הביאַליסטאָקער, פערשטעה איך גם כן נישט, וואָס דו ביסט זיך מפקפק און קווינקעלסט זיך. ממה נפשך, ווילסט דו וויסען, ווער האָט וועמען געזאָגט: ציַ ער זי, צי זי איהם, קאָנסטו דאָך מיר שרייבען דעם נאָמען זיינעם וועל איך אָוועקשרייבען אַ מכתב להקאָמיטענטען שלי בביאַליסטאָק וועל איך געוואויר ווערען מכל דבר שורש. ס'איז מיר אַ חידוש, וואָס דו ביסט בעצמו נישט געפאַלען דערויף, כי די וועלט איז אָפען און וואַרשא מיט ביאַליסטאָק איז כמו ווי איין שטאָדט.

אחרון אחרון חביב, וואָס דו שרייבסט מיר בנידון הקעשעניעווער מקעשעניעוו, איז דאָס שוין אויף אַ שטיקעל דרך, כי מבעסעראַביע געפעלט מיר בעסער, ווי פון דער ליטא. איך בין בעצמי אַ בעסעראַביער און עס ווילט זיך מיר אַ שדוך טאָן אויך מבעסעראַביע, ובפרט מקעשעניעוו, וואָס איז נישט ווייט מכפר יאַמאַיקע, קאָן איך שרייבען אַ בריעף צו מיינע קרובים ביאַמאַיקע, זיי זאָלען חוקר ודורש זיין אויפ'ן קעשעניעווער שדוך מקעשעניעוו. על-כן אבקש, דו זאָלסט מיר למען השם אַרויסשרייבען דעם נאָמען מיט דער משפחה מיט כל דבר שורש, און דער אויבערשטער זאָל העלפען, ס'זאָל זיין מיט הצלחה, כי ס'איז שוין צייט... השם יתברך זאָל רחמנות האָבען און מיר זאָלען אַ שדוך טאָן מיט די טעכטער, וואָלט מען געקענט אין זינען האָבען די איבריגע קינדער. לעת עתה לערנט בני יעקב שיחי' זעהר געשמאַק. ער איז זיך מכין צום עקזאַמען עם הרעפעטיטער שלו, גאָט זאָל מיר העלפען, ער זאָל שוין איבערקומען בשלום, כי ער זעהט אויס ווי אַ רוח. הגם איך ווייס נישט, וואָס וועט זיין ווייטער, אפילו אַז גאָט וועט העלפען, ער וועט שוין אָבגעבען העקזאַמען שלו? נאָר איך שיהיה, אַז לערנען אין חדר נישט און יודישקייט נישט, לאָז ער האָבען, לפחות, אַ שטיקעל אַטעסטאַט, אפשר וועט דאָס איהם צונוץ קומען. איך וואָלט אודאי וועלען בעסער, אַז בני יעקב שיחי' זאָל זיין אַ סוחר ווי כל ישראל. נאָר אַז ס'איז היינט אַזאַ וועלט פון סאַמע אַטעסטאַטען ודיפּלאָמען, לאָז ער אויך האָבען אַ שטיקעל דיפּלאָם לפחות פון זעקס קלאַסען. און בני מענדיל שיחי' וויל שוין אויך נישט גיהן אין חדר, און

דאַווגען מאַן דכר שמיה! האָב איך גערעדט עם הלעהרער, זאָגט דער לעהרער, אַז ער נעמט זיך אונטער פאַר צוויי יאָהר איהם מכין זיין על ג׳ קלאַסען. וויים איך נישט, וואָס מע טוט, כי עם ווילט זיך מיר נישט אָפּרייסען בני מענדיל שיחי׳ פונ׳ם חדר.

און וואָס דו שרייבסט מיר בנידון שלמה קורלענדער׳ס פלונית, האָב איך דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז לפי דעתי איז שלמה אַ משוגע־נער, וואָס האָט גענומען איוף דער עלטער אַ בתולה, און תון לזה איז ער אַ גרויסער בר-עולה אַקעגען די קינדער פונ׳ם ערשטען ווייב. רק איך וויל מיר נישט מישען אין פרעמדע ענינים. גענוג די איינענע צרות די והותר, דער פדיון איז בעת זעהר געשלאָגען מחמת ההיצען, וואָס זענען בכאן אַזוי גרויס, אַז ס׳איז אין לשער.

און וואָס דו שרייבסט מיר בנידון דער טשאַפּניטשקע עם חיים סאָראָקער האָב איך דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז חיים פאָהרט למאַר־יענבאַד נישט לשם קוראַציע, נאָר לשם לעבען אַ גוטען טאָג און לשם אַ קערטעל, כי ס׳איז ידוע, אַז ער האָט ליעב אַ קערטעל, און בע־רעל טשאַפּניק איז שוין ווידער געווען אצלי וועגען אַ גמילת חסד, און האָט מיר געגעבען אָנצעהערעניש וועגען שדוכים, אַז מע פרעגט זיך אָן אצלו פון כמה וכמה שטעדט איוף אונזערע טעכטער. גם האָט ער מיר איבערגעגעבען בסוד סודות, אַז ער האָט אַ צד בנוגע צום עקזאַ־מען פון בני יעקב שיחי׳ און ס׳איז ניכר פון זיינע רעד, אַז ס׳איז דוקא קרוב לאמת, רק עס דאַרף קאָסטען געלד. האָב איך איהם גע־זאָגט אַ תירוץ, אַז איך וועל דיר שרייבען אַ מכתב און וועל איהם געבען אַ תשובה אין עטליכע טעג אַרום. דערווייל האָב איך איהם גע׳פּטר׳ט אָהן אַ גמילת חסד.

גערעדנ־ זשע, וואָס איך שרייב דיר בנידון הקעשעניוער מקעשע־ניעוו, זאָלסט מיר שרייבען, למען השם, וואו עס האַלט, און דער עיקר דעם נאָמען זיינעם מיט דער משפחה. און מחמת די היצען זע־נען זעהר גרויס און קיין איבעריגע צייט איז נישטאָ, על־כן בין איך מקצר. רק חיים ושלום און איך לאָז דיר גריסען מיט די קינדער שיחי׳ גאָר פריינדליך, און זאָלסט מיר שרייבען אָפטע בריעף מכל דבר שורש.

ממני בעלך

זאב וואָלף בר׳ מענדעל יאַמאַיקער.

№ 12.

בעלצי קורלענדער פון מאריענבאד צו איהר מאן שלמה קורלענדער אויף די נאלעווקים (ווארשא).

לבעלי היקר מוה"ר שלמה נ"י!

דיין בריעף האב איך נאר וואס ערהאלטען; און האב איהם צוויי מאל דורכגעלייענט און האב נישט געוואוסט, וואס זאל איך טאן: צי זאל איך לאכען פון דיינע נארישקייטען, צי זאל איך וויינען אויף מיין פינסטער מזל? זאג אליין, שלמה, דו ביסט דאך עפיס א יוד א בע־יאהרטער, אויב ס'איז נישט קיין געלעכטער די אלע זאכען, וואס דו שרייבסט מיר? מילא דאס, וואס דו זאגסט מיר מוסר פאר די „שמאטעס", וואס איך האב איינגעהאנדעלט ביי ווערטהיימער'ן, לאך איך פון דיר. ביי דיר איז אלסדינג „שמאטעס". פאראיאהרען, געדענק איך, אז איך האב געקויפט אויף א ליציטאציע א קאלנער פון שווארצע פיקס מיט א גריזשעטקע פון סויבלען, האסט דו אויך געזאגט „שמאטעס", ביז אלע רויכווערגער האבען דיר איהם געשאצט און געזאגט, אז ס'איז א מציאה פון א גנב דריי מאל אזוי פיעל, האסט דו שוין אליין דע־מאלט אויך מודה געווען. לאז איך נאר קומען געזונטערהייד אהיים, וועסט דו א קוק טאן אויף די „שמאטעס", וואס איך האב איינגעהאנ־דעלט, וועסט דו אליין זאגען, אז ס'איז א מציאה. נישמעהר דו דארפסט מיר פריהער אויסקאכען דאס וואסער. שוין אזא טבע ביי דיר. און ווייטער, וואס דו האלטסט מיר פאר, למאי איך האב נישט א שמיץ געגעבען דעם בוקעט מיט בלומען דעם בערלינער בחור, אדער דעם „שמייגער", ווי דו רופסט איהם, אין פנים אריין, איז דאס, אויך נישט אזא גרויסע חכמה ווי דו מיינסט. דו ביסט, זאלסט מיר קיין פאראיבעל נישט האבען, אין די זאכען שוין א ביסעל אויס־געוועבט. דו ווייסט נישט, וואס אין דער גרויסער וועלט טוט זיך. דא, אין אויסלאנד, איז איינגעפיהרט, אז א גאסט פאהרט אוועק, ער מעג זיך זיין יא צופריעדען, נישט צופריעדען — אויפ'ן וואגזאל ארויס־בעגלייטען איהם מיט בלומען — דאס מוז מען. אין הארצען מעג זיך יענער טראכטען „מיט'ן קאפ אין דער ערד", נאר א בוקעט נא דיר. און אז יענער איז אזוי פיין און איידעל און טראגט דיר אונטער

אַ בוקעט, ער מעג זיך זײַן אַ שבֿײַגער און אַ פּרא אדם און וואָס דו ווילסט, קאָנסט דו אָבער נישט זײַן קײַן גרעסערער פּרא-אדם און קײַן גרעסערער שמײַגער פֿון איהם און דאַרפֿסט דעם בוקעט אָננעמען און מיט אַ שמײַכעל דערצו און נאָך זאָגען: „דאַנקע שען”... יאָ, שלמה, אָט אַזוי פֿיהרט זיך עס אויף דער וועלט; מע קען שוין היינטיגע יאָהרען נישט אויסקומען מיט דעם שכל, וואָס אַמאָל.

און ווײַטער, וואָס דו זאָגסט, אַז דו וואָלסט געבראָכען אַ ביין דעם שלים-מזל דעם קאָמיוואָיאַושער, וואָס זויף דער באַהן, האָב איך שוין טאַקי גאָר גוט געלאַכט. פֿאַר וואָס אײַגענטליך קומט איהם, מע זאָל איהם ברעכען די ביינער? מיט וואָס האָט ער דאָ אַזוי חוטא בעגל געווען? דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָנגעריהרט מיט די ליפּען צו אַ שפּיץ פֿינגער פֿון מײַן האַנד, האָט ער מיך אָפּגעביסען? ובפֿרט, אַז איך האָב דיר אַליין געשריבען, אַז ער האָט געחאַפּט פֿון מיר אַ פּאַטש, הײַנט וואָס נאָך ווילסט דו? דער גאַנצער עיקר בלײַבט איבער איין זאַך: למאי איך בין געפֿאָהרען מיט מאיר מאַריאַמטשיקען איבער מאַריענבאַד, איך וויים נישט איוב 15 מינוט, פּונ'ם באַהנהאָף ביז דער שטאָדט? וועה איז מיר, וואָס דאָ טוט זיך! וואָס וואָלסט דו שוין געזאָגט, זאָלסט זעהען, ווי אונזערע נאַלעווקער צנועות, די שערענציס מיט דער פּעקעליס, שפּאַצירען דאָ אַרום פֿראַנק און פֿרײַ מיט ווילד פֿרעמדע יונגע לײַט, און נאָך בײַנאַכט דערצו? אָדער אַ שטײַגער למשל כּרומה, וואָס וואָלסט דו געזאָגט, ווען דו זאָלסט הערען, וואָס מײַן קרובה, חוה'לע טשאַפּניק, דערצעהלט זיך אָן פֿון אָסטענדע,—זי איז שוין געווען צוויי מאָל אין אָסטענדע—ווי אַזוי דאַמען באָדען זיך דאָרטען אינאײַנעם מיט מאַנסבילען אין איין ים, אפילו נישט איבערגעצאָמט פֿון יוצא וועגען מיט ברעטלעך ווי בײַ אונז, נאָר טאַקי פּראָסט און פּשוט, אינאײַנעם געפּאַליאָסקעט זיך, אינאײַנעם געשוואומען און אפילו פֿאַר די הענד געהאַלטען זיך? מעהר נישט מע ציהט אַרויף, זאָגט זי, אויף זיך אַזעלכע קאָסטיומען, קורצע לײַבקאָלירענע הויזלעך, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען, זאָגט זי, פֿאַר מאַנספּערשוינען און פֿאַר פֿרויענצימערס לכתחילה אויף צו באָדען זיך אין זיי? ס'איז היינט אַנ'אַנדער וועלט, שלמה. אַ וועלט איין אָפּענע און אַ פֿרײַע. דו אַליין האָסט מיר געזאָגט וויפֿיעל מאָל, אַז נישט די איז אַ צנועה וואָס טראָגט אַ פּאַריק, און נישט די איז אַ הולטײַקע, וואָס געהט אין אײַגענע האָר, הײַנט ווי קומט דאָס, אַז דו זאָלסט אַזעלכעס שרײַבען?

דו פרעגסט א קשיא: ווי קומט אט דער שארלאטאן מאריאמטשיק אויפ'ן וואגזאל אין מאריענבאד און פון וואנעט האט ער געוואוסט, אז איך קום צופאהרען? אודאי איז דאס א קלאץ-קשיא. נאר וואס דען? איך זעה, אז דו ווייסט נישט, וואס הייסט מאריענבאד. דו מיינסט, אז מאריענבאד איז מאריענבאד? מאריענבאד איז בארדיטשעוו, מאריענ-באד איז ווארשא, מאריענבאד איז די נאלעווקעס. מע ווייסט דא איטליכער, וואס ביי יענעם קאכט זיך. וואלסט הערען, וואס די יאמאי-טשיכע דערצעהלט זיך אן פון בראני לויפערמאן, פון לאה'צי ברויל-שטוהל, און פון דער שערענציס, און פון דער פעקעליס! צי א שטיי-נער דו זאלסט הערען, וואס זיי אלע רעדען אוים אויף דער יאמאי-טשיכע מיט איהרע טעכטער און מיט די שידוכים און מיט די חתנים — די האהר שטעלען זיך קאפויר! אנו, לאז עמיצער ארויסלאזען א ווארט ערגיץ ביי'ם ברונען אדער אין א קאפע אדער אין רעסטאראן, אזוי ווערט עס צעטראגען איבער גאנץ מאריענבאד. א שטיינער, אז איך בין געוועזען אין בערלין, האב איך געהאט געשריבען צו מיין חוה'לע טשאפניק, אז איך פאהר קיין מאריענבאד, האט אויפ'ן אנדערען טאג געוואוסט גאנץ מאריענבאד פון איין עק ביז'ן אנדערען, ווען איך קום, מיט וואסער א צוג, אין וואסער א שעה, און אפילו וואסער א היטעלע איך וועל טראגען. ער שפיעלט זיך מיט מאריענבאד! און אזוי ווי מיין קרובה איז געוועזען יענעם טאג, ווי איך האב דיר שוין געשריבען, שטארק בעשעפטיגט מיט דיין גוטען פריינד חיים סאראקער (זיי האבען געשפיעלט און זעקס און זעכציג) און אזוי ווי מאיר מאריאמטשיק איז יענעם טאג גראד געוועזען אויפ'ן וואגזאל, ארויסגעשיקט, זאגט ער, זעהר א נויטיגען בריעף קיין אדעס, דערוויילע האט ער דערזעהען א בעקאנטע דאמע (מיך טאקי) שטעהט מיט פעקלעך, מיט פודעלעך און מיט טשעמאדאנעס איינע אליין אויפ'ן וואגזאל. איז ער צוגעגאנגען צו מיר און רופט זיך אנעט אויף זיין אדעסער לשון, האלב גויע'ש, האלב יודיש: „אויב איך אשיבאיו זיך ניט, זענט איהר דאכט זיך מיינע א זעמ-ליאטשקע, א ווארשאווערין פון די נאלעווקים?" ענטפער איך איהם אויף זיין לשון: „עס קאן זיין, אז איהר אשיבאיעט זיך נישט"... ווערט ער פרעהליך און מאכט צו מיר: „אויב איך אשיבאיו זיך נישט, האב איך אייך וסטרעטשאיעט ביי דער מאדאם סאראקער אויף די נאלעווקים?" זאג איך איהם נאך אמאל: „עס איז גאנץ מעגליך, אז איהר אשיבאיעט זיך נישט". פוילט ער זיך נישט און מאכט צו מיר נאך אמאל: „אויב

איך אָשיבאיע זיך נישט, דאַרפסט איהר זיין די צווייטע פרוי פונ'ם הערר קורלענדער?" ווער איך שוין בעזליך און רוף מיך אָן צו איהם: „וואָס טויג מיר, צי איהר אָשיבאיעט זיך יאָ, צי איהר אָשיבאיעט זיך נישט, איהר טוט בעסער אַ קוק, זאָג איך, ווי איך שטעה דאָ מיט'ן געפּעק אין דרויסען, אין מיטען מאַריענבאַד, נישטאָ קיין טרעגער, נישט קיין רוח און נישט קיין שוואַרץ יאָהר..." איז ווי איך האָב נאָר אויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער, אַז מיין חברה-מאַן טוט זיך נישט אַוואָרף, פיהרט מיר צו אַ טרעגער, דינגט אַ פיאַקער און זעצט מיך אַרויף, און אַליין זעצט ער זיך אויך אַוועק מיט מיר פאָהרען אין שטאָדט אַריין, — זאָל איך איהם זאָגען: „פּעטער, געהט צו פּוס"... נישמעהר איין זאַך, איך האָב געמיינט, אַז די יאַמאַיטשיכע, וואָס איז דעמאָלט געווען, ווי איך האָב דיר שוין געשריבען, אויפ'ן וואָגזאַל, זעהט נישט — אַרויס זאָלען איהר די אויגען! נאָר לאָמיר שוין זאָגען אפילו, אַז גאַנץ מאַריענבאַד, דאָס הייסט, אַלע וואַרשאָווער נאַלעווקיס, האָבען אונז געזעהען פאָהרען — נו, איז וואָס? ווי וואָלט געווען, למשל כּדומה, ווען אויפ'ן באַנהויף זאָל געווען זיין, ווי דו האָסט געוואָלט, דיין פריינד סאַראָקער, נישט מאַריאַמטשיק, און איך וואָלט מיך אויפגעזעצט מיט איהם פאָהרען אין שטאָדט אַריין, וואָלט דיר שוין געווען גרינגער? חיים סאַראָקער איז נישט קיין וואַרשאָווער און נישט קיין בעווייבטער? וואָס זשע האָט עס דיך אַזוי אויפגעקאָכט, אַז דו זאָלסט מיר פערצאַפּען דאָס בלוט אומזיסט אומנישט און מאַכען אַזוי, אַז איך זאָל איבער דיר זיך אַוועקזעצען וויינען און אָבוויינען דריי שעה דורכאַנאַנד? דערויף בין איך געפאָהרען קיין מאַריענבאַד, אויסגעבראַכט אַזוי פיעל געלד, איך זאָל אַוועקלעגען דאָ דאָס איבעריגע ביסעל געזונד איבער דעם, וואָס דיר וועלען זיך פּלאָנטען אין קאָפּ נאַרישע מחשבות און געדאַנקען?

ניין, שלמה, פון דיין בריעף בעדאַרף מען נישט וויינען, נאָר לאַכען, אַזוי ווי איך האָב געלאַכט פאַראַיאָהרען אין פאַלעניצע — בעת דו ביסט אָנגעפאַלען אויף דעם מאַנופאַקטוריסט דערפּאַר, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעהאַפּט מיט אַ וואָרט, און געזאָגט, אַז ער געפינט, אַז איך בין שענער פון אַלע וואַרשאָווער ווייבלעך אין פאַלעניצע. דו ביסט דאָך גרייט געווען, געדענקסט דו, דערמאָלט איהם דורס זיין. פאַר וואָס? פאַר ווען? האָסט דו דען אַליין נישט מודה געווען נאָכדעם, אַז ס'איז געווען פון דיר אַ גרויס נאַרישקייט? און איצט אין

בריעף שרייבסט דו דען נישט, אז דו הערסט זיי, ווי דעם פאראיאהרי-גען שניי? ביי דיר איז תמיד אזוי: פריהער זאגסט דו און דערנאך האסט דו חרטה. דו אליין שרייבסט מיר, אז איך זאל נישט איבער-טראכטען קיין זאך, אז דו האסט נישט, חלילה, אויף מיר קיין זייטי-גע מחשבות און נאך אזעלכע זאכען, און ווארפסט מיר אוים אלעמאל איין אנדער חטא, און פערשאפסט מיר דערמיט נאר עגמת נפש, אזוי, אז עס געהט מיר נישט איין די קור, און צום סוף זאגסט דו נאך, איך זאל זעהען למען השם זיך פעררייכטען און קומען בשלום אהיים. ווי קאן מען זיך פעררייכטען, אז מע האט אזעלכע בריעף פון דיר? עס געהט מיר דען איין, וואס איך עס און וואס איך טרינק און וואס איך קויף מיר, אז דו צעהלסט יעדען גראשען, און ווארפסט מיר אוים שמאטעס מיט שמאטעס?

איך בין אזוי אויפגערעגט און נערוועז פון דיין בריעף, שלמה, אז איך קאן דיר מעהר נישט שרייבען. און די בערלינער פראפעסארען האבען מיר אנגעזאגט אויסדריקליך, אפשר הונדערט מאל, איך זאל מיך נישט ערגערן. איך זאל עסען, זאגען זיי, און טרינקען און שפא-צירען געהן און זיין רוהיג. אין מאריענבאד דארף מען זיין, זאגען זיי, רוהיג, נישט נערוועז, אנישט איז ארויסגעווארפען, זאגען זיי, די גאנצע קוראציע מיט'ן גאנצען מאריענבאד.

מעהר קיין נייעס איז נישטא צו שרייבען. מארגען-איבערמאר-גען וועל איך דיר מסתמא שרייבען נאך. דערוויל זיי געזונד און זאג שבע-רחל'ען, אז זי זאל נישט פערגעסען, אז זומער איז נישט ווינטער. זומער דארף מען איבערשלאגען דאס וויילכע מעבעל אלע טאג, און די פענסטער האלטען צו, ס'זאל זיך אזוי נישט זעצען קיין שטויב און קיין פליעגען, און די לאדען אויך, ס'זאל אזוי נישט בראָ-טען די זון און נישט בליאקעווען. איך רעכען, אז איך וועל פאהרען געזונטערהייד צוריק איבער בערלין, וועל איך איהר אויך עפים קויפען א מתנה, א קאפטעל, אנישט וועל איך איהר אויסזוכען פון מיינע אל-טע קאפטלעך א קאפטעל. און הער אויף, שלמה, צו זיין א קלאג-מו-טער, און שרייב שוין אמאל עפים פרעהליכערע בריוולעך.

פון מיר דיין פרוי

בעלצי קורלענדער.

№ 13.

מאיר מאריאמטשיק פון מאריענבאד צו זיין פרוי חנצי מאריאמטשיק אויף די נאלעווקים (ווארשא).

אומזיסט אופרעקאיעסט דו מיך, דאושינקע, אז איך שרייב דיר, באודטא בי, איין מאל אין צוויי וואכען. מיר דאכט, אז איך שרייב דיר פאטשטי א טאג איבער א טאג. איך האב דען עפעס אנדערש, וואס צו טאן דא אין דעם מאריענבאד, וואו די סקוקע איז גרויס און מע זעהט נישט קיין לעבעדיגע סאושטשעסטווא, אויסער אונזערע ווארשעווער אריסטאקראטקיס, וואס איך איזביעגאיע זיי ווי די טשומא, וואָרום דו ווייסט, ווי אזוי איך אטנאסי זיך צו זשענשטשינעס וואבשטשע, און ווי אזוי איך פרעזיראיע אייערע ווארשעווער נאלעווקיס מיט די נאלעווקער ספלעטניצעס. ביי אונז אין אדעס האט מען פיינט ספלעטניס. ביי אונז אין אדעס קאנסט דו דיר גערן מיט'ן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף — קאקאיע קאמו דיעלא? נאפרימער, פאר וואס ארט מיך נישט, וואס דיין שוואגער חיים אוחאזשעוועט נאך שלמה קורלענדערס קראסאוויצע? און ווי אזוי מיינסט דו אוחאזשעוועט? ער פרעדלאגאיעט איהר רזשע געלד אויף שלמה'ס קאנטע. ער זאגט, אז שלמה קורלענדער האט איהם, באודטא בי, אנגעוויזען, ער זאל איהר דא געבען געלד אויף זיין רעכנונג. נאר קאקאיע מניע דיעלא? — צי א שטייגער, וואס געהער זיך אן מיט מיר, וואס ער שפיעלט, דיין שוואגער טאקי, מיט דער מאדאם טשאפניק אלע טאג אין זעקס און זעכציג? נאפרימער, וואס וואלסט דו געזאגט, דאושינקע, ווען דו זעהסט מיך שפיעלען מיט א פרעמדער זשענשטשינע אין זעקס און זעכציג? נאר קאקאיע מניע דיעלא? אדער נאפרימער, וואס געהט מיך אן, וואס די שערענציס מיט דער פעקעליס, אזעלכע רעליגיאזנע צוויי ווייבלעך, וואס אויף די נאלעווקיס סמעיען זיי נישט רעדען מיט א מושטשינע א הויך ווארט, האבען זיי דא אראבגעווארפען די פאריקלעך און געהען פאדרוטשקע מיט עפעס איינעם א קעשעניעווער פראנט, א דאנטיסט, וואס אוחאזשעוועט נאך אלע דריי יאמאיטשיכעס טעכטער, און יאמאיטשיכע אוחאזשעוועט נאך איהם, געהט אוים ס'זאל זיין א שדוך, חאטיא עס וועט אזוי זיין א שדוך, אזוי ווי איך וועל זיין א רב, ווארום דער קעשעניעווער פראנט

פיהרט, וואָפּערוויך, אַ ליובאָוו מיט בעלצי קורלענדער, אָבער גאַנץ סעריאָזנע. איך האָב אַ דאָקאַזאַטעלסטווע, אַז ער האָט זיך איהר שוין אָביאַסנאַיעט און זי האָט איהם מכבד געווען מיט אַ שענעם אָטקאַז. דאָס וויים איך פון אַ דאָסטאָווערנע איסטאָטשניק, טאַקי פון דער יאַמאַיטשיכע אַליין. זי איז דאָך פאַרט מיינע אַ דאַלני ראָדסטווענניצע. איז איין מאָל אַוועק. וואָוטאָריך, וויים איך פון דעם זנאַמעניטען וועלטשדכן סווירסקי, אַז מע פרעדלאַגאַיעט איהם אַ סך אַנדערע פאַרטיעס, און וואָס פאַר אַ פאַרטיע מע זאָל איהם נישט פרעדלאָזשען איז גוט. האָט מען זיך אָנגעפּייגט אויף איהם אין קעשעניעוו ביי עטליכע מענשען, און מע וואַרט אויף איין אָטוועט. נאָר קאַקאָיע מניע דיעלאָ? איך האָב מיר אין זינען מיין זאַך: איך דאַרף מיך פּאָפּראַווען און קומען אַ היים טשעם סקאָריעיע צו מיין חתנ'ן, וואָס איז ביי מיך ווישע וסיעוואָ! איך בעט דיך, ליובעניו, זאָלסט דיך נישט צוהערען צו די נאַלעוואָקער ספלעטניס און זאָלסט אויפהערען איבערצוקלערען, וואָרום דאָס וולייאַיעט אויף דיינע נערווען און דו ווערסט אומזיסט ראַזסטראָיעט און סע אָטראַזשאַיעט זיך אויף דיין געזונד און אויף מיר מאַכט דאָס אויך נישט קיין גוטע וופעטשאַטלעניע.

און וואָס דו שרייבסט מיר, דאושינקע, וועגען דער אימושטשעסטווע, סאָוועטעווע איך דיר, אַז דו זאָלסט זיך בעסער סאָגלאַסען אויף אַ ראַזדיעל. מיין פאַפּאַשע זאָגט אויך דאָס אייגענע. מעגסט זיך אָביזשאַיען, וויפיעל דו ווילסט. איך האָב געזאָגט און זאָג אַלע מאָל, אַז איך דאָוועראַיע נישט דיין שוואָגערס חשבונות מיט זיינע ראַסחאָדען, וואָרום דיין שוואָגער איז אַ מאַשעניק. מיין פאַפּאַשע זאָגט אויך דאָס אייגענע. אַ סך געזינטער וואָלט געווען פאַר אונז אַלעמען, ווען ער צאָהלט דיר אוים דיין טשאַסט און לאָז ער בלייבען ביי דער אימושטשעסטווע. אַזוי איז מיין מניעניע, און אַזוי איז די מניעניע פון מיין פאַפּאַשע, און דו טו דיר, ווי דו פערשטעהסט. קאַקאָיע מניע דיעלאָ?

און ווייטער זיי געזונד, ליובעניו. איך וויל דיר קויפען: איך האָב געזעהן דאָ אין מאַריענבאַד אַ „קימאָנע“. עס איז היינט די גאַנצע מאָדע, מיט ברייטע אַרבעל, קורצע, און פון הינטען מיט אַ קאַפּיושאָן. איך וויים נאָר נישט: וואָסער אַ צוויעט דיר געפעלט בעסער: שוואַרץ מיט רויטע פּאָדקלאַדקע? אָדער גאָר אַ פערסידסקי קאָליר? פון אונזערע אַדעסיטען האָב איך דאָ ווסטרעטשאַיעט זעהר ווינציג בעקאַנטע, און דאָס מעהר זשענשטשינעס, וואָרום זייערע מאַנען זענען אין באַזעל אויפ'ן קאָנגרעס.

און אזוי ווי איך האב פיינט זיך ווסטרעטשאיען מיט זשענשטשינעס, וויל די זשענשטשינעס פון די קורארטען זענען באלשי טשאסט ספלעטניצעס, נעה איך דא ארום איינער אליין און סקוטשאיע אזוי, אז איך צעהל שוין די טעג, ווען עס וועט זיך קאנטשען דער סראק לעטשעניע און איך וועל קענען פאהרען א היים צו מיין טייערע דושינקע חנצי. און חייל איך האב נישט וואס צו טאן, האב איך דא סאטשינאיעט א באסני אויף מיין יאמאיטשיכעס טעלטער, וואס קלייבען און קלויבען און קענען זיך נישט ציקלויבען קיין חתנים. די באסני הייסט ביי מיר מיט'ן נאמען: „די פארריסענע כלה" און הויבט זיך אן אזוי:

* *

*

„אמאל איז געוועזען אין ווארשא א מיידעל
שטארק אבראזאוועט, געלערענט און איידעל;
געשפיעלט האט זי פיאנע,
פראנצויזיש גערעדט,
געלייענט ראמאנען,
שיין — א פאטרעט,
ווער זאגראניצע געפאהרען,
געהאט נאר טשוט-טשוט א חסרון, —
איהר מיינט דאך, קאניעטשנא, אהן א קאפיקע געלט,
ווי עס בייוואיעט היינט אויף דער וועלט?
האט איהר קאק ראז ניט געטראפען:
געלט איז געווען, חתנים געלאפען,
נאר איין זאך דארף איהר וויסען —
די כלה איז געווען, איזווינטיע, פארריסען,
ראזבארטשיווע, הייסט עס, א שרעק,
פריווערעדליווע און קאפריזנע אהן אנ'עק:
„איך בין דאך, זאגט זי, רב וועלוועלס א טאכטער,
וויל איך א חתן, פא קראיני מיער, א דאקטאר,
נישט קיין דאנטיסט,
קיין פארמאצעווט, קיין שלים-מזל,
אדער א דאקטאר א ציוניסט,

וואָס זאָל פאָהרען קיין באזועל.
ניין! א דאָקטאָר מעדיצין, א הויכען ברונעט,
וואָס זאָל האָבען אויף די גאַלעוועקעס א רייכען קאַבינעט,
און אַרויספאָהרען מיט׳ן קנאַק,
און היימען זאָל ער פאָל אָדער זשאַק!״...
אָדנים סלאָוואָס, ס׳איז געגאַנגען א גאַנג
און געצויגען זיך לאַנג,
שדכנים האָבען געאַרבייט, טעריאַיעט די כחות,
געקלאַפט טעלעגראַמעס, געלאָמעט די מחות,
נאָר א דאָקטאָר מעדיצין, א הויכען ברונעט,
וואָס זאָל האָבען אויף די גאַלעווקים א רייכען קאַבינעט
און אַרויספאָהרען מיט׳ן קנאַק,
און זאָל היימען פאָל אָדער זשאַק —
האָבען זיי, ק׳נעשטשאַסטיו, נישט געפונען,
האָטש לעג זיך און שטאַרב, געה אַראָב פונ׳ם זינען!
דער איז איהר צו יונג, דער איז צו שען,
דער איז צו הויך, דער איז צו קליין.
און דער וואָס געפעלט,
האָט אין זיך קאַפּריזען:
ער ליעטשיט אָהן געלד,
געחאַפּט אין ציוניזם.
מעזשדו טיעם לויפען די יאָהרען:
מיידלעך ווערען עלטער,
חתנים ווערען קעלטער.
און א באַרישני איז נישט קיין ווײַן:
זי מעג זיין ווי אָבראַזעוועט, ווי פיין,
נאָר קוים ווערט זי אַלט, ראַז האָט זי צרות,
פערליערט זי — דאָס ווייסט איהר אַליין —
איהר גאַנצע סימפּאַטיע, איהר מיידעלשען חן,
און טויג שוין אויף א טישטשע כפּרות״...

*

נו, ווי געפעלט דיר מיין באַסני? אַלע טראָגען זיך אַרום מיט איהר אין מאַריענבאַד. א סך האָבען זי אויסגעלערנט אויף אויסווענייג.

און וואס קאסאיעט דער יאמאיטשיכע אליין, האט מען מיר פערעדאיעט פון איהר נאמען, אז מיין ראדסטוועניצע סאבוראיעט זיך דיר שרייבען א בריעף וועגען מיר. א פאטאמו זאלסטו וויסען, אז וואס זי וועט דיר שרייבען אויף מיר איז שוא ושקר. און אויב עס וועט זיך דיר מאכען, וועסט זיין אויף דער חלאדנע אוליצע, חאפ זיך אריין אין דער רעדאקציע און געב זיי איבער די באסני, לאזען זיי זי נאפעטשאטעוועט, נאר מיט איין אוסלאוויע: מיין נאמען זאלען זיי נישט ארויסשטעלען. ס'איז מיר נישט לאווקע, ווייל ס'איז אויף זשארגאן...

ריינער דושאי אי טיעלאם

מארק דאווידאוויטש מאריאמטשיק.

№ 14.

חוה'לע טשאפניק פון מאריענבאד צו איהר מאן בערעל טשאפניק אויף די נאלעווקים (ווארשא).

ליעבער בערנארד!

דו דארפסט מיר פערצייהען, וואס איך האב דיר די גאנצע צייט געשריבען נאר געלד און געלד. איך בין שולדיג געווען, אז די האהר זענען נישט מיינע. איצט האב איך מיך שוין אביסעל ארומגעצאהלט און דאנק דיר פיעל מאל, וואס דו האסט זיך געשטויסען מיר ארויסשיקען דאס געלד טעלעגראפיש. אנישט, ווייס איך נישט, וואס איך וואלט געטאן. מאריענבאד איז א פוסטקע. אהן א שעור ווארשעווער דאמען, מייסטענס פון די נאלעווקים און ס'איז נישטא, ביי וועמען זיך די הענד צו-פיהרען. אויך מיר דאמען! איינס און איינס. איך האב שוין, גלויב מיר, קיין זייטען פון זיי. זאלסט זעהען זייערע פיהרעכטסען דא, זייער אנטאן זיך, זייער ארט לעבען. זאלסט הערען זייערע געשפרעכען, זאג איך דיר, אז מע קאן מאכען פון זיי א בוך. וואס זאג איך א בוך? צעהן ביכער! וואו זענען אט די אלע שרייבערס, וואס שרייבען אזוי שען אויף די גאזעטען? פאר וואס קומען זיי נישט אהער, אויף די קוראָרטען, אין די בעדער: קיין מאריענבאד, קיין קארלסבאד, קיין פראנצענסבאד, קיין וויסבאדען, עמס, קראנץ

אָדער אָסטענדע, האָטש אויף איין זומער, וואָלטען זיי דאָך געהאַט שטאָף נאָכדעם אויף דריי ווינטערען!

אַשטייגער, נעהם מיין קרובה, בעלצי קורלענדער. כלומרשט אַ גביר׳טע און אַ ציטעריגע ביי איהר מאַן, דעם קורלענדער שוטה. זי וואָלט געקענט, דאַכט מיר, שטעהן אין מאַריענבאַד ווי אַ מענש, און לעבען ווי אַ מענש, און עסען ווי אַ מענש. זאָלסט דו זעהען, האָט זי זיך געדונגען אַ צימערל אין האָטעל — אַ שטייג, וואו מע דאַרף האַלטען עופות, אונטער׳ן סאַמע דאַך. עס באַקט אַזוי אָן דורכ׳ן טאָג די זון, אַז מע דאַרף דריי מאָל אַ נאַכט חלש׳ען פאַר היץ. עס קאָסט אָבער וואָלוועל. דערפאַר, אַז זי קומט אַרויס אין דערפריה צום ברוינען, געהט זי אָנגעטאָן אַזוי שרייענדיג שען, מיט אַזוי פיעל שמוק און בריליאַנטען, אַז די דייטשען מיינען, אַז דאָס איז אָדער אַ רוסישע פירשטין, אָדער אַ שאַנסאָנעטין. היינט זאָלסט דו זעהען איהר עסען אין כשר׳ן רעסטאָראַן. פון אַ פערטעל עוף הייסט זי זיך בעהאַלטען אַ שטיקעל אויף דער נאַכט. עס פלאַמט מיר פשוט דאָס פנים פאַר׳ן קעלנער. אַנומעלטען האָט זי זיך געהייסען דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער, האָט מען איהר אויפגעפענט אַ פלעשעל „ניסהילבער". אַז ס׳איז געקומען צו דער רעכנונג און זי האָט דערהערט, אַז מע הייסט זיך בעצאָהלען פאַר דער גלאָז וואַסער, איז זי געוואָרען אָנגעצונדען! אַ גליק, וואָס איך בין מיט איהר געזעסען ביי איין טישעל, האָב איך איהר אויף פויליש אויפגעקלעהרט, זי זאָל בעצאָהלען און מאַכען אַ שוויינ, וואָרום עס קאָן דערפון אַרויס אַ סקאַנדאַל. וויפיעל מאָל מיר זיצען אין קאַפע „ענגערלענדער", האָט זיך נאָך נישט געטראָפען, אַז זי זאָל בעצאָהלען פאַר דער טיי. אָדער חיים סאַראָקער צאָהלט, אָדער אונזער אַדעסיט מאיר׳ל מאַריאַמפּאָלסקי... די ביידע קאַוואַליערסטוועווען מיט איהר, אויף וואָס די וועלט שטעהט, און זי נעמט דאָס אָן פאַר גוט געלד, און מאַכט זיי ביידען אַזעלכע חנ׳דלעך, אַז מע קאָן שטאַרבען! אַצינד איז שוין דאָ אַ דריטער, וואָס צאָהלט. עפּיס איינער אַ קעשעניעווער דאַנטיסט, וואָס שרכנ׳ט זיך צו יאַמאַיטשיכעס טעכטער. די יאַמאַיטשיכע איז דאָ אין מאַריענבאַד מיט אַלע דריי טעכטער און זוכט חתנים מיט ליכט, יאָגט זיך נאָך זיי אין די גאַסען און שלעפּט זיי פאַר די פּאָלעס. דער קעשעניעווער פראַנט איז אָבער קיין נאַר נישט. נדן וויל ער טאַקי זאָל איהם געבען די יאַמאַיטשיכע, און שמייכלען זאָל צו איהם בעלצי. יאַמאַיטשיכע אָבער

גיט אלטונג. יאמאיטשילע איז נישט אזא יודינע, וואס מע נארט זי. זי האט אנ'אויג, וואס זעהט, און א נאז, וואס שמעקט. זי שמעקט אן א זאך פאר א מייל. זי ווייסט אקוראט פון דער ערשטער מינוט, וועלכער בחור ס'איז א חתן און וועלכער נישט. איך האב געוואלט זיך אריינלעגען אין א שידוך פאר איהר עלטערער טאכטער מיט איינעם א מאסקווער יובעלירער, זעהר א רייכער יונגערמאן און ווארפט מיט געלד. האט זי מיר באלד געזאגט: „נשמה'ניו, זאגט זי, ס'איז נישט פאר מיר קיין חתן, זאגט זי, זיין כלה, זאגט זי, איז אין קיעוו; אט וועט איהר זעהען, זאגט זי, אז היינט-מארגען איז א ווארט". און אזוי ווי זי איז געוועזען דערביי. דער שדכן סווירסקי האט זיך שוין בערימט פאר מיר, אז ער האט היינט אין דערפריה צעוויפגעפיהרט צוויי שטעדט, מאסקווע מיט קיעוו, און פערדינט דערביי א שענע מטבע. אט דער סווירסקי פערדינט דא שטיקער געלד! זאלסט זיך נישט בייזערן אויף מיר, טייערער, וואס איך בין געווארען א שדכנ'טע אויף א ווייל. איך ווייס, אז עס קומט דיר אן נישט גרינג. עס טריקענט דיר גוט דער מח, ביז דו שיקסט מיר ארויס געלד, האב איך געוואלט דיר קומען צו הילף. און אגב ווילט זיך מיר טאקע א טובה טאן דער יאמאיטשילע. פאר וואס נישט? יענע חלש'ט, געהט אוים א שידוך! און ס'איז טאקי א מצוה אויך. שוין צייט... ב'לעבען די יאמאיטשילע איז, ווי דו קוקסט זי אן, א סך לייטישער פון איהר קרוב, דעם אדעסער שארלאטאן מאיר'ל מאריאמטשיק, און אפילו פון מיין קרובה די גביר'טע, איך מיין טאקי בעלצי. איך ווייז איהר דיין בריעף, וואו דו שרייבסט מיר, אז נאך שבת שיקסט דו מיר ארוים געלד, ווערט זי רויט, דערנאך בלאס, און שווערט זיך, אז זי האט נישט אפילו קיין צעהן קרוין, ווערענד איך ווייס, — חיים סאראקער אליין האט מיר געזאגט — אז ער האט איהר ערשט נעכטען ארויסגעגעבען אויף איהר מאנ'ס רעכענונג פינף הונדערט קרוין נאך מיט עפים. פון די לייט קאן מען זיך דערווארטען. בראני לויפערמאן, אז זי דערזעהט מיך נאר, הויבט זי שוין אן צו בעקלאגען זיך אויף איהר מאן, אז ער שיקט איהר קיין געלד נישט. זאג איך צו איהר: „ווער פרעגט אייך און אקעגען וואס דערצעהלט איהר עס מיר?" זאגט זי, אז זי דערצעהלט עס גלאט אזוי, אקעגען איהר מאן, וואס די גאנצע וועלט ווייס, אז ער האט געוואונען אויף דער לאטערייע, פערוואס-זשע זאל ער איהר נישט שיקען געלד צו דער

ציַיט!"... איך ווייס, און אַלע ווייסען, אַז ס'איז שוא ושקר. איהר חבר־טאָרין און איהר פריַינדין לאה'צי ברויכשטוהל האָט מיר איבערגעגע־בען בסוד סודות, אַז זי האָט אַליין געזעהען ביי בראָני'ן אַ פול ביי־טעלע מיט גאָלד, און שוועהרט מיט שבועות. אודאי דאַרף זי מיר דערצעהלען, און אַז ניט, הייסט עס, ווייס איך נישט!... פרעג איך דיך, איז נישט גלייכער, אַז די יאַמאַיטשיכע האָט מיר אָבגעענטפערט גלייך, אָהן חנ'דלעך און אָהן חכמות: „נשמה'ניו, זאָגט זי מיר, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, זאָגט זי, ביי מיר ווערט איהר, זאָגט זי, קיין געלד, זאָגט זי, נישט לייהען, וואָרום איך וועל אייך נישט לייהען, זאָגט זי. איהר ווייסט אַליין, זאָגט זי, אַז אייער מאַן, זאָגט זי, זאָל געזונד זיין, איז גענוג שולדיג מיין מאַן. אויב איהר ווילט, זאָגט זי, פערדיענען שענע עטליכע הונדערט קרוין, העלפט מיר צו מיט'ן קע־שעניעווער שדוך". העלף איך איהר ווי ווייט איך קאָן, איך רעד איהם צו, דעם קעשעניעווער דאַנטיסט, ער זאָל זיך שוין ערקלערען צו יאַמאַיטשיכעס אַ טאָכטער, און אַנ'עק זאָל עס האָבען! זאָגט ער: „עס האָט נאָך צייט. לאָזען זיי נאָך אַ ביסעל צוואַקסען..." אַ ריינער אומגליק: אַלע ווייסען, אַז יאַמאַיטשיכעס טעכטער זענען נישט ושער־נע אין קיין יאָהרען...

דערוויַיל שאַרט זיך אָט דער קעשעניעווער פויגעל אַרום מיין בעלצי'ן און מיינט, אַז דאָ האַפּט ער דעם טאָטער. האָב איך איהם נעגעבען אָנצוהערעניש, אַז ס'איז אומזיסט זיין טרחה, וואָרום אָט דאָס שענע ווייבעלע, זאָג איך איהם, וואָס פּיסקעלט זיך, און חנ'ט זיך, בענשט, נישט דאָ געדאַכט, אַלע ערב שבת ליכט און טראָגט, נישט פאַר מיר געדאַכט, זאָג איך, אַ פרעמדען שיניאָן אויפ'ן קאָפּ... איז ער אָבער אַזוי פערברענט אין איהר, אַז ס'איז איהם גאָרנישט אָבצוּ־ווענדען! איך ווייס נישט, וואָס מיט איהר איז, מיט אָט דער בעלצי'ן: וואו ערגיץ אַ מאַנספּאַרשוין איז ער נאָך איהר די כפרה, און מעהר פון אַלעמען, דאַכט מיר, אָט די צוויי שוואָגערס: חיים סאַראָקער און דער אַדעסיט מאַריאַמטשיק. מילא מאַריאַמטשיק איז געווען אַ שאַרלאַ־טאַן, אַז ער איז נאָר געוועזען אין אָדעס. אָבער חיים סאַראָקער, אַ יוד אַ סוחר, האָט שוין דערוואַקסענע קינדער! דו מיינסט איך האָב איהם נישט געפרעגט? „ווי שעמט איהר זיך נישט, זאָג איך איהם, אַ יוד אַ טאַטע פון קינדער, נאָכלויפען, ווי אייער שוואָגער דער אַדע־סער שאַרלאַטאַן, נאָך שענע ווייבלעך? דערויף איז ער דאָך, זאָג איך,

איך, איין אדעסיט און הייסט זאג איך, מארק דאווידאוויטש..."

א שענעם נאמען האט דא אט דער מארק דאווידאוויטש. ער מעג זיך בעגראבען און עס וואלט געווען א מצוה, אז זיין חנצי זאל עס וויסען. איך וואלט זעהר געוואלט דערלעבען אין דעם אדעסיט א נקמה נאר דערפאר, וואס ער בערעדט דיך פון קאפ ביז פיס. ער שווערט, אז זיין חנצי שרייבט איהם, אז זי האט געזעהן ביי אסתר סאראקער א בריוועל, וואס חיים סאראקער האט איהר צוגעשיקט פון מאריענבאד. דאס בריוועל איז געשריבען פון שלמה קורלענדער פון ווארשא צו חיים סאראקער קיין מאריענבאד. שטעהט דארט געשריבען המנ'ס מסירות אויף דיר, בערנארד, און אויף מיר און אויף אונז ביידען. עס שטעהט דארט בעשריבען אפילו די וועטשערינקע, וואס צו מיין געבורטסטאג, און אז דו האסט נישט בעצאהלט העקסעלמאנען פאר דער וועטשערע, און אז דו ביסט געזעסען ביי שלמה'ן אין דער דירה און נישט אבגעצאהלט איהם קיין דירה-געלד פאר א גאנץ יאהר, און אז דו זיצסט שוין צוואנציג יאהר אין ווארשא און קיינער ווייסט נישט, ווער דו ביסט און וואס דו ביסט און מיט וואס דו בעשעפטיגסט זיך. און נאך אזעלכע זאכען שרייבט ער אויף דיר. און מארק דאווידאוויטש פוילט זיך נישט און ווייזט אלעמען דעם בריוועל. דערפאר וואס אט דער אדעסער שארלאטאן געהט דא ארום און קלאפט מיט דער צונג אויף דיר און אויף מיר און אויף אונז ביידען, וואלט געווען א גרויסער יושר, אז דו זאלסט איהם דארט צושטעלען א בענקעלע פאר זיין חנציין, עס זאל איהם אזעלכעס פערגעהן, ער זאל פערגעסען אן אונז. און א בענקעלע קאנסט דו איהם צושטעלען זעהר א שענם. איך שיק דיר דא זיינע א פאר ליבע-צעטעלעך, וואס ער האט געהאט געשריבען דא אין מאריענבאד צו צוויי נאלעווקער ווייבלעך, צו דער שערענצים און צו דער פעקעלים. נעבעך כשר'ע נשמות. ביי אונז אויף די נאלעווקיס געהען זיי אלע שבת אין דערפריה אין שול אריין דאווענען, און בייטאג אין זאקסישען גארטען, נישט אליין, מיט זייערע איטשע-מייערס; נאר די איטשע-מייערס בלייבען אויף יענער זייט, ווארום מע לאזט זיי נישט אריין איבער די לאנגע קאפאטקעלעך. דא האבען די דאזיגע צנועות אראבגעווארפען, זאלסט זעהן, די פאריקלעך און ווילען געניסען מאריענבאדער פערגעניגען און ווייסען נישט, ווי אזוי. מיר האבען זיי זיך פערטרויט, ווי פאר איין אייגענע שוועסטער, און מעגסט זיי גלויבען אויף נאמנות, אז וויטער פון די בריוולעך איז ביי זיי נישט געגאנגען,

איך בין דיר ערב פאר זיי, ווי פאר זיך אליין, און טאקי די בריוולעך אליין זאָגען דער בעסטער בעווייז. נאר איינס צום אנדערן געהער זיך נישט אן. ס'איז נויטיג, ווי אין לעבען אריין, אז מאיר'לס ווייב, חנצי, זאל די דאָזיגע ליעבע-צעטעלעך זעהן און אביסעל קלויבען נחת פון איהר תכשיט... איך מיין, אז זי וועט באלד דערקענען איהר מארק דאווידאָוויטשעס האנדשריפט מיט זיין אדעסער יודיש, און לאָז זי זיך נאר גוט צוקוקען צום דאטום, אז די צעטעלעך זענען געשריבען געוואָרען נישט פאר חמעלניצקעס צייטען חלילה, און נישט אין אדעס אויפ'ן לימאן, נאר היינטיגען זומער, טאקי דא אין מאריענבאד. זאָלסט נאר זעהען אזוי, אז אויסער חנצי'ן זאל קיינער דערפון נישט וויסען, ווארום די צעטעלעך זענען פערטרויט געוואָרען נאר מיר, און איך האב זיי געגעבען מיין עהרענוואָרט, אז קיין פויגעל וועט נישט וויסען. זיי מיר געזונד, בערנארד, איך ערווארט פון דיר גוטע נאכריכטען און פערבלייב דיין דיך ליעבענדע פרוי

חוה טשאפניק.

№ 15.

מאיר מאריאמטשיק פון מאריענבאד צו דער מאדאם שערענצים און מאדאם פעקעלים אין מאריענבאד.

אויב איך אָשיבאיע מיך נישט האָבען מיר זיך מיט אייך וסטרעטיט פאראיאָהרען אין ווארשאָ אין שווייצארסקי דאָלינע אויף א יודישען ליטעראטורנע וועטשער. א סימן: איהר זענט געזעסען אין צווייען מיט אייער פאָדרוגע און האָט זיך געשמאָלצען פאר געלעכטער. ס'איז געווען דעמאָלש דער „זיידע" פון אונזער אָדעס, און ווארשאָ האָט איהם געטשעכטעוועט. נאָך א סימן: איך בין צוגעגאנגען צו אייך דעמאָלט און האב אייך א פרעג געגעבען אויף רוסיש: „פאזוואָלטי אוזנאט פריטשינו וואשיי ראדאָסטי?" האָט איהר מיר געענטפערט האלב אויף פוילישע האלב אויף רוסיש: „דליא טעגאָ טשטאָ נאם וועסאָלאָ". און איהר האָט זיך איבערגעקוקט מיט אייער פאָדרוגע, און אך! איך וועל קיינמאל נישט פערגעסען דעם בלעסק פון אייערע שענע אויגען!...

נאָכדעם זענען מיר געגאַנגען אין דריען — געדענקט איהר — פון די לאַזענקי׳ס ביז יערוסאַלימסקי אַלעע און אַ ביסעל ווייטער. איך האָב געבאָלטאַיעט, דערצעהלט אַנעקדאָטען, און איהר האָט געלאַכט... און נאָכדעם האָט איהר מיך געבעטען, איך זאָל אייך אָפּטאַנען. האָב איך אייך אָפּטאַנעט, נאָר מיט איין אויסלאָוויע, אַז מיר זאָלען זיך ווסטרעטשאַיען נאָך אַמאָל. איצט, אַז מיר האָבען זיך ווסטרעטיט ביים קרייצברון, האָט איהר זיך געמאַכט גלייך, ווי מיר זענען גאָרנישט זנאַקאָמע... איך האָב זיך באַלד געשטויסען, אַז עס פּאַסט אייך נישט, כּסתּמא, פאַר פּאָסטאָראָני. און דאָס איז די פּריטשינע, וואָס איך אָבראַשטשאַיע זיך צו אייך דורך אַ זאַפּיסקע. איהר קאָנט אייך גאָרנישט פּרעדסטאַווען, ווי ווייט איהר האָט זיך ביידע איזמעניאַיעט, קאָניעטשנאָ, צו גוטען. איך זאָל וויסען, אַז מיינע ווערטער וועלען נישט קלינגען ווי אַ קאָמפּלימענט, וואָלט איך אייך געזאָגט פּאָ סעקרעטו, אַז איך ווייס נישט, ווער פון אייך ביידע איז יונגער און ווער איז שענער. עס איז בעשערט געווען, אַז אונזער צווייטע ווסטרעטשע זאָל זיין זאַגראַניצע, און איך בין זעהר ראַד. וואָרום זאַגראַניצע איז נישט וואַרשאָ און מאַריענבאַד איז נישט די נאַלעווקיס. איך פּאָזדראַווע אייך און אייער פּאָדרוגע מאַדאַם פּעקעליס מיט אייער פּריעזד קיין מאַריענבאַד. און איך בעט אייך, איהר זאָלט זיין אַזוי ליובעזנע צונעמען פון מיר דעם בוקעט פון פרישע ראָזעס אינאיינעם מיט מיינע בעסטע פּאָזשעלאַניעס.

אייער פּאָקאָרני סלוגאַ

מאַקס דאַווידאָוויטש מאַריאַמטשיק.

№ 16.

מאיר מאַריאַמטשיק פון מאַריענבאַד צו דער מאַדאַם שערענצים און מאַדאַם פּעקעליס אין מאַריענבאַד.

אָטשען ראַד, וואָס איהר האָט מיך פערשטאַנען, נאָר איהר אָשיבאַיעט זיך, אויב איהר פּרינימאַיעט עס פאַר אַ קאָמפּלימענט. איך אוּווערטיאַיע אייך, אַז איך בין וואָבשטשע אַ מענש אַ איסקרענער. אַלע

אַדרעסיטען זענען אַזוי. בײַ אונז אין אָדעס זענען נישט פֿאַרהאַן ... דוואָליטשנאָסטען. און וואָס איהר נאַמיעקעוועט אויף מײַן דאַילני ראָד־סטוועניצע, אויף דער יאַמאַיטשיכע און אויף דער מאַדאַם טשאַפּניק און נאָך אַזעלכע... (דאָ איז אויסגעמעקט אַ וואָרט) איז בײַ מיר נאָ־פּלעוואַט! אַ קוראָרט איז נאַזנאַטשעט געוואָרען אויף ראַזוועליעטשעניעס, נישט אויף מאָראַל. איך זעה נישט אײַן אין דעם קײַן שום פּרעסטו־פּלעניע, וואָס איהר ווסטרעטשאַיעט זיך מיט אײַן אָבראַזאָוועטען מענ־שען. זאָגט מיר, פּאָזשאַלאָסטאַ, פֿאַר וואָס קומט אײַך, איהר זאָלט סטראַדאַיען מעהר פֿאַר דער גאַנצער וועלט? פֿאַר וואָס איז בײַ אונז אין אָדעס יעדע זשענשטשינע סוואָבאָדנע און ווײסט נישט פֿון קײַן ראַבסטווא? איך בין וואָזמושטשאָן, זאָג איך אײַך, דאָ גלובינע דושי אי אָבראַטנאָ! נאָר אויב איהר ווילט, מיר זאָלען ראַזסוזשדאַיען וועגען דעם מעהר פּאָדראָבנע זײַט הײַנט פֿון דרײַ ביז פֿיער אין „קאַפֿע-מיניאָן“, וואָרום אין „קאַפֿע-עגערלענדער“ איז צופֿיעל האַרמידער, נאָך ערגער ווי בײַ אײַך אין וואַרשאָ אויף די נאַלעווקיס. וועמען האָט איהר דאָרט נישט געזעהען?

מיט דער גרעסטער נעטיערפּעניע וואַרט איך אויף אײַך בײדען־גריסט דער מאַדאַם פּעקעליס.

מ. ד. מ.

№ 17.

מאיר מאַריאַמטשיק פֿון מאַריענבאַד צו דער מאַדאַם שערענציס און מאַדאַם פּעקעליס אין מאַריענבאַד.

נאַפּראַסנע האָט איהר מיך פּאָדאָזרעוואַיעט. איך פֿערזיכער אײַך אַז דאָס, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט הײַנט בײַם ברונען איז ווײַט פֿון אַ קאָמפּלימענט. איהר מעגט מיר גלויבען פּאָסאָוועסטי. איך ציעניוּוע אין יעדער זשענשטשינע וואָפּיערוּיך שכל, וואָוטאָריך טאַקט און ווטרע־טיך אָבראַזאָוואַניע. איך האָב מיט אײַך ווינציג גערעדט, אָבער גלויבט מיר: איך קען אײַך בײדען אַזוי אָסנאָוואַטעלנע גלײַך, ווי מיר וואָלטען זײַן זנאַקאָמע פֿון יאָהרען. און דאָס וואָס איהר מײנט, אַז איך בין רעווניווע — די מאַדאַם פּעקעליס האָט מיר דאָס צוויי מאָל נאַמיעקע־

וועט — שווער איך אייך, אז איהר אשיבאיעט זיך. איך האב נאר געזאגט: וואס האט אזא קעשעניעווער, נאוס, אזא פראווינציאל, צו אוחאזשעווען נאך אונזערע נאלעווקער ווייבלעך? און דאס, וואס איך בין אזוי ליובעזנע מיט דער מאדאם קורלענדער, בעדארף אייך נישט אודיווליאען. איך אווערא‎יע אייך, אז איך בין צו יעדער זשענשטשינע אזוי. ס'איז ביי מיר אזא פריוויטשקע. אלע אדרעסיטען זענען וואבשטשע וועזשליווע און אטקראווענע. און איך זאג אייך אטקראוועּנע, אז די מאדאם קורלענדער איז נישט ווערט אייער מיזיניעץ. אייך ווייס איך, פאקראיני מיעריע, אז מע האט אייך נאוויאזעוועט צוויי „איטשי-מאיער'ס" און איהר סטראדאיעט נעבאך און קימט אב פאר פרעמדע זינד. די מאדאם קורלענדער אבער האט זיך אליין פערקויפט צוליעב געלד. און דאס וואס די מאדאם פעקעלים נאפאמינאיעט מיר אלע מאל, אז איך בין א זשענאטער, איז דאס, פא מאיעמו, איין איבעריגער טרוד. איך אטריצאיע דען, אז איך האב א פרוי? איך זאג נאר, אז דאס מעשאיעט מיר נישט צו זיין דרוזשנע מיט שענע קלוגע אבראזאוועטע דאמאטשקעס, אויף וויפיעל ס'איז נאר וואזמאזשנע. פאלגט מיך אגוטען פריינד און פאלועוועט זיך מיט אייער פרעביוואניע דא אין מאריענבאד... מעזשדו פראטשים, ווער האט אייך געזאגט, אז איך שרייב באסנים? די מאדאם טשאפניק, צי די מאדאם קורלענדער? און וואס האבען זיי אייך געזאגט? וואו זעהען מיר זיך היינט?

אייער מ. מ.

№ 18.

מאיר מאריאמטשיק פון מאריענבאד צו דער מאדאם שערענצים און מאדאם פעקעלים אין מאריענבאד.

אונזער קראוזשאק אין מאריענבאד האט גערעשעט יעדינאגלאסנע, אז אייער פריסוטסטוויע איז אזוי פריאטנע, אז מיר אכמעליווען זיך צו פריגלאשען אייך אינאיינעם מיט אייער פאדרוגע, מאדאם פעקעלים, אויף אונזער פראגולקע מארגען קיין עגער. דארט וועלען זיין אלע אונזערע אינטימע בעקאנטע און מיר וועלען פערברענגען די צייט זעהר פרי-

אַטנע. מיר װעלען זיך קאַטאַיען אױף אַ לאָדקע און איך װעל לײענען מײנע אַ באַסני, װאָס איך האָב סאָטשינאַיעט אױף יאַמאַיטשיקעס טעלער, און איך נאַדעיע זיך, אַז איך װעל אײַך דאָסטאַװען אײן אמת'ע אודאָװאָלסטװיע. איך מײן, אַז װי באַלד די מאַדאַם קורלענדער סאָגלאַסעט זיך, דאַרפט איהר און אײער פּאָדרוגע זיך אױך סאָגלאַסען. מיר געפינען זיך אין מאַריענבאַד, נישט אין װאַרשא אױף די נאַלעװקים און דאַרפען זײן װײט פון אַלערלײ פּרעדראַזסודקעס.

איך גריס אײַך בײדען גאָר פרײַנדליך

אײער מאַרק דאַװידאָװיטש מ.

№ 19.

שלמה קורלענדער פון נאַלעװקים (װאַרשאַ) צו זײן װײב בעלצי קורלענדער אין מאַריענבאַד.

לזוגתי היקרה מרת בעלצי שתחי'.

איך האָב דײן בריעף מקבל געװען און איהם דורכגעלײענט פון אָנהױב ביז'ן סוף און געטראַכט זיך, אפשר ביסט דו געראַכט? אפשר בין איך טאַקי, װי דו זאָגסט, אין די זאַכען אױסגעװעבט? אפשר בין איך טאַקי, װי דו זאָגסט, אַ מענש פון דער אַלטער װעלט און װײס נישט, װאו אײן און װאו אױס? מעגליך, אַז איך בין נישט שטאַרק איבערגעשפּיצט, חאָטש אפילו די װעלט האַלט מיך, דאַכט זיך, נישט פאַר אַזאַ גרױסען נאַר. מעגליך, אַז דו ביסט געראַכט, אַז יעדער פלאַכט און יעדער שמײגער, ער מעג זײן אײן אַלטער בחור, און מעג האָבען װײַמפּערלעך אױף דער נאָז, און מעג רײַסען פון טױדט און פון לעבעדיג, נאָר קום זיצט ער אין בערלין, איז ער שױן אַ קאַװאַלער און מעג דערצעהלען פרעמדע װײַבלעך, אַז זײ זענען איהם פון דעם ערשטען טאָג אָן געפעלען, און חאָטש מע זאָגט איהם אין די אױגען, אַז ער איז אַ אידיאָט און אַ נאַחאַל, פונדעסטװעגען איז ער מיך מכבד אױף מאָרגען מיט בוקעטען און מיט בלומען, און איך דאַרף עס אָננעמען פאַר ליעב, און איך טאָר זײ איהם נישט װאַרפען אין פּנים אַרײן. מעגליך, אַז דו ביסט געראַכט: אַז איך פּאָהר אין

חאַגאַן דער רוח ווייסט מיט וועמען און איך ווייז זיי דאָס קידושין-פינגעריל און זיי חאַפּען מיר קושען די האַנד, טאָר איך זיי נישט ברעכען די ביינער, אָדער אַרויסוואַרפען פון וואַגאָן, אָדער, לכל הפּחות, אַרייַנרופען דעם קאָנדוקטאָר און הייסען אַרויספיהרען, נאָר איך דאַרף זיי נאָך אדרבה, אויסנוצען, זיי זאָלען מיר העלפען אַרויסוואַרפען די פּעקלעך פון וואַגאָן, און איך בין מחויב אויסהערען פון זיי בעת-מעשה טויזענד קאָמפּלימענטען, וואָס שלאָגען צו דער גאַל... מעגליך, אַז איך בין איין אויסגעוועבטער פון דער אַלטער וועלט און הויב נישט אָן צו פערשטיהן, אַז עס קומט מיר אַרויס אַקעגען אייפּ'ן וואָגזאַל אַ יונגערמאַן, איין אַדעסיט, וואָס איך ווייס, אַז ער האָט אַ שם פון אַ שאַרלאַטאַן, און שטעלט זיך אַוועק מיך אויספרעגען ווער איך בין און וואָס איך בין, טאָר איך איהם נישט זאָגען: „ווער זענט איהר, יונגערמאַן, און וואָס זענט איהר?" ניין. חס ושלום. אדרבה, זזיך דאַרף איהם מאַכען טאַקי באַלד אויפ'ן אָרט פּאַר אַ קאַוואַליער און אויפזעצען זיך מיט איהם אויף איין פוהר און הערצקען זיך מיט איהם פונ'ם וואָגזאַל ביז'ן שטאָדט אַריין, אַזוי אַז נישט נאָר די יאַמאַיטשיכע, וואָס בעשטעהט אַליין פּאַר אַ גאַנצע וועלט, נאָר טאַקי די גאַנצע וועלט זאָל זעהען, ווי שלמה קורלענדערס ווייבעל פון די נאַלעווקיס פאָהרט אין מאַריענבאַד מיט איין אַדעסער שאַרלאַטאַן פראַנק און פריי, און שטעלט אַרויס דער וועלט אַ גרויסע פייג. דאָס אַליין איז אָבער נאָך ווינציג. אַז מאיר'ל שאַרלאַטאַן איז אַזוי פרייַנדליך און איז זיך מטריח און קומט אַרויס מיך אָבנעהמען פון דער באַהן, און העלפט מיר בייַם געפּעק, און זעצט זיך אויף מיט מיר אויף איין פוהר, טאָר איך נישט פערפאָהרען צוהין וואו איך וויל, חס ושלום! נאָר איך מוז, מע נויט מיך פון קהל, איך זאָל מיך אָבשטעלען דוקא אינ'ם אייגענעם האָטעל, וואו דער אַדעסיט, דוקא מיט איהם געהן אָנקוקען מאַריענבאַד, און דוקא פון איהם לאָזען זיך פיהרען אין אַ רעסטאָראַן אַרייַן, און מסתמא מיט איהם ביי איין טיש זיך אַוועקזעצען עסען, אַזוי, אַז לאָז די יאַמאַיטשיכע, מיט דער טשאַפּניק, מיט דער לויפערמאַן, מיט דער ברויכשטוהל, מיט דער שערענצי'ס, מיט דער פּעקעליס, — דאָס הייסט, אַלע נאַלעווקיס, פון איין עק ביז'ן אַנדערן עק, — לאָזען זעהען, מיט וועמען שלמה קורלענדער'ס ווייב בעלצי עסט אַ דייַטשען וואַרעמעס! און פערקעהרט, אַז עס קומט דעם מאַנ'ס אַ גוטער פרייַנד און וויל מיר איבערגעבען אַ גרוס פון מאַן, דאַרף איך איהם זעהען, תּאָם גיכער משלח זיין, וואָרום דעם מאַנ'ס גוטער פרייַנד איז דאָך

נישט קיין קאוואליער און יענער איז אַ קאוואליער, און איין אדעסיט און איין דזשענטעלמאן און גלאַט א יונגערמאן אַ תכשיט, וואָס אַבי מע האָט איהם אָבגעגעבען דאָס נדן, הײַנט וואָס געהט איהם אָן אַ ווײַב, אז ס'איז פארהאן אין מאריענבאר שענערע ווײַבלעך, עלענדרע, וואָס מוזען נעבעך אויסשטײַגען אײַנע אַליין אין אַ פרעמדער שטאָדט, זיך אויפזעצען אַליין אויף אַ פוהרעל, און פערפאָהרען אַליין אין אַ האָטעל, און געהן אַליין אין אַ רעסטאָראַן מיטאָג עסען אָן אַ שום קאוואליער — געשיקט זיך עס? אַ טאָמער איז יענער איין אויסוואורף פון דער נאַטור, וואָס גאַנץ ווארשאָ האָט מיט איהם צו טאָן — וואָס געהט עס מיך אָן?

נאָר למאי זאָל איך רעדען, בעלצי היקרה, אויף אַ מענשען לשון הרע גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, אַ מעהר נאַ אַט האָסט דו דיר דאָ די בריעף פון מײַן פרײַנד, חיים סאַראָקער, און זעה, וואָס ער, איין אײַנגענער שוואָגער, שרײַבט אויף דײַן שענעם קאוואליער און אויף דײַן דזשענטעלמען, וואָס האָט נישט קיין אַנדער נאָמען בײַ אונז אויף די נאַלעווקיס אויסער מאיר'ל שאַרלאַטאַן.

איך בין זיכער, בעלצי היקרה, אַז דו וועסט דורכלײַענען סאַראָ-קער'ס בריוועלעך, וועסט דו אַליין זעהן, אַז עס וואָלט פאַר דיר פיעל געווינטער געווען, ווען דו פאָלגסט מיך און האַלסט זיך בעסער בײַ מײַנע גוטע פרײַנד, נישט בײַ די אַדעסער שאַרלאַטאַנעס, וואָס וואַרפען אַוועק זײַערע ווײַבער און פליהען אַרום איבער מאַריענבאַד און קוקען אַרויס טאָמער דאַרף קומען צופאָהרען אַ שען ווײַבעל, זאָלען זיי זיך אָננעמען איהר קריוודע. און וואָס די יאַמאַיטשיקע וועט דיר דערצעה-לען מעשיות אויף מײַן פרײַנד חיים סאַראָקער, אַז ער שפּיעלט טאָג ווי נאַכט אין זעקס און זעכציג מיט דײַן קרובה חוה'לע טשאַפּניק, זאָג איך דיר, בעלצי היקרה, אַז ערשטענס איז דאָס אַ ליגען. און צווייטענס, טאָמער אפילו איז דאָס איין אמת, איז שולדיג אין דעם דײַן קרובה, נישט ער. אַ סימן — נאַ זעה, וואָס חיים סאַראָקער שרײַבט מיר טאַקי וועגען דעם. זיי מאַכען אַ מאָל אַ זעקס און זעכציג, ווײַל ס'איז איהם סקוטשנע, נישטאָ מיט וועמען צו שפּיעלען, שפּיעלט ער מיט איהר. נאָר ער וויל אַזוי שפּיעלען מיט איהר, ווי איך וויל טאַנ-צען, וואָרום אַז זי פערשפּיעלט צאָהלט זי נישט. לײַען איבער גוט חיים סאַראָקערס בריוועלעך, וועסט דו זעהן, וואָס ער שרײַבט מיר פון אַלסדינג, ער לאָזט נישט דורך קיין ברעקעל, און אַז דו וועסט איבער-

לייענען די בריוולעך, זאָלסטו זיי מיר אָפּשיקען צוריק, ווייל איך האָב איהם געגעבען מיין עהרען־וואָרט, אַז קיין פויגעל זאָל נישט וויסען, וואָס ער שרייבט מיר.

איך מיין, אַז דו פערשטעהסט אַליין, אַז ער איז גערעכט, וואָס ער שרייבט מיר, וואָרום ער איז מיר אַ גוטער פריינד באמת און איז שוין נישט קיין „אויסגעוועבטער“. ער איז שוין יאָ אַ קלוגער מענש און אַ פּראַקטישער. ער פערשטעהט שוין דוקא יאָ, וואו איין און וואו אויס. על־כּן בעט איך דיך, בעלצי׳ היקרה, זאָלסט, למען השם, ווי נאָר דו וועסט ערהאַלטען דעם דאָזיגען בריעף, באַלד זעהען זיך מיט מיין פריינד חיים סאַראָקער, איהם נישט דערצעהלען, וואָס און ווען, ער זאָל גאָר אפילו ניט איבערקלערען, אַז דו ווייסט פון זיינע בריוולעך צו מיר. זאָלסט איהם נאָר לאָזען געריסען פון מיר גאָר פריינדליך, און זאָלסט נעמען געלד ביי איהם אויף מיין רעכנונג, וויפיעל דו בעדאַרפסט. זאָלסט זיך נישט קווינקלען אין דער סומע, נאָך אַ פינף־און־צוואַנציגער און נאָך אַ פופציגער. ממה־נפשך — עס קאָסט שוין אַזוי פיעל!... זאָלסט נאָר געדענקען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך זשאַלעווע דיר, חלילה, נישט דעם גראָשען דאָרט, וואו עס געהט אין דיין געזונד, וואָרום סוף כּל סוף איז מיר דיין געזונד טייערער פון אַלץ אויף דער וועלט.

גם זיי וויסען, בעלצי׳ היקרה, אַז עס איז געוועזען ביי מיר אַ גאַסט, דיין פעטער משה פון ראָדעס, און האָט מיך אָבגענודעט אַ גאַנצען טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט. ער וויל, איך זאָל איהם געבען אַ שטעלע ביי מיר אין דער נייער הויז. האָב איך איהם געגעבען אַ פיינע נדבה. האָט ער קיין נדבה נישט געוואָלט נעהמען, ער איז נישט קיין מקבל, זאָגט ער, און, חלילה, נישט קיין מחזיר על הפּתחים. ער וויל, זאָגט ער, כּשר פערדיענען זיין שטיקעל ברויט. ווייס איך נישט, וואָס ער מיינט „כּשר“ און וואָס מע טוט מיט איהם. און פון דיין פעטער נחמן פון קוטנע האָב איך געהאַט אַ בריעף, שרייבט ער, אַז ער איז אָבגעברענט געוואָרען אין דער גרויסער שרפה, אַרויס מיט ווייב און קינדער ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט און בעט הילף. האָב איך איהם אַרויסגעשיקט, וויפיעל איך האָב געקאָנט, חאָטש, דעם אמת זאָגענדיג, איך לייען צייטונגען, איך האָב אין ערגעץ נישט געזעהן, אַז קוטנע זאָל האָבען געהאַט אָבגעברענט. הכּלל, געלד געהט אַזוי ווי רויך, און דירה־געלד ביז מע רייסט אַרויס ביי די לאָקאַטאָרען, קומט

אָן מיט ווערים. און דאָס נייע הויז האָט מיך שוין אריינגעשלעפּט אַזוי ווייט, אַז איך פיהל, גלייך ווי איך טרינק מיך. נאָר זאָלסט ניט איבערטראַכטען, אַז איך שרייב דיר התנצלות, בכדי ס'זאָל ביי דיר ווינציגער אַוועקגעהן. חס וחלילה! זאָלסט דיר נישט אָבזאָגען פון קיין זאַך. רק זאָלסט זיך היטען פון שלעכטע מענשען, פון לעדיגגעהערס, פון שאַרלאַטאַנעס, וואָס האָבען נישט אין זינען זייערע אייגענע ווייבער און קוקען אויף שענערע. און זאָלסט דיך אָנהאַלטען בעסער אָן מיינע אמת'ע גוטע פריינד, און זאָלסט אָפּהיטען די קור, און זאָלסט מיר זיין געזונד, און קומען געזונטערהייד, אם ירצה השם, אַ היים, ווי עס ווינשט דיר באמת.

בעלך שלמה קורלענדער.

№ 20.

אסתר סאַראָקער פון די נאַלעווקיס (וואַרשאַ) צו איהר מאַן חיים סאַראָקער אין מאַריענבאַד.

ליעבער חיים!

עס וואונדערט מיך, וואָס איך האָב שוין לאַנג פון דיר קיין שום ידיעה. פון יענעם בריעף אָן, וואו דו בעקלאָגסט זיך אויף דעם „וויסטען" מאַריענבאַד, אַז ס'איז דאָרט נישטאָ וואָס צו טאָן, ביסט דו מיט אַמאָל אנשוויגען געוואָרען, ווערהענד צו אַנדערע, האָב איך געהערט זאָגען, שרייבסט דו זעהר אָפט און זעהר אַ סך... איך ווער געוואויר דורך פרעמדע, אַז דו ביסט דאָרט, מיט גאָטס הילף, אַ קאַוואַליער אין דעם מאַריענבאַד, וואָס פערמאָגט, ווי איך האָב געהערט זאָגען, אַזוי ווינציג מאַנספערשוינען און אַזוי פיעל פרויענצימערס! איך דענק, חיים, אַז עס דאַרף צו זיין גאַנץ אַנגענעהם זיך פיהלען, ווי מע זאָגט ביי אונז, „איין זכר אין מאַרקווע"... אמת, מע דאַרף זיין דערצו זעהר געשיקט און מע מוז בעזיצען געוויסע פעהיגקייטען צו קאָנען יוצא זיין פאַר אַזוי פיעל דאַמען, קיין עין הרע... נאָר נישט פון דעם רעד איך. דו ווייסט, חיים, אַז איך בין נישט אַזוי דום, איך זאָל זיין אייפערזיכטיג, ווי אַנדערע פרויען, ווי מיין שוועסטער חנצי, למשל, אַז אַך

און ווערע איז צו איהר מזל, זי האָט אויך גוטע גרוסען פון מאַריענבאַד. גוטע פריינד שלאָפען נישט, געבען זיך מיה צושטעלען איהר אַלע מאָל נייע סורפּריזען פון איהר תכשיט, ברילעווער און ליעבעצעטעלעך צו אַלערליי „דושינקעס" און „ליובינקעס", אַ נחת צו האָבען אַזאַ שוואָגער, ווי אונזער מאַרק און אַ תענוג איז דאָס אַ גרויסער, אַז מע האָט די זכיה איהם פאַר אַ מאַן צו האָבען. ווען דו זאָלסט זיין אין דערהיים, וואָלטען מיר אינאיינעם פאָרט געזעהען עפּיס איין עצה, וואָס טוט מען מיט דעם פּאָרפאָלק, אַ ביטערער רחמנות אויף מיין שוועסטער! אפשר וואָלטען מיר דאָס פאָר'ל אָבגעג'ט, טראָץ דעם, וואָס חנצי איז אין איהם צו די צרות פערליעבט, זאָגט, אַז זי קאָן אָהן איהם נישט לעבען. פערפינסטערט איז זי געוואָרען! האָב קיין פאַראיבעל נישט, חיים, וואָס איך דול דיר אַ קאָפּ. ווי טאָר איך פון דיר פערלאַנגען, אַז דו זאָלסט אין זינען האָבען פאַמיליען־זאַכען, אַז דו האָסט אויף זיך דאָרטען אַזוי פיעל פּליכטען?... נאָר איך קעהר מיך אום צו דיין בריעף.

דו בעקלאָגסט זיך פאַר מיר, חיים, און בעדויערסט, וואָס דו ביסט נישט קיין שרייבער. ווען דו זאָלסט זיין אַ שרייבער, זאָגסט דו, וואָלסט דו געהאַט פון מאַריענבאַד צו שרייבען און צו שרייבען. וועלטען וואָלסט דו איבערגעקעהרט! איך מיין, אַז דו זאָגסט עס גלאַט אַזוי, ווייל דו ביסט זעהר בעשיידען. אומגעקעהרט, איך דאַרף דיר מאַכען אַ קאָמפּלימענט, אַז איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז מיין מאַן זאָל האָבען אַזאַ טאַלאַנט צום שרייבען. דיינע בריעף, חיים, זענען, אָהן אַ טראָפּען חניפה גערעדט, אַ מוסטער פאַר אַ בריעפענשטעלער. אויסערדעם, וואָס זיי זענען אַזוי שען געשריבען, זענען זיי נאָך דערצו פערשיעדענאַרטיג, יעדער בריעף מיט איין אַנדער טאָן און מיט איין אַנדער אינהאַלט, טראָץ דעם, וואָס זיי זענען אַלע כמעט אין איין און דערזעלבער צייט געשריבען.

צום ביישפּיעל, דיינע בריעף, וואָס דו שרייבסט צו דיין פרוי, זענען נישט אַזעלכע ווי די, וואָס דו שרייבסט צו דיינע גוטע פריינד. אין די בריעף, וואָס דו שרייבסט צו דיין פרוי, בעקלאָגסט דו דיך אויף דעם „וויסטען" מאַריענבאַד, אַז דו טוסט נישט קיין זאַך, אויסער דעם, וואָס די דאָקטוירים הייסען דיך, נישט דו עסט, זאָגסט דו, נישט דו זיצסט אויף איין אָרט, נישט דו ריהרסט דיך צו, חס ושלום, צו אַ קאָרט, — מיט איינעם וואָרט דו „קוריערסט" זיך און קומסט נעבעך

אב אויף דער וועלט און לײדסט גלות מאריענבאד. וועהרענד דײנע בריעף, וואס דו שרײבסט צו אנדערע, זענען א סך לעבעדיגער, א סך פרעהליכער, און לײענען זיך, ווי א פעליעטאן. פון דײנע בריוולעך, וואס דו שרײבסט צו אנדערע, איז צו זעהען ערשטענס, אז דו שטעלסט די דאקטוירים א פײג און אז דו עסט, קײן עין-הרע, דוקא מיט א רעכטען אפעטיט און שפּיעלסט, דאנקען גאט, גאנצע טעג אדער אין דרײען פרעפעראנס אדער, פאר נויט, אינצווײען אין זעקס און זעכציג. לאנג לעבען זאל די מאדאם טשאפּניק, ווארום וואס וואלט איך געטאן, ווען זי זאל חס ושלום, אויך נישט זײן אין דעם „ווינסטען" מאריענבאד. מיט וועמען וואלסט דו געשפּיעלט אין זעקס און זעכציג?... און צווײטענס איז צו זעהען פון דײנע בריעף, וואס דו שרײבסט צו פרעמדע, ווי געטרײ דו האסט געגומען אויף זיך די אויפזיכט אויף יענע אומגליקליכע ווײבלעך נעבאך, וואס פאהרען ארוים דאס ערשטע מאל אויף דער גרויסער וועלט, און ווי נאהענט דו נעמסט זיך צום הארצען, וואס די דאזיגע עלענדע ווײבלעך שפּאציערען ארום איבער מאריענבאד נישט מיט דעם, וואס מע דארף, און געהען אין רעסטאראן עסען נישט מיט דעם, וואס עס פּאסט פאר זײ, און שטעהען נישט אין דעם געווינשטען האטעל. באשר בכן, דארפסט דו אוועקלעגען דאס געזונד, איבערפּעקלען די פערבלאנדזשעטע נשמות אין אײן אנדער האטעל און למען השם געבען צו וויסען זײערע מאנען, אז זײ זאלען נעבאך האבען עגמת-נפש און אויסגעהן מיט אלע כחות?... נײן, חיים, מפקיר זײן זיך שוין טאקי גאר אינגאנצען פון יענעמס וועגען איז אויך נישט בדאי. דו טארפסט נישט פערגעסען, אז דו ביסט אויף דער „קור", דארפסט זיך אזוי נישט אבעסען דאס הארץ, חיים, גלויב מיר, די עלענדע ווײבלעך וועלען, מיט גאטס הילף, קוכ'ען בשלום אהײם, צו זײערע מאנען, וואס האבען קײן צײט נישט געהאט און האבען זיך געאײלט חתונה האבען באלד נאך שלשים, און איצט ציטערט אויף זײ דאס לײב, זײערע ווײבלעך זאלען, חלילה, נישט געשטרויכעלט ווערען... נארישע מענער! זײ זאלען מיך פרעגען, וואלטען זײ בעדארפט די דאזיגע ווײבער לאזען לויפען. האלטען צוגעבונדען אויפ'ן שטריק קאן מען נאר א קוה, און דאך טרעפט זיך צמאל, אז זי געהט אין שאדען...

נאר מײן נישט, חיים, אז דאס, וואס איך שרײב דיר דא אין אזא טאן, איז, ווײל עס פערדריסט מיך. דו ווײסט גאנץ גוט, אז

איך בין נישט גלייך צו מיין שוועסטער חנצי, וואָס וויינט און קלאָגט אויף איהרע יאָהר און טעג און פערשעלט זיך דאָס געביין. איך וויל דיר נאָר בעטערקען איין זאך, אז די „קור" אין מאריענבאד קאָן נישט געהן גוט, אז מע פאָלגט נישט דעם דאָקטאָר און אז מע שפּיעלט גאנצע טעג אין קאָרטען און מע עסט זיך אָפּ דאָס הארץ פאר פרעמדע ווייבלעך, וואָס מע דארף אויף זיי השגחה געבען, זיי זאָלען, חלילה, נישט געהן אין שאָדען...

לייענענדיג, חיים, דיינע שענע גרויסע בריעף, וואָס דו שרייבסט צו דיינע „גוטע פריינד", האָב איך מיך דערמאָנט אין די אמאָליגע גליקליכע צייטען, ווּאָס וועלען זיך שוין לײדער קיין מאָל נישט אוםקעהרען... אַ מאָל, געדענק אויך, פלעגסט דו מיר אויך שרייבען גרויסע ליעבע הארציגע בריעף, היינט שרייבסט דו אזעלכע בריעף צו אנדערע און מיך פּטר'סט דו אָפּ מיט עטליכע שורות, אָדער עס געהען אוועק וואָכען און דו שרייבסט גאָרנישט. נאָר, שאַ, איך האָב גאָר פערגעסען, אז דו האָסט קיין צייט נישט. האָסט נעבאך אויף זיך אזוי פיעל זאָרגען אין דעם „וויסטען" מאריענבאד, דער אויבערשטער זאָל טאַקי שומר ומציל זיין אלע יודען!...

זיי געזונד, חיים, און פערגעס נישט פון דעסטוועגען מיר אויך אמאָל אריינוואָרפען אַ בריוועל חאָטש פון יוצא וועגען. לאָז זיך דיר דאכטען, עלהיי איך בין אויך אַ „גוטע פריינד" דיינע, וואָס דו שרייבסט צו זיי אָפּט און אַ סך, אמת בסוד סודות... און איך ווינש דיר ערפאָלג אין זעקס און זעכציג און אין פרעפעראַנס, אזוי ווי אין אלע דיינע איבריגע מאריענבאדער געשעפטען און אונטערנעהמונגען...

אסתר.

№ 21.

די יאַמאַיטשיכע פון מאריענבאד צו איהר מאַן וועלוויל יאַמאַיקער אויף די נאַלעווקים (ווארשא).

וועלוועל! וואָס פרעסט דו די נשמה און זעצסט מיט בריעף, איך זאָל דיר שרייבען און שרייבען? איך שרייב דאך דיר, דאכט מיר

אַלע וואָך, אַז ס'איז דערווײַל נישטאָ גאָרנישט וואָס צושרײַבען, וואָרום מיר זענען אין מאַריענבאַד, נישט אין קאַרלסבאַד. און איך שרײַב דיר, ווערלוועל, אַז עס בלאָזט דערויף, אַז מיר זאָלען שוין דאָ בלײַבען ווינטערן אין מאַריענבאַד, און לאָזען אונזערע שונאים שוין אַזוי לעבען, ווי איך וועל דאָ עפּעס מאַכען. און אַלץ איבער וועמען? איבער דיר מיט דײַן עקשנות און מיט דײַן שכל הישר, וואָס וועט אונז פערפירען אַלעמען, הלואי איך זאָל ליגען זאָגען, דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואוהין, וואָרום, אַז מאָמער וואָלט איך שוין געווען פאַרטיג חאָטש מיט איינעם, איך מײַן מיט'ן ביאַליסטאָקער, איז בין איך האָב זיך אַ קעהר געגעבען, איז דערווײַל אונטערגעשפּרונגען באַזעל. אַ היץ אין באַזעל, אַ קאָנגרעס פון ציוניסטען. האָט דאָס איהם אַוועקגעטראָגען קײַן באַזעל מיט נאָך עטליכע יונגע לײַט און בחורים, וואָס זענען צום מײַנסטען אויף מײַן פינסטער מזל אַלע ציוניסטען. אַ גליק חאָטש, וואָס דער קעשעניעווער פון קעשעניעוו איז נישט קײַן ציוניסט. ער לאַכט פון די ציוניסטען. ער זאָגט, אַז ס'איז נאָר איין אָנשטעל. פּונקט ווי די וואָס פאָהרען זיך קורירען. דער גאַנצער מײַן, זאָגט ער, איז חתנים און כלות. ווי באַלד אַזוי, טוט מיר טאַקי באַנג, פאַרוואָס בין איך געפאָהרען קײַן מאַריענבאַד און נישט קײַן באַזעל. ווען איך ווייס פריהער פון אַ קאָנגרעס און פון אַ באַזעל, וואָלט איך בעסער געפאָהרען קײַן באַזעל, וואָרום די גאַנצע וועלט, זאָגט מען, וועט זײַן אין באַזעל. און איך שרײַב דיר, ווערלוועל, אַז איך ווייס פריהער, וואָס דו וועסט מיר דערויף שרײַבען. דו וועסט מיר שרײַבען, איך זאָל דיר נישט שרײַבען פון באַזעל, וואָרום נאָך דײַן שכל הישר קומט דאָך אויס תמיד קאַפּויר, מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף. דערפאַר וויל איך דיר גאָר נישט שרײַבען פון באַזעל, וואָרום איידער דיך איבערשפּאַרען איז שוין גרינגער איבערטראָגען מאַריענבאַד אויף די נאַלעווקים, אָדער די נאַלעווקים קײַן מאַריענבאַד. און איך שרײַב דיר, ווערלוועל, אַז דו וועסט זײַן ערגער פון ערגער, אַז דו וועסט זיך נישט זעהען דאָרטען מיט די איטשע מײַערס, איך מײַן הערש לויפּערמאַנ'ען, קלמן ברויכשטוהל, יצחק מאיר שערענצים און יצחק מאיר פּעקעלים, און דער עיקר מיט שלמה קורלענדער און פרעגען בײַ זיי, וואָס איז די גדולה, וואָס זיי האָבען אַוועקגעשיקט זייערע ווײַבער אויף הפקר און אַליין זענען זיי געבליבען אין דערהיים? פאַרוואָס זאָלען זיי בעסער נישט קומען אַהער צופאָהרען חאָטש קלײַבען נחת, זעהען, ווי זייערע

וויבער פערנעמען זיך דערמיט, וואָס זיי חאַפּען איבער פרעמדע חתנים,
רעדען אָב יונגע לייט, אַז זיי זאָלען נישט חתונה האָבען. מע איז
זיך אַ ביסעל אָנגעפּאָהרען אַהער! קלאָמפּערשט אויף דער „קור"? ווער
מיר קור? אַז כאָג מיט נאַכט נאָר מע זוכט קאַוואַליערען. אַ בחור איז
אַ בחור, איין אלמן איז איין אלמן, אַ גרוש איז אַ גרוש, אַ בעווייב-
טער איז אויך גוט, אַבי אַ זכר. זינט איך לעב, זינט איך שטעה
אויף מיינע פיס — נאָר דיר אַ באָד. ביז מע דערלעבט צו זעהען אַ
שטיקעל מאַנספּאַרשוין בעפאַלען איהם אונזערע נאַלעווקער ווייבלעך אַזוי
ווי די פליעגען און מע הויבט אָן פריהער מיט די פּיסקעלעך און
מיט די צינגעלעך זיסע רעדעלעך: העטי — פעטי — מעטי — וועטי,
און דוקא אויף דייטש, אַנדערש לוינט זיך נישט, און נאָכדעם געהט
מען אַלע אינאיינעם פּאָרליכווייז, קלאָמפּערשט טרינקען קאַווע, נאָר
דער עיקר'שט איז העטי — פעטי — מעטי — וועטי. אַזוי לאַנג אַזוי
ברייט, ביז מע מאַכט אַ פאָהר אַרויס ערגיץ העט אונטער דער שטאָדט
אַרויס, און דאָרטען אָדער מע געהט אין וואַלד, אָדער מע שיפּט זיך
אויף שיפלייך, אָדער דער שוואַרץ יאָהר וויים זיי, וואָס זיי טוען דאָר-
טען! און איך שרייב דיר, וועלוועל, אַז דו שרייבסט מיר, איך זאָל
דיר שרייבען פונ'ם קעשעניעווער שידוך, וואָס פון קעשעניעוו, שרייב
איך דיר, אַז איך האָב דיר שוין געשריבען. וויפיעל מאָל דאַרף מען
דיר שרייבען? הייסען הייסט ער זיידענער און אַליין איז ער אַ צייהן-
דאָקטאָר, און אויפ'ן פנים איז ער אַ שענער, אַ פּאַרשוין קאָן מען זאָ-
גען, און טוט זיך אָן שען, אַז ס'איז אַ פערגעניגען צו קוקען, אַלסדינג
גוט אַרום און אַרום. און איך שרייב דיר, וועלוועל, אַז דער שדכן
האָט אַוועקגעשריבען שוין צוויי בריעף קיין קעשעניעוו, מע זאָל איהם
שרייבען, ווער און וואָס דער זיידענער איז, שרייבט מען איהם פון
דאָרטען, אַז ער איז טאַקי אַ צייהן-דאָקטאָר און אַ גוטער צייהן-דאָקטאָר,
שרייבט מען. און האָט זעהר אַ שענעם קאַבינעט, און איז זעהר אָנ-
גענומען, און פערדיענט זעהר שען געלד, שרייבט מען. און מע זעהט
טאַקי, אַז געלד איז ביי איהם בלאָטע, און ער רעדט אפילו גאָרנישט
פון קיין געלד, ווי אַנדערע, למשל, דער ביאַליסטאָקער, וואָס דינגט
זיך מיט מיר שוין פון צוויי וואָכען, ווי איבער איין אָקס. דאָס הייסט,
נישט ער דינגט זיך, נאָר דער שדכן דינגט זיך. און אַליין שטעהט
ער כלומר'שט ביי דער זייט, ער מישט זיך נישט, הייסט עס, אין
זועלכע זאַכען... און איך שרייב דיר, וועלוועל, אַז דער קעשעניעווער

M. NEW

דאַנטיִסט געֶפעֶלט מיִר זעֶהר. איִך רעֶכעֶן אוועֶקגעֶבעֶן איִהם נאָך דעֶר חתונה אונזעֶר יעֶנקלעֶן, טאָמעֶר וועֶט עֶר איִהם מאַכעֶן פאַר אַ שטיִקעֶל מעֶנש. און איִך שרײַב דיִר, וועֶלוועֶל, אַז דו האָסט ניִשט וואָס צו זעֶצעֶן מיִט בריִעף, אַז איִך זאָל דיִר שרײַבעֶן, וואָרום איִך האָב דעֶר-ווײַל גאָרניִשט, וואָס צו שרײַבעֶן. אַז ס'וועֶט זײַן וואָס צו שרײַבעֶן, וועֶל איִך דיִר אַליין שרײַבעֶן, אָדעֶר קלאַפּעֶן אַ דעֶפּעֶש, זאָלסט קומעֶן אויפ'ן גרײַטעֶן. און איִך שרײַב דיִר, וועֶלוועֶל, אַז איִך האָב צוגעֶ-שלעֶפּט צום קעֶשעֶניעֶוועֶר שידוך אונזעֶר טשאַפּניִטשקעֶ. לעֶבעֶן לעֶבט זיִ גרוים און קיין געֶלד האָט זיִ ניִשט, האָב איִך איִהר צוגעֶשאַרט אַ פּעֶרדיִענסטעֶל. למאי זאָל דעֶר סוויִרסקיִ, דעֶר וועֶלט-שדכן, וואָס איִך האָב דיִר געֶשריִבעֶן, צונעֶמעֶן די גאַנצעֶ פוטעֶר? וואָס וועֶט מיִר אַרעֶן, אַז דיִ טשאַפּניִטשקעֶ וועֶט אויך עֶפּיִס נאַשעֶן? הלואי זאָל איִך עֶס נאָר אויסקײַטלעֶן, אם-ירצה-השם, איִן אַ גוטעֶר שעה, איִך זאָל דיִר קאָנעֶן שרײַבעֶן נײַעֶס. און איִך שרײַב דיִר, וועֶלוועֶל, זאָלסט זיִך מאַכעֶן צײַט און למעֶן-השם זיִך זעֶהעֶן דאָרטעֶן מיִט לויפּעֶרמאַנעֶן און מיִט ברויל-שטוהל'עֶן און דעֶר עיקר מיִט דעֶם קורלעֶנדעֶר אָקס און איִהם אויפּעֶ-פּעֶנעֶן דעֶם מוח אויף זײַן בעֶלציִ'ן. אַז ס'איִז גלײַכעֶר, עֶר זאָל בעֶ-סעֶר אַלטונג געֶבעֶן אויף זײַן ווײַב איידעֶר אויף זײַנעֶ הײַזעֶר. דיִ הײַ-זעֶר וועֶט דעֶר רוח ניִשט נעֶהמעֶן, און זײַן בעֶלציִ מאַכט דאָ חנ'דלעֶך מיִט פּרעֶמדעֶ חתנים און מיִט פּרעֶמדעֶ מאַנעֶן, וועֶלכעֶ שלאָגעֶן זיִך גאָר פאַר איִהר, וויִ פאַר עֶפּיִס רעֶכטס. ס'איִז חולשי חלשות, אַ בזיון מיִט אַ האַרצווייטאָג אויסאײַנעֶם. וואָרוּם ווען ניִשט אָט דיִ נאַלעֶווקעֶר חײַבלעֶך, וואָלט אָט דעֶר קעֶשעֶניעֶוועֶר שדוך שוין לאַנג געֶוועֶן אַ שדוך. און איִך שרײַב דיִר, וועֶלוועֶל, אַז איִך קאָן דיִר גאָר אַזוי פיִעל ניִשט אַרויסשרײַבעֶן, און זײַ געֶזונד און גריִס דיִ קיִנדעֶר, יעֶנקלעֶן און מעֶנדלעֶן, גאָר פרײַנדליִך.

פון מיִר דײַן פרוי

פּעֶרעֶל יאַמײַקעֶ.

№ 22.

איים סאראקער פון מאריענבאד צו זיין פריינד שלמה קורלענדער אויף די נאלעווקים (ווארשא).

ידידי!

איך וואלט דיר בעדארפט אפשפיעלען א פריהמארגען גאר אויף איין אנדער אופן. אדער נאך בעסער וואלט געווען, איך זאל דיר גאר־נישט שרייבען, ווארום דו ביסט דאס נישט ווערט. אויף אזא פרא־אדם, ווי דו אהן בײדע זאכען: אהן שכל און אהן יושר, איז אסור לרחם! אז די וועלט זאגט, אז די קורלענדער זענען חכמים בלילה, איז דאס א פנים נישט אומזיסט. א וועלט איז נישט משוגע.

איך פרעג דיך אליין, ביסט דו נישט קיין פערד, חאטש דו ביסט שוין א יוד קרוב צו ששים, בערעכען דיך, אויב דו האסט נאך א שטיקעל קלעפקע אין קאפ, וואס האסט דו געטאן? דו געהסט און שרייבסט מיר אריין א בריעף אזוי און אזוי, און בעטסט מיך רחמים, עס האט דיך געטראפען א צרה, דיין בעלצי פאהרט קיין מאריענבאד דאס ערשטע מאל אויף איהר לעבען און קען נישט די שפראך און ווייס נישט, ווער עס האט זי געשלייערט, על כן זאל איך זי מקרב זיין, אויף איהר השגחה געבען, אויסלייהען איהר געלד און נאך אזעלכע זאכען. און דו אליין לײגסט מיר נאך אריין א פינגער אין מויל אריין, איך זאל זעהן, אז זי זאל זיין ווייט אבגעשיידט פון איהר קרובה, חוה'לע טשאפניק, און כדומה אזעלכע זאכען. און בעטסט מיך נאך אליין, ס'זאל זיין בסוד. און איך בין אזא שוטה, און גלויב דיר, וואס דו שרייבסט מיר, און האב אויף דיר רחמנות, און שרייב דיר אוועק א בריעף און נאך א בריעף, און געב דיר איבער אלסדינג מיט אלע פישטשעווקעס, און זאג דיר אן צעהן מאל, אזוי ווי דו שרייבסט מיר בסוד, אזוי אויך דאס, וואס איך שרייב צו דיר, בעדארף זיין א הייליגער סוד, וואס נאר צווישען אונז בײדען זאל עס בלייבען, און קיין פויגעל זאל נישט וויסען אפילו, אז דו שרייבסט צו מיר און אז איך שרייב צו דיר. לסוף, וואס טוט אזא חכם, ווי דו? געהסט דו, קורלענדער אינדיק, וואס דו ביסט, און טראגסט אוועק מיינע בריעף

גלײַך צו מײַן אסתר'ן, — ביסט דו נישט ווערט, אַז מע זאָל דיך אַנידערלעגען אין מיטען די נאַלעווקיס און אָבצימבלען דיך, ווי עס געהער צו זײַן, אָדער שנײַדען פון דיר פּאַסען? איך פרעג דיך, משוגע'נער לעקיש, ווער טוט עס? דאָס טוט דאָך נישט דער ערגסטער הולטײַ שבהולטײַעס! נישט אומזיסט זאָגט די וועלט אַ ווערטעל, אַז אַ הולטײַ איז טויזענד מאָל ערגער פון אַ נאַר. ניין, איך פרעג דיך אײַן אַנדער קשיא: וועלכער רוח האָט דיך געטראָגען, אַז דו זאָלסט זיך צו מיר אָנשלאָגען מיט דײַן בעלצי'ן? און וואָס געהט מיך אָן, צי דײַן בעלצי פאָהרט דאָס ערשטע מאָל קיין מאַריענבאַד צי דאָס לעצטע מאָל? ווער האָט געבענקט נאָך איהר אָט דאָ אין מאַריענבאַד און ווער האָט אַרויסגעקוקט אויף איהר, אַ חוץ מײַן שוואָגעריק, דער שאַרלאַטאַן? וויים-זשע, דו קורלענדער בהמה, אַז דײַן בעלצי איז דאָ, חלילה, נישט קיין עלענדע; אַז אַ חוץ מײַן שוואָגעריק דעם אַדעסער תכשיט, טאַנצען אַרום איהר נאָך שאַרלאַטאַנעס, און מעהר פון אַלעמען אײנער אַ קעשעניעווער פראַנט מיט ווײַסע הויזען, אַ דאַנטיסט, וואָס האָט בעדאַרפט די טעג אַ חתן ווערען. די מאַדאַם טשאַפּניק איז געווען די גאַנצע שדכנ'טע און געזאָלט האָפען דערבײַ אַ גראָבס, נאָר ס'איז צו נישט געוואָרען, מע ווייסט נישט איבער וואָס, מע האַלט דאָס בסוד. נאָר דײַן בעלצי ווײס פונ'ם סוד, וואָרום קײנער איז מיט איהם אַזוי נישט נאָהענט, ווי דײַן בעלצי... זײ שפּאַצירען אַרום שטענדיג אינאײנעם, טרינקען אין אײן צײַט דאָס וואַסער בײַ'ם ברונען, און עסען אין רעסטאָראַן בײַ אײן טיש... האָט דאָס מסתמא רעכט פערדראָסען מײַן שוואָגעריק דעם אַדעסיט, האָט ער זיך זאַטשעפּעט מיט'ן קעשעניעווער דאַנטיסט, האָט איהם דער דאַנטיסט געשיקט זאָגען, אַז ער רופט איהם אַרויס אויף אַ דועל, און עס וויגט זיך מאַריענבאַד און די וועלט געהט האָדאָראָם! מיט אײן וואָרט, ס'איז אַ גאַנצער ראָמאַן, און דײַן בעלצי איז פון איהם די העלדין, און דו זיצסט אויף די נאַלעווקיס און היטכט די הײַזער. היט-היט, קורלענדער לעמעשקע, זײ זאָלען ניטט אַנטלויפען! פאַר דײַן בעלצי'ן זאָלסט דו דיך נישט זאָרגען. זי וועט ניטט פערפאַלען ווערען, איך האָב געהערט זאָגען, אַז זי פאָהרט אַריבער פון דאַנען אין אײן אַנדער באָד. וואוהין — ווײס איך נישט. איך האָב געהערט, אַז קײן אָסטענדע. און זי טוט זײער גלײַך. משנה מקום משנה מזל... יעדענפאַלס דאַרפסט דו קײן יסורים נישט האָבען. זי פאָהרט נישט אַלײן. זי פאָהרט אינצווײען... נאָר וואָס

געהט עס מיך אָן. פון מיינעט-וועגען מעגען זיי פאָהרען אפילו אין דרייען. ווארום, אַז האָסט געקאָנט האָבען אין זיך אַזאַ יושר און געהן ווייזען מיין אסתּר'ן די בריעף, וואָס איך שרייב צו דיר בחדר"ג, ביסט דו אַ פּעטאַך און איין אַלטער בעזעם און אַ שמענדער בגעץ און אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, און ביסט נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט דיך, און איך וויל מיט דיר מעהר קיין מגע ומשא נישט האָבען!

איך וואָלט דיר איינענטליך געקאָנט שרייבען איצטער נייעס און נייעס, טאַקי פון דיין בעלצי'ן מיט דעם דאָזיגען קעשעניעווער פוי-געל... נאָר איך וויל מיך שוין מעהר נישט אַריינמישען אין אַזעלכע עסקים און וויל אפילו אין דיינע ד' אמות נישט שטעהן! גענוג. איך האָב מיך שוין אָבגעבריהט מיט דיר איין מאָל — מעגסט שוין איבער-געהן אויף אַנדערע הענד. מיך זאָלסט דו מעהר נישט פּועגען גאָר-נישט, און נישט שרייבען צו מיר, ווארום איך וועל דיר נישט ענט-פערען. איך בין שוין מעהר נישט דיין בעל-יועץ מיט דיין בעל-סוד, און דול מיר נישט קיין קאָפּ, און דרעה מיר נישט קיין ספּאָדיק. איך וויל דיך נישט קענען, אַזוי ווי איך האָב דיך נישט געקענט.

דאָס געלד, וואָס איך האָב דאָ געגעבען דיין בעלצי'ן אויף דיין רעכענונג, קאָנסט דו מיר אָבשיקען אַהער, אויב דו ווילסט, און אַז נישט, וועסט דו מיר בעצאָהלען אין וואַרשאָ, אחת ואחת. נישקשה, ביסט ביי מיר אַ בטוח. און אפשר וועסט דו מיר נישט וועלען צאָה-לען פאַר דיין בעלצי'ן? אדרבה, לאָז דיר גאָט געבען אַזאַ מחשבה. איך האָב דיין בריעף, וואו דו שרייבסט מיר בפירוש, איך זאָל אַרויס-געבען דיין ווייב געלד אויף דיין רעכענונג, ווען נאָר זי וועט בעדאַר-פען און וויפיעל זי וועט פאָדערען. און לאָמיר זעהען, דו זאָלסט אָבלייקענען, וועסט דו נאָך האָבען בזיונות אויך, ווארום איך וועל דיין בריעף געבען איבערזעצען אויף רוסיש, — ער איז ביי מיר אַ דאָקומענט...

און האָרך אויס, חכם מיינער, אַזוי ווי דו ביסט, ווי איך זעה, אַ מענש, — וואָס דו קאָנסט נישט האַלטען אין זיך, וועסט דו דאָך אודאי וועלען אָבטראָגען מיין ווייב, וואָס איך שרייב צו דיר אַצינד, זאָג איך דיר, אַז דו קאָנסט דאָס טאָן מיט'ן גרעסטען כבוד. נאָר איידער איך געזעגען מיך אָב מיט דיר, דאַרף איך דיר נאָך אַמאָל זאָגען אָפענטליך, אַז דו ביסט אַ קורלענדער לעמעשקע, און איין אָב-

נעריסענער נאר און א שמענדריק און א בהמה בצורת פערד און א דאס, וואס מע טאר נישט אויסזאגען...

פון מיר דיין געוועזענער גוטער פריינד, וואס דו ביסט נישט ווערט זיין פארמעטקע

חיים סאראקער.

№ 23.

שלמה קורלענדער פון די נאלעווקים (ווארשא) צו זיין פריינד חיים סאראקער אין מאריענבאד.

לכבוד ידידי היקר מוה״ר חיים נ״י.

ווי בוימעל אויפ׳ן פייער און ווי זאלץ אויף א וואונד, אזוי איז געוועזען דיין בריף צו מיר, וואס האט מיר צוגעלעגט צו מיינע צרות נאך א צרה און צו מיינע עגמת-נפש, וואס איך האב, נאך מעהר עגמת-נפש, אז ממש איך גיה ארום אהן א קאפ, און ווייס שוין גאר-נישט, וואס איך זאל טאן. לא די, וואס איך האב אזעלכע גוטע ידיעות פון מאריענבאד, בעדארף איך נאך האבען חרפות-בושות פון דיין אסתר׳ן און עס דארף מיר פלאמען דאס פנים פאר א בערעל טשאפניק, וואס איך היט זיך פאר איהם ווי פאר פייער. איך זאל נעמען אויסדערצעהלען דיר מיין געשוואלען הארץ, מיט די צרות און גע-בראטענע לייד, וואס איך שטעה אויס פון זינט מיין בעלצי איז אין מאריענבאד, וואלט איך געהאט דיר צו שרייבען און צו שרייבען. נאר דו האסט נישט פערדינט ביי מיר, חיים, איך זאל דיר אפילו ענט-פערן אויף דיינע זידלערייען און זלזולים. ווי מיר האבען היינט יום גימעל אויף דער גאנצער וועלט, אז דו ביסט קעגען מיר אומגערעכט ארום און ארום, און אז דו וועסט איבערלייענען מיין בריף, וועסט דו אליין זאגען, אז דו האסט געהאנדעלט אקעגען מיר נישט ווי א גו-טער פריינד און איין ארענטליכער מאן, נאר ווי א שונא און ווי א נידערטרעכטיגער מענש מיט א פערדארבענעם כאראקטער. נאר לאמיר געהן בהדרגה און לאמיר דיר אבענטפערן פריהער אויף דיין בריעף על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

מילא, וואס דו זידעלסט מיך ווי א יאטקע-יודענע און רופסט מיך אן מיט אזעלכע נעמען, וואס מע האט נאך נישט געהערט צווישען סעדיכעס אויף דער זשעליאזנע בראמע, — דאס בין איך דיר מוחל, איך געפין אויף דיר א זכות — מסתמא האסט דו בעקומען א רעכטע פארציע פון דיין אסתר'ן, וואס איז איהר נעבאך וויסט אויפ'ן הארצען, ביסט דו געגאנגען און האסט אויסגעלאזט דעם גאנצען צארן אויף מיר, חאטש גאט איז יודע דעם אמת, אז איך בין ריין, איך זאל אזוי ריין זיין פון שלעכטס. און לאם איך אזוי דערלעבען זעהן מיין בעלצין בקרוב צוריק אין ווארשא, ס'איז ביי מיר א גוטע שבועה, ווי איך האב נישט מזכיר געווען פאר דיין אסתר'ן קיין חצי דבור פון דיינע בריוולעך צו מיר אדער פון מיינע בריוולעך צו דיר. אסור, אויב איך הויב אן צו פערשטעהן, ווי אזוי קומען זיי צו דיין אסתר'ן? אדרבה, איך האב שוין לאנג חושד געווען דיך, אז דו האסט דיין אסתר'ן מיינע בריעף צו דיר יא בעוויזען, ווארום פון וואנען דען וויים דיין אסתר, אז איך האב דיר פערטרויט מיין בעלצין אין מאריענבאד, אז דו זאלסט אויף איהר השגחה געבען, אויסלייהען געלד און נאך אזעלכע זאכען? איך קום צוגעהן איין מאל צו דיר אהיים זעהען, וואס מאכט דיין אסתר און איבערגעבען איהר א געריס פון מיין בעלצין, רופט זיך אן צו מיר דיין אסתר: „איהר האט נישט געהאט, זאגט זי, אין מאריענבאד קיין נעהנטערען גוטען פריינד, זאגט זי, איהר זאלט איהם מאכען פאר אנ'אפעקון, זאגט זי, אויף אייער בעלצין, א חוץ מיין חיים'ען?...״ איך האב באלד פערשטאנען, וואוהין דער ווינט בלאזט, נאר איך האב מיך אנגענומען מיט הארץ און האב איהר אבגעענטפערט: „זאלט איהר מיר געזונד זיין, זאג איך, געבען אייער מאן אנ'אנווייזונג אויף געלד, זאג איך, ווערט שוין אנגערופען ביי אייך, זאג איך, „אפעקון?״ הערט זי מיך אוים און מאכט צו מיר: „ווייםט איהר וואס, רב שלמה, לאמיר, זאגט זי, דערפון נישט רעדען מעהר...״

נאך אזעלכע רעד דארף מען זיין, דאכט מיר, א לייטענער גולם, אז מע זאל נישט פערשטעהן, אז אדער דו האסט איהר איבערגעשיקט מיינע בריעף, וואס איך האב צו דיר געשריבען, אדער דו האסט איהר גלאט אזוי איבערגעגעבען אלסדינג, וואס איך האב דיר געשריבען וועגען מיין בעלצין, חאטש איך פערשטעה נישט, צו וואסער א צוועק? נאך א סימן האב איך געהאט, אז דיין אסתר וויים פון מיינע

בריעף צו דיר: אז איך האב געהאלטען שוין ביי אוועקצוגעהן, רופט זיך אן צו מיר דיין אסתר: „לאזט גריסען אייער בעלצי'ן, און שרייבט איהר, אז זי וועט פאהרען צוריק פון מאריענבאד, זאגט זי, איבער בערלין און וועט זיין ביי ווערטהיימער'ן, זאל זי מיך אויך, זאגט זי, אין זינען האבען...“ פון וואנען ווייסט דיין אסתר, אז מיין בעלצי איז געוועזען ביי ווערטהיימער'ן? א נביא'טע איז זי, ציי א פייגעלע האט עס איהר געבראכט צוטראגען פון מאריענבאד?

נאר דאס אליין וואלט געוועזען א האלבע צרה. האסט מיר געוואלט פערשווארצען דאס פנים פאר דיין אסתר'ן ביסט דו געגאנגען און האסט איבערגעגעבען אזעלכעס, וואס דו האסט נישט געטארט איהר איבערגעבען בשום אופן, נאר גארנישט. אבגעטאן איז פערפאלען. וואס האסט דו אבער געהאט צו מיר, זאלסט מיר אנשיקען אויף מיין קאפ א נייעם אומגליק? איך רעד פון בערעל טשאפניק. פון וואנען ווייס עס אט דער אפעריסט, וואס איך האב געשריבען צו דיר וועגען איהם און וועגען זיין מאדאם, אז זיי וואוינען שוין צוואנציג יאהר אין ווארשא און קיין בן-אדם ווייס נישט, ווער איז טשאפניק, און פון וואנען לעבט אט דער טשאפניק, זון נאך אזעלכע זאכען? אויף אזא מין אנשיקעניש האב איך זיך קיינמאל נישט געקאנט ריכטען. ווי אין אנ'אויג א שטאך, אזוי היט איך מיך מיט א ווארט קעגען דעם דאזיגען יודען, און איך קאן געהן שווערען אין טלית און אין קיטעל, אז אויסער דיר האב איך וועגען איהם קיינעם קיין שלעכט ווארט פון מיין מויל נישט ארויסגעזאגט. ער ווייס נישט, זאגט ער, וואס איך האב צו איהם? דאכט זיך, מיר האבען קיינמאל, זאגט ער, זיך נישט געקריגט. און טאמער איז געוועזען צווישען אונז א שטיקעל רעכענונג (דו הערסט? א שטיקעל רעכענונג!) וועגען דירה-געלד, זעגען מיר, זאגט ער, לעבעדיגע מענשען, ער האפט, זאגט ער, גאר אין גיכען, מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף, זיך צערעכענען מיט אלעמען און מיט מיר צום אלעם ערשטען. ווייל ער האלט מיך ערשטענס, פאר א פיינעם און איין ארענטליכען און א גוטען מענשען מיט א ווייכען כאראקטער (דו הערסט, ציי ניין?) און והשנית, זאגט ער, זעגען מיר דאך איצטער עפים שטיקלעך קרובים...

„קרובים?“ — דא בין איך שוין געווארען אנגעצונדען. מילא, א ווייכען כאראקטער אז איך האב און נאך אזעלכע זאכען קאן מען נאך ווי עס איז אריבערטראגען. נאר אז בערעל טשאפניק האלט שוין ביי

אויסרעכענען זיך מיט זיין קרובה'שאַפט — שמעקט דאָס שוין געווים מיט אַ גמילות-חסד. צום סוף לאָזט זיך אויסעט, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט. דאָס הייסט, מיט אַ גמילות-חסד האָט זיך עס טאַקי געענדיגט, נאָר דער עיקר'שט פון זיין אַריינקומען, זאָגט ער, איז נאָר איין זאַך: „פאַר וואָס זאָלט איהר מיך האַלטען, זאָגט ער, שטענדיג אין מויל, זאָגט ער, און מיך בערעדען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַזוי, אַז גאַנץ מאַריענבאַד זאָל, זאָגט ער, וויסען, אַז איך זיץ, זאָגט ער, צוואַנציג יאָהר אין וואַרשאָ און צאָהל נישט קיין דירה-געלד, און אַז איך צאָהל נישט דעם קצב פאַר פלייש, זאָגט ער, און אפילו העקסעלמאַנען פאַר דער וועטשערע, זאָגט ער, האָב איך אויך נישט בעצאָהלט..."

ווי אַזוי מיר איז געווען אויפ'ן האַרצען נאָך אַזעלכע רעד — בעדאַרף איך דיר נישט דערצעהלען, חיים. דו ביסט דאָך שוין נישט קיין קורלענדער, ווערסט דו שוין אַליין ווי עס איז פערשטעהן מיט דיין אייגענעם שכל. נאָר וואָס דען? איך פרעג דיך, איז דאָס אַ יושר, נעהמען מיינע בריעף, וואָס איך שרייב צו דיר בסוד סודות און בעוויזען זיי דער מאַדאַם טשאַפּניק, זי זאָל זעהן, וואָס איך שרייב צו דיר אויף איהר מאַן? און נאָך אַזאַ מעשה נורא געהסט דו און טראַכסט אויס אויף מיר אַ בלבול, אַז איך האָב בעוויזען דיין אסתר'ן די בריעף, וואָס דו שרייבסט צו מיר, און פאַלסט אָן אויף מיר מיט זידלערייען און בעליידיגסט מיך ווי דעם לעצטען שבלעצטען!! ניין, חיים, איך וועל דיך נישט זידלען אַזוי ווי דו זידעלסט מיך. איך בין נישט דו. נאָר זאָגען וועל איך דיר, אַז דו ביסט אַ נידריגער מענש מיט אַ געמיינעם פערדאָרבענעם כאַראַקטער, און דערצו נאָך אַ שטיק משוגע'נער, אַ כהן, צווישען כהנים אַ כהן! און מעהר איז נישטאָ מיט דיר וואָס צו רעדען. „איין אָקס, זאָגט מען, האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר נישט בלאָזען..."

ידידך שלמה קורלענדער.

M. NEWM

№ 24.

חנצי מאריאמטשיק פון די נאלעווקים (ווארשא) צו איהר מאן מאיר מאריאמטשיק אין מא־יענבאד.

טייערער מארק!

אומזיסט איז דיין טרחה, און דיינע זיסע בריוולעך צו מיר, וואו דו ערקלערסט זיך מיר אין ליעבע, זענען ארויסגעווארפען. איך ווייס שוין, צוליעב וואס דו בּיסט געפאהרען אין אויסלאנד. איך ווייס שוין, צוליעב וועמען דו האסט זיך אזוי געריסען קיין מאריענבאד. צו שפעט האב איך דאס ערפאהרען, אז אך און וועה איז מיר. איך זאל נישט זיין קיין נאר, וואלט איך עס בעדארפט ארויסזעהן א סך פריהער, נישט גלויבען אזא אפעריסט ווי דו בּיסט, אז דער דאקטאר הייסט דיר פאהרען קיין מאריענבאד. איך שיק דיר דא, מארק, א מתנה — א בריעף, וואס שלמה קורלענדער שרייבט צו אונזער חיים'ען און א בריעף, וואס אונזער חיים שרייבט צו זיין פריינד שלמה קורלענדער. פון די דאזיגע בריוולעך וועסט דו שוין פערשטעהן, פון וואנען איך ווייס אלסדינג, וואס קומט פאר ביי אייך אין מאריענבאד. עס שטעהט מיר פאר די אויגען די דאזיגע הולטייקע, וואס שלמה קורלענדער האט געבראכט צופיהרען די דריטע וואך נאך זיין ווייבס טויט, געגומען זי, א מכה איהם, ווי זי שטעהט און געהט פאר איהר שען פענעציל. אצונד איז שוין רעכט. אצונד פערשטעה איך שוין אלעס. און זיי זיכער, מארק, אז איך וועל שוין לאנג דיר נישט שטערען, גיך, גיך וועל איך דיר אויפבינדען די העגד. גיך-גיך וועל איך דיר בעפרייען. עס איז געוועזען ביי מיר היינט צוויי מאל דער דאקטאר. ער זאגט, אז איך בין רעכט קראנק, אז ס'איז ביי מיר געריהרט די לעבער, און אז איך בעדארף האבען קארלסבאד, ווי מען בעדארף לעבען. נאר איך וועל קיין קארלסבאד נישט פאהרען. דו הערסט, מארק? אין דער ערד אריין וועל איך דיר ליעבער פאהרען, נישט קיין קארלסבאד, איך זאל זעהן דארט, ווי דו בּיסט די כפרה נאך אויסגעלאסענע ווייבלעך, ווי דו פליהסט זיי אבנעהמען פון דער באהן און ווי דו ברענגסט זיי צופיהרען צו זיך אויף דער סטאנציע, און ווי דו שפאצירסט מיט זיי איבער מאריענבאד, און ווי דו פיהרסט זיי אין קינעמאטאגראפס

און אין טעאַטערס — און אין רעסטאָראַנען. וועה, צו וואָס איך האָב מיך דערלעבט! טאַטע-מאַמע זאָלען איצט אויפשטעהן פון קבר און אַ קוק טאָן אויף זייער מוזינקע חנצי, וואָס פון איהר איז געוואָרען! פאַרוואָס בין איך נישט אויסגערונען ביי דער מאַמע אין בויך, איידער איך האָב דיך דערקענט! אַ בייזער טויט וואָלט געמעגט קומען אויף דיינע קרובים וועלוועל יאַמאיקער מיט זיין יאַמאַיטשיכע, וואָס האָבען דיך אויסגעשריבען אַהער פון אָרעס! פערשאָלטען וואָלט געמעגט ווערען דער טאָג, וואָס איך האָב מיך מיט דיר געטראָפען! נישט אומזיסט האָט מיר מיין אסתר וויפיעל מאָל געגעבען אָנצוהערעניש, איך זאָל דיר נאָכקוקען, וואוהין דו געהסט און מיט וועמען דו בעגעגענסט זיך אין ווארשאָ. איך האָב געוואוסט, אַז דו זוכסט פייגעלעך; נאָר געה טרעף, אַז שלמה קורלענדער'ס ווייבעלע וועט זיך מיט איהם אויפּרעדען, מע זאָל פאָהרען אינאיינעם קיין מאַריענבאַד! וואו זענען געוועזען מיינע אויגען? וואו איז געוועזען מיין שכל? און וואָס טראַכסט דו דיר, מאַקס? איך ווייס דיין פּלאַן, — גלויב מיר איך ווייס. איך קאָן דיך אויסגעפונדען. דו רעכענסט, אַז אַ דער קורלענדער שוטה וועט געוואָהר ווערען פון דיין ראָמאַן, וועט ער מסתמא חאַפּען זיך גט'ען מיט בעלצין'ן און דו וועסט זיך גט'ען מיט מיר און איהר וועט זיך חתונה האָבען ביידע אין אַ מזל'דיגער שעה? אַ מכה! נישט שלמה וועט גט'ען זיין ווייבעל, נישט איך וועל נעהמען ביי דיר גט, גיכער וועל איך דיר שטאַרבען פון דער לעבער, איידער איך זאָל דיך מיט מיין גוטען ווילען בעפרייען, זאָלסט קענען חאַסלירע האָבען מיט דער פּאַסקודניאַק, וואָס האָט זיך פערקויפט פאַר געלד צו איין אַלטען שקראָב, וועלכער האָט עלטערע טעכטער פון איהר! איך שטעל מיר פאַר דיין טרויער, ווען איך נעם און שטאַרב אַוועק, חלילה, דיין וויינען, וואָס דו וועסט זיך אָנוויינען נאָך מיר! איך ווייס גאָרנישט, אויב דו וועסט עס אויסהאַלטען אפילו... פונדעסטוועגען, מאַרק, זיי נאָר נישט אַזוי פרעהליך, וואָרום נישט אַזוי גיך שטאַרב איך דיר. איך וועל דיך נאָך פריהער אַ ביסעל אָנמוטשען גוט. וועסט ביי מיר פריהער צוקרענקען, גרוי און אַלט וועסט דו ביי מיר ווערען. סיידען דו וועסט זיך מיט איהר אויפהויבען, מיט אָט דער כל-בו'ניצע, און אַנטלויפען, וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט, ערגיץ קיין אַמעריקאַ. האָט איהר אָבער קדחת מיט וואָס צו פאָהרען. נישט זי — נישט דו. איהר שיקט דער מאַן געלד דורך אונזער חיים'ן אַלע שעה אַנ'עס-לעפעל,

זיי דו זעהסט פון די בריוולעך, וואָס איך שיק דיר דאָ. און דו? דו רעדסט מיך צו, איך זאָל איבערטרעטען מיין חלק ירושה צו חיים'ען און נעהמען געלד, בכדי דו זאָלסט האָבען מיט וואָס צו שאַרלאַטאַנעווען. נישט דערהאַרען וועסט דו דאָס! איך האָב בעסער אַרויסגערופען אַהער דיין פּאַפּאַשאַ פון אָדעס. היינט-מאָרגען קומט ער צופאָהרען. לאָז ער זעהען, וואָס פאַר אַ זוהן ער האָט, און לאָז ער אָנקוקען, וואָס דו האָסט פון מיר געמאַכט אין אַזאַ קורצע צייט. אפנים, איך קאָן דען בעוויַיזען זיך אויף דער גאַס פון בזיון? בערעל טשאַפּניק פון איין זייט און וועלוועל יאַמייקער פון דער אַנדערער זייט געהען אַרום און קלאַפּען מיט די צונגען, געבען אָב גרוסען פון דיר און פון מיין שוואָגער חיים און פון אונזערע נאַלעווקער וויַיבלעך, וואָס האָבען זיך פערקליבען מיט אייך קיין מאַריענבאַד און לעבען דאָרט אַ גוטען טאָג. און טאָמער איז קאַרג די בזיונות, וואָס איך האָב פון דיר מיט'ן האַרצוועהטאָג, האָסט דו מיר נאָך בעדאַרפט פערשוואַרצען דאָס פנים פאַר פרעמדע מענשען מיט דיין „פערריסענע כלה", וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט. און איך, שטיא, פאָלג איהם און נעם די „פערריסענע כלה" און טראָג זי אָב אין דער רעדאַקציע, האָט מען געמאַכט פון מיר אַ בער. מע האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער און אָבגעגעבען מיר צוריק. „די מעשה, זאָגען זיי, האָט שוין אַ באָרד"... וואָס זיי מיינען דערמיט, וויים איך נישט, נאָר איך האָב קוים געטראָפען צו דער טיר. אַ רעשטעל צו די צרות! איצט זיץ איך און קוק אַרויס אויף דיין פּאַפּאַשאַ, ער זאָל שוין קומען צופאָהרען, וועט ער דיך אַרויסרופען פון מאַריענבאַד. גענוג דיר שוין צו זיצען דאָרטען אין אויסלאַנד אויף דער קור, דו האָסט דיך שוין אויסגעקורירט. קום שוין בעסער, מאַרק, צופאָהרען אַהיים צו דיין קראַנקען וויַיב, אפשר וועסט דו זי שוין טרעפען אויפ'ן טויטען בעט...

חנצי.

№ 25.

דוד מאַריאַמטשיק פון אָדעס צו זיין זוהן מאיר מאַריאַמטשיק אין מאַריענבאַד.

מיין טייערער זוהן מאַרק!

נאָר וואָס האָב איך בעקומען צוויי בריוולעך פון וואַרשאָ, איז מיר פינסטער געוואָרען אין מיינע אויגען און איך רוף אויף זיך דעם טויט. איך ווייס נישט, וואָס דו האָסט צו מיר, וואָס דו פערזומערסט מיר מיין לעבען? גוטע צוויי בריוולעך! זיי קאָנען ביידע אריינטרייבען אין קבר אריין. איין בריוועל איז פון עפּיס איינעם אַ וואַרשאַווער מיט'ן נאָמען טשאַפּניק. שרייבט ער מיר אַ גאַנצע מגילה, אַז ער האָט אויף דיר אַ בייטש, אַ פּעקעל מיט בריוועלעך דיינע, וואָס דו שרייבסט אין מאַריענבאַד צו צוויי יונגע ווייבלעך פון די נאַלעווקיס. ער האָט געוואָלט, שרייבט ער, ווייזען די בריוולעך, דיין חנצי'ן, האָט ער רחמנות אויף איהר, זי זאָל, חלילה, נישט בעקומען דעם שלאַק אויפ'ן אָרט. זי איז אַזוי אויך, שרייבט ער, אַ קראַנקע נעבאַך. אַלזאָ, שרייבט ער מיר, איך זאָל קומען צופאָהרען קיין וואַרשאָ, וועט ער מיר די בריוולעך בעווייזען און וועט מיר געבען איין עצה, שרייבט ער, וואָס צו טאָן... איך ווייס נישט, ווער דער טשאַפּניק איז. ער שיינט מיר איין אַפּעריסט צו זיין; איך ווייס נישט, ווער די נאַלעווקער ווייבלעך זענען און איך ווייס נישט, וואָס האָסט דו דאָס מיט זיי פאַר אַ געשעפטען אין מאַריענבאַד. איך ווייס נאָר, אַז דו ביסט מיר מקצר ימים זינט דו ביסט געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט. לערנען האָסט דו נישט געוואָלט, און צום געשעפט טויגסט דו נישט, קאָנסט נאָר אויסברענגען געלד און שען אָנטאָן זיך און שפּיעלען ביליאַרד, און ווייטער קאָנסט דו גאָרנישט. האָב איך געמיינט: איך וועל דיך חתונה מאַכען, וועסט דו זיך אויסמענטשלען. נישט געזשאַלעוועט דיר קיין נדן, אריינגעגעבען אין אַ לייטיש הויז, צווישען פיינע רייכע לייט. צום סוף זעה איך, אַז דו ביסט דער זעלבער פּרא-אדם, וואָס בחור'ווייז אין אָדעס. איך ווייס גאָרנישט, וואָס דו טראַכסט זיך!

דאָס אַנדערע בריוועל איז פון דיין חנצי. זי רופט מיך קיין וואַרשאָ. איך זאָל, למען השם, שרייבט זי, קומען קיין וואַרשאָ וואָס

פריהער. זי האט, שרייבט זי מיר, א בעוויזן אויף דיר, אז דו האסט זיך אויפגערעדט אין ווארשא מיט עפעס א ווייבעל פון איין אלטען מאן און ביסט מיט איהר, שרייבט זי, אנטלאפען קיין מאריענבאד, און עס האלט שוין, שרייבט זי, ביי א גט. דער אלטער מאן, הייסט עס, וויל אפ'גט'ן זיין ווייבעל, און דאס ווייבעל, שרייבט זי, צווינגט דיך, אז דו זאלסט אפ'גט'ען חנצי'ן און חתונה האבען מיט'ן ווייבעל — דער רוח ווייסט, וואס פאר זאכען מע שרייבט מיר אויף דיר! און איך האב עס דערלעבט א נחת אויף דער עלטער צו הערען אזעלכע גוטע בשורות פון דיר. קאנסט דו פערשטעהן מיין עגמת-נפש מיט מיינע יסורים, אז ממש איך ווייס נישט, וואס צו טראכטען. וואלט חאטש די מאמע דיינע געלעבט אצינד, וואלט איך זי אוועקגעשיקט קיין ווארשא, אדער איך וואלט אליין זיך דורכגעפאהרען זעהען, וואס טוט זיך דארט ביי אייך. ווי קאן איך אבער אוועקווארפען די געשעפטען, מפקיר זיין די קינדער סאמע איצט פאר זייער אריינטרעטען אין גימנאזיע? איך ווייס נישט וואס פריהער: צי איך זאל געהן אויף דער בערזע מאכען געשעפטען, צי איך זאל זעהען א חתן פאר פאני'ן, זי איז שוין א מיידעל צו לייטען, צי איך זאל א שפיי טאן אויף אלץ און פאהרען קיין ווארשא היילען די צרות, וואס דו האסט דארטען אנגעמאכט? בערעכען דיר, מאקס, וואס וועט זיין פון דיר? שוין צייט, זאלסט ווערען א שטיקעל מענש. שוין צייט, זאלסט אויפהערען טרייבען אין דער ערד אריין דיין פאטער

דוד מאריאמטשיק.

№ 26.

דאקטאר זיידענער פון מאריענבאד צו זיין קאלעגא אין קישיניעוו.

טייערער קאלעגא!

וועלכער רוח זיצסט דו אין קעשעניעוו? מע דארף זיין א רוצח, א קוילער, מע זאל זיצען אין קעשעניעוו, אז ס'איז דא א מאריענבאד אויף דער וועלט! פאלג מיך, קום בעסער צופאהרען אהער קיין מאריענ-

באַד, ווײסט דו ווּיסען פון אַ וועלט צו זאָגען. ווייסט זיך אַביסעל אויסרוהען, אָבטרײַסלען פון זיך דעם קעשעניעווער שטויב, אָנקוקען אַ וועלט, און זיך פיהלען גאָר אײַן אַנדער מענש. איך אַלײן בין אַהער געקומען אויף גאַנץ אומגעריכט, איך האָב גאָר געוואָלט פאָהרען קײן עמס אָדער קײן וויסבאַדען. בעדאַרף זיך טרעפען, אַז איך פאָהר פון ווין אינאײַנעם מיט אַ קאָמפּאַניע קאָמיוואָיאַזשערען פון לאָדז. דאָס הײסט, אײנער איז אַ קאָמיוואָיאַזשער, דער אַנדערער איז אַנ'אַפּטײקער, דאַכט זיך, און לאָמזע. האָבען מיר דעם גאַנצען וועג געהאַקט אין 501. זײ שפּיעלען ביידע 501 אַזוי קונציג, אַז ס'איז געפעהרליך. איך האָב מורא, אויב זײ זענען נישט קײן שולירעס. מיר איז באַלד נישט געפעלען זײער איבערקוקען זיך און זײער שפּראַך. בעת זײ דינגען זיך רעדען זײ אויף אַ מאָדנע שפּראַך. פרעג איך זײ: „וואָס פאַר אַ שפּראַך איז דאָס, קינדער?“ זאָגען זײ: „לשון קודש“. און האַקען ווײַטער: „ששים ושש“... „מאה וחמישים“... „שלי — שלי“... רוף איך מיך אָן צו זײ: „קינדערלעך ווילט איהר, מיר זאָלען, זאָג איך, שפּיעלען אין 501, זאָלט איהר רעדען אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך איהר ווילט, זאָג איך, נאָר נישט קײן לשון קודש, ווארום איך בין, זאָג איך, נישט קײן ציוניסט“. לאַכען זײ און הערען אויף צו רעדען לשון קודש. נאָר וואַרפען זיך איבער גלאַט מיט מאָדנע ווערטער. צום בײַשפּיעל, אַז אײנער פון זײ הויבט אויף די דרײַ צוגעדעקטע קאָרטען, טוט ער אַ זאָג: „דאַנקען און לויבען יאָסקי דעם טויבען, איך האָב שוין אײַנגעהאַנדעלט גוטע דרײַ קאָרטען — זאָדיק לאַקריץ בנימין“. אָדער: „מזל טוב! איטשעמײַער האָט אַ שידוך געטאָן מיט זײַן חעמעלען פאַר דער לודמערער מויד“... איצט ווײס איך שוין דעם פשט פון די סיגנאַלען, אַז זאָדיק איז צעהנטעל רויט, לאַקריץ — נײַנטעל טרעף, בנימין — וואַלעט פּיק, די לודמערער מויד — דאָס איז מלכּה שערעל, אי טאַק דאַלי... דער חסרון איז, וואָס איך בין עס געוואויר געוואָרען ערשט העט-העט, אַז חברה האָבען מיך שוין געהאַט גוט אָפּגערײַניגט. פונדעסטוועגען זענען מיר זיך צעגאַנגען דווקא די בעסטע גוטע פרײַנד, ווארום איך האָב שוין לאַנג אַזעלכע וואַרימע יונגלעך און פערשלעפּטע קרענק נישט בעגעגענט. אײנער דערצעהלט אַנעקדאָטען און דער אַנדערער זינגט ליעדלעך קאָן מען שטאַרבען. שוין אַז מיר האָבען געהאַלטען בײַ צעפאָהרען זיך, איז געוואָרען אַ רעד: „וואוהין פאָהר איך און פון וואַנען? זאָג איך: „פון קעשעניעוו קײן עמס“. זאָגען זײ:

„נאראָנים פאָהרען קיין עמס“. זאָג איך: „איך פאָהר נישט קיין עמס, איך פאָהר קיין וויסבאַדען“. זאָגען זיי: „משוגעים פאָהרען קיין וויסבאַדען“. זאָג איך: „און קלוגע מענשען וואוהין פאָהרען?“ זאָגען זיי: „קלוגע מענשען פאָהרען קיין מאַריענבאַד“. זאָג איך: „וואָס איז אין מאַריענבאַד?“ זאָגען זיי: „וואַרשאווער ווייבלעך“. זאָג איך: „מיט וואָס עסט מען דאָס?“ זאָגען זיי: „פאָהרט, וועט איהר זעהן“. קורץ, פון זייערע רעד און פון זייערע אויגען האָב איך אַרויסגעזעהן, אַז מע דאַרף פאָהרען קיין מאַריענבאַד. האָב איך גענומען אַ קאַרטעל און האָב אָפּגעשריבען צו מיין ווייבעלע: אַזוי און אַזוי, זאָלסט מיר נישט שרייבען קיין עמס, זאָלסט מיר שרייבען קיין מאַריענבאַד, ווארום פאָהרענדיג אין וועג האָב איך מיך בעקאַנט מיט צוויי בעריהמטע דאָקטוירים, איינער פון זיי איז אַ פּראָפעסאָר, האָבען זיי מיך אויסגעהערט און געזאָגט, אַז די קעשעניעווער דאָקטוירים זענען שוסטערס. עמס, זאָגען זיי, איז פאַר מיר אַ סם און וויסבאַדען אַ טויט. איך בעדאַרף האָבען, זאָגען זיי, מאַריענבאַד, אַזוי ווי מע בעדאַרף לעבען אויף דער וועלט און וואָס פריהער איז בעסער, אי טאַק דאַלי...

און אָט אַזוי ווי דו זעהסט בין איך אויסגעוואַקסען אין מאַריענבאַד און בין אַריין גלייך אין גן-עדן אַריין. ווילסט דו דאָך מסתמא, איך זאָל דיר בעשרייבען דעם גן-עדן? אַ מכה! ביסט נישט קראַנק קומען צופאָהרען אַהער. וואָס וועסט דו אויסזיצען אין קעשעניעוו? זאָלסט אָנקוקען ווייבלעך! נישט קיין ווייבלעך, זאָג איך דיר, נאָר פערשקעס, ארץ-ישראל-עפּעלעך. און דוקא אין פאַריקלעך, טוען זיך אָן אַ סך שענער, ווי אין אָדעס. און אַליין זענען זיי שען, איינע שענער פון דער אַנדערער. פאַרהאַן דאָ איינע איין אתרוג׳ל. בעלצי רופט מען זי. זאָלסט אַ קוק טאָן אויף דעם בומבאָנטשיקעל, וואָלסט דו זיכער איינגענומען אַ מיתה משונה. איך וועל זי דיר אָפּמאָהלען: אויגעלעך — שוואַרצע קאַרשען, בעקעלעך — רויטע פלוימען, צייהנדלעך — ווייסע פערעלעך, אַ נעזעל — אויסגעטאָקט, אַ העלזעל — עלפענביין, און אָנגעטאָן געהט דאָס — דער רוח זאָל מיך נעמען! בעדאַרף אַזאַ בומבאָנטשיק איינשטעהן, מסתמא, ביי איין אַלטען שטורמאַק. אַלע זענען דאָ נאָך איהר די כפרה. און מעהר פון אַלעמען טאַנצט אַרום איהר איינער אַנ׳אַדעסיט, טאַקי אַ וואַרשעווער איידעם, מאַריאַמטשיק רופט מען איהם, אַ בעריהמער, אַ ליגנער, וואָס אין דער קאָרט, און זעהט אויס, ווי אַ קאַדעט. איך האָב גערעדט מיט איהם אַ שטיקעל אינצידענט.

פיער נישט ארויסגעשפרונגען א דועל. איבער א נארישקייט, נאר ס'איז בדאי צו דערצעהלען.

אין מאריענבאד איז דא איינע א ווארשעווערין, יאמאיטשיכע רופט מען זי, האט זי דריי טעכטער, שוין א ביסעל איבערגעוואקסענע, האבען זיי פעררייסענע נעזלעך און זוכען חתנים. און אזוי ווי ביי מיר אויף דער נאז שטעהט נישט אויפגעשריבען, אז איך בין א בעווייבטער, האבען זיי מיך אנגענומען פאר א חתן, און די מאמע מיט די דריי טעכטער קייכלען מיך, ווי א בן יחיד. און דער שדכן דולט מיר א ספאדיק, און אלע בעקאנטע האלטען מיך פאר א חתן און געבען מיר אונטער קוראזש. מעהר פון אלע רעדט מיך צו איינע, אויך פון די ווארשעווער ווייבלעך, א רעכטע אוואנטוריסטקע, רויכערט פאפיראסלעך און שפיעלט מיט מאנסביליען אין פרעפעראנס, מאדאם טשאפניק רופט מען זי. די דאזיגע טשאפניק דערגעהט מיר די יאהר. זי זאגט, אז די יאמאיטשיכע איז רייך, אזוי ווי קורח, האט אייגענע מויערען אין ווארשא מיט קלייטען מיט מאיאנטקעס, אי טאק דאלי. קורץ, מע רעדט מיר א שידוך. מאך איך מיך געפגר'ט. א שידוך איז א שידוך. וואס אהרט עס מיך? טרעפט זיך א מעשה, אז אט דער אדעסיט, וואס איך שרייב דיר, איז זיך מישב און לאזט ארויס אויף די יאמאיטשיכעס טעכטער א ליעדעל אויף זשארגאן, א פרעמדס, און גיט עס ארויס פאר זיינס. האט עס מיך פערדראסען. א ווארט פאר א ווארט, ביז ס'איז געקומען צו א דועל. זיין גליק, וואס ער האט מיך איבערגעבעטען און מודה געווען פאר אלעמען, אז דאס ליעדעל איז נישט זיינס, אז ער האט דאס געלקחנ'ט, איבערגעניצעוועט, אי טאק דאלי. קורץ, איך לעב דא א גוטען טאג און האב געוויס קיין חרטה נישט, וואס איך בין אין מאריענבאד, נישט אין עמס. פאלג מיך און קום צופאהרען. און זאג סעריאושען ער זאל אויך קומען אהער קיין מאריענבאד. וואס וועט איהר אויסזיצען אין דעם שטויביגען קעשעניעוו? מע שרייבט מיר, אז איהר פערנעמט זיך דארטען מיט פוסטע זאכען. איהר פאהרט, זאגט מען, קיין פעטערבורג מיט א דעפוטאציע וועגען די „פאטיעשנע". צו וואס? עס וואלט אוודאי געווען א יושר, מע זאל דערלאזען יודישע קינדער אין די „פאטיעשנע פאלקען". עס איז אבער ארויסגעווארפען. אונזער וואלאדקע (פורישקעוויטש) וועט נישט שלאפען. שרייב מיר, וואס הערט זיך אין קלוב? וועמען גערט דאס בלאט און ווער ווערט בעגראבען? איך שפיעל דא

זעלטען אין קארטען. דא שפיעל איך מעהר אין פליוירט און עס געהט מיר — הלואי וויטער. שרייב מיר אפטע בריוולעך. נאר בעסער וואלט געווען, זאלסט אליין קומען צופאהרען. און נישט אליין, נאר מיט סעריאזשען.

איך קוש דיך

דיין פריינד

אלפרעד זיידענער.

№ 27.

בעלצי קורלענדער פון מאריענבאד צו איהר מאן שלמה קורלענדער אויף די נאלעווקים (ווארשא).

לבעלי היקר מוה"ר שלמה נ"י!

איך קום דיר צו מעלדען, אז עס געהט מיר דא זעהר נישט גוט. היינו, איך פיהל מיך נאך מעהר נערוועז, ווי איך בין געווען אין ווארשא. איך האב מורא, אז עס איז ארויסגעווארפען מיין גאנצע קוראציע מיט'ן גאנצען מאריענבאד, און ווער איז שולדיג, אז נישט דו? ויארום ווייבאלד איך בין אין מאריענבאד ארומגערינגעלט מיט שפיאנען, בין איך דאך נישט זיכער מיט'ן לעבען. איך האב גארנישט געוואוסט, שלמה, אז איידער איך בין נאך געקומען קיין מאריענבאד, האסט דו דיך שוין בעווארענט מיט שומרים, וואס זאלען מיר היטען די טריט, וואו איך שטעה און וואו איך געה, וואס איך עס, ווען איך טרינק און מיט וועמען איך רעד. ס'איז טאקי זעהר שען פון דיין זייט, כ'לעבען, אז דו בעקלאגסט זיך פאר דיין גוטען פריינד אויף דיין ווייב, וואס זי איז אנ'אויסבראנגעריין, און בעטעסט איהם, אז ער זאל מיך אויפקלערען, אז דיינע געשעפטען געהען דיר נישט גוט... און ער, דיין „גוטער פריינד", איז טאקי אזוי שען און פיין און איי־דעל און נעמט דיינע קלוגע בריוולעך, וואס דו שרייבסט צו איהם בסוד־סודות, און שיקט זיי איבער צו זיין אסתר'ן, און זיין אסתר נעמט און גיט זיי איבער צו איהר שוועסטער חנצי, און חנצי נעמט און שיקט זיי איבער אהער קיין מאריענבאד צו איהר מאן מאיר'ל מאר־

יאמטשיק, אדער ווי דו רופסט איהם אן, דער „אדעסער שארלאטאן". און דער „אדעסער שארלאטאן" איז, אויב דו ווילסט וויסען, א סך פיינער פון דיין „גוטען פריינד", חאטש ער איז א שארלאטאן. ווארום חען נישט ער, וואלט איך נישט געוואוסט, אז דו האסט דא שפיאנען אין מאריענבאד מיט „גוטע פריינד", וואס היטען מיר די טריט. א גליק, וואס דיינע בריוולעך זענען חאטש נישט אריינגעפאלען צו דער יאמאיטשיכע אין די הענד אריין. די גאנצע ווארשאווער נאלעווקיס האלטען שוין געוואוסט דיינע סודות, וואס דו פערטרויסט צו דיינע „גוטע פריינד", וואס זענען גרייט דיך צו קויפען און צו פערקויפען, און דו ביסט אין זיי פערגלויבט, ווי אין גאט. אז ס'איז יא אזוי, בעדארף איך דיר עפענען די אויגען, שלמה, זאלסט וויסען, וועמען מע מעג פערטרויען און וועמען נישט. איך שיק דיר דא א פאר בריוולעך פון דיין „גוטען פריינד", וואס זענען געשריבען צו מיר באלד נאך מיין אנקומען אהער קיין מאריענבאד. לייען אקארשט איבער אט די צעטעלעך — וועסט דו הנאה האבען. איך פערהאף, אז נאך אזא מעשה וועסט דו צו איהם מעהר קיין בריוולעך נישט שרייבען, קיין סודות נישט פערטרויען און מיך וועסט דו אויפהערען עסען, למאי איך קען זיך מיט אדעסער שארלאטאנעס, מיט קעשעניעווער שלים מזל'ן, מיט לאדזער פאצעטלעך און נאך אזעלכע זאכען. ווארום דיין בעל-סוד, חיים סאראקער, איז, אויב דו ווילסט וויסען, טויזענט מאל ערגער פון זיין שוואגער מאריאמטשיק, חאטש ער איז א שארלאטאן און האט זיך מיר צוגעגעסען מיט זיינע בריוולעך אזוי ווייט, אז איך האב איהם גע'מוזט בעטען, ער זאל זיך נישט דערוועגען מעהר מיר שרייבען אזעלכע בריוולעך, ווארום איך וועל זיי אריבערשיקען צו זיין חנצי'ן. איך שיק זיי דיר דא אינאיינעם מיט חיים סאראקער'ס בריוולעך, בכדי זאלסט זעהן, אז דער רוח האט זיי ביידען נישט גענומען, אז דו בעדארפסט נישט האבען דא קיין אפוטרופסים, קיין שפיאנען און קיין שיצער'ס. איך קאן מיט גאט'ס הילף מיין שטעדטעל אליין בע-שטעהן. למשל, נעם אט די צוויי שלים-מזל'ן, וואס זענען געפאהרען מיט מיר פון בערלין און אבגעזעגענט זיך אין מאריענבאד אויפ'ן באנ-הויף. דו מיינסט אפשר, אז איך האב מיך נישט בעגעגענט מיט זיי נאכדעם דא אין מאריענבאד? אזא מכה זיי. איצטער זענען זיי שוין נישטא. נאר די ערשטע צייט האבען זיי זיך מיר געפלאנטערט פאר די אויגען. פערשטעהט זיך, אז איך האב מיך אבגעקעהרט פון זיי,

געמאַכט ווי איך האָט זיי נישט דערקענט... מיינסט דו דאָך, אַז זיי זענען בדלות? האָב קיין יסורים נישט, זיי האָבען זיך נישט ארומגעדרעהט דאָ אַליין, פאַרהאַן דאָ גענוג דאַמען מיט גענוג ווייבלעך, ס'איז פאַרהאַן אַ בראָני לויפערמאַן מיט אַ לאה'צי ברוילשטוהל, מיט אַ שערענציִם מיט אַ פעקעליִם און נאָך אַזעלכע צנועות, וואָס קלייבען נישט איבער, אַבי אַ יונגערמאַן, וואָס טראָגט אַ קאַפעליוש, איז שוין ביי זיי אַ קאַוואַליער. ובפרט אַזעלכע קאַוואַליערען, ווי אָט די צוויי שלים-מזל'ן, פערשלעפטע קרענק, וואָס מע קריעגט זיי נישט. איינער פון זיי, דער, וואָס האָט מיך אַ קוש געגעבען און געחאַפט פון מיר אַ פאַטש, דערצעהלט אַנעקדאָטען, אַז מע קאָן שטאַרבען אונטער זיינע הענט, און דער אַנדערער זינגט לידלעך — אַ כפרה אונזער עליזעאום-טעאַטער! קאָנסט פערשטעהן, אַז אַפילו יאַמאַיטשיכע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט זיי געמאַכט חנ'דלעך ביי'ם ברונען און האָט זיי דאָרט בעקאַנט געמאַכט מיט איהרע טעכטער. ערשט שפּעטער איז זי געוואויר געוואָרען פונ'ם שדכן, אַז די שלים-מזל'ן האָבען ווייבער, האָט זי זיי געגעבען דעם וועג. אַי, וועסט דו פרעגען, פאַר וואָס האָבען זיי באַלד נישט געזאָגט, אַז זיי זענען בעווייבטע? למאי מאַריאַמטשיק? און למאי דיין בעל-סוד חיים סאַראָקער? ער איז דאָך שוין אודאי אַ בעווייבטער, און האָט שוין גאָר קינדער כמעט אַזעלכע ווי איך, ווי קומט דאָס צו איהם, ער זאָל שרייבען אַזעלכע ליבע-ציִטעלעך, און צו וועמען? צו זיין גוטען פריינד'ס ווייב, וואָס איז איהם אָנגעטרויעט געוואָרען, ער זאָל אויף איהר אַכטונג געבען!... גלויב מיר, שלמה, וואָס איך האָב אויסגעוויינט נעכטיגען טאָג, מעגען די טרערען פאַלען אין ים אַריין. אַז איך דערמאָן מיך, צו וואָס האָב איך בעדאַרפט נעהמען אַ מאַן אַ גביר? וואָלט דען נישט גלייכער געווען, איך זאָל געווען נעהמען מיין גלייכען? אַי, איך וואָלט אַציִנד נישט געווען אפשר אין מאַריענבאַד? אַ שענע ריינע כפרה! בסך הכל האָט מיר דאָס מאַריענבאַד, אויב דו ווילסט וויסען, נישט גע-געגעבען גאָרנישט. אדרבה, זינט איך בין דאָ, האָב איך נאָך פערלוירען העכער צוויי פונט. איך האָב געפרעגט דעם דאָקטאָר, וואָס טוט מען דערצו, זאָגט ער: „מעהר עסען, וויניגער שפּאַציִרען און דער עיקר נישט אָבעסען זיך דאָס האַרץ, נישט האָבען קיין יסורים". אַ חכם אַ דאָקטאָר! דאָס ווייס מען דאָך אָהן איהם. איך פרעג איהם: אפשר וואָלט פאַר מיר גלייכער געווען, איך זאָל פאָהרען קיין פראַנ-

צענסבאד? זאגט ער, אז ער האט קענען דעם גארנישט. וויבאלד אזוי, פארוואס זאל איך מיר נישט דורכפאהרען קיין פראנצענסבאד? מען זאגט, אז פראנצענסבאד איז פון דאנען א געלעכטער. פראנצענסבאד איז א באד פון סאמע פרויענצימערס. און עס קאסט דארט, זאגט מען, אלסדינג וואלוויל, בזיל הזול. בראני לויפערמאן קלויבט זיך שוין לאנג קיין פראנצענסבאד, און לאה'צי ברוילשטוהל אויך אהין. און די שערענצים מיט דער פעקעלים וועלען, מסתמא, אויך נאכשלעפען זיך. זיי טוען מיר נאך. וואוהין איך געה, געהען זיי אויך און וואס איך טו און געפעלט זיי. זייערע מאנען, די איטשעמאיערס, זאלען זעהען, ווי זייערע ווייבלעך פיהרען זיך אויף דא אין מאריענבאד, וואלטען זיי זיך מחיה געווען. נאר איך וויל מיך נישט מישען אין פרעמדע געשעפטען. איך האב מיינע אייגענע צרות מיט מיינע אייגענע שלעק. איך זאל געווען וויסען, אז איך וועל האבען אזא קור אין מאריענבאד, וואלט איך אהער נישט געפאהרען פאר קיין געלד. איך וואלט נישט צוגעהערט זיך צו מיין קרובה און וואלט בעסער געפאהרען קיין וויסבאדען אדער קיין אסטענדע. דארט איז חאטש פארהאן א ים און מע קאן זיך באדען. און דא וואס? מע ווערט פערברענט פון די היצען און בערעדט פון נאלעווקער ווייבער, און איבער וועמען? איבעם דיר מיט דיינע „גוטע פריינד", וואס דו ביסט אין זיי פערגלויבט, ווי אין א רבי'ן. נאכדעם ווי דו וועסט האבען דורכגעלייענט זיינע „ליבעבעצעטעלעך" צו מיר, וועסט דו, האפענטליך, ארויסזעהען, ווער חיים סאראקער איז און וועסט איהם אויפהערען שרייבען בריוולעך און האלטען איהם פאר א בעל-סוד. און אז דו וועסט מיר וועלען שיקען געלד, איז דא א פאסט, און וואס דו שרייבסט מיר וועגען מיינע פעטערס, זאל דיך גאט היטען זיי געבען שטעלעס, ווארום טאמער מאכט זיך נאכדעם עפעס נישט אזוי, וועסט דו האבען וואס מיר אויפצווארפען, אז איך און מיין משפחה צעטראגען דיר די ביינער. געב זיי בעסער צושטייער אויף דער הוצאה, לאזען זיי אוועקפאהרען קיין אמעריקא, וועסט דו וויסען, אז דו ביסט פטור געווארען איינמאל פאר אלע מאל און איין עק. און איך בעט דיך זאלסט מיר נישט שיקען מעהר קיין אנווייזונגען צו דיינע „גוטע פריינד" און „בעלי-סודות". און למעה"ש געב אכטונג אין שטוב און זאג שבע-רחל'ען, זי זאל זיך נישט חא-

פען שטעלען אונגערקעס אויפ'ן ווינטער אצינד אין די היצען, ווען אונגערקעס זענען מיט גאלד גלייך. און שרייב מיר, אויב ס'איז איןווארשא אויך אזוי היים ווי דא, וואס מע קאן זיך אפילו נישט אנטאן ארויסצוגעהן ווי עס געהער צו זיין. איך זאל שוין דערלעבען אוועקצופאהרען פון דאנען געזונטערהייט ערגיץ אין איין אנדער קוראָרט. דאס מאריענבאד מיט די נאלעווקער קאוואליערען מיט זייערע ליעבעצעטעלעך האבען זיך מיר שוין אזוי צוגעגעסען, גאט זאל מיך נישט שטראפען פאר די רעד, אז איך קאן שוין אויף זיי נישט קוקען.

פון מיר דיין פרוי

בעלצי קורלענדער.

№ 28.

חיים סאראקער פון מאריענבאד צו בעלצי קורלענדער אין מאריענבאד.

זעהר געעהרטע מאדאם!

איך בין נישט גאטס סטראפטשע, איך זאל אלטונג געבען אויף פרעמדע ווייבלעך און אויסזעצען יענעמס פעהלערען. דאך קאן איך מיך נישט איינהאלטען, נאך אייער נעכטיגען קאלטען אויפנעהמען מיך, און מוז אייך אויפקלעהרען ווער דער פארשוין איז, מיט וועלכען איך האב אייך נעכטען געטראפען. אפשר ווייסט איהר נישט, ווער ער איז, עס איז מיר אפילו זעהר נישט אנגענעהם צו בערעדען איינעם — ער איז מיינער א שוואגער, — נאר וויל ער איז מיר א שוואגער, דעריבער קאן איך איהם אזוי גוט. עס איז איינפאך א שאנדע מיט איהם זיך צו בעגעגענען, און ווער שמועסט נאך שפאצירען אויף דער גאס. א חוץ, וואס ער האט א מיאוס'ען נאמען נאך פון אדעם, איז ער דערצו נאך א ווילדער בעריהמער און א מסוכנ'ענער סקאנדאליסט. איך שרייב אייך די דאזיגע ווערטער נאר, אום צו בעהיטען אייער עהרע און דעם כבוד פון אייער מאן, וואס איז מיר נאהענט, ווי מיין אייגענער כבוד. איך האב געטאן מיין חוב, נאר אויס

פערזענליכע סימפאטיע צו אייך. איהר קומט פון בערלין, קעהרט איהר אודאי דארפען געלד? איך און מיין קאסע זענען תמיד אנגעברייט פאר אייך.

א פריינד פון אייער מאן

ח. ס.

№ 29.

מאיר'ל מאריאמטשיק פון מאריענבאד צו בעלצי קורלענדער אין מאריענבאד.

מיין ליעבע מאדאם קורלענדער!

איך זעה, אז איהר איזבעגאיעט מיך, דעריבער מוז איך מיך אבראשטשאיען צו אייך דורך דער פאסט. איך פערשטעה נישט, וואס סטעסניאיעט איהר זיך אזוי? אויב עס איז אייך נישט לאווקע צו וסטרעטשאיען זיך מיט מיר אינ'ם יודישען רעסטאראן, אדער אין קא־פע „ענגערלענדער", קומט בעסער אין „קאפע פראנסע". דארט, וואו איהר זענט געווען נא דניאך מיט אייער ראדסטוועננציע מאדאם טשאפ־ניק. בעסער וואלט געווען, איהר זאלט היינט קומען אהין אליין. איך האב אייך צו סאאבשטשאיען א פיינע זאך פון מיין שוואגער חיים סא־ראקער... קסטאטי, וואס פאר א סעקרעט האט ער דאס מיט אייך היינט גערעדט ביים ברונען? ניעאוזשעלי וועט איהר דאפוסקאיען, אז אזא ראסטאוושטשיק, ווי מיין שוואגער, זאל נאך אייך אוחאזשעווען? פון וואס וועט ער מיט אייך רעדען? פון דער „אקע", וואס ער שפיעלט דא גאנצע טעג און גאנצע נעכט? אדער פון די וועכסעלעך מיט די געשעפטלעך אויף די נאלעווקים?... איך אזשידאיע אייך צווישען פיער און פינף.

דא פריאטנאווא סווידאניא

מ. מ.

M. NEWM

№ 30.

חיים סאַראָקער פון מאַריענבאַד צו בעלצי קורלענדער אין מאַריענבאַד.

געעהרטע מאַדאַם!

איך פערשטעה נישט, וואָס האָט איהר געדאַרפט שיקען צו מיר אַ שליח? אַז איהר בעדאַרפט געלד, האָט איהר דאָך געקאָנט זאָגען מיר אַליין נעכטען אין רעסטאָראַן. איך האָב אייך געזאָגט, נאָך באַלד ווי איהר זענט אָנגעקומען קיין מאַריענבאַד, אַז מיין קאַסע איז פאַר אייך אָפען שטענדיג און צו יעדער צייט. נאָר אויב ס'איז אייך נישט איינגענעהמען קומען צו מיר, קאָן איך קומען צו אייך. איך וועל פון איינערטווענען מיין טרחה נישט זשאַלעווען, ערשטענס צוליעב אייער מאַן און צווייטענס טאַקי צוליעב אייך אַליין... איך וואָלט אייך געשיקט טאַקי באַלד דורך אייער שליח. איז ערשטענס דאַרף איך זיין אין באַנק וועקסלען רוסישע קערבלעך. און צווייטענס ווילט זיך מיר אייך געבען אין האַנד אריין, איך וויל אייך דיענען מיט וואָס נאָר מעגליך... וואָס קומט מיר דערפאַר?... פונקט עלף אַ זייגער וועל איך זיין ביי'ם ברונען, און אַז נישט איז האַלב צוועלף אין „מיראַמאָנט". בעסער וואָלט געווען אין „מיראַמאָנט". דאָרט וואָלטען מיר געקאָנט רעדען אונטער פיער אויגען. איך האָב אייך איבערצוגעבען וועגען אייער מאַן זעהר אַ אינטערעסנע זאַך... און איך וויל אייך פאָרלעגען איין אַנדער סטאַנציע, טאַקי פון אייער טובה וועגען... מיר געפעלט נישט אייער סטאַנציע. איך זאָל האָבען די ברכות, וואָס אין מיין האָטעל וועט אייך זיין בעסער און קאָסטען ביליגער, און פרעהליכער אויך. מיר זענען דאָ אַ קאָמפּאַניע פון אייגענע מענשען. מיר פערברענגען די צייט זעהר געמיטליך, און אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן, מאַכען מיר אַ קערטעל. צום מיינסטען איין „אָקע". אייער מאַן האָט דאָס אויך נישט פיינט. נו, און איהר?

אַלזאָ, פון עלף ביז האַלב צוועלף.

מיט פריינדליכען גרוס

חיים ס.

№ 31.

מאיר'ל מאריאמטשיק פון מאריענבאד צו
בעלצי קורלענדער אין מאריענבאד.

קאק וואס נע סטידנא? איך בין אבגעזעסען צוויי שעה אין „קאפע פראנסע" און ארויסגעקוקט אויף אייך, טאמער קומט איהר. צום סוף, — נאפראסנא! ווי איז מען דאס אזוי זשעסטאקע? איהר האט פערגעסען, אז נאך דער ווסטרעטשא, וואס איך האב אייך ווסטרעטשאיעט אויפ'ן וואגזאל, האט איהר מיר אליין געזאגט, אז איהר ווייסט נישט, מיט וואס איהר קאנט מיר ארבלאגאדארען? איצט, אז איך בעט פון אייך אזא פוסטיאק, אטקאזעוועט איהר מיר! איך געב אייך טשעסטנאיע סלאווע, אז איך וועל אייך זעהן געהן מיט מיין שוואגער סאראקער, וועל איך זיך מאכען, אז איך זעה נישט. האטש ס'איז מיר זעהר באלנע. ער איז דאך מיינער א בליזקי ראדסטווענניק. נאר איהר וואלט וויסען דאס, וואס איך ווייס — וואלט איהר זיך מיט איהם מעהר נישט ווכטרעטשאיעט און אפילו נישט געענטפערט אויף זיין פאקלאן. איהר מיינט, איך רעד אויף איהם מחמת רעוונאסט? אוטעראיו וואס, אז ניין. נאר איסקליוטשיטעלנא, ווייל איך האב ביי זיך אין האנד דאקאזאטעלסטוועס, אז ער האט אייך אבוזשאיעט און אקליעוועטאיעט, אייך און אייער מאן ביז דער לעצטער סטעפעני... איך זאטיעוואיע נאך שבת'דיגע וואך א פראגולקע קיין עגער. דארט איז פאראן, וואס צו זעהען. אויב איהר וועט זיך פריסאיעדינאיען צו אונזער אבשטשעסטווע, וועל איך אייך איבערגעבען די דאקאזאטעלסטוועס, וואס איך זאג אייך. א פאקא, פערבלייב איך אייער בעסטער פריינד.

מ. ד. מ.

№ 32.

חיים סאַראָקער פון מאַריענבאַד צו בעלצי קורלענדער אין מאַריענבאַד.

איין אומגליק מיט די נאַלעווקער ווייבלעך. אין דער היים זעהט מען זיי מעהר נישט אַז שבת בייטאָג אין זאַקסישען גאָרטען. און קומען זיי אַהער קיין אויסלאַנד, ווייסען זיי אַליין נישט, וואוהין זיי זאָלען זיך וואַרפען. איך זאָג אייך נישט קיין מוסר און האַלט אייך נישט פיר. עס וואונדערט מיך נאָר, פאַר וואָס, אַז איך האָב אייך געבעטען זיין אין „מיראַמאָנט" — איך האָב אייך געוואָלט זאָגען אַ נויטיגע זאַך — זענט איהר נישט געקומען, און מיט דער קאָמפּאַניע זשוליקעס קיין עגער, זענט איהר יאָ געפאָהרען. מסתמא איז אייך מיט זיי מעהר איינגענעהם די צייט צו פערברענגען — זאָל אייך גאָט העלפען... אפשר בעדאַרפט איהר נאָך געלד? היינט פאַרנאַכט האָף איך אייך צו בעגעגענען אויף דער פּראָמינאַדע.

אייער בעסטער פריינד

חיים סאָראָקער.

№ 33.

מאיר מאַריאַמטשיק פון מאַריענבאַד צו בעלצי קורלענדער אין מאַריענבאַד.

טייערע בעלצי!

איזווינִיטיע, וואָס איך פּאַזוואָלי מיר אַזאַ פאַמיליאַרנאָסט, חאָטיאַ מיר זענען נאָך נישט אַזוי בליזקע. ביי מיר איז אַזאַ פּריוויטשקע: דעם, וואָס איך אוואַזשאַיע, מוז איך אָנרופען ביי'ם נאָמען ובפרט אייך, וואָס איהר האָט מיך אַזוי אָטשאַראָוועט פון דער ערשטער ווסטרעטשע!! זאָגט מיר, דושענקי, ניעאוזשעלי איז דאָס אמת, וואָס אייער ראָד־סטווענניצע טשאַפּניק האָט מיר דערצעהלט אויף אייך, אַז איהר בענטשט

בודטא בי ליכט אלע פרייטאג אויף דער נאכט? אויף דער מאדאם שערענציס און אויף דער מאדאם פעקעליס וואלט איך עס געגלויבט, ווארום זיי זענען זעהר נישט אבראזאוועט און טאקי גלופאוואטע אויך. חאטיא איך וויים א פאקט, און נישט איין פאקט, נאר עטליכע פאקטען, אז די שערענציס מיט דער פעקעליס זענען אויך נישט אזוי רעליגיאזנע, ווי זיי זענען איןווארשא אויף די נאלעווקיס. דארט פאר די איטשע-מייערס פאסט זיי בענטשען ליכט פרייטאג פאר נאכט. און דא וועל איך אייך וויזען א דאקאזאטעלסטווע, אז איך וועל זיך מיט זיי קאטאיען אום שבת אויף א לאדקע — א נישט, זאל מיין נאמען נישט הייסען מארק דאווידאוויטש! זאגט מיר, דושענקי, אטקראוועגע, נאך די בריעף, וואס איך האב בעוויזען, האט איהר אייך שוין אובעזשדאיעט, ווער מיין שוואגער איז? עס איז זעהר פריסקארבנע, וואס איך מוז מיך פערעפיסעווען מיט אייך דורך צעטעלעך, נאר וואס זאל מע טאן, אז מע לאזט אונז נישט נאיעדינע אפילו אויף איין סעקונדע! ווי גע-פעלט אייך מיין באסני, וואס איך האב סאטשיניאיעט אויף די יאמאי-טשיכעס טעכטער? שרייבט מיר א פאר ווערטער חאטש נא פאמיאט. ניעאוזשעלי האט איהר מורא, אדער איהר דאווערעיעט מיר נישט איצט אויך, פאסלע טאווא, וואס איך האב אייך געגעבען אזעלכע דאקאזאטעלסטוועס?

איי׳ער מארק.

№ 34.

חיים סאראקער פון מאריענבאד צו בעלצי קורלענדער אין מאריענבאד.

איהר פאדערט פון מיר דורכאוים, אז איך זאל אייך זאגען דאס ווארט, זאג איך עס אייך: עס איז מיר איינגענעהם מיט אייך זיך צו בעגעגענען א סך מעהר, ווי מיט אלע אונזערע נאלעווקער ווייבלעך צוזאמען גענומען. זענט איהר שוין צופריעדען? צו איהר ווילט, איך זאל אייך נאך זאגען דאס, וואס איך האב אייך שוין כמעט ווי גע-זאגט און אויפ׳ן איבריגען האט איהר אייך אליין געשטויסען?... אצונד

פערשטעה איך שוין, וואס אייער מאן ציטערט אזוי איבער אייך, אז מע האט אזא שאץ, קאן מען רוהיג נישט שלאפען... איהר ווייסט, אז איך בין נישט קיין מענש פון קאמפלימענטען. נאר פון דעם אמת קאן מען נישט אוועקגעהן. צו אייער פנים ווען איהר האט נאך א ביסעל א ווייבער הארץ, נעהמט איהר דאך איין די גאנצע וועלט... ווען זעהען מיר אונז? וויפיעל דארפט איהר נאך האבען געלד? איך וועל אייך אפווארטען אין יודישען רעסטאראן ביים טישעל, וואו איך זיץ תמיד.

אייער חיים.

№ 35.

מאיר מאריאמטשיק פון מאריענבאד צו בעלצי קורלענדער אין מאריענבאד.

דושינקע! ליובעניו!

ספאסיבא, וואס איהר האט אזוי ריעזקא אפגעהאקט די פליגלען מיין שוואגער חיים. ער וועט שוין וויסען דאס אנדערע מאל, ווי אזוי צו פערעסליעדעווען אייך. וואס זאגט איהר אויף דעם אומגליק? קארג אוחאזשארען ביי אייך, האט דער רוח אנגעטראגען א דאנטיסט פון קעשעניעוו. איך פערשטעה נישט, ווי אזוי מען פרעזיראיעט נישט אזא ניטשטאזשעסטוועו! מע פרעדלאגאיעט איהם איינע פון די דריי יאמאי-טשיכעם טעלטער — טודא יעמו דאראגא — וואס האט ער צו אוחא-זשעווען נאך אונזערע ווארשאווער ווייבלעך? מע האט מיר פערעדאיעט, אז ער איז שטארק וואזמושטשען פון מיין באסני, וואס אלע טראגען זיך איצט מיט איהר ארום. ער געהט ארום איבער מאריענבאד און ראספראסטראנאיעט לאזשנע סלוכען, אז די באסני איז נישט מיינע און וויל מיך ארויסרופען פון דעסטוועגען אויף א דועל. אט א טשודאק! ממה-נפשך, איז זי נישט מיינע, פריטשאם איז דא א דועל? האאב-שטשע, עס ווילט זיך מיר נישט ראזעוען, ווייטער וואלט איך אויף איהם אליין סאטשינאיעט א באסני, וואלט זי דאסטיגאיען פון דאנען ביז קעשעניעוו. ביי מיר סאטשינאיען א באסני איז גרינגער, ווי אומ-

רויכערען א פאפיראס. אז איך בין געוועזן נאך אין אדעס, פלעג איך פאטשינאיען אלע טאג ניע מעניעיע פון צווי טוז באסנים. און נישט נאר באסנים אליין, — איך פלעג שרייבען פעליעטאנען, ראמאנען, קאמעדיעס. „קאמעדיע בראקא״ האט איהר געזעהן אמאל? איז דאס מיין סאטשינעניע. פארהאן ביי יושקעוויטש'ען אויך א „קאמעדיע בראקא״, טויג זי אויף טישטשע חלשות! וואאבשטשע, איך וויל זיך פאר אייך נישט ריסעווען, נאר איהר קאנט מיך נאך גאר ווינציג. איך נאדעיע זיך, אז איהר וועט מיר אונזאיען נעהינטער, וועט איהר איזמענאיען אינגאנצען אייער ווזגליאד מיט אייערע אטנאשעניעס צו מיר.

אייער מארק.

№ 36.

שלמה קורלענדער פון נאלעווקים (ווארשא) צו זיין ווייב בעלצי קורלענדער אין מאריענבאד.

לזוגתי היקרה מרת בעלצי שתחי'.

איך האב דיין בריעף מקבל געוועזן און דאס שענע פעקעל מיט די זיסע ליעבע־צעטעלעך פון ביידע שוואגערס האב איך דורכגעלייענט. מה נאמר ומה נדבר — וואס זאל איך דיר זאגען, בעלצי היקרה? ס'איז עק וועלט! ווי באלד, אז בעוויבטע יודען, טאטעס פון קינדער, קאנען היינטיגע ביטערע צייטען אין זינען האבען אזעלכע פוסטע זאכען, נאכלויפען נאך פרעמדע ווייבלעך, — איז מען טאקי, ווי דו זאגסט, נישט זיכער מיט'ן לעבען. גוואלד וועה געשריגען! ווער איז געוועזן דער ערשטער, וואס האט אויסגעטראכט אט דאס אויסלאנד? וואלט נישט גלייכער געוועזן, עס זאל געוועזן איינגעזונקען ווערען אזוי ווי קורח, אדער פערברענט ווערען, ווי סדום, נאך איידער איך האב גאר גע־הערט דעם נאמען אויסלאנד אפילו? איך זעה ארויס, בעלצי היקרה, אז דאס מאריענבאד האט זיך אויף מיר גענומען נישט אויף קאטאווע־סען און וויל מאכען פון מיר א תל. איך זאל נישט שטעהן איצט אין רעכטען בויען — מע האלט שוין ביים דעקען — וואלט איך נישט געקוקט אויף קיין זאך, איך וואלט מפקיר געוועזן אלסדינג, לאז דאס

געהן אין דער ערד אַריין, און וואָלט מיר דורכפאָהרען צו דיר קיין
מאַריענבאַד, זעהען, וואָס איז דאָרטען פאַר איין אומגליק אויף מיר,
וואָס וואו ערגיץ אַ שלאַק, וואו ערגיץ אַ צרה — דיך אויסמײַדען קאָן
עס נישט. וואָס איז עפּיס געפאַלען דער גורל אויף דיר? פאַר וואָס
טרעפען זיך מיט מיר נישט אַזעלכע נסים? פאַר וואָס שרײַבט מען
נישט צו מיר אַזעלכע חניפה-בריוועלעך, ווי צו דיר? און פאַר וואָס
האָסט דו איהם באַלד נישט אָבגעענטפערט אויפ'ן אָרט, איך מײן טאַ-
קי אָט דעם גראָבען פעמפּיק חיים סאַראָקער? וואָס האָסט דו בע-
דאַרפט וואַרטען ביז דער בעסאַראַבער היהנערפרעסער וועט מיר שרײַ-
בען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל? און וואָס איז דאָס גלאַט פאַר אַ
השגה בײַ אײַך דאָרטען געבען צו לײזען דער פּאָסט, שרײַבען בריוו-
לעך, אַז מע זיצט אין אײן שטאָדט? ממה-נפשך, זעהסט דו איהם
אין גאַס, קאָנסט דו דאָך איהם אָבשטעלען און אַ זאָג טאָן: „רב
חיים! אָדער פּאַניע סאַראָקער! זאָגט, וואָס ווילט איהר? איהר לע-
רענט זיך שרײַבען בריוולעך אויף דער עלטער, אָדער איהר האָט נישט
וואָס צו טאָן? — איז דאָ אײן עצה — מע שלאָגט זיך קאָפּ אָן
וואַנט"... מאָל דיר, בעלצי היקרה, די דאָזיגע חניפה-בריוועלעך וועלען
איהם אויספאַלען באָקאָם. חאָטש ער זאָגט, אַז די קורלענדער זענען
נישט דערוואַלצען און חאָטש דו שרײַבסט מיר, אַז איך בין אויסגע-
וועבט, וועל איך דיר ווײַזען, אַז די בעסאַראַבער פערמאָגען נישט אין
קאָפּ, וואָס אַ קורלענדער האָט אין דער פּיאַטע. איך בין געפאַלען
אויף אײן אויבער-הסברה און אָבגעאַרבײַט אַ שטיקעל מלאכה, זאָג
איך דיר, אַז ס'איז ווערט אַ דרײַערעל. די גאַנצע נאַלעווקים מיט
גאַנץ וואַרשאָ וועלען לעקען די פינגער! מילא אָט דעם שאָלטיק מאַר-
יאַמטשיק'ס בריוולעך — די האָב איך גלײַך אַוועקגעטראָגען צו זײַן
חנציין — לאָז זי זיך קוויקען. האָט זי גע'חלש'ט דרײַ מאָל. מע האָט
זי קוים אָבגעמינטערט, אַראָבגעברענגט דעם דאָקטאָר... און מיט חיים
סאַראָקער'ס בריוולעך האָב איך אָבגעטאָן אַזאַ מין שפּיעל. אָט וועסט
דו הערען אַ שענס: אַזוי ווי אויף זײַנע בריוולעך צו דיר איז נישט
דערמאָנט נישט דײַן נאָמען נישט מײַן נאָמען, און אָרט איז אויף זײ
פאַרהאַן גענוג, בין איך געגאַנגען און האָב אויסגעשטעלט די ערשטע
צוויי בריוועלעך אויף די נעמען פון בראָני לויפערמאַן און לאה'צי
ברויכשטוהל, און די אַנדערע צוויי אויף דער שערענצים מיט דער פע-
קעלים און איבערגעגעבען די בריוועלעך צו זײערע מאַנען, איטליכען

בעזונדער זײַנס, און לאָזען זײ זיך קראַצען. וואָרום וואו שטעהט עס, אַז נאָר איך בעדאַרף האָבען צרות? לאָזען זײ אויך נישט שלאָפען קײן נעכט, אַזוי ווי איך. לאָזען זײ אויך אָבקומען חבוט-הקבר, אַזוי ווי איך און פיהלען דעם טעם גיהנם, וואָס הײסט מאַריענבאַד... און פאַר דעם סאַראָקער פּעמפּיק וועט דאָס זײַן אָבגעגעבען ברויט, עין תחת עין — אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש, אָדער ווי זאָגט אַ גוי אַ שפּריכוואָרט „כטאָ יאַמע קאָפּאַיע, טאָ סאַם אופּאַדאַיע”... ווי געפעלט דאָס דיר? אַ יאָ, אײַן אײַנפאַל? און דוקא אַ קורלענדער!

אַצינד, בעלצי היקרה, וועלען מיר אַוועקלעגען די דאָזיגע כלבים מיט זײַערע ליבע-צעטעלעך און מיר וועלען אַ ביסעל שמועסען פון דיר, פון דײַן קור, און פון דײַנע נײַע בעקאַנטע אין מאַריענבאַד. טאָמער איז ווינציג חיים סאַ‍ ‍קער מיט מאיר'ל שאַרלאַטאַן האָט זיך פּריקלענטשיט צו דיר אַ נײַער שלים מזל. איך מײן טאַקי ווידער אַמאָל דעם קעשעניעווער דאַנטיסט. גלויב מיר, איך פערשטעה גאַנץ גוט, אַז ס'איז בלאָטע טבבלאָטע. ער וועט דיר נישט אָבבײַסען, ווי דו זאָגסט. ער וועט האָבען פון דיר דאָס אײגענע, וואָס חיים סאַראָקער און וואָס מאיר'ל שאַרלאַטאַן האָבען פון דיר געהאַט. דאָס הײסט, ער וועט דיר, מסתמא, אַרײַנשרײַבען אַ פּאָר ליבע-בריוועלעך מיט חניפה-צעטעלעך און דערמיט וועט זיך אויסלאָזען. נאָר וואָס דען? איך פרעג דיך, צו וואָס דאַרף איך דאָס? צו וואָס נוצט עס מיר, אַז גאַנץ מאַריענבאַד און גאַנץ וואַרשאָ זאָלען וויסען, אַז ס'איז דאָ אין קעשעניעוו אַ דאַנטיסט, וואָס רײַסט זיך מיט מאיר'ל מאַריאַמטשיק פאַר די נעז איבער שלמה קורלענדער'ס ווײַבעל? קײן סודות, זאָג איך דיר, איז נישטאָ. זאָלסט וויסען אײן מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אַלסדינג, וואָס מע רעדט אין מאַריענבאַד, הערט מען אין וואַרשאָ, און לאָז עמיצער געבען בײַ אײַך אין מאַריענבאַנד אַ ניס, וועט מען איהם פון די נאַלעווקים ענטפערען: „צו געזונד”. די וועלט זאָגט אַ שפּריכוואָרט: „וואָס דער מענש זוכט, דאָס געפינט ער, און וואָס פאַר אַ גוט שבת אַזאַ גוט יאָהר”... פאָהרט מען אין אויסלאַנד זיך קוריִרען, דאַרף מען אין זינען האָבען די קור. דיר געפעלט נישט, זאָגסט דו, מאַריענבאַד און ווילסט משנה מקום זײַן? — הערסט דו, מיר איז דאָס מאַריענבאַד פון אָנהויב אָן נישט געפעלען, און איך וואָלט זעהר צופריעדען געווען, ווען דו פאָהרסט אַריבער אויף אײן אַנדער קור-אָרט. נאָר וואָס דען? איך פערשטעה דיך נישט, בעלצי היקרה. דו אַלײן שרײַבסט

מיר, אַז פון מאַריענבאַד קיין פראַנצענסבאַד איז אַ שפרונג, נעמט מען און מע שפּרינגט אַריבער. צו וואָס בעדאַרף מען קלאָגען און וויינען? איך שיק דיר דאָ געלד און איך בעט דיך: טו מיר נישט אָן קיין בזיונות, און פאָהר אַריבער באַלד קיין פראַנצענסבאַד, נאָר אָהן בעג-לייטערס, אָהן שטיגוטערעס און אָהן אונטערפיהרערס... איך וועל דיר געבען אַנ׳עצה, וואָס דו זאָלסט טאָן: הויב דיך אויף גאַנץ פריה, ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, זעץ דיך אויף און פאָהר אַריבער, און נעהם דיך צו דער קור צוריק פונ׳ם אלף-בית, און פערגעס, אַז ס׳איז פאַר-האַן אַ מאַריענבאַד אויף דער וועלט מיט קאַוואַליערען, אַדעסיטען, דאַנטיסטען און נאָך אַזעלכע שאַרלאַטענעס. טו מיר צוליעב חאָטש איין מאָל, וועסט דו אַליין זעהן, אַז איך בין דיר מעהר גוטער פריינד פון זיי אַלע. איך זאָג עס דיר נישט, חלילה, ווייל איך טראַכט איבער אויף דיר, אָדער ווייל איך האָב עפּיס צו זיי, וואָרום וואָס האָבען זיי מיר געטאָן און וואָס אַרט עס מיך, אַז זיי דרעהען זיך דאָרט אַרום דיר? לאָזען זיי זיך דרעהען אַרום מלאך-המות. נישטמעהר איך וויל דיך פערהיטען פון יודישע מיילער. איך וויל נישט, אַז יאַמאַיטשיכע זאָל האָבען וואָס צו רעדען, און מאיר׳ל שאַרלאַטאַן זאָל האָבען וואָס צו פּאַטשקיין מיט דער פען, און אַפילו אַזאַ בעסאַראַבער מאַמעליגע, ווי חיים סאָראָקער, זאָל זיך נישט דערוועגען מעהר שרייבען ליעבעציע-טעלעך צו כרעמדע ווייבער... אויף איהם וואָלט איך מיך געריכט גי-כער אַ פגירה איידער אַזאַ זאַך. היינט געה טרעף, ווער ס׳איז אַ גוטער פריינד און ווער ס׳איז אַ שונא. בעריל טשאַפּניק איז דאָך עפּיס גאָר אַ גאָלד אַקעגען איהם. און איך בין געווען אַזאַ שוטה און בין געגאַנ-גען און האָב זיך איהם פערטרויעט און אָנגערעדט אויף טשאַפּניקען וואָס אין דער קאָרט, איז ער נישט פויל געווען אויף דער פען און האָט אַ פנים אַלסדינג בעוויזען דער טשאַפּניטשקע — איצט איז אויף מיר אַ פייער, זאָל גאָט היטען! בעריל טשאַפּניק איז געקומען צו מיר צו לויפען מיט אַ צעיאָשעטען קאָפּ און האָט אויסגעמאַנטאַטשעט ביי מיר אַ גמילת-חסד אויף צו פערפאַלען. מאָהל דיר, דער סאַראָקער הויר האָט זיך פון מיר אויך נישט גענאַרט. איך האָב איהם אַריינגע-האַקט אַ בריעף די טעג און אָנגעריבען אַ מאָרדע, אַז ער וועט שוין פערזאָגען קינדס קינדער! און האָב קיין מורא נישט — וועגען דיינע בריוועלעך צו דיר האָב איך איהם אַפילו נישט מזכיר געווען. און איך בעט דיך, בעלצי היקרה, זאָלסט מיר שרייבען, וויפיעל האָסט דו

אָנגענומען בײַ איהם דורך דער צײַט אויף מײַן חשבון און ציִ האָסט דו איהם געחתמ'עט קוויטלעך, ציִ ער האָט דיר געגעבען נאָר אַזוי אויפ'ן וואָרט? עס וואָלט געווען אַ מצוה גדולה אָנצולערנען אַזאַ כלב שבכלבים, ער זאָל נישט בילען. און פאָלג מיך, בעלציִ היקרה, פאָהר אַוועק פון דעם פערשאָלטענעם מאַריענבאַד, פערשאָלטען זאָל דאָס ווערן. נאָר פאָהר נישט מיט קײנעם, פאָהר אַלײן, און שרײַב מיר, וויפיעל רעכענסט דו נאָך צו פערברענגען אין אויסלאַנד און ווען רע־כענסט דו צו קומען, אם ירצה השם, אַהײם געזונטערהײד? און וואוהין רעכענסט דו צו פאָהרען — קײן פראַנצענסבאַד, און ווערליג איך האָב געהערט (נישטאָ קײן פערבאָרגענע זאַך אויף דער וועלט), קלויבסט דו דיך גאָר קײן אָסטענדע; שרײַב מיר, וואו ליעגט עס ערגיץ אָט דאָס אָסטענדע? און שרײַב מיר, מיט וועמען פאָהרסט דו קײן אָסטענדע? אַודאי מיט אַ בעקאַנטע מאַדאַם? און זײַ מיר געזונד, און גאָט זאָל מיר העלפען, איך זאָל שוין דערלעבען דיך זעהען געזונטערהײד צוריק פון דער קור, בין איך מנדר דײַנע בײדע פעטערס צושטײַער אויף הוצאות, זײַ זאָלען אַריבערפאָדרען אין אַמעריקאַ, וואָרום עס איז ניכט אויסצושטעהן פון זײ, מע רײַסט פון אַלע זײַטען. די היצען זענען גרויס און דער יקרות איז נאָך גרעסער, און קבצנים זענען דאַ אַזוי פיעל, אַז ס'איז גאָרנישט אויסצובעהאַלטען זיך פון זײ... שרײַב מיר באַלד אַ קבלה אויפ'ן געלד און, למען השם, ווינציגער געשפאַציערט און מעהר געקורירט, וואָרום דײַן געזונד, דאָס איז בײַ מיר דער עיקר.

בעלך שלמה קורלענדער.

№ 37.

הערש ליפערמאַן פון די נאַלעווקיס (וואַרשא) צו חיים סאַראָקער אין מאַריענבאַד.

להנגיד המפורסם מהור' חיים סאַראָקער נ"י.

עס וועט אַך אודאי זאַן אַ חדוש נפלא, ווי קום עך פלוציִם צונ'אַך מיט אַ בריעף, אַז אונז האָבען מיר קײן מאָל נישט געהאַט קײן

שום געשעפטען צווישען זעך, און אויב איהר ווילט, זענען מיר אפילו גארנישט אזוי נאהינט בעקענט, אויסערדעם וואס אונז דאוונען מיר ימים נוראים אין איין שטיבעל. נאר אויב ס'איז אך א וואונדער, איז מיר א סך מעהר וואונדערליך, ווי קומט א יוד, א בעל-הבית, א סאַ-לידער כוחר און א טאטע פון קינדער, זעך ערלויבען אזוי צו האנדלען מיט יענעמס וואב, איהר שראבען ליעבעצעטעלעך גאר און אפירלעגען געלד? ווער דארף אך מיט אייערע געלד? נישט שוין זשע חייסט איהר נישט, אז ערשטענס בין עך אפשר אזוי ראך אין מזומן געלד ווי איהר? און אויב איהר ווילט, בין עך, האט קיין פאראיבעל נישט, אפשר נאך ראכער פון אך. ווארום אז אונז זאלען מיר זעך וועלען גוט אויסרעכענען, ליגט איהר צעשטעקט מיט אייער פערמעגען ביי לאטען און ווער ווייס, וואס קאן זאן אין א יאהר ארום, חלילה, ביי א קריזיס? עך בין מיט גאטס הילף א מזומנ'ער עושר, ווארום די גאנצע וועלט וויים, אז עך האב גאט זיי דאנק אויסגענומען אין דער ווארשאווער לאטעריע מזומנ'ע קערבלעך, און עך קאן מיר, ברוך השם, ערלויבען אויסהאלטען מאן וייב נישט נאר אין מאריענבאד, נאר אפילו אין פאריז. און צווייטענס, איז מאן וואב, חלילה, נישט גלאך צו אנדערע וואבער, ווי, למשל, די מאדאם טשאפניק, אדער ווי קורלענדערס וואבעלע, וואס אייער שוואגער, דער אדעסער פאצעטעל מאריאמטשיק, מצלט דארטען מיט איהר, ווי עם לאזט זיך הערען, שענע משא ומתנ'ס... איהר ערלויבט אך צו שראבען צו מאן וואב, האט מיר קיין פאראיבעל נישט, אזעלכע נארישקייטען און אזעלכע נידערטרעכטיגע אנצוהערענישען, וואס א לאטישען מענשען וועט זעם קיינמאל גאר אויף די געדאנקען נישט קומען. דערביי זענט איהר זעך פאר איהר מודה, אז איהר זענט נישט גאטס סטראפטשע און דאך האלט איהר זי פיר, למאי זי בעגנעגענט זיך מיט אזעלכע נישט וויר-דיגע פארשווינדלעך, ווי אייער שוואגערעל. און נאך דעם אלעם פער-גינט איהר אך צו זאגען מאן וואב, אז איהר און אייער קאסע זענט אנגעברייט!... דאס איז שוין פון אייער זאט, האט מיר קיין פאראיבעל נישט, אזא שווינערייִ, וואס דא אויפ'ן ארט קריגט מען פאר אזא זאך געבראכען די ביינער... און איהר האט נאך אזעלכע פערשטאלטענע אויגען בערימען זעך פאר מאן וואב, אז מיר זענען מיט אך נאהינטע שמעלקעס און איהר האט א העזה זיך אונטערצושראבען „אייער מאנס

פראַנד". כ'בעט אַך, זאָלט איהר מיר געזונד זאַן, פון װען אָן זענט איהר עס מאַגער אַ פראַנד געװאָרען? װאו זענט איהר געװען אין יענע צאַטען, װען איך בין, נישט פאַר איצט גערעדט, געלעגען אין דער ערד און געבאַקען בײגעל? מיר שאַנט, אז עך האָב געהאַט אַ זכיה, אז איהר האָט מיר געזענטפערט אויף מאַן גוט-שבת מיט מאַן גוט יום-טוב. און עך בעט אַך, װער בעדאַרף עס אַזוי נויטיג אייער גוט-פראַנדשאַפט? קײן קרעדיט האָב עך בײ אַך קײן מאָל נישט געהאַט און נישט געװאָלט, און איצט, מיט דער הילף פון קודשא-בריך-הוא, דאַרף איך אייער קרעדיט אודאי נישט. װײסט איהר, װאָס עך װעל אייך זאָגען? אַזעלכע ברױועלעך, װי איהר שראַבט, זאָגען, האָט מיר קײן פאַראיבעל נישט, אַנגעמאַסטען נאָר פאַר אַזעלכע פאַנע בריה'ס, װי די מאַדאַם טשאַפּניק און נאָך אַזעלכע הפקר-װאַבלעך, אָבער נישט פאַר אַנשטענדיגע פרויען פון אַנשטענדיגע לאַט.

דאָס איז אַלעס, װאָס עך האָב געפונען פאַר נויטיג אַך צו זאָגען אויף דער הײסער שעה. דאָס איבריגע װעל עך אַך אויסלומר'ען, אם ירצה השם, אַז איהר װעט קומען געזונטערהײד אהײם און אונז װעלען מיר זעך זעהן פנים אל פנים. דערװײל זאָט'ס מיר און האָט'ס מיר.

ממני צבי הירש לױפערמאַן.

№ 38.

הירש לױפערמאַן פון נאַלעװקים (װאַרשאַ) צו זײן װײב בראַני לױפערמאַן אין מאַריענבאַד.

בראָנישי!

װאָס איז די מעשה, װאָס דו שראַבסט מיר די גאַנצע צאַט, עך זאָל דיר שיקען געלד און געלד, און אַז דו האָסט דאָרט אין מאַריענ-באַד בעקומען, קײן בײז אויג, אַזאַ קרעדיט — פון דעם שראַבסט דו מיר גאָרנישט. אַ גליק, װאָס עך האָב בעקומען זאַן בריװועלע צו דיר, אַ נישט װאָלט עך גאָרנישט געװאוסט, װי אַזוי דו פערברענגסט דאָרט די צאַט, און װאָס פאַר אַ גוטע פראַנד דו האָסט דאָרט געפונען,

וואָס זײַ אַלײַן און זײַער קאַסע זענען אָנגעברײַט פאַר דיר! מילא, אַז ער איז דיר אַ גוטער פראַנד — דאָס זעהט מען פון זאַן בריוועלע צו דיר. אָבער פון וועַן אָן בין עך געוואָרען זאַנער אַ גוטער פראַנד, וואָס ער וויל פערהיטען מאַן כבוד? פאַר וואָס האָב עך נישט געהערט פון זאַן גוטפראַנדשאַפט דעמאָלט, ווען עך בין, נישט פאַר איצט געזאָגט, אויסגעריסען געוואָרען און אַרום געלאָפען איבער וואַרשאָ מיט אַנ'אַרויסגעשטעלטער צונג זוכען אַ דראַעריל? איצט זענען זײַ שוין אַלע געוואָרען מאַנע גוטע פראַנד. פון בערעל טשאַפּניק שמועסט מען נישט. דער איז באַלד נאָכ'ן געווינס געקומען צולויפען מיט אַ גדולה און אויפגעדעקט מיר אַ סוד, אַז ער האָט מעך תמיד געהאַלטען פאַר אַ פעהיגען מענשען, און אויסגעלאָזט האָט זעך עס מיט אַ גמילת-חסד'ל. נאָר אפילו אַזאַ יוד, ווי רב וועלוועל יאַמאַי-קער מיט'ן שענעם באָרד טראָגט מיר האַנט דעם „גוט מאָרגען" אָקעגען. עך בין מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסען, געוואָרען אַ גאַנצער יש, אַ העלד אין מיטען דרינען! דאַכט זעך דער אײַנענער הערש לויפערמאַן וואָס פריהער, און דאָך נישט דער. אפילו די צאַטינגנען האָבען געהאַט צו טאָן די ערשטע צאַט מיט'ן נײַעם גביר פון די נאַלעווקים. נאָר לאָמיר דאָס אוועקלעגען אויף אַ זאַט. זאָג מיר, בראָנישי, ווי דער-לאָזט דו עס גאָר, מע זאָל צו דיר שראַבען אַ'עלכע בריוועלעך? למאי האָסט דו אַלײן נישט אָבגעשיקט צו מיר זאַן בריוועלע? און וואָס האָסט דו איהם אָבגעענטפערט אויף זאַן בריוועלע? און שראַב מיר, אויב ס'איז אמת, אַז דו קענסט זיך דאַרטען מיט זאַן שוואָגער דעם שאַרלאַטאַן? און אויב ס'איז אמת, אַז דו געהסט מיט איהם שפּאַציר-רען אויף דער גאַס? און ווי קומט עס, וואָס פאַרליג ער שראַבט, האָסט דו איהם געגעבען אַ קאַלטען אויפנאַהם, לסוף לעגט ער דיר פאַר, אַזוי ווי דו פאַהרסט פון בערלין, קעהרסט דו דאַרפען געלד, על-כן, שראַבט ער דיר, אַז ער און זאַן קאַסע זענען תמיד אָנגעברײַט פאַר דיר!? אַזאַ חוצפה איז נאָך נישט געהערט געוואָרען אין דער וועלט. אויסערדעם, וואָס עך שראַב צו איהם אַלײַן אַ רעכט בריוועל, וואָס עס וועט איהם פינסטער ווערען אין די אויגען, וועל עך נאָך זאַן מיט זאַן בריוועלע צו דיר באַ זאַן וואַב — לאָז זי זעהן און לאָז זי אויך וויסען, ווי אַזוי איהר מאַן האַלט די „קור" אין מאַריענבאַד!

עך בײַט דעך, בראָנישי, זאָלסט מיר באַלד שראַבען וועגען איהם וואָס און ווען, וואָרום עך וועל אַזאַ זאַך נישט פערשוואַגען! און

פון דאַן געזונד זאָלסט דו מיר שרייבען און פון אַלסדינג זאָלסט דו מיר שרייבען.

פון מיר דאַן געטרייער מאַן

הערש לויפערמאַן.

№ 39.

קלמן ברויכשטוהל פון די נאַלעווקים (וואַרשאַ) צו חיים סאַראָקער אין מאַריענבאַד.

לכבוד הגביר המפורסם מוה"ר חיים סאַראָקער נ"י.

דער צוועק פון דיזען בריעף איז אָנצופרעגען זיך בײַ אײַך, איהר זאָלט זײַן אַזוי גוט מיר ענטפערען גאַנץ אויפריכטיג און קלאָהר, נישט געדרעהט זיך און אָהן קונצען: וואָס פאַר געשעפטען האָט איהר דאָס מיט מײַן פרוי, וואָס איהר שרײַבט צו איהר שלום-לאַהובי-בריוולעך? איהר רופט זי אַרויס צום ברונען און אין „מיראַמאָנט" אַרײַן צו שמוע-סען מיט איהר אונטער פיער אויגען?! איהר לעגט איהר פאַר געלד, און איהר פאָדערט פון איהר, זי זאָל אַריבערפאָהרען צו אײַך אין אײַער האָטעל פון איהר טובה וועגען?!... און דער עיקר, וואָס פאַר אַ סודות האָט איהר עס צו דערצעהלען אויף מיר???!... אין אײַער בריוועלע צו מײַן פרוי ווינקט איהר אָן, אַז איך האָב נישט פײַנט קײַן קערטעל און אַז איך שפיעל אין „אָקע". אויב דאָס איז אײַער סוד, וואָס איהר האָט אויסצוזעצען אויף מיר, האָט איהר נישט געטראָפען די סטאַנציע. גאַנץ וואַרשא ווײס, אַז איך אין „אָקע" שפיעל נישט. איך שפיעל אַמאָל אַ באַנטשאָק אָדער אַנ'אַנדער שפיעל, און לעב נישט פון קײַן קאָרטען. איך בין נישט בעריל טשאַפּניק, איך האָב אַנדערע געשעפטען. אַלזאָ, וואָס קאָנט איהר אויף מיר דערצעה-לען פאַר מײַן פרוי? און וואָס פאַר אַ אינטערעס קאָנט איהר האָבען דערבײַ? אַ מאַן, וואָס שרײַבט אַזעלכע בריוועלעך צו אַ פרעמדער פרוי, מוז האָבען וויכטיגע אורזאַכען און אײַן ערנסטען צוועק. אַז איהר זענט אַיצט נישט שוה בשוה מיט אײַער פרוי — דאָס ווײס איך שוין לאַנג, מע רעדט בײַ אונז אויף די נאַלעווקים דערפון גאַנץ געשמאַק. ווײַלע-

יאַמאַיקער האָט מיר דערצעהלט אויף אייך גאַנץ שענע זאַכען, אויף אייך און אויף אייער שוואָגער מאַריאַמטשיק. מע שמועסט, אַז איהר ביידע האַלט ביי גט'ען זיך מיט אייערע ווייבער, אויב אַזוי ווינש איך אייך, ס'זאָל זיין אין אַ גוטער שעה, איצט בלייבט איבער נאָר איין זאַך: וואָס האָט איהר קיין צייט נישט געהאַט שוין אַזוי גיך זיך בעוואָהרענען מיט אַ צווייטע פרוי, ווערהענד יענע האָט נאָך אַ מאַן ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר? אָדער אפשר ווייסט איהר פון דעם סוד, אַז עס האָט ביי אונז אויך געהאַלטען אַמאָל אויף אַ גט? איז ערשטענס געהער זיך עס אָן נאָר מיט מיר און מיט מיין פרוי, און צווייטענס, האָט איהר בעדאַרפט ווענינגסטענס אָנפרעגען זיך ביי מיר דורך אַ בריעף. נישט געהן מיט אַזעלכע וועגען, ווי איהר געהט... אַגב, אַז עס האַלט שוין דערביי, בעדאַרף איך אייך זאָגען גאַנץ אויפריכטיג, אַז אויב איך וועל מיך ענטשליסען צו שיידען זיך מיט מיין פרוי, וועל איך עס אַנדערש נישט טאָן, נאָר מיט אַ תנאַי, וואָס בעשטעהט אין צוויי פונקטען: 1) איך וועל איהר די קינדער נישט אַוועקגעבען פאַר כל הון דעלמא. 2) די קינדער מוזען מיר זיין בעוואָהרענט מיט אַ געוויסע סומע אויף זייער נאָמען, אַריינגעטראָגען אין גאָסודאַרסטווענע באַנק. איהר זענט אַ יוד אַ סוחר און אַ בר-דעת און איהר האָט אַ פנים דאָס זעלבע פעקעל, וואָס איך — אַ ווייב אַ צרה — בעדאַרפט איהר אָבער פערשטעהן, אַז צווישען אייך און מיר איז אַ גרויסער אונטערשיעד. איהר זענט אַ יוד אַ קאַפּיטאַליסט און אייערע קינדער זענען געזיכערט, און איך בין נישט איהר, איך געב אייך מיין עהרען-וואָרט, אַז איך וועל דאָס צווייטע מאָל נישט הייראַטען. איין מאָל אָבגעבריהט זיך — גענוג.

אַלזאָ, ידידי, אויב איהר האָט אַ'ערנסטען קוק, זאָלט איהר מיר תיכף ומיד ענטפערען. וואָס און ווען און ווי אַזוי. און אויב עס איז ביי אייך מעהר נישט ווי אַזאַ מין ספאָרט, ווי ביי אייער שוואָגער דעם שאַרלאַטאַן, וואָס ווערליג מע שרייבט אונז פון מאַריענבאַד, האַלט ער אין איין נאָכלויפען נאָך פרעמדע ווייבלעך און שרייבען זיי ליעבע-בריוולעך, פערשטעה איך נישט, ווי ערלויבט זיך עס אַזאַ זאַך אַ יוד אַ סוחר, אַ טאַטע פון קינדער, ער מעג זיך זיין אפילו אַ גביר און אפילו אַ מיליאָנער? זעלבסטפערשטענדליך, אַז איך וועל אַזאַ זאַך נישט פערשווייגען און עס קאָן אַרויס דערפון אַ גרויסער סקאַנדאַל. איך ערוואַרט פון אייך יעדענפאַלס אַ ענטפער, אָבער קלאָהר און דייטליך.

אהן המצאות און איבערקעפלעך... איך האב נאר וואס אוועקגעשריבען א בריוועל אויך צו מיין פרוי קיין מאריענבאד, זי זאל מיר שרייבען אויב ס'איז אמת, אז זי האט געשיקט צו אייך א שליח נאך געלד? און פאר וואס האט זי זיך נישט אנגעפרעגט פריהער ביי מיר? און וואס איז דאס פאר א מיראמאנט, וואס איהר רופט זי ארוים? און וואס פאר סודות האט איהר אנטדעקט אויף מיר? און ערשט דעמאלט, ווען איך וועל האבען בעקומען איהר ענטפער וועל איך וויסען, וואס איך האב צו טאן. דערווייל זעהט מיר אוים דער גאנצער חלום א רעטעניש.

איך פערהאף, אז אויב איהר האט אין זיך חאטש א ברעקעל אנשטענדיגקייט בעדארפט איהר באלד און שוין געבען א קלארע תשובה אויף דעם אלעם און זאגען מיר דייטליך און אויסדריקליך, וואס האט איהר געמיינט מיט אייער פערשטעלטען בריעף צו מיין פרוי? וואס איז אייער כונה און אייער מיין? און דער עיקר, וואס פאר סודות האט איהר אויסצעזעצען אויף מיר, אויף אייער אומבעקאנטען

קלמן ברויכשטוהל.

№ 40.

קלמן ברויכשטוהל פון די נאלעווקים (ווארשא) צו זיין ווייב ברויכשטוהל אין מאריענבאד.

צו מיין ליבען פרוי לאה'ציז לעב וואהל!

עס איז נישט גלייך, לאה'צי, וואס איך האב בעדארפט געוואויר ווערען פון אזא וויכטיגער זאך און פון אזא ערנסטען שריט דורך דער דריטער האנד. מיר שיינט, ס'וואלט געווען פיעל געזינטער פאר אונז ביידען, ווען איך ערפאהרע עס דירעקט פון דיר. איך האב אפילו שוין בעמערקט שוין לאנג, אז דו האסט עפים אויף דער נשמה, נאר דו פערבארגסט עס פון מיר אזוי וויים ווי מעגליך. דיין פלוצלינג אב-רייזען קיין אויסלאנד, דיין אויסוועהלען מאריענבאד — וואס עפעס גראד מאריענבאד? פאר וואס נישט איין אנדער באד? — און דיינע וועלטענע און קורצע בריוולך צו מיר די לעצטע צייט — דאס אלעס

האט בעדארפט זיין אויפפאלענד אין מיינע אויגען. נאר ווי זאגט דאס שפריכווארט: „דער מאן ווערט געוואויר אלע מאל צום לעצטען”... איך וואלט דאס קיין מאל אויף דיר נישט געגלויבט, — און גלויב אויך איצט נישט — אז דו זאלסט אזוי נידריג פאלען און ערלויבען זיך צו שיקען לייהען געלד אהן מיין וויסען ביי אזא מאן, וואס גראבט זיך אונטער מיר און זוכט אויף מיר בלבולים, אום צו דערגרייכען זיינע נידעריגע צוועקען. לאז שוין זיין אפילו, ווי דו האסט מיר נישט איין מאל געזאגט, אז איך האב דיר פערפינסטערט דיין וועלט (אבוואהל ס'איז נישט אזוי די מעשה: מיין וועלט איז פערפינסטערט געווארען דורך דיר), נאר יעדענפאלס וואלט געוועזען א סך ערהליכער פון דיר, ווען דו זאלסט מיר שרייבען: „אזוי און אזוי, קלמן-לעב, איך וויל זיין פריי, ווייל ס'איז מיר נמאס געווארען צו לעבען אין שטענדיגען געלד-מאנגעל און דעסגלייכען...” וואלט איך דיר אבגעענטפערט דאס זעלבע, וואס איך האב דיר געזאגט שוין לאנג, נאך ביי אונזער ערשטען צעפאהרען זיך, — געדענקסט דו? — אז ס'איז פארהאן א רוסיש ווארט: „נאסילאו מיל ניע בודעש”... אויך איצט זאג איך דיר, לאה'צי, ווי איין אמת'ער גוטער פריינד און ווי א פאטער צו זיינע קינדער, אז אלע וועגען זענען פאר דיר אפען. איך וועל דיר געבען פולע פרייהייט, נאר מיט איין תנאי: אזוי ווי דו ווייסט, ווי טייער עס זענען ביי מיר די קינדער, אז איך וועל זיך מיט זיי נישט שיידען פאר קיין געלד אין דער וועלט, און אזוי ווי ער איז א יוד איין עושר, חוץ זיין שאדען אויף מיר געזאגט געווארען האטש האלב, על-כן זאל ער בעוואהרענען פריהער דיך, דערנאך אונזערע קינדער. פון זיך רעד איך נישט. מיך וועט גאט אויספיהרען אהן איהם. דו ווייסט, אז קיין גרויסער איבערקלויבער בין איך קיין מאל נישט געוועזען און איצט אודאי נישט. אבי איך זאל וויסען, אז דיר וועט זיין גוט, און אז אונזערע קינדער וועלען, חלילה, נישט דארפען אנקומען צו א שטיפ-מאטען. דאס איז אלעס, וואס איך האב דיר צו זאגען. איין אנדער מאן אויף מיין ארט וואלט דיר געמאכט איין אוואנטורע מיט א סקאנ-דאל. איך בין נישט קיין מענש פון קיין אוואנטיורעס און פון קיין סקאנדאלען. דעריבער שרייב איך דיר געלאסען און אויפריכטיג. און אויך צו איהם האב איך היינט אוועקגעשריבען א בריעף, און איך פערלאז מיך אויף זיין אנשטענדיגקייט, אז ער וועט מיר געבען א קלא-רע תשובה, און די זאך וועט רעגולירט ווערען אויפ'ן אנשטענדיגען

ארט, און עס וועט נישט קומען, חלילה, צו לייטיש געלעכטער און צו סקאנדאלען, ווי עס ווינשט דיר

דיין באמת געטרייער מאן, וואס איז
יעדענפאלס דיין בעסטער פריינד
קלמן ברוילשטוהל.

№ 41.

איטשע מאיר שערעניים און איטשע מאיר פעקעלים פון די נאלעווקים (ווארשא) צו חיים סאראקער אין מאריענבאד.

(איבערזעצט פון העברעאיש).

פריעד צום פיעלגעעהרטען געהויבענעם און געאלפערטען הערר, דעם געלעהרטען און אויפגעקלעהרטען רב חיים סאראקער — פריעד אהן אנ׳עק.

נאלדעם, ווי מיר בעגריסען דעם געעהרטען הערר, ווי דער מנהג איז, טוען מיר זיך נעהמען צום אלעם ערשטען ערלויבונג צו ווינשען איהם א גיכע היילונג און א רפואה שלמה הן אין זיין קערפער והן אין זיין געלד, און דער אלמעכטיגער זאל איהם ברענגען אין פריעדען אהיים צו דער רוהונג און צו דער ערבשאפט אין גיכע צייטען און ער זאל נישט וויסען מעהר פון קיין שום קרענק און פון קיין שום שמערצען מיט׳ן כלל ישראל פון היינט און ביז אייביג — אמן.

אצונד טוען מיר מאכען פאלען אונזער געבעט פאר די הויכקייט פון אונזער הערר, ער זאל אראבנייגען זיין אויער און צוהערען צו אונזער קול, צום קול פונ׳ם בלוט פון דיין ברודער, וואס טוט שרייען פון א וויים לאנד אויף דער אונרעכט, וואס ווערט אונז געטאן אהן א שום עולה אין אונזערע הענד, מיר האבען געזאגט, לאמיר דערצעהלען חאטש א טוויזענד חלק פון אונזערע יסורים און הארצוועהטיג — איז אבער מיעד יעדע צונג צו רעדען, יעדע פעדער צו שרייבען, און ס׳איז קורץ די דעק אויף צו פערשפרייטען. און נאר אין קורצע ווערטער וועלען מיר זיך פרובען געבען א ווידער-קול פון אונזער אויסגע-

שרעה, וואָס רײַסט זיך אַרויס מיט אַ גוואַלד פֿון די ווענט פֿון אונזער האַרץ. הערט אונז אויס, וועט אײַך אויסהערען גאָט.

מיר, די אונטערגעשריבענע אויף דעם דאָזיגען בריוו, זענען וואַרשאָווער יונגע-לײַט, וואָס זענען נישט לאַנג אַראָב פֿונ'ם טיש פֿון זייער פֿאָטער און האָבען געשיקט אין האַנדעל זייערע הענד, און גאָט האָט געבענשט דאָס טועכץ, וואָס זיי האָבען געטאָן, און זייער אַרבײַט האָט געמאַכט וואַקסען פּירות און זייער נאָמען האָט זיך געשטאַרקט אויף דער וועלט, און ווי דער מנהג איז פֿון אונזערע ברידער, די קינדער פֿון ישראל: ווי באַלד נאָר די זון פֿון הצלחה טוט אַ לײַכט צו זיי מיט איהר פּנים, אַזוי הויבען זיי אָן צו פֿערשווענדען דאָס, וואָס זיי האָבען אָנגעזאַמעלט מיט די מידקײַט פֿון זייערע הענד, און געלד איז, ווי גאָרנישט בײַ זיי אין די אויגען, און מעהר פֿון אַלץ ברענגען זיי זיך אוים אויף די ווײַבער פֿון זייער יוגענד, און זייערע ווײַבער הויבען אָן פֿיהלען מיט אַמאָל אַלערלײַ וועהטיגען אין זייערע אַלע איברים און זיי הויבען אָן פֿאָרשטען צו די אָפּגעטער פֿון דער מעדי-צין, וועלכע צעשיקען די דאָזיגע קרענק אין אַלע עקען פֿון דער וועלט צו זוכען אַ תּרופֿה צו זייער וואונד, און מעהר ווי אומעטום ווערען זיי געשיקט אין יענעם מאָדנעם קוראָרט, וואָס איז בעוואוסט מיט'ן נאָמען מאַריענבאַד.

עס פֿערשטעהט זיך פֿון זיך זעלבסט, אַז מיר האָבען מקיים געווען דעם דין פֿון מאַריענבאַד מיט אַלע פּונקטען און פּיטשעווקעס און מיט אַלע זעקס הונדערט און דרײַצעהן מצוות, וואָס הענגען אָפּ אין דעם. נישט געשוינט האָט אונזער אויג אויף קיין געלד, און אַלץ, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: טו — דאָס האָבען מיר געטאָן. און מיר האָבען אַרויסבעגלײַט אונזערע געליעבטע ווײַבער קיין מאַריענבאַד, און געלד האָבען מיר געטאָן אין זייערע כּלים, און מיר האָבען צו זיי געזאָגט: „געהט אויף אין אַ גוטער שעה און אין אַ גליקליכער אין יע-נעם פֿרוכטבאַרען לאַנד, וואָס טוט רינען מילך און האָניג, און געפֿינט דאָרט אײַער היילונג, נײַערט איהר זאָלט אונז נישט פֿערגעסען און זאָלט פֿון צײַט צו צײַט מאַכען פֿליהען צו אונז אײַערע צײַכענס און אײַערע נאַכריכטען פֿון אײַער פֿריידען און פֿון אײַער וואָהל-זײַן ביז עס וועט קומען דער גליקליכער טאָג פֿון אײַער צוריקקעהרען אין אײַער נעסט אַרײַן צו אײַערע מאַנען, די הערען פֿון אײַער יוגענד".

אַזוי האָבען מיר געזאָגט צו אונזערע געליעבטע ווײַבער און זיך

אָפּגעזעגענט מיט זיי, און זיי האָבען פערלאָזט מיט פריערען דאָס לאַנד פון זייער געבורט און זענען געקומען אין דעם לאַנד, וואָס זיי האָבען אויסדערוועהלט, דאָס הייסט קיין מאַריענבאַד, און האָבען אונז צוגעזאָגט צו שיקען נאַכריכטען פון צייט צו צייט, און האָבען געהאַלטען וואָרט, געשריבען אונז בריעף פון דעם שטאַנד פון זייער געזונד, און פון די וואַסערען, וואָס זיי טוען דאָרט שעפּען פון די קוואַלען פון הילף. נאָר פּלוצים איז פערשטאָפּט געוואָרען יעדער זעהונג פון זיי. די פּאָכט האָט פערמיטען צו ברענגען אונז זייערע נאַכריכטען. פערוואָרימט און אויסגעטריקענט זענען געוואָרען אַלע קוואַלען פון זייערע שרייבעכצען, וואָס זיי פלעגען צו אונז שרייבען, ביז מיר האָבען פערלוירען אונזער קאָפּ און מיר זענען געוואָרען אין אונזערע אויגען גלייך, ווי מיר חלומ'ן, און פּלוצים האָט מען אונז אויפגעעפענט אונזערע אויגען און ס'איז אונז פערענטפערט געוואָרען אַלע קשיות. מע האָט אונז בעוויזען שוואַרץ אויף ווייס, ווער ס'איז דאָ דער שולדיגער און ווער ס'איז דאָ דער בעזער שליח. אין לעבען וואָלטען מיר נישט געגלויבט, ווען מיר זאָלען נישט זעהען מיט אונזערע אויגען און נישט דערקענען אייער האַנדשריפט און די האַנדשריפט פון אייער געעהרטען שוואָגער געקריצט אויף פּאַפּיער. זעהר געעהרטער און געהויבענער הערר! מיט די גלאַטקייט פון אייערע צונגער און מיט די זיסקייט פון אייערע רעד האָט איהר ביידע זיי געטאָן פאַנגען אין אייער נעץ. פולע הויפענס ליעבשאַפט האָט איהר געטאָן אויסגיסען אין זייער שויס אַריין און איהר האָט געמיינט, ווייזט אויס, אַז קיין מענש וועט נישט וויסען, קיין בעשעפעניש וועט נישט זעהען. אוי וועה געשריגען! ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז דאָרט אין דעם ווייטען מאַריענבאַד, וועט זיין אָנגעגרייט נאָך פון נעכטען דער גיהנם? ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז אונזערע ריינע פרומע ווייבער, וואָס אין דערהיים אין וואַרשאַ וואָלטען זיי אויסגעלעבט זייערע יאָהרען און וואָלטען נישט געוואוסט פון קיין זינד, זאָלען אַזוי געשטרויכעלט ווערען? ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז אין אזא צייט, וואָס איז אַ צרה פאַר יעקב'ן, און ישראל איז אַוועקגעגעבען געוואָרען צו רויבער, אין אזא צייט, ווען יודיש בלוט גיסט זיך, ווי וואַסער אין הויפט פון אַלע גאַסען, ווען שונאים פרעהען זיך און טאַנצען אויף אונזער חרפּה, ווען די פיילען ווערען געשאַרפט אויף אונז פון אַלע זייטען און שווערע וואָלקענס רוקען זיך אָן אויף אונזער הימעל — אין אזא צייט זאָלען יודען, בעווייבטע יודען, טאַטעס פון

קינדער, אין זינען האָבען טאָן אַזעלכע אומווירדיגקייטען, פערנאַרען פרעמדע ווייבלעך ערגיץ אין אויסלאַנד, און אונטערען דעקטוך פון הײלונג און לעבעדיגע וואַסער טרינקען, זיך נעהמען אַראָבפיהרען זײ פונ׳ם גלייכען וועג און פערפיהרען זײ אין אַ אָרט, וואָס פון דאָרטען וועלען זײ זיך שוין נישט אומקעהרען — אָ! שטוינט איהר הימלען! מיר האָבען געמיינט, אַז נאָר אייער גערהרטער שוואָגער, דער מאַן פון אייער ווייבס שוועסטער, וואָס האָט אַ שם אין דער וועלט פאַר איין אויסגעלאַסענעם מענשען, וואָס האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון דרך-ארץ און אַנשטענדיגקייט, איז פעהיג צו טאָן אַזעלכע מיאוסע זאַכען—שרייבען בריוועלעך צו פרעמדע ווייבלעך. זיינע בריוועלעך, וואָס ער האָט געטאָן לויפען צו אונזערע ווייבער, איז אונז געראָטען אָבצוהאַנדלען פאַר רעכט געלד ביי איינעם אַ פּאַרשוין, וואָס מיר זענען נישט מחויב צו פערעפענטליכען זיין נאָמען. מיר האָבען געמיינט, אַז דערמיט האָט זיך געענדיגט די דאָזיגע הימעל-שרייענדע טראַגעדיע. צום סוף האָבען מיר דערזעהען, אַז מיר זענען געווען בלאָנזענדיגע אין אַ מדבר, אַז דער אמת׳ער פיינד לאָקערט נאָך פון זיין בעהעלטעניש — און דער דאָזיגער פיינד דאָס זענט איהר, גערהרטער און געאַכפּערטער הערר, איהר און נישט קיין אַנדערער. וואָרום אויב אייער גערהרטער שוואָגער, דער מאַן פון אייער ווייבס שוועסטער, האָט געטאָן שרייבען צו אונזערע ווייבער פיעל נאַרישקייטען און פוסטע רייד פון חנופה מיט אַ גרינגען קאָפּ, האָט איהר, זעהר גערהרטער הערר, געהאַט איין עזות צו זאָגען אונזערע ווייבער, אַז איהר וועט טאָן מאַכען רינען געלד פון אייער בייטעל פון זייער טובה וועגען. אָ! פערשאָלטען וואָלט געמעגט ווערען די האַנד, וואָס האָט אַזעלכעס געקאָנט צייכענען! פערשאָלטען וואָלט געמעגט ווערען די צונג, וואָס איהרע גלאַטע רעד זענען גיפט און די זיסקייט פון איהרע ווערטער זענען דער גיהנם.

דאָס אַלעס האָבען מיר, די אונטערגעשריבענע, געפונען פאַר נויטיג, זעהר גערהרטער הערר, אויסצוגיסען אין אייער שוים און צו בעטען פון אייך מיט אַלע מינים געבעט—איהר זאָלט רחמנות האָבען הן אויף אונזער כבוד, הן אויפ׳ן כבוד פון אונזערע ווייבער, והן אויף אייער אייגענעם כבוד, און איהר זאָלט אויפהערען צו טאָן אייערע אומווירדיגע זאַכען. מיר זענען אייך מוסר מודעה, זעהר גערהרטער הערר, אַז באם איהר וועט נישט צוהערען צו אונזער קול און וועט נישט פערמיידען ווייטער צו טאָן אייערע אומווירדיגקייטען אין דער

פערבארגעניש, דאן וועט ביטער זיין אייער סוף און איהר וועט בעקו־
מען אייער לוין און אייער צאהלעלטם בכפל כפלים, ווארום ס'איז דא
א גאט אויף דער וועלט און ס'איז נאך פארהאן א געזעץ און א ריכטער
אין ישראל!

מיר בעטען ביי אייך, איהר זאלט קיין פאראיבעל נישט האבען,
וואס מיר פערלענגערן נישט אונזערע רעד, ווייל מיר האבען זעהר
קיין צייט נישט! און האפענדיג, אז איהר וועט טאן א געהעריג אויער
צו אונזערע ווערטער, וואס טריפען פון א ריכטיגע קוואל און פון א
הארץ פול בלוט, און איהר וועט נישט דערלאזען צו גרעסערע בזיונות,
פערקירצען מיר אונזערע רעד און צייכענען מיט פיעל כבוד און מיט
א בענטשונג פון גוטע פריינד, וואס ווינשען אייך פיעל גליק און רייכ־
קייט ביז אהן א שיעור.

די רעד פון: יצחק מאיר שערענציס.
און די רעד פון: יצחק מאיר פעקעלים.

№ 42.

אלעכסאנדער סווירסקי פון באזעל צו דער יאמאיטשיכע אין מאריענבאד.

גנעדיגע פרוי!

איך האבע די עהרע איהנען מיטצוטיילען, דאסס איך אין באזעל
אויף דען צעהנטען ציוניסטען-קאנגרעס גליקליך אנגעקאמען בין און ווי
מיר די זאכע בעאבערעדעט האבען, האבע איך מיך צו מיינע געשעפ־
טען מיט פלייס גענאמען, די פאסיגע פארטיען פאר איהרע ווערטע
טעכטער נאכצוזעהן און מוז בעהויפטען, דאסס צו מיינען גרעסטען
בעדויערען האבע איך דאס געוואונשטע פיר זיע לייידער ניכט געפונדען,
ווייל דער גרעסטער טהייל געסטע צום צעהנטען ציוניכטען-קאנגרעס
בעשטעהט פון מענער, וועלכע לייידער שוין לאנג פערהייראטעט זינד.
דען אונפערהייראטעטע גיעבט עס לייידער ניכט אונטער דען ציוניסטען.
די אורזאכע איז וואהרשיינליך די, וואס די ציוניסטען לייידער פריה
הייראטען אונד פיעלייכט זינד דא נאך אורזאכען, אבער דער טהאט

איז פעסטגעשטעלט, דאס מיין רייזע נאך באזעל וואר גאנץ אומזאנסט אונד עס טוט מירווירקליך לייד די שפעזען, וואס זי מיר געגעבען האבען. אבער איך קאן מיר רעכטפערטיגען, דאס איהרע שפעזען זענען דאך ניכט גאנץ אומזאנסט הערויסגעשמיסען, דען איך האבע מיך היער אין באזעל אינפארמירט וועגען איהר קישיניעווער פארטיע אונד איך בין צו מיין גרעסטער ערשטוינונג ערפאהרען, דאס דער הערר זיידענער איזט ווירקליך איין זעהר טיכטיגער דאנטיסט, וועלכער אין קישיניעוו די גרעסטע פראקסיס האט, אבער ער איזט ליידער שוין לאנג פערהייראטעט אונד האט צו הויזע איינע זעהר נעטטע פרוי אונד קינדער, אונד עס וואונדערט מיר וואהרהאפטיג, ווי האבען וויר דאס געקאנט זיך זא ביטערליך ענטוישען, דאס די זאכע זא וויט געגאנגען איזט, דאס ער אין איהרע אלע דריי ווערטהע טעכטער זיך פערליעבט האט, אונד אויך איהרע ווערטהע טעכטער איהם זא וויט סימפאטיזירען, דאס גאנץ מאריענבאד שוין אלס ריכטיגע פארטיע זי בעטראכט האט! אונד וואס מיר בעזאנדערס פערדרוס מאכט איזט דער פאקט דאס דיעזער הערר זיידענער שיינט מיר איין געמיינער בעטריגער צו זיין, דען דיעזער שורקע האט ביי מיר איינינגע טויזענד קראנען אויף איינע קורצע צייט אלס גמילת-חסד גענאמען, אונד אלס איך איהם צוויי מאל טעלעגראפיש געמעלדעט האבע, דאס ער מיר דיעזע פאאר טויזענד קראנען זאפארט מיר טעלעגראפיש נאך באזעל איבערווייזען זאל, בלייבע איך גאנץ אהנע אנטווארט, אונד האבע איך הייטע צו מיינע גרעסטע ערשטוינונג איינע נאכריכט בעקאמען, דאס דער הערר זיידענער נאך אסטענדע צוזאמען מיט פרוי קורלענדער אבגערייזט האט, אונד דאס דער הערר מאריאמטשיק איזט צוזאמען מיט פרוי שערעניצים אונד פרוי פעקעלים אויך נאך אסטענדע אבגערייזט, אונד איך דיעזער לייכטזיניגער הערר מאריאמטשיק איזט מיר איין פאאר הונדערט קראנען שולדיג געבליבען נאכדעם, ווי וויר צוזאמען איינינגע מאל אין אקע געשפיעלט האבען. אבער דיעזע פאאר הונדערט קראנען פון העררען מאריאמטשיק זינד מיר ניכט זא פיינליך אלס יענע דרייטויזענד קראנען פאן העררן זיידענער, דען דאס איז בלויז קארטענשולד, אונד דאס איזט ליידער בארעס געלד, מיט בלוט אונד שוויים פערהארעוועט, — אויסקרענקען זאל ער דאס, אזא איין אויסוואורף! א ממזר! אזעלכע בלוטיגע קראנען, ווי שדכנות-געלד ביי א שדכן, איידער מע זעצט דורך ביי א יודען א שידוך קומט אן מיט גרינע ווערעם, קומט

צו נערן א דאנטיסט, א שווארץ יאהר פון קעשעניעוו, וועלכער איינע פרוי אונד צוויי קינדער האט, אונד זיך אלס אונפערהייראטעטער קאוואליער מעלדעט — איזט דאס טהאטזעכליך צו שטוינען אונד צו בעדויערען, דאסס אין אזא צייט זאל זא עטוואס פארקאמען קענען אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט ביי אלגעמיינער ציוויליזאציאן פון באהנען, טעלעגראף, טעלעפאן, עלעקטריע, פאנאגראף עט צעטערא, עט צעטערא! אונד דא איך פאן היער דירעקט נאך אסטענדע אבריזע, אום דיזען ניעדערטרעכטיגען בעטריגער צו פאקען אונד גלייכצייטיג פיר איהרע ווערטהע טעכטער אנשטענדיגע פארטיען נאכצוזוכען, פערבלייבע איך מיט פארציגליכער האכאכטונג אונד מיט די בעסטע גערוסען צו איהרע ווערטהע טעכטער

אלעקסאנדער סווירסקי.

№ 43.

בראני לויפערמאן פון מאריענבאד צו איהר מאן הירש לויפערמאן אויף די נאלעווקיס (ווארשא).

לבעלי מהור׳ הערש נ״י.

וואס ס׳האט זיך מיר געחלומ׳ט די נאכט און יענע נאכט און א גאנץ יאהר זאל אויסגעהן צו מיינע שונאים׳ס קעפ און צו זייערע הענט און פיס און לייב און לעבען! די יאמאיטשיכע זאל אזוי וויסען פון איהר חיות און די טשאפניטשקע כון איהר געזונד, ווי איך הויב אן צו פערשטעהן אפילו, וואס דו שרייבסט און פון וועמען דו שרייבסט און צו וועמען דו שרייבסט?! דאס האט אודאי די יאמאיטשיכע דורך איהר וועלוועל יאמאיקער אנגעפיהרט א רכילות׳ל? אדער די טשאפניטשקע דורך איהר בערעל טשאפניק, וואס וויל ביי דיר אויסנארען א גמילות-חסד? ער בעדארף טאקי נעבאך זעהר נייטיג האבען, ווארום זיין מאראם האט זיך דא פערשפיעלט אין „אקע”, געפטר׳ט וויפיעל זי האט געהאט און איצט לויפט זי ארום צווישען אונזערע ווארשאווער זוכען א נאר, וואס זאל איהר אויסלייהען אויף א קורצע צייט. איז אבער נישטא קיין נאראנים אין מאריענבאד. א סך זענען זיך צעפאה-

רען, ווער קיין פראַנצענסבאַד, און ווער קיין אָסטענדע. שלמה קורלענדער'ס ווייבעלע איז שוין אין אָסטענדע. נישט אליין, דער קעשעניעווער, וואָס איך האָב דיר געהאַט געשריבען, איז אויך דאָרטען. וואו זי, דאָרט איז ער. אַ פּנים אַ כּישוף?... נאָר איך קעהר מיך אום צוריק צו דיין בריעף. איך לייען איהם און לייען און ווער שיער נישט משוגע! וואָרום איך הויב דען אָן צו פערשטעהן, וואָס דו מיינסט? ווער איז דער „ער", וואָס דו שרייבסט מיר, אַז ער איז מיר אַ גוטער פריינד און אַז איך האָב ביי איהם קרעדיט? וואָסער קרעדיט? איך האָב דאָ נישט קיין קרעדיט אין ערגיץ אויף קיין צעהן העלער אפילו! געהט אַוועק די וואָך אַזוי ווערט צוגעציטעלט אַ רעכענונג און מע מוז צאָהלען. דאָס איז מיט דער סטאַנציע, און פאַר'ן עסען אין כּשר'ען רעסטאָראַן ווערט געצאָהלט ביי יעדען מאָהלצייט. היינט וואָס וואַרפסט דו מיר אויס קרעדיט? און וואָס דערצעהלסט דו מיר, אַז דו האָסט געזעהן זיינע בריוועלעך צו מיר? וועמענס בריוועלעך? אַ חוץ דיינע קלוגע בריוולעך און אַ חוץ די בריוולעך פון מיין מאַמע האָב איך פון קיינעם קיין וואָרט נישט ערהאַלטען. און וועמען האָב איך דאָ געגעבען אַ קאַלטע אויפנאַהם? און וועמענס קאַסע זאָגסט דו איז פאַר מיר אָפען? כ'לעבען, הערש, דו רעדסט, ווי אַ דולער, אָדער ווי אַ שיכּור'ער. דו מישט צענויף קאַשע מיט באָרשטש און דערמאָנסט זיך מעשיות פון אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, און פרעגסט מיך, אויב ס'איז אמת, אַז איך געה מיט איהם שפּאַצירען אויף דער גאַס? אויב דו מיינסט דאָס דעם אָדעסער שאַרלאַטאַן, מאיר'ל מאַריאַמפּאָלער, — משיק, איז ווען נישט לאה'צי ברויכשטוהל, וואָלט איך איהם שוין לאַנג אָנגעשפּיגען אַ פולען פּנים. זי שטעלט זיך איין פאַר איהם. זי זאָגט, ס'איז אַזוי אויף איהם אַ גאָטס רחמנות. ער האָט זיך פאַרליאַפּעט אין שלמה קורלענדערס ווייבעל, שוין געוועזען מיט איהר אויף אַ דרך, איז אונטערגעשפּרונגען אָט דער קעשעניעווער דאַנטיסט, וואָס איז אַנטלאָפען מיט איהר קיין אָסטענדע, אַ פּנים זיך בעהאַלטען פאַר אונז, וואָרום מיר זענען פאַר זיי אַ שעטנז... מיר רעכענען אָבער, איך און לאה'צי ברויכשטוהל, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען, נאָך שבת'דיגע וואָך אויך אַ פאָהר טאָן קיין אָסטענדע, וואָרעם דאָ איז שוין באַלד אויס סעזאָן, און דאָרט הויבט זיך ערשט אָן סעזאָן. איך וואַרט נאָר אויפ'ן געלד, וואָס דו האָסט מיר אַרויסגעשיקט. און איך בעט דיך, הערש, זאָלסט מיר באַלד אַרויסשרייבען דייטליך און

קלאהר, נישט ווי א משוגע'נער, וואס און ועמען דו האסט געמיינט טרעפען מיט דיין בריעף, ווארום ס'זאל נישט שטעהן אויף איהם מיין נאמען, וואלט איך געמיינט: אדער ער איז נישט צו מיר געשריבען, אדער דו ביסט, חלילה, אראפ פון זינען? און איך מוז דיר זאגען דעם אמת, אז זינט עס האט דיר בעגליקט און ס'איז ארויס דער געווינס, ביסט דו טאקי געווארען איין אנדער מענש... געהסט ארום טאג ווי נאכט און רעדסט פון דיין געווינס, און עס דאכט זיך דיר אויס, אז די גאנצע וועלט איז דיר מקנא, און אלע זענען דיר שונאים, און קיינער פערגינט דיר נישט, און אפילו דיין אייגען ווייב גלויבסט דו שוין אויך נישט און שרייסט אזעלכע זאכען, וואס מע קאן משוגע ווערען! אז איך וועל ערהאלטען דאס געלד און אריבער־פאהרען קיין אסטענדע, וועל איך דיר געבען צו וויסען מיין אדרעס דורך א דעפעש. דערוויל פערבלייב געזונד און גליקליך און זיי נאר נישט אזוי צעטראגען, ווי עס ווינשט דיר דיין פרוי

בראני לויפערמאן.

№ 44.

לאה'צי ברויכשטוהל פון מאריענבאד צו איהר מאן קלמן ברויכשטוהל אויף די נאלעווקים (ווארשא).

געעהרטער הערר ברויכשטוהל!

פערצייהע, — נאך אזא בריעף, ווי דו האסט מיר געשריבען, קאן איך דיך מיט קיין אנדער נאמען נישט אנרופען, נאר „געעהרטער הערר". איך בין נישט גלייך צו דיר. דאס קאנסט דו נאר, שרייבענ־דיג מיר אזא בריעף, אנרופען מיך „מיין ליעבע פרוי לאה'צי". ווי קאן איך דיר זיין א „ליעבע פרוי", אז איך טו אב אזעלכע זאכען, ווי דו שרייבסט מיר? איך וואלט נאר וועלען וויסען, ווער איז דער מאן, וואס זוכט אויף דיר בלבולים און וואס איך שיק צו איהם לייהען געלד? אויב דו מיינסט דאס מיין פעטער יונה פון פעטריקאוו, איז ערשטענס, מעג איך, דאכט זיך, צו מיינעם א פעטער שרייבען, וואס איך וויל, און, צווייטענס, האב איך איהם פון קיין געלד אפילו נישט

דערמאָנט, וואָרום איך ווייס, ס'איז אומזיסט. אַרויסגעוואָרפען אַ מאַרקע. דער פעטער יונה האָט שוין גענוג יוצא געווען, גענוג געגעבען, דו אַליין קאָנסט דאָס אויך נישט אָפּלייקענען. עס וועט זיין גענוג, אַז ער וועט מיך אין זינען האָבען פאַר'ן טויט ביי דער צוואה; גלויב איך אויך נישט: די קינדער וועלען איהם מסתמא נישט דערלאָזען... פערשטעה איך נישט אַלזאָ, ווער איז דער מאַן, וואָס דו מיינסט? נאָר אפשר מיינסט דו דאָס שלמה קורלענדער? האָב איך צו איהם קיין מאָל נישט געשריבען וועגען געלד לייהען און וועל נישט שרייבען. איך געדענק דען נישט, אַז די ביסט ביי איהם געווען פאַר מיין אָבפאָהרען קיין אויסלאַנד און ער האָט דיר אָבגעזאָגט? זעהסט דו, זיין בעלצי'ן האָב איך דאָ יאָ איין מאָל אָנגעמוט מיט אַ גמילות-חסד, האָב אויך חרטה. דאָס איז אַ סחורה! — זי מעג שוין זיין די כפרה פאַר איהר מאַן אויך. ער איז טאַקי אַ קורלענדער חכם, אָבער אַנ'עהרליכער, און זי כיהרט דאָ אויף אַזעלכע שטיק, אַז ס'איז פשוט אַ בזיון פאַר לייטען! נאָר חאַפּט זי דער וואַטענמאַכער, חאָטש איך ווייס, איך שטוים מיך אָן, אַז דאָס וואַקסט פון איהר. דאָס האָט זי מסתמא אָנגעפיהרט ביי דיר אַ רכילות, אָדער אַליין, אָדער דורך איהר מאַן דעם חכם, און דו האָכט זיך אָנגעחאַפּט אָן דעם, ווי אין עפּעס רעכטס, אַבי איין אויסרעד אויף גט'ן זיך... פערשטעה איך נישט, ווזס עפּעס איצטער אין מיטען דרינען? און וואָס ביסט דו אַזעלכעס געוואויר געוואָרען אויף מיר, וואָס דו זאָגסט, אַז „דער מאַן דערוויסט זיך אַלע מאָל צום לעצט“... דו שרייבסט מיר, אַז דו בעפרייסט מיך מיט דיין גוטען ווילען, דאַנק איך דיר זעהר פאַר דיין גוטסקייט. הייַנט שרייבסט דו מיר, אַז דו ווילסט, מע זאָל בעוואָהרענען פריהער מיך, דערנאָך די קינדער. איז דאָס אודאי זעהר שען פון דיין זייט. די פראַגע איז נאָר: ווער זאָל עס בעוואָהרענען? און ווער איז דער „ער“, וואָס דו שרייבסט, אַז ער איז איין עושר? אַלץ דער פעטער יונה? וואָס געהער זיך עס אָן מיט דיר? וועט ער וועלען וועט ער בעוואָהרען, וועט ער נישט וועלען, וועט ער נישט בעוואָהרענען — וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו גט'ן זיך?... דו שרייבסט, אַז איין אַנדערער וואָלט כיר געמאַכט איין אַוואַנטורע מיט אַ סקאַנדאַל! מיר דאַכט, אַז קיין גרעסערער סקאַנדאַל פון דיין איצטיגען בריעף קאָן שוין גאָר נישט זיין, וואָרום ווי באַלד, אַז איך האָב שוין קיין רעכט נישט צו שרייבען אַ בריעף צו איין אייגענעם פעטער, לאָזען זיך שוין אוים אַלע זאַכען!

ווי באלד אזוי, האב איך דא נישט, וואס צו טאן און דארף מיך נישט קורירען מעהר. איך האב געהאט גערעכענט פאהרען פון דאנען מיט בראני לויפערמאן קיין אסטענדע. איצט אבער טו איך א שפיי אויף אלעס און פאהר אוועק צו מיין פעטער יונה קיין פעטריקאוו, און וויל דיך מעהר נישט קענען! דו האסט מיר אויפגעדעקט מיין אלטע וואונד — מסתמא ווילסט דו דאך עס... ביי דיר איז עס נישט דאס ערשטע מאל... זיי געזונד. אז דו וועסט האלטען ביי שרייבען מיר בריעף, קאנסט דו מיר שרייבען קיין פעטריקאוו.

פון מיר דיין געוועזענער פריינד, וואס האט נישט פערדיענט אזעלכע בריעף,

לאה.

№ 45.

חיים סאראקער פון מאריענבאד צו הערש לויפערמאן אויף די נאלעווקיס (ווארשא).

להגביר חחדש מוה״ר צבי הירש לויפערמאן!

אייער בריעף האב איך ערהאלטען. עס טוט מיר זעהר לייד, נאר איך מוז אייך זאגען, איך בעדויער אייך מיט אייער געווינס, ווארום דער געווינס האט אייך, ווי עס שיינט, אראבגעפיהרט פונ׳ם דרך הישר, דאס הייסט, איהר זענט נעבאך געווארען געריהרט פונ׳ם זינען. איהר שרייבט מיר, אז איהר זענט רייכער פון מיר. עס קאן זעהר מעגליך זיין. איך האלט גארנישט דערביי, איך זאל מיך וועלען אויסרעכענען מיט אייך אין פערמעגען, און איך גלויב אייך, אז איהר קאנט אויסהאלטען אייער ווייב, ווי איהר זאגט, אפילו אין פאריז. לאז אייך גאט העלפען ווי איהר ווינשט אייך אליין. נאר איך בעט אייך, וואס געהער זיך, עס אן מיט מיר? ווען האב איך געשריבען צו אייער ווייב בריוולעך, אז איך קען מיך גאר אפילו נישט מיט איהר? נישט זי האט ביי מיר געלד פערלאנגט, נישט איך האב איהר געלד פארגעלעגט, און איך האב מיך קיין מאל נישט בעריהמט מיט אייער בעקאנטשאפט און פאר אייערען א פריינד האב איך מיך קיין מאל נישט ארויסגעשטעלט. דא האט געמוזט ארוים א מאוס׳ער טעות.

איהר האָט נישט געטראָפען צו דער טהיר. איהר האָט אודאי געמוזט וועלען אויסזידלען מיין שוואָגער מאַריאַמטשיק? ער איז יאָ אַ נאָהנטער שמעלקע מיט אייער ווייב. ער איז איצט מיט איהר, ווי איך האָב געהערט זאָגען, אין אָסטענדע. אַהינצו קאָנט איהר צו זיי שרייבען ברייוולעך און זיך בעריהמען מיט אייער רייכקייט, און מיך לאָזט צו-רוה, ווארום אַזוי ווי איך בין געוועזן אַזוי בין איך געבליבען אייער אונבעקאַנטער פריינד, וואָס ווינשט אייך, איהר זאָלט ווערען געזונט...

חיים סאַראָקער.

№ 46.

חיים סאַראָקער פון מאַריענבאַד צו קלמן ברויכשטוהל אויף די נאַלעווקים (וואַרשאָ).

מיין אונבעקאַנטער פריינד.

איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל אייך ענטפערען אויף אייער בריעף. איך קאָן אייך נאָר געבען אַ ראַט, איהר זאָלט זיך מטריח זיין צום דאָקטאָר, ער זאָל אויסהערען אייער גייסטיגען צושטאַנד, נאָר בכדי עס זאָל אייך נישט זיין לאַנגווייליג, זאָלט איהר זיך זעהען פריהער מיט הערש לויפערמאַן, דער, וואָס האָט געוואונען דאָס גרויסע געווינס און איז דורך דעם קראַנק געוואָרען אויף דעם זעלבען חולאת וואָס איהר... ווארום וואָס דען קאָן איך אויף אייך אַנדערש איבערטראַכטען נאָך דעם אַז איהר שרייבט מיר, אַז איך וויל אַריבערנאַרען אייער ווייב אין מיין האָטעל פון איהר טובה וועגען און אַז איך האָב איהר דער-צעהלט אויף אייך, אַז איהר שפּיעלט אין „אָקע"?... אויב איהר שפּיעלט אין „אָקע" אָדער גאָר אין „באַנטשאָק", ווי איהר זאָגט — דאָס ווייס איך נישט, נאָר אַז איהר זענט נישט ביים גאַנצען פערשטאַנד — דאָס זעהט מען אַרויס פון אייער בריעף. איהר שרייבט, אַז איהר ווייסט שוין לאַנג, אַז איך בין מיט מיין ווייב נישט שוה בשוה און איהר שטעלט מיר פאַר איין עדות רב וועלוועל יאַמאַיקער. עס קאָן זיין, אַז רב וועלוועל יאַמאַיקער ווייס בעסער, ווי אַזוי איך בין מיט מיין ווייב אַלס איך אַליין, נאָר דאָס, וואָס איהר זאָגט, אַז איך ווייס פון דעם,

אז איהר האלט ביי גט'ן זיך מיט אייער ווייב—דאס רעדט איהר שוין, זייט מיר מוחל, ווי איין אמת'ער משוגע'נער. נישט נאר איך ווייס נישט פון אזעלכע סודות, וואס צווישען אייך און אייער ווייב, איך קען אפילו נישט אייער ווייב און נישט אייך און איהר ביידע אינטערעסירט מיך אזוי ווינציג, אז איהר האט אייך געמעגט גט'ן נאך איידער איהר האט אייך דערקענט. אין איינעם בין איך יא מיט אייך איינפערשטאנ-דען: איהר זאלט דאס צווייטע מאל, ווי איהר שרייבט, נישט הייראַ-טען. אזא מענש ווי איהר, האט נישט געטארט הייראטען דאס ערשטע מאל אויך, ווארום ס'א רחמנות אויף אייער ווייב, חאטש איך קען זי נישט...

איהר בעט מיך, איך זאל אייך שרייבען אויפריכטיג, וואס איז מיין קוק און צוליעב וואס רוף איך ארוים אייער ווייב אין „מירא-מאנט" — שרייב איך אייך קלאהר און דייטליך און אהן „המצאות" און „אויבערקעפלעך", ווי איהר פערלאנגט, אז אדער אייער ווייב איז, זאל מיר מוחל זיין, א ספלעטניצע און ליגנערין, אדער, ווי איך האב אייך געזאגט אין אנהויב פון מיין בריעף, איהר זענט נישט ביי אלע געדאנקען. דאס צווייטע איז, רעכען איך, מעהר ווארשיינליך...

ווי איהר זעהט, האב איך אייך געגעבען א קלאהרע תשובה אויף אלעם. עס בלייבט מיר איבער נאר איין זאך — ווינשען אייך א רפואה שלמה...

חיים סאראקער.

№ 47.

בערעל טשאפניק פון די נאלעווקים (ווארשא) צו זיין פרוי חוה'לע טשאפניק אין מאריענבאד.

טייערע עווא!

דו מוזט מיר פערצייהען, וואס מיט די לעצטע געלד-זענדונ-גען קומט אן א ביסעל שוועהרליך.

די לעצטע צייט איז אין ווארשא געווארען שווער צו בעקומען א הונדערטער אדער א פופציגער אייגפאך כקריעת ים-סוף. איך האב

געמוזט זיך דורכפאָהרען קיין לאָדז און דאָרט איז מיר געראָטען דורכצוזעצען מאַנכע געשעפטליך, אפילו מיט גרויסער שוועריגקייט, און דאַדורך האָט זיך עס אַזוי פערצייגערט און דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואָס איך האָב דיר אַזוי שנעל נישט געאַנטוואָרטעט. מיט די צוויי „איטשעמייערס", וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט די „ליעבע־בריוולעך" צו זייערע ווייבלעך, האָב איך ליידער גאָרנישט געקאָנט מאַכען. איינער פון זיי, שערענציס, דער וואָלט נאָך געווען נישקשה. ער פירכטעט פאַר אַ סקאַנדאַל, ער האָט מורא, עס זאָל איהם נישט שאַדטען צו קרעדיט. דאַפיר איז אָבער דער יונגערער, אָט דער פעקעליס, איינפאַך אַ פרא אדם. ער אַליין האָט דאָס צעשמירט איבער די נאַלעווקיס, דערצעהלט איטליכען בעזונדער אין געהיים, אַזוי אַז ביז איך בין געקומען צו דער פרוי סאַראָקער מיט די בריוולעך, לאָזט זיך אויס, אַז זי און איהר שוועסטער חנצי זענען שוין קלאָהר אין מאַריאַמטשיקס בריוולעך אויף אויסענווייניג. איינפאַך נישט כדאי געווען מיט זיי אָנצופאַנגען. און דאַצו האָב איך נאָך אָנגעטראָפען אין אַ צייט, וואָס ביי פרוי סאַראָקער האָט זיך אָבגעשפּיעלט איינע גאַנצע טראַגעדיע, אין וועלכער עס איז פערמישט איהר חיים, און שלמה קורלענדער, און לויפערמאַן, און ברויכשטוהל — די גאַנצע נאַלעווקיס. עס איז מיר איינפאַך אַ וואונדער, אַז דו זאָלסט דאָס נישט וויסען. די געשיכטע איז אַ איינפאַכע געשיכטע. חיים סאַראָקער האָט זיך דאָרט אין מאַריענבאַד, נישט האָבענדיג וואָס צו טאָן, איינפאַך מתקנא געווען אין זיין שוואָגער און האָט זיך אויך גענומען שרייבען ליעבע־בריוולעך צו די נאַלעווקער ווייבלעך: צו בעלצי קורלענדער, צו בראָני לויפערמאַן, צו לאה'צי ברויכשטוהל, און צו דער שערענציס מיט דער פעקעליס, — נישט דורכגעלאָזט קיינעם. מע ווייסט נישט גענוי וואו אַרום, נאָר די אַלע בריוולעך, וואָס איך האָב דיר אויסגערעכענט, זענען אַריינגעפאַלען צו די מאַנען אין די הענד אַריין און ס'איז געוואָרען אַ חתונה, איינפאַך עס קאָכט וואַרשאָ! און דאָ איז אָנגעקומען אַ דעפּעש פון דער יאַמאַיטשיכע פון מאַריענבאַד, אַז אונזערע נאַלעווקער ווייבלעך זענען אַלע מיט אַמאָל פערשוואונדען געוואָרען, אָבגערייזט קיין אָסטענדע, און מיט זיי חיים סאַראָקער און מאיר'ל מאַריאַמטשיק. איינפאַך אַ ראָמאַן! און ווען קומט אָן אַזאַ דעפּעש? פונקט אויף מאָרגען, נאָכדעם, ווי די יאַמאַיטשיכע האָט שוין גראַטולירט די פאַמיליע מיט אַ מזל טוב און אויפ־

געפֿאָדערט דעם הערר יאַמאַיקער, ער זאָל קומען נאָך מאַריענבאַד. וועלוועל יאַמאַיקער איז שוין אויף דער רייזע; דאָס איז אָבער ניט וויכטיג. די הויפּט־זאַך איז, וואָס די פֿרוי סאַראָקער איז פֿאַר צרות קראַנק געוואָרען צו בעט, מע זאָגט, זאָגאַר, געפֿעהרליך. און ליפּערמאַן לויפֿט אַרום ווי אַ משוגע'נער, שווערט, אַז לאָז נאָר חיים סאַראָקער קומען אַ היים, מוז ער איהם אָנפּאַטשען אין מיטען די נאַלעווקיס, דאָס הייסט, ניט אין די נאַלעווקיס, נאָר אין די באַקען! און ברוילשטוהל האָט איצט איין אויסרעד אויף צו שיידען זיך מיט זיין מאַדאַם, אָדער שלעפּען געלד ביי איהר רייכען אָנקעל פֿון פּעטריקאָוו. קורץ און גוט, ביי אונז אויף די נאַלעווקיס איז לעבעדיג, פֿרעהליך, איינפֿאַך ליהודים! און שרייב מיר, ווען רע־כענסט דו צו קומען אַהיים, און אויב עס איז דיר גענוגענד דאָס געלד, וואָס איך שיק דיר? אַ ניט וועל איך זעהן דיר שיקען נאָך, אַז איך וועל נאָר האָבען, וואַהרשיינליך, וועט גאָט העלפֿען. זיי געגריסט גאַנץ ליעבליך

פֿון מיר דיין איבערגעגעבענסטער

בערנאַרד.

№ 48.

חיים סאַראָקער פֿון מאַריענבאַד צו איטשע מאיר שערענציס און איטשע מאיר פּעקעליס אויף די נאַלעווקיס (וואַרשאַ).

מיינע ליעבע פֿריינד שערענציס און פּעקעליס!

שאַדע וואָס איך בעזיץ ניט די לשון קודש'דיגע שפּראַך אַזוי ווי איהר און קאָן אייך ניט אָבענטפֿערן אויף אייער מליצה־בריעף מיט אַזאַ שענער מליצה, ווי איהר שרייבט צו מיר. און ווייל איך בין געצוואונגען צו רעדען מיט אייך מאַמע־לשון, וועל איך מיר שוין ערלויבען צו רעדען מיט אייך פּשוטע דבורים און זאָגען אייך, אַז איהר זענט, איך בעט איבער אייער כּבוד, אַ פּאָר „איטשעמייערס", נאַלעווקיר פּלאַכטען, און מע דאַרף אייך ביידען געבען קיין שטרוי. אַז גאָט האָט אייך יאָ בעווילינגט מיט אַזאַ מתנה, איזעלכע שענע

ווייבלעך, און איהר ציטערט איבער זיי, איז אָדער איהר בעדאַרפט זיי נאָכפאָהרען פון הינטען אַזוי ווי איהר געהט זיי נאָך שבת בייטאָג, בעת זיי לאָזען זיך אין זאַקסישען גאָרטען אויפ'ן שפּאַציר, אָדער האַלטען זיי פערשפּאַרט ביי זיך אויף די נאַלעווקים, ווי מע האַלט עופות פאַר אַ יום-טוב, געבען זיי עסען און טרינקען און אַזוי ווייטער. וועלכער גוטער יאָהר האָט אייך געהייסען, איהר זאָלט זיי אַרויסלאָזען אויף גאָטס וועלט, אַזש אין מאַריענבאַד? אָדער איהר מיינט, אַז ס'איז דאָ פאַרהאַן ווינציג אָהן זיי? ציִ איהר מיינט טאַקי באמת, אַז איך האָב מעהר נישט וואָס צו טאָן, נאָר שרייבען „ליעבע-צעטעלעך מיט חניפה-בריוולעך", ווי איהר זאָגט, צו אייערע ווייבלעך? זייט-זשע וויסען, מיינע ליעבע איטשעמייערס, אַז בסך-הכל האָב איך מיט אייערע ווייבלעך קיין האַלב וואָרט נישט אויסגערעדט זינט איך בין דאָ און זינט איך לעב! בסך-הכל האָב איך זיי געזעהן אפשר צוויי-דריי מאָל ביי'ם ברונען מיט נאָך אַ סך אַזעלכע, ווי זיי, וואָס דרעהען זיך דאָ אַרום אַזוי פיעל, אַז עס ווערט נמאס, האָט קיין פעראיבעל נישט, צו קוקען אויף זיי. ווייזום איך קען זיי. איך מיין נישט דוקא אייערע ווייבלעך, איך מיין אַלע נאַלעווקער ווייבלעך, וואָס אַז זיי פאָהרען אַוועק פון זייערע איטשעמייערס פון וואַרשאַ קיין אויסלאַנד, וואָלטען זיי וועלען געניסען אַלע פערגניגענס פון דער וועלט, נאָר בתנאי, אַז קיינער זאָל נישט זעהן און קיינער זאָל נישט וויסען, אפילו זיי אַליין אויך נישט... רעדען מיט אַ פרעמדען מאַנספערשוין אָדער האָטש קוקען אויף איהם איז ביי זיי שוין אַ גאַנצער עסק. ביי אייך אויף די נאַלעווקים האָבען זיי דאָס אויך נישט. איך קאָן אייך זאָגען בהן שלי, אַז איך זעה, ווי ווייט מעגליך אויסצומיידען אַזעלכע בעגעגענישען, וואָס ברענגען גאָר נישט איין אויסער מאוסע רעד און רכילות. איך אַנטלויף פון אַזעלכע ווייבלעך, וואָס אין דערהיים בענשען זיי ליכט, און דאָ וואַרפען זיי אַראָפּ די פּאַרוקלעך. זיי זענען אַ סחורה פאַר מיין שוואָגער מאַריאַמטשיק נישט פאַר מיר, און איך וויים נישט, ווער עס האָט געהאַט אַנ'עזות אייך אָנצעווייזען אויף מיר, אַז דאָס בין איך, וואָס שרייב צו זיי „חניפה-בריוועלעך מיט ליעבעצעטעלעך". איך פערנעם זיך נישט מיט אַזעלכע נאַרישקייטען. נאָך ווינציגער קאָנט איהר אויף מיר רעכענען, אַז איך זאָל האָבען צוגעזאָגט אייערע ווייבלעך, ווי איהר דריקט זיך אויס, „מאַכען רינגען גאָלד פון מיין בייטעל פאַר זייער טובה וועגען". איך בין נישט פון די צעוואָרפענע מענשען, און

האב אין זינען אייך מיט אייערע ווייבלעך אין דער לינקער פיאטע. און אויב עמיצער האט אייך אנגעוויזען אויף מיין שוואגער, „דעם מאן פון מיין ווייבס שוועסטער”, האט איהר געקאנט טרעפען צו איהם אדער צו מיין ווייבס שוועסטער, נישט צו מיר, וואס געהער זיך מיט זיי גארנישט אן. מע קאן זיך טאקי זיין גאנץ אנשטענדיגע יונגע לייט און אונשולדיגע איטשעמייערס, ווי איהר זענט, נאר קיין פרא אדמ׳ס זענט איהר דאך נישט מחויב צו זיין און דארפט נישט דראהען מיט קיין געזעץ און מיט קיין שטראף נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט.

אייער אונבעקאנטער פריינד, וואס ראט אייך זיין פארזיכטיג מיט מליצות

חיים סאראקער.

№ 49.

חוה׳לע טשאפניק פון מאריענבאד צו איהר מאן בערעל טשאפניק אויף די נאלעווקים (ווארשא).

מיין טייערער בערנארד!

עס איז מיר צוואר זעהר נישט איינגענעהמען, נאר איך מוז דיר נאך אמאל און נאך אמאל שרייבען, זאלסט מיר קריגען געלד אויף אוועקפאהרען פון דאנען, ווארום פון אלע גליקען האט זיך אויסגעלאזט א טייך און נאך מיט א גרויסען סקאנדאל. אז דו וועסט הערען וועסטו שטוינען! שטעל דיר פאר א קאמעדיע, וואס זאג איך א קאמעדיע? א טראגעדיע, א בלוטיגע טראגעדיע. נאר לאמיך דיר דערצעהלען אקוראט פון אנהויב ביז׳ן סוף. ס׳איז א מעשה פון טווענדאיין-נאכט.

ווי דו ווייסט האט מיך די יאמאטשיכע געבעטען, איך זאל איהר מיטהעלפען מיט׳ן קעשעניעווער שידוך און צוגעזאגט דערביי, אויסער וואס איך וועל פערדינען, עקסטרא א שענע מתנה פון איהר אליין. האב איך זי געפאלגט, און האב מיך ארייגעלעגט אינ׳ם דאזיגען שידוך און געארבייט, ווי וויט איך האב געקאנט, און עס איז מיר געראטען. דער עסק איז געגאנגען אויף א גאנג, דאס הייסט,

נישט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך, איך בין גײַנוג אויסגעריסען געוואָרען, איבער בעלצי'ן, ווי איך האָב דיר שוין געשריבען פריהער, וואָרום דער חתן, מײַן קעשעניעווער דאַנטיסט הײַסט עס, האָט זיך נישט אויף קאַטאַוועסען פערקאָכט אין אונזער שלמה קורלענדער'ס ווײַבעלע, שיער נישט געפּאַטשט זיך איבער איהר מיט מאיר'ל מאַריאַמטשיק אין מיטען מאַריענבאַד. קורץ, מיט צרות, מיט לײַד, מיט אינטריגעם — איך האָב קוים גע'פועל'ט בײַ מײַן קעשעניעווער דאַנטיסט, ער זאָל זיך ערקלערען פאַר יאַמאַיטשיכעס עלטערע טאָכטער, אַז ער ליעבט זי, און די יאַמאַיטשיכע האָט מיך אַזש אַרומגעהאַפּט קושען, און האָט שוין אַוועקגעקלאַפּט אַ דעפּעש צו בערעל יאַמײַקער, ער זאָל קומען אַהער אויף קנס-מאָל, און מיר איז דאָס נאָך געראָטען אַרום און אַרום. דער וועלט-שדכן, סווירסקי, דער גאַנצער מאַכער פון'ם שדוך, איז אָבגעפאָהרען קײַן באַזעל, בין איך דאָ געבליבען אײַנע אויפ'ן יאַריד... איז דאָך פאַרהאַן אַ בעלצי אויף דער וועלט. פערגלוסט זיך אונזער קורלענדער'ס ווײַבעלע אַוועקפאָהרען פלוצים פון דאַנען קײַן אָסטענדע. אפילו נישט געזעגענט זיך מיט קײַנעם, פערגעסען דעם זײַ-געזונד. מילא אַוועקגעפאָהרען איז אַוועקגעפאָהרען. קײַן יונגערער, ווי זאָגט מען, זאָל נישט שטאַרבען. איז זיך אָבער מיישב מײַן חתן, דער קעשעניעווער דאַנטיסט, און הויבט זיך אויף און פאָהרט אַוועק אויך קײַן אָסטענדע. פון וואַנען ווײַס איז דאָס? פון מאיר'ל מאַריאַמטשיק'ען. איך קום אַרויס צום ברונען בעגעגענט מיך מאַריאַמטשיק אַ צעטראָגענער סכנות און געזעגענט זיך מיט מיר: „זײַט געזונד". „פאָהרט געזונד". וואוהין איז?" — „קײַן אָסטענדע". „וואָס עפּים פלוצים קײַן אָסטענדע?" זאָגט ער: „אַלע פאָהרען קײַן אָסטענדע". זאָג איך: „ווער איז דאָס די אַלע?" זאָגט ער: „ערשטענס די מאַדאַם קורלענדער, צווײַטענס די מאַדאַם לויפערמאַן, דריטענס אײַער חתן, דער קעשעניעווער דאַנטיסט"... ווי ער האָט דאָס מיר אַרויסגערעדט האָב איך שוין גאָרנישט געוואָלט הערען און בין אַוועק גלײַך צו דער יאַמאַיטשיכע. לאָזט זיך אויס, אַז זי ווײַסט נאָך נישט פון װאָס צו זאָגען! זענען מיר אַוועק בײדע מיט איהר זיך נאָכפרעגען אין האָטעל אויפ'ן קעשעניעווער חתן, זאָגט מען אונז, אַז אַוועקגעפאָהרען איז ער, נאָר וואוהין ווײַסט מען נישט. פאַלט מיר די יאַמאַיטשיכע אויפ'ן האַלז: נשמה'ניו, האַרצעניו, ליובעניו! איך זאָל פאָהרען גלײַך אַהינצו, קײַן אָסטענדע, זי וועט מיר געבען צושטײַער אויף הוצאות,

זי וועט מיר אזוי און אזוי! און נעמט ארויס הונדערט קרוין: „נאט אייך און פאהרט און קלאפט א דעפעש, און אז מע וועט דארפען נאך וועל איך אייך שיקען נאך"... וואס טוט מען? א רחמנות אויף דער יודינע! איך האב דאס געלד גענומען, און בין איך האב מיך ארומגעקוקט אהין — אהער איז שוין פון דעם קיין סימן נישט געבליבען. אז איך בין שולדיג — די האהר זענען נישט מיינע! וואס וועט זיין ווייטער? וואלט נאך דאס אליין געווען א האלבע צרה, ס'זאל זיך נישט טרעפען א גרעסער אומגליק. אט וועסט דו הערען א שענס:

זיץ איך מיר אזוי ביי זיך אין האטעל, האב מורא בעווייזען זיך פאר דער יאמאיטשיכע, און טראכט מיר: וואו נעמט מען געלד? פאלט מיר איין א געדאנק: חיים סאראקער! ער איז טאקי, צווישען אונז רעדענדיג, א יוד א חזיר, נאר איך האב צו איהם אנ'עצה. איך וועל איהם זאגען, אז איך פאהר א היים קיין ווארשא און וועל זיין ביי זיין אסתר'ן אבגעבען איהר א גערוס פון מאריענבאד, וועט ער זיך שטויסען, וואס פאר א מין „גערוס" דאס וועט זיין. איך האב איהם שוין לאנג געגעבען אנצוהערעניש, אז איך וויים, אז ער איז די כפרה נאך בעלצי'ן און אז ער לייהט איהר כלומר'שט גמילות-חסדים אויף איהר מאנ'ס רעכענונג, און נאך אזעלכע זאכען — איך שעם זיך נישט פאר איהם... קורץ, איך הייס אנקלינגען אין טעלעפאן און ארויסרופען מיר דעם הערר סאראקער, זאגט מען מיר, אז דער הערר סאראקער איז „הייטע מארגענס אבגערייזט נאך אסטענדע!"... רבונו של עולם! וואס טוט זיך דא? איך חאפ אויף זיך די מאנטיליע און וויל שוין לויפען, איך וויים אליין נישט וואוהין, זאגט מען מיר: א דאמע פרעגט זיך נאך אויף מיר... וועה איז מיר א דאמע? מסתמא יאמאיטשיכע, פערפינסטערט בין איך געווארען! הויב איך מיך אן צו פרעגען: וואס פאר א דאמע? זאגט מען מיר: א יונגע דאמע... א יונגע דאמע? רופט זי ארײן! און עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט ארײן א דאמע, א בילד! א יונגעטשקע — בלוט און מילך! און אנגעטאן — א קייזערין! עס שעמערירט און סע פינקעלט! „איהר זענט, זאגט זי, די מאדאם טשאפניק פון ווארשא?" „איך בין, זאג איך, די מאדאם טשאפניק פון ווארשא, און ווער זענט איהר?" „איך בין, זאגט זי, די מאדאם זיידענער פון קעשעניעוו". „עס פרעהט מיך זעהר, זאג איך. זיצט, זאג איך, מאדאם זיידענער פון קעשעניעוו, וואס וועט איהר זאגען גוטס?" טוט זי א זיפץ און מאכט צו מיר: „מע האט מיר

געזאָגט, אַז איהר זענט בעקאַנט מיט מײַן מאַן..." „איך בין, זאָג איך, בעקאַנט, זאָג איך, מיט אײַער מאַן? ווער איז אײַער מאַן?" ווערט זי רויט און מאַכט צו מיר: „מײַן מאַן איז זײַדענער פון קעשיניוו..." „אַט דער דאַנטיסט?!"... „יאָ, ער איז אַ דאַנטיסט..."

וואָס ווײַטער איז געווען — דאַרף איך דיר נישט דערצעהלען, עס האָט מיך געוואָרפען, ווי אין אַ פיבער. דאָס רחמנות, וואָס אויף דעם ווײַבעל, לאָזט זיך דען בעשרײַבען? מיר זענען געוואָרען אין אײַן האַלבע שעה צוגעקלעפט אײַנע צו דער אַנדערער, ווי שוועסטער, נעהענטער ווי שוועסטער, און נישט לאַנג געטראַכט האָב איך מיך צונויפגעפאַקט — אויף צעצאָהלען זיך האָט מיר אויסגעליהען די מאַדאַם זײַדענער — און מיר האָבען זיך אַוועקגעלאָזט בײדע קײן אָסטענדע. געקומען קײן אָסטענדע און אָפּגעשטעלט זיך אין אַ האָטעל, אײַנגעוואַשען זיך און אָנגעטאָן פײַן, שען, נעמען מיר אַ פיאַקר און הויבען אָן אַרומפאָהרען פון אײַן האָטעל צום אַנדערן נאָכפרעגען זיך אויף אײנעם אַ הערר מיט'ן נאָמען זײַדענער, און אויף אַ דאַמע מיט'ן נאָמען קורלענדער — ווער? וואָס? וועמען? נישטאָ אין ערגיץ, נישט זײַדענער, נישט קורלענדער. מיר טוען זיך אַ נעם צו דער קורליסטע — נישט קײן סימן אפילו פון אַ זײַדענער און פון אַ קורלענדער! וואָס טוט מען ווײַטער? ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט די נאַכט — בין איך שטאַרקער פון אײַזען. דאָס ווײַבעל איז נעבאַך שיער פון זינען אַראָב. איך האָב זי געראַטעוועט, אַראָבגעבראַכט דעם דאָקטאָר — זי איז פערבײַ, אָט-אָט עקט זי זיך. קוים געפאַלען אויף אַן'עצה, זי זאָל געבען אַ דעפעש אַ הײם קײן קעשעניוו, געבען צו וויסען, אַז זי איז קראַנק, טאָמער וועט עמיצער קומען צו פאָהרען פון דאָרטען, צו וואָס דאַרף איך האָבען אויף זיך אַזאַ פעקעל?... קומט נישט אָן פון דאָרטען אַ דעפעש און נאָך אַ סראָטשנע דערצו? און דוקא פון איהר מאַן, פון זײַדענער'ן אַלײן, אַז ער איז אין קעשעניוו און בעט זי, אַז זי זאָל קומען אַ הײם!... בעקומען אַזאַ מין דעפעש, האָבען מיר בײדע נישט געוואוסט, וואָס מיר זאָלען טאָן: צי מיר זאָלען לאַכען, צי מיר זאָלען ווײנען? און ס'איז געבליבען, אַז מיר זאָלען נאָך אַ מאָל טעלעגראַפירען קײן קעשעניוו, אויב ס'איז אמת, אַז ער, דער דאַנטיסט זײַדענער, איז אין קעשעניעוו? און ווען איז ער געקומען? און צי איז ער געקומען אַלײן, צי נאָך מיט עמיצען?... ענטפערט ער אונז, אַז ס'איז אמת, אַז ער איז אין קעשעניוו, אַז ער איז געקומען ערשט

נעכטען פון מאַריענבאַד איינער אַליין, און אַז ער פערשטעהט נישט, מיט וועמען זאָל ער קומען און וואו־אַרום קומט זיין ווייב אין אָסטענדע?

ערשט דעמאָלט האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָס האָט מיך דער אָדעסיט מאַריאַמטשיק, דער שאַרלאַטאַן, אָראָבגעפיהרט פונ׳ם וועג, אויסגעטראַכט אַזעלכעס, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען. איצט בלייבט איבער נאָר איין זאַך: ווי באַלד, אַז די מעשה מיט אָסטענדע איז אַנ׳אויסגעטראַכטע זאַך, און ווי באַלד דער דאַנטיסט זיידענער איז אין קעשענעוו, טאָ וואָס איז מיט בעלצי׳ן און וואו איז זי אַהינגעקומען? אָט דעריבער האָב איך דיר געטעלעגראַפירט: „וואו איז בעלצי, און וואו זענען די איבריגע וואַרשאַווער ווייבלעך?" האָסט דו מיך אַ פּנים נישט פערשטאַנען און האָסט מיר אָבגעענטפערט: „צו וואָס דאַרף איך בעלצי׳ן? און וואָס טו איך אין אָסטענדע?" האָב איך דיר דאַרויף געענטפערט נאָר געצעהלטע ווערטער: זאָלסט מיר אַרויסשיקען געלד, ווייסט דו פאַר וואָס? וואָרום אויף אַ סך ווערטער האָב איך קיין געלד נישט געהאַט און האָב איצט אויך נישט. מיין מאַדאַם זיידענער, אַז זי האָט נאָר בעקומען די גוטע ידיעה, אַז איהר שאָרען האָט זיך אָבגעזוכט, האָט זי זיך אויפגעהויבען און איז אַוועקגעפאָהרען אַ היים, צוגעזאָגט מיר שרייבען פונ׳ם וועג און פון דערהיים — און ווער? וואָס? אַ נעכטיגער טאָג! דערווייל בין איך געבליבען דאָ איינע אַליין אָהן אַ קאָפּיקע געלד. אַ גליק, וואָס איך בין דאָ אין דעם האָטעל אויף פולע פּאַנסיאָן און מע מאָהנט מיך נישט. נאָר מסתמא וועט מען מיך באַלד מאָהנען. און איך ווייס גאָר נישט, וואָס איך וועל טאָן? איך האָב שוין געשריבען צו דער יאַמאַיטשיכע קיין מאַריענבאַד, געטעלעגראַפירט אויך, — ענטפערט די וואַנט? איך האָב שוין געפּרובט שרייבען צו חיים סאַראַקער קיין מאַריענבאַד, איז מיר אָנגעקומען צוריק מיין בריעף מיט אַ בעמערקונג פון דער פּאָסט, אַז דער אַדרעסאַט איז אָבגעפאָהרען קיין אָסטענדע. ווידער אַמאָל אָסטענדע? איך ווער שיער נישט משוגע. איך נעם זיך צו דער קורליסטע ווידער אַמאָל, איך זוך דעם נאָמען סאַראַקער, איך טו אַ קוק אין איין האָטעל שטעהט פערשריבען „סאַלאָמאָן קורלענדער, קויפמאַן אויס וואַרשאַ", און אין אַ צווייטען האָטעל אַלעקסאַנדר סווירסקי אויס מאַריענבאַד! וואָס איז דאָס פאַר אַ סורפּריז? איך לויף אַוועק אין איין האָטעל, אינ׳ם צווייטען האָטעל, ערשט איך ווער געוואויר, אַז עס זענען דאָ געוועזען און אָבגעזעסען אַ פּאָר טאָג שלמה קורלענדער און אַ פּנים דער לאַנד־שרכן, סווירסקי.

ווער דען זאָל דאָס זיין? בין איך שוין גאָר צעדרעהט און ווייס נישט, וואו איך בין אין דער וועלט.

האָב איך דיר בעשריבען, ליעבער בערנאַרד, אַלסדינג, אַ גאַנצע מעשה פון טויזענד איין נאַכט. אַצינד זיי אַזוי גוט און שרייב מיר, ערשטענס, וואָס איז מיט בעלצי׳ן און מיט די איבעריגע נאַלעווקער ווייבלעך? און וואָס האָט דאָ געטאָן שלמה קורלענדער? און וואָס איז מיט חיים סאַראָקער און מיט מאַריאַמטשיק׳ען? וואו זענען זיי אַצינד און וואו איז יאַמאַיטשיכע מיט איהרע טעכטער? און צי איז נישטאָ דאָרט אין וואַרשאָ מיט זיי דער לאַנד-שדכן סווירסקי? איך דאַרף עס וויסען, וואָרום אָט דער סווירסקי האָט מיט מיר אָבגערעדט און געגעבען זיין ערהרענוואָרט, אַז וואָס פאַר אַ שדוך ס׳זאָל זיך נישט מאַכען ביי יאַמאַיטשיכע׳ן, האָב איך אַ חלק. און דער עיקר זאָלסט דו קריגען געלד און מיר למען-השם אַרויסשיקען וואָס גיכער, איך זאָל דאָ נישט פערבלייבען, חלילה, אויף יום-טוב. עס געהט צו ימים-נוראים, וועל איך קיין טרפה׳ס נישט עסען. איך וועל אָבזוכען אַ כשר׳ן רעסטאָראַן, און אין אַ כשר׳ן רעסטאָראַן קאָן מען אויף קרעדיט נישט עסען. און אין אַ שוהל וועל איך אויך וועלען געהן, און פאַר איין אָרט הייסען די דייטשען זיך בעצאָהלען פריהער. און אַ ווייסע הוהן אויף שלאָגען כפרות וועל איך מסתמא אויך הייסען צוגרייטען — און איך האָב נישט אַ גראָשען ביי דער נשמה! וואָס איך האָב געקאָנט פערזעצען האָב איך פערזעצט. איך האָב דיר נישט געוואָלט אָנטאָן קיין יסורים. איך וואָלט דיר איצט אויך נישט געשריבען, ווען ס׳זאָל זיך נישט געווען צונויפקומען עטליכע אומגליקען מיט אַמאָל.

זיי געזונד, מיין טייערער בערנאַרד. גאָט זאָל אָנצייכענען אונז אַ גוט קוויטעל. און אַזאַ יאָהר מיט אַזאַ אויסלאַנד, ווי איך האָב געהאַט אַצינד זאָל זיך גאָר נישט אומקעהרען, רבונו של עולם!

דיין געטריישע פרוי

חוה.

№ 50.

פרוי ווידענער, אָסטענדע, צום הערר ווידענער, קישיניעוו.

(טעלעגראפיש).

געלטען אנגעקומען מאריענבאד אָסטענדע. אלפרעדען דאָ אויך נישט געטראָפען. קראנק געוואָרען. דראטעט בעלוויו.
רעוועקא ווידענער.

№ 51.

חוה'לע טשאפניק, אָסטענדע, צו פעריל יאמאיטשיכע, מאריענבאד.

ווידענער אָסטענדע נישט געטראָפען. דראטעט. טשאפניק.

№ 52.

הערר ווידענער, קישיניעוו, צו פרוי ווידענער, אָסטענדע.

(דרינגענד).

גליקליך געקומען קישינעוו. איבעררא שט. נישט געטראָפען רע-וועקע אין דערהיים. קום זאָפאָרט. דראטע. אלפרעד ווידענער.

№ 53.

חוה טשאפניק, אָסטענדע, צו יאמאיטשיכע, מאריענבאד.

ווידענער — קעשעניעוו. בריעף פאָלגט. טשאפניק.

№ 54.

שלמה קורלענדער, ווארשאָ, צו בעלצי קורלענדער, מאריענבאד.

לאנג קיין בריעף. וואוהין שרייבען: מאריענבאד? פראנצענסבאד? אָסטענדע? אונרוהיג. דראטע. סאלאָמאָן.

№ 55.

חוה׳לע טשאפניק, אָסטענדע, צו פערל יאמאיטשיכע, מאריענבאד.

דראטעט אָסטענדע בעלוויו. וואו בעלצי סאראָקער מאריאמטשיק לויפערמאן שערענציס פעקעלים? אָסטענדע נישטא. עווא טשאפניק.

№ 56.

פרוי זיידענער, אָסטענדע, צום הערר זיידענער, קישיניעוו.

דראטעט אויב אמת אלפרעד קישינעוו ווען געקומען? אויב אליין געקומען אָדער מיט עמיצען? רעוועקא.

№ 57.

הערר זיידענער, קישיניעוו, צו פרוי זיידענער, אָסטענדע.

נעכטען געקומען אליין. פערשטעה נישט מיט וועמען? צו וואָס געפאָהרען אָסטענדע? בעט באלד ארויספאָהרען. ווארט אונגעדולדיג. דראטע דרינגליך. אלפרעד.

№ 58.

אסתר סאראָקער, ווארשא, צו חיים סאראָקער, מאריענבאד.

לאנג קיין בריעף פון דיר, אונרוהיג. דראטע. אסתר.

№ 59.

שלמה קורלענדער, ווארשא, צו בעלצי קורלענדער, אָסטענדע.

יאמאיטשיכע דראטעט ביסט אָסטענדע. דראטע אדרעסע אויף געלד שיקען, אונרוהיג. סאלאָמאָן.

№ 60.

חנצי מאריאמטשיק, ווארשא, צו דוד מאריאמטשיק, אָדעס.

מאריענבאד דראטעט, מארק אָבגעפאָהרען מיט נאלעווקער ווייב-לעך אָסטענדע. זאָפאָרט קומט צופאָהרען ווארשא. דראטעט.
אננא.

№ 61.

אסתר סאראָקער, ווארשא, צו דוד מאריאמטשיק, אָדעס.

חנצי געפעהרליך קראנק. קומט זאָפאָרט ווארשא. דראטעט.
אסתר.

№ 62.

פרוי זיידענער, אָסטענדע, צום העָרר זיידענער, קישיניעוו.

פאָהר שנעללצוג קישיניעוו. איך קוש.
רעוועקא.

№ 63.

מאדאם טשאפניק, אָסטענדע, צו בעריל טשאפניק, ווארשא.

דראטע אָסטענדע בעלוויו. וואו בעלצי סאראָקער מאריאמטשיק איבריגע נאלעווקער ווייבלעך?
עווא.

№ 64.

זועלוועל יאמאיקער, ווארשא, צו פעריל יאמאיטשיכע, מאריענבאד.

בריעף ערהאלטען. שדוך קעשעניעוו געפעלען, געדראטעט מזל טוב. איך פאָהר קוריערצוג מאריענבאד.
וואלף.

M. NEWM.

№ 65.

דוד מאריאמטשיק, אָדעס, צו חנצי מאריאמטשיק, ווארשא.

כ'פאהר מיט'ן קוריער ווארשא. דראטע ברעסט געזונדהייט.
דאוויד.

№ 66.

אלעקסאנדער סווירסקי, אָסטענדע, צו פירעל יאמאיטשיכע, מאריענבאד.

געקומען אָסטענדע. זיידענער קורלענדער נישט געטראָפען. פיע־ליילט מאריענבאד? דראטעט פאָסטרעסטאנט. סווירסקי.

№ 67.

פעריל יאמאיטשיכע, מאריענבאד, צו אלעקסאנדר סווירסקי, אָסטענדע.

זיידענער קעשעניעוו. קורלענדער פערשוואונדען, דראטעט.
פערעל יאמאיקער.

№ 68.

בערעל טשאפניק, ווארשא, צו חוה טשאפניק, אָסטענדע.

צו וואָס בעלצי? נאלעווקער וויבלעך? וואָס טוסטו אָסטענדע? דראטע. בערנארד

№ 69.

מאדאם טשאפניק, אָסטענדע, צו בערעל טשאפניק, ווארשא.

זאָפאָרט שיקען געלד. בריעף פאָלגט. גרעסטע פערלעגענהייט. דראטע. עווא.

№ 70.

פערִיל יאמאיטשיִכע, מאריענבאד, צו וועלוויל יאמאיקער ווארשא.

שידוך בוידעם. קעשעניעוו בעוויבט. נישט קום מאיענבאד. בעלצי בראנגע סאראקער מאריאמטשיק פערשוואונדען. רעכען פאהרען ווארשא. דראטע. פערעל.

№ 71.

חיים סאראקער, מאריענבאד, צו אסתר סאראקער, ווארשא.

קור געענדיגט. איך פאהר בערלין ווארשא. דראטע בערלין סאוואי געזונד. איך קוש. חיים.

№ 72.

שלמה קורלענדער, ווארשא, צו חיים סאראקער, מאריענבאד.

אנטווארט בעצאהלט. האט רחמנות. דראטעט וואו בעלצי? מאריענבאד אדער אסטענדע? סאלאמאן קורלענדער.

№ 73.

שלמה קורלענדער, ווארשא, צו פעריל יאמאיטשיכע, מאריענבאד.

אנטווארט בעצאהלט. דראטעט אויב אמת בעלצי סאראקער מאריאמטשיק פערשוואונדען? איהרע אדרעסע? האט רחמנות. גרייט פאהרען מאריענבאד אסטענדע. סאלאמאן קורלענדער.

№ 74.

בעלצי קורלענדער, אלעקסאנדראווא, צו שלמה קורלענדער, ווארשא.

געפאהרען פון מאריענבאד בערלין ווארשא. געטראפען אנ׳אונגליק.

ווַײבען פערהאַלטען גרעניץ. פאָהר צו מיט געלד, אָדער שיק אַרויס אַלעקסאַנדראָווא דרײַ הונדערט. דראַטע.
בעלצי.

№ 75.

אסתר סאַראָקער, וואַרשא, צו חיים סאַראָקער, בערלין.

צו וואָס אײַלען וואַרשאָ? בעלצי בראָני נאָך נישטאָ. שערענציס פעקעליס אויך נישט. לאה׳צי ברוילשטוהל פעטריקאָוו. מחותן מאַריאַמ-טשיק געקומען גט׳ן חנצי׳ן. קאָנסט דאָס זעלבע. גרויסער אויסוואַהל.
אסתר.

№ 76.

בעלצי קורלענדער, אַלעקסאַנדראָווא, צו שלמה קורלענדער, וואַרשא.

נעכטען געדראַטעט קומען אַלעקסאַנדראָווא אָדער שיקען דרײַ הונדערט. פאַר וואָס קײן ענטפער? דראַטע.
בעלצי.

№ 77.

פעריל יאַמאַיטשיכע, מאַריענבאַד, צו וועלוויל יאַמאַיקער, וואַרשא.

נעכטען געדראַטעט נישט קומען מאַריענבאַד. שידוך בוידעם. בעלצי בראָני סאַראָקער מאַריאַממשיק אָסטענדע נישטאָ. איך קינדער פאָהרען בערלין וואַרשאָ. דראַטע.
פערעל.

№ 78.

יצחק מאיר שערענציס און יצחק מאיר פעקעליס, וואַרשא, צו יאַמאַיטשיכע מאַריענבאַד.

אַנטוואָרט אײַנגעצאָהלט. טשאַפניק געדראַטעט וואו שערענציס פעקעליס. דראַטעט אויב שײנצי קרײַנצי נישטאָ מאַריענבאַד. פאָהרען אָסטענדע? אונרוהיג!
שערענציס פעקעליס.

№ 79.

בעלצי קורלענדער, אלעקסאנדראווא, צו שלמה קורלענדער, ווארשא.

פארוואס קומסט נישט אלעקסאנדראווא? שיקסט נישט דריי-הונדערט? פערפאלען אלע זאכען. גרויסער היזק! אונרוהיג. דראטע.
בעלצי.

№ 80.

מאדאם שערענצים און מאדאם פעקעלים, מאריענבאד, צו שערענצים און פעקעלים, ווארשא.

פאהרען ווארשא. אויסשטייגען בערלין ווערטהיים. גרוסען.
שיינצי קריינצי.

№ 81.

אלעקסאנדער סווירסקי, קישיניעוו, צו פעריל יאמאיטשיכע, מאריענבאד.

געלד פערפאלען. אומזאנסטע שפעזען. אבער גראסער שקאנדאל. פראפאניער בריעפליך דריי פארטיען איהרע דריי טעכטער. דראטעט קאממען מאריענבאד אדער ראנדעוואו וויען האטעל נאציאנאל? ווארע ערשטער זארט. איין ארצט צוויי יוריסטען. בעסטע רעפערענצען.
סווירסקי.

№ 82.

קלמן ברויכשטוהל, ווארשא, צו לאה'צי ברויכשטוהל, פעטריקאוו.

דערגאנגען קורלענדער געפעלשט סאראקערס בריעף בעלצין. סאראקער קלאגט קורלענדער געריכט. מיך עדות. קורלענדער אסטענדרע.

זוכט בעלצין, בעט פערצייהונג. קום ווארשא. דראטע. איך קוש.

№ 83.

בראָני לויפּערמאַן, בערלין, צו הערש לויפּערמאַן, ווארשא.

טעלעגראם מאַריענבאַד ערהאַלטען דאָ. דריטען טאָג בערלין. מאָרגען ווארשא. זיי אַלעקסאַנדראָווא. דראַטע למאי לאה׳צי פּעטריקאָוו? וואו בעלצי? איך קוש.

בראָני.

№ 84.

בעריל טשאַפּניק, ווארשא, צו חוה׳לע טשאַפּניק, אָסטענדע.

בריעף ערהאַלטען. אַלעס קלאָהר. געלד אַרויסגעשיקט. בעלצי געקומען. דריי טעג אַלעקסאַנדראָווא גרעניץ סקאַנדאַל. קורלענדער אויסלאַנד. זוכט בעלצין. סאַראָקער געקומען געטראָפען אסתר פּערביי. וויל איינגעבען קורלענדער פעלשונג בריעף. לויפּערמאַן ברוילשטוהל אויך איינגעבען קורלענדער. שערענצים פּעקעלים עדות. בעלצי אויסער זיך. געבעטען מאַכען שלום. איך פערלאַנג דריי טויזענד וועל צוּ-רייבען. מאַריאַמטשיק גט׳ן. לאה׳צי פּעטריקאָוו רייבען פּעטער. יאַמאַי-קער מאַריענבאַד קנס-מאָל. יאַמאַיטשיכע טעלטער ווארשא. מאַריאַמטשיק פּאַטשען יאַמאַיטשיכע. סווירסקי נישטאָ. קום ווארשא. דראַטע. איך קוש.

בערנאַרד.

№ 85.

שלמה קורלענדער, מאַריענבאַד, צו אסתר סאַראָקער, ווארשא.

מאַריענבאַד נישט געטראָפען קיינעם. פאָהר אָסטענדע. דראַטעט פּאָסטרעסטאַנט.

קורלענדער.

№ 86.

הירש ליפערמאן, ווארשא, צו פערעל יאמאיטשיכע, מאריענבאד.

איהר דראטעט פרוי פערשוואונדען? פרוי דראטעט בערלין קומט ווארשא. שאנטאזש. קלאגען געריכט. ליפערמאן.

№ 87.

וועלוועל יאמאיקער, מאריענבאד, צו וועלוועל יאמאיקער, ווארשא.

געקומען מאריענבאד קנסמאל. קיינעם געטראפען. געזאגט אב־געפאהרען ווארשא. דראטעט וואו פערעל? קינדער? וואו חתן קעשע־ניוו? אונרוהיג. וואלף.

№ 88.

פערעל יאמאיטשיכע, ווארשא, צו וועלוועל יאמאיקער, מאריענבאד.

למאי געפאהרען מאריענבאד? געדראטעט נישט פאהרען. חתן קעשעניוו ווייב צוויי קינדער. צוריק ווארשא. דראטע. פערעל.

№ 89.

שלמה קורלענדער, אסטענדע, צו אסתר סאראקער, ווארשא.

אסטענדע אויך נישטא קיינער. רעכען פאהרען צוריק מאריענבאד. פון דארטען קעשעניוו. דראטעט. קורלענדער.

№ 90.

וועלוועל יאמאיקער, מאריענבאד, צו פערעל יאמאיטשיכע, ווארשא.

דעפעש ערהאלטען. נישט פערשטאנען. למאי חתן קעשעניוו? למאי צוויי קינדער? וואו דריטע? ווער צוריק ווארשא? דראטע. פעריל.

№ 91.

פעריל יאמאיטשיכע, ווארשא, צו וועלוויל יאמאיקער, מאריענבאד.

געדראטעט אוים שדוך. חתן קעשעניעוו בעווייבט. נישט פאהרען מאריענבאד. געפאהרען מאריענבאד. נישט געדראטעט. אומזיסטע שפעזען. געדראטעט פאהרען צוריק ווארשא. איך קינדער ווארשא. דראטע. פערעל.

№ 92.

וועלוועל יאמאיקער, מאריענבאד, צו פערעל יאמאיטשיכע, ווארשא.

דראטעסט נישט געדראטעט? צוויי מאל געדראטעט: געדראטעט מזל-טוב. געדראטעט — ארויספאהר. פאר וואס נישט געדראטעט באלד חתן קעשעניעוו בעווייבט? פארוואס נישט געווארט מאריענבאד? וואו שדכן? וואו טשאפניק? וואס בעלצי? דראטע. וואלף.

№ 93.

פערעל יאמאיטשיכע, ווארשא, צו וועלוועל יאמאיקער, מאריענבאד.

ביז וואנען דראטען? געדראטעט בעלצי געקומען. קורלענדער מאריענבאד — אסטענדע, זוכט בעלצי'ן. מאריאמטשיק אבגע'גט. לוי-פערמאן מיר סקאנדאל, וויל פאטשען קורלענדער. אסתר פערבײ. סאראקער געריכט קורלענדער פאדלאג. ברוילשטוהל, שערענצים, פעקיזלים עדות. טשאפניק שלום. סווירסקי דראטעט קעשעניוו דריי שדוכים. גענוג דראטען. פאהר זאפארט אהיים. דראטע.

פערעל.

№ 94.

שלמה קורלענדער, מאריענבאד, צו שלמה קורלענדער, ווארשא.

יאמאיטשיכע געדראטעט פלוצים פערשוואונדען בעלצי, — געוועז

מאריענבאד, געווען אסטענדע, געקומען צוריק מאריענבאד. געזוכט בעלצי. אלעמען געדראטעט. קיינער דראטעט נישט. ווער אין שטוב? דראטעט וואו בעלצי? זאל איך פאהרען קעשעניוו? דראטעט דרינגליך.
סאלאמאן קורלענדער.

№ 95.

בעלצי קורלענדער, ווארשא, צו שלמה קורלענדער, מאריענבאד.

יאמאיטשיכע אויסגעטראכט ליגען. געפאהרען מאריענבאד — בערלין — ווארשא. געווען פערהאלטען גרעניץ אלעקסאנדראווא. דריי מאל געדראטעט שיקען געלד. אלע זאכען פערפאלען. איצט געקומען. וואס האסט דו געטאן? איבער דיר ברוילשטוהל גט'ען. מאריאמטשיק שוין גע'גט. אסתר געפעהרליך קראנק. סאראקער סטראשעט קרימינאל שאנטאזש פאדלאג. לויפערמאן, ברוילשטוהל, שערענצים, פעקעלים עדות. טשאפניק גאראנטירט צערייבען. וויל 3000. דראטע.
בעלצי.

№ 96.

שלמה קורלענדער, מאריענבאד, צו בעלצי קורלענדער, ווארשא.

טויזענד דאנק. גוטע נאכריכט! כ'האָרך סאראקער קאטער. כ'געב לויפערמאן פייג. טשאפניק 3000 מכות. כ'פאהר שנעל־צוג בערלין־ווארשא. כ'קוש.

סאלאמאן.

כּתרילעווקער נשׂרפֿים

כתריאלעווקער נשרפים.

(א מעשה פון די קליינע מענשעלעך).

קאפיטעל א.

די גרויסע, שענע, אלטע גוי'עשע שטאדט יעהופעץ, וואס האט זיך פון פאר טויזענד יאהרען, נאך בימי וולאדימיר דעם הייליגען, געווארפען אין דער לענג און אין דער ברייט, בארג ארויף, בארג אראפ, אויפ'ן ברעג פונ'ם אלטען גרויען דניעפר, האט שוין לאנג אזעלכע מינים יודען נישט געזעהען, ווי איינמאל אין א פריהמארגען — סוף זומער איז דאס געוועזען. מע קאן נישט זאגען, אז די דאזיגע נישט־יודישע שטאדט איז, חלילה, זשערנע א יודען אויף א רפואה. אדרבה, עס איז בעוואוסט, אז זי האט צו טאן פון קדמונים נאר מיט יודען, גלייך ווי איהר פעהלט שוין מעהר נישט, ווי מע זאגט, קיין זאך, נאר יודען און קאפוועהטאג. ווען איהר זאלט נישט קומען אהין צופאהרען אדער ווען איהר זאלט דארט נישט עפענען א בלאט־צייטונג, איז דאס ערשטע, וואס קומט אייך פאר די אויגען — „יודען', אזוי פיעל און אזוי פיעל יודען האבען זיך אנגעגעבען אין אוניווערזיטעט — און מען האט זיי נישט צוגענומען. אזוי פיעל און אזוי פיעל יודען האט מען געפאקט ביינאכט אויף איין „אבלאווע" — און מען האט זיי יא צוגענומען. א שטיינער ס'זאל זיך אמאל טרעפען, חלילה, פערקעהרט: אז די יודען פון אוניווערזיטעט זאל מען יא צונעהמען, און די פון „אבלאוועס" נישט — דאס איז א זאך, וואס עס קאן נישט זיין, אזוי ווי עס קאן נישט זיין, למשל, אז בעת איהר זענט שטארק הונגעריג זאלט איהר על־פי טעות טרעפען מיט'ן ביסען צו יענעם אין מויל אריין.

הכלל, וואָס זשע זענען דאָס געווען פאַר אַ מינים יודען אין יענעם פריהמאָרגען, וואָס מיר דערצעהלען? — דאָס זענען געווען כתרילעווקער בעלי-בתים. און נישט נאָר סתם בעלי-בתים, נאָר אויסגעקליבענע, אויסדערוועהלטע צוליעב זעהר-זעהר אַ וויכטיגער זאַך, צוליעב זעהר-זעהר אַ גרויסע מצוה; דאָס זענען געווען איינס אין איינס, די שענסטע, די חשוב׳סטע בעלי-בתים פון שטאָדט, דער סאַמע צימעס פון כתרילעווקע. איך וואָלט אייך זיי אָנגערופען ביי די נעמען — איז נישט נויטיג. אַ כתרילעווקער יוד אַן עוסק במצוה זוכט נישט ביי דער וועלט קיין כבוד און איז נישט געוועהנט געוואָרען, אַז זיין נאָמען זאָל זיין געדרוקט אין דרויסען אויף די בלעטער; פאַר איהם איז גענוג דאָס ביסעל כבוד, וואָס ער האָט אויפ׳ן אָרט און ער דאַנקט גאָט, אַז ער ווערט חאָטש נישט געזידעלט פון די זייניגע...

צווישען די דאָזיגע אויסדערוועהלטע איז געווען איינער איין עלטערער, גאָר איין אַלטער מאַן, אַ יוד אַ זקן, אַריבער שמונים, וואָס געהט שוין איינגעבויגען, אָנגעלעהנט אויף איין אַלטען שטעקען, אָבער ער האַלט זיך נאָך, קיין עין-הרע, גאַנץ נישקשה׳דיג. אָנגעטאָן איז ער געווען שבת׳דיג: אין אַ זיידענער שרייענדיגער רעזעוואולקע, אָהן אַרבעל, אויף איין אַלטער נאָר אַטלעסענער צעהאַקטער קאַפּאָטע, מיט אַ שטריימעל אויפ׳ן קאָפּ און מיט שיך און זאָקען אויף די פיס. דער איבעריגער עולם איז שוין געווען נישט אַזוי יום-טוב׳דיג אָנגעטאָן. דערפאַר זענען זיי אָבער געווען יום-טוב׳דיג געשטימט. געגאַנגען מיט אימפּעט, אַ ביסעל אָנגעצויגען, נערוועז, געטראָגען ביילינגע טלית-ותפילינ׳ס און זאָנטיקעס, משונה מאָדנע גרויסע פּאַראַסאָלען, וואָס נאָר איין גאָט ווייסט דעם אמת — אויף וואָס בעדאַרף מען זיי, אַז קיין רעגען געהט נישט און די זון ברענט נישט. דער מחבר פון דער דאָזיגער געשיכטע האָט שוין לאַנג בעמערקט, אַז עס געפינען זיך יודען אַזוינע, וואָס קאָנען זיך נישט צעשיידען מיט׳ן שירם סאַי זומער, סאַי ווינטער. וויפיעל איך האָב מיך שוין אָנגעזעהען אויף מיין לעבען מיט די דאָזיגע מינים יודען, האָב איך נאָך כמעט קיינמאָל נישט געזעהען, דער שירם זאָל זיין ביי זיי איין אויפגעשטעלטער איבער׳ן קאָפּ, ווי עס וואָלט אייגענטליך בעדאַרפט צו זיין. מעהרסטענטייל בעגעגענט איהר אַ יודען לויפען איינגעבויגען, דער ווינט בלאָזט, שמייסט אין פנים אַריין, צענעמט איהם די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע און פערקאַטשעט איהם פון הינטען, מחילה, איבער׳ן קאָפּ — און ער מיט׳ן

שירם: טיאפ-ליאפ, פיטש-פאטש איבער די ליטקעס פון די פיס. איך בין א בעלן געווען א מאל אבשטעלען אזא יודען, בעטראכטען דעם שירם, איהם נעהמען אין האנד אריין — וועגט ער, נישקשה, שענע עטליכע פונט. ס'איז איהם כמעט אונמעגליך צו עפענען. און אז איהר האט איהם שוין אויפגעעפענט, מעגט איהר זיך שוין געזעגענען: איהר וועט איהם צוריק אזוי גיך נישט פערמאכען. די שטעקלעך זיינע שטעלען זיך פאפעריק מיט די קעפלעך ארויף און פון דעם שירם ווערט א מין פאראשוט, וואס ביי א רעכטען ווינט קאן דאס אייך, חלילה, אויפהויבען און אוועקטראגען אינאיינעם מיט'ן זאנטיק וויים וויים ארויף, אונטער דער חמארע, כמעט ווי מיט איין אעראפלאן... נאר לאמיר אוועקווארפען די זאנטיקעס און זיך אומקערען צוריק צו אונזערע יודען.

געגאנגען זענען זיי געשמיידיג, גלייך ווי עמיצער וואלט זיי געטריבען האלז-אין-נאקען, אדער גלייך, ווי זיי וואלטען מורא האבען פערשפעטיגען ערגיץ אויף א שמחה, א סעודה אדער אזוי איין אסיפה. און גערעדט האבען זיי הויך אויף א קול און אלע אינאיינעם און מיט הענד, ווי געוועהנטליך. נאר זעלטען האט געטראפען, אז מען האט זיך אבגעשטעלט, פערלעגט די הענד ארונטער און בעטראכט די הויכע שענע רייכע מויערען פון שטאדט, זיך גארנישט געקאנט זאט אנקוקען.

— געפעלט אייך, א שטייגער, אט דאס הייזעל? — רופט זיך אן איינער, פעררוקט דאס היטעל, אטעמט ווי א בלאז-זאק און מאכט מיט די זייטען, ווי איין איינגעמידעט פערדעל. — איהר זענט עפעס א מבין אויף דאס הייזעל? שוין איין מאל א הייזעל!

— יא, נישקשה פון א הייזעל, — ענטפערט איהם דער אנדערער שטיל און קוים וואס ער זשיפעט.

— וואס, רעכענט איהר, בעדארף עס קאסטען דאס הייזעל? — מאכט איינער א יאדישליווער מיט גלאנצענדיגע אויגען און נעמט זיך מיט ביידע הענד אונטער די זייטען.

— דאס הייזעל? — ענטפערט איהם איינער מיט א ברייטען שטערען, ווייזט אויס א בעל-חשבון און א מבין אויף הייזער. — איך רעכען, אז דאס הייזעל מיט'ן פלאץ בעדארף זיין ווערט אט דא, אין דעם שטעדטעל, נישט ווינציגער פון א מאה אלף.

— חא-חא-חא! — צעלאכט זיך א יונגערמאן מיט א בלאס פנים, וואס נאר-וואס האט זיך אנגעהויבען שיטען אויף דעם א בערדעל. מאה

אלף, זאָגט איהר? לאָמיר עס אַלע פערמאָגען, וואָס מעהר...

— בהמה! — רופט זיך אָן דער יאַדישליוועֶר מיט די גלאַנצענדיגע אויגען — וויבאַלד אַז ווינשען, לאָמיר זיך שוין בעסער ווינשען פאַרמאָגען, וואָס מע איז שולדיג אויפ'ן דאָזיגען הייזעל!...

און עס קייטעלט זיך אַ שמועס וועגען הייזער, אַ לאַנגער שמועס, אָהן אַ שום צוועק, דאָס איז מעהר נישט אַז איין אויסרעד. איינענטליך, זענען זיי שוין אַלע רעכט מיעד פונ'ם געהן באַרג-אַרויף און וואָלטען אַלע חשק געהאַט זיך אָבשטעלען אויף אַ ווייַלע איבערחאַפּען דעם אָטעם.

— א פנים, ס'איז אייך שווערליך, רבי, צו געהן באַרג-אַרויף? אפשר וואָלט איהר אייך צוגעזעצט אָט דאָ ערגיץ אויף אַ ווייַלע אָברוהען?

דאָס איז געזאָגט געוואָרען צום אַלטען, וואָס איז געגאַנגען, נישט קוקענדיג אויף זיינע אַכציג יאָהר, מיט פעסטע טריט, אויף-צו-פריהער. און אַלע אויסדערוועהלטע פון כתרילעווקע האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף אַ ווייַלע, אויפגעהויבען די אויגען און גענומען זוכען איין אָרט פאַר'ן אַלטען אויף צו צוזעצען זיך. נאָר איידער זיי האָבען צייט געהאַט אַרומקוקען זיך, וואו זיי זענען אין דער וועלט, איז אַרויסגעוואַקסען, ווי פון אונטער דער ערד, אַ נפש, אַ בעוואָפּענטער פון אויבען ביז אַראָב, מיט אַ רויט פנים און מיט ווייַסע הענטשקעס, און— גלייך אויף זיי!... אַלע אויסדערוועהלטע האָבען דערפיהלט, אַז ס'איז ביי זיי פערקיהלט געוואָרען דער מאַמעס מילך, און אַלע אויגען האָבען זיך געווענדעט צום אַלטען, וואָס וועט ער זאָגען? דער אַלטער האָט אָבער נישט געזאָגט דאָס צווייטע וואָרט. ער האָט זיך נאָר אָנגעלעהנט אויפ'ן אַלטען שטעקען און געגאַנגען מיט די זעלבע פעסטע טריט פאָראויס, ווי איין אמת'ער גבור, און אַלע נאָך איהם, אַזוי אַז דער אָנגעוואָפּענטער נפש איז געבליבען שטעהן אין דער היהנער-פּלעט, נישט צו וויסען, וואָס טוט מען מיט זיי? פערהאַלטען?— ווייסט ער נישט פאַר וואָס. וועמען שטערען זיי? דורכלאָזען? — ווי אַזוי ווערט מען נישט געוואָהר, וואָס דאָס זענען פאַר מינים בעשעפענישען אויף דער וועלט? האָט ער אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צוריק און נאָכגעקוקט זיי מיט די אויגען ביז העט אַרויף. דאָרט האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און אָנגעקלונגען אין אַ טויער פון אַ רייך גרויסאַרטיג הויז.

איצט פרעגט זיך: וואוהין זענען דאָס געגאַנגען, אייגענטליך, די דאָזיגע אויסדערוועהלטע פון כתרילעווקע? צו וועמען און צוליעב וואָס? דאָס איז מען געגאַנגען צו די נגידים קלייבען נדבות, בעטען ברויט, וועקען רחמנות אויף די אָרימע עלענדע שטאָדט כתרילעווקע. איין אומגליק האָט געטראָפען אין כתרילעווקע. איהר קענט מיך נישט פון נעכטען. איהר ווייסט, אַז איך בין נישט קיין מענש פון אַנזאָגען שלעכטע בשורות. נאָר וואָס זאָל מען טאָן — עס איז געקומען די צייט, וואָס איהר דאַרפט עס וויסען:

רבותי! כתרילעווקע איז אָבגעברענט געוואָרען!

קאַפּיטעל ב.

פישעל רייסט די וועלט.

יאָ, ליעבע פריינד, כתרילעווקע איז אָבגעברענט געוואָרען, נאָר איהר מיינט עפּעס גלאַט אַזוי אָבגעברענט געוואָרען?

עס זענען דעם זומער, נישט צו פערזינדיגען, אָבגעברענט געוואָרען געגנוג יודישע שטעדט און שטעדטלעך. נאָר וואָס דען? ס׳איז אַ חלוק, ברענען צו ברענען איז נישט גלייך. כתרילעווקע האָט זיך געוואָלט, אַ פּנים, אויספּייניגען פאַר דער וועלט, האָט זי זיך אָנגערופען צו די איבעריגע יודישע שטעדט: „וואָס? איהר ברענט? האַ-האַ! לאָזט מיך, אָט וועט איהר זעהען, ווי אַ שטאָדט ברענט!״ און כתרילעווקע האָט זיך אָנגעצונדען ווי אַ ליכט... נאָר ניין, מיר לאָזען איבער די בעשרייבונג פון כתרילעווקע שרפה פאַר אונזער קאָלעגא, פישעל דעם קאָרעספּאָנדענט — דאָס איז זיין אַרבייט. באַלד אויף מאָרגען נאָך דער גרויסער שרפה האָט פישעל קאָרעספּאָנדענט, וואָס איז אַליין אויך אָבגעברענט געוואָרען, קוים מיט׳ן לעבען אַרויס, ערגעץ געקריגען מיט נסים אַ טינט און פעדער און האָט צעשיקט קאָרעספּאָנדענציעס אין אַלע יודישע צייטונגען אין זעהר אַ שענער מליצה-שפּראַך און מיט אַ זעלטען שענער האַנדשריפט בזה הלשון:

„אַ קול אין הימעל טוט זיך הערען! די טאָכטער כתרילעווקע וויינט אויף איהר גרויסען אומגליק — זי וויל זיך נישט טרייסטען! אַ בראָך אויף אַ בראָך! אַ וואונד אויף אַ וואונד! כתרילעווקע איז נאָך

נישט געקומען צו זיך נאָך דער „בהלה“, וואָס אויף איהר איז געוועזן, האָט זיך אויסגעגאָסען אויף איהר אַ נייער גרים-צאָרן, זי האָט אויס-געטרונקען דעם ביטערען כּוס פון גאָט'ס האַנד — אַ פייער האָט אָראָבגעניִדערט פונ'ם הימעל און אָנגעצונדען די שטאָדט פון איין עק ביז'ן אַנדערן עק, אויסגעלעקט ביז'ן אָבגרונד — נישט געהאַט קיין רחמנות אויף די הייליגע בתּי מדרשים, און אויך קינדער, קליינע, זויגענדיגע פון דער ברוסט, זענען אַרויף מיט'ן פייעריגען פלאַם אין הימעל אַריין. און אויך אַלטע מענשען, אָרימע, קראַנקע און שוואַכע, זענען געוועזען איין עסענוואַרג פאַר'ן פייער אינ'ם טאָג, וואָס גאָט האָט אונז געטאָן בעשטראָפען בכפל כפלים פאַר אונזערע גרויסע זינד, און אפילו אויף זיין הייליגער תּורה האָט גאָט קיין רחמנות נישט געהאַט, זי איז פערברענט געוואָרען אינאיינעם מיט'ן אַלטען בית-המדרש, און מיר געפינען זיך איצט אונטער דער דעק פונ'ם הימעל עלענדע, נאַקעטע און באָרוויסע, הונגעריגע און דאָרשטיגע, און ווי די אינדען אויף די אויסגאַנגען פון די וואַסערן, אַזוי קוקען אַרויס אונזערע אויגען צו אונ-זערע באַרמהערציגע ברידער, די קינדער פון די באַרמהערציגע: מיר בעטען אייך! דערבאַרעמט אייך! לייטזעליגט אונז! לאָז אויפגעוועקט ווערען רחמנות אין אייערע גוטע הערצער און לאָזען אייערע בעווי-ליגטע הענד אויסשטרעקען אונז הילף וואָס גיכער, וואָרום מיר זענען פאַראָרימט געוואָרען זעהר! זייט אונז אַ דערנעהרונג און לאָזט נישט פערלוירען געהן דאָס איבערגעבליבענע ביסעל יעקב!“...

דאַכט זיך, וואָס וואָלט געווען פאַר איין אומגליק, אַז די דאָזיגע האַרצרייסענדע קאָרעספּאָנדענציע, וואָס איטליכס וואָרט איז אַ זיפץ און איטליכס אות — אַ טרער, זאָל טאַקי, חלילה, זיין געדרוקט אין אַ יו-דיש בלאַט? ניין. האָט מען גענומען פישעל'ס האָרעוואַניע נעבאַך צו פערקירצען, קוועטשען און אַרויסקוועטשען פון איהר דאָס תּמצית, און מען האָט ערגיץ אין אַ ווינקעלע מיט גאַנץ קליינע אותיות אַריינגע-קוועטשט קוים דריטהאַלבען שורה'לעך.

„אָבגעברענט כּתרילעווקע, נישט בעגאַנגען זיך אָהן מענשליכע קרבנות. מע בעט הילף“.

אמת, די צייטונגען פערענטפערן זיך אפילו, אַז זיי זענען נישט שולדיג. זיי האָבען, זאָגען זיי, פונ'ם דאָזיגען פישעל פון כּתרילעווקע כּמעט אַלע טאָג אַ קאָרעספּאָנדענציע; זיי זאָלען וועלען, זאָגען זיי, דרו-קען אַלסדינג, וואָס דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענט שרייבט זיי, וואָלטען

זיי בעדארפט, זאגען זיי, ארויסגעבען פון די קליינע מענשעלעך וועגען א בעזונדער בלאט און האלטען א בעזונדערע דרוק מיט בעזונדערע מענשען.

טאקי נאר חדושים און געגוג! קומט צו עפעס, אזוי ווערט כתרילעווקע ביי איטליכען גרוים אין די אויגען. די זעלבע רעדאקטארען און ארויסגעבער, אז זיי האלטען ביי ארויסלאזען נייע בלעטער מיט נייע ביכער, זשאלעווען זיי נישט פאר כתרילעווקע קיין לאנגע שענע ברייטע פראספעקטען, שעמען זיך ניט אנרופען די קליינע מענשעלעך מיט'ן נאמען „פיעל געעהרטע און זעהר געליבטע אבאנענטען”. אמת, מיט קיין סך אבאנענטען אויף זייערע בלעטער אין כתרילעווקע קאנען זיי זיך נישט בעריהמען — ארום און ארום האבען זיי אין גאנץ כתרילעווקע בסך-הכל איין אבאנענט, זיידעל, אונזער אלטער בעקאנטער זיידעל רב שעיה'ס, וואס ביי איהם געניסט שוין אויף צו לייענען אונזער קארעספאנדענט פישעל און נאך איהם אלע איבעריגע, וואס גאהרען נאך א געדרוקט ווארט. נאר וואס געהער זיך עס אן מיט פישלען? פאר וואס געהען זיינע אלע בריעף מיט אלע זיינע שרייבעכצען גלייך אונטער'ן טיש אין קויש אריין, נאך איידער מע ווייסט, וואס דארטען שטעהט? פאר וואס, אז סע קומט אונטער א יום טוב און דער רעדאקטאר טרעט ארוים מיט שענע געצאצקעטע ווערטער וועגען דעם פאלק ישראל, צעהיצט ער זיך און זאגט:

„ווער האט געצעהלט דעם שטויב פון יעקב'ן?

און ווער האט גערעכענט די צאהל פון די ריטער ישראל?”

מיינט ער נישט אויך די קליינע מענשעלעך בתוכם? צי למשל יענע מוסר-זאגער, די וואס זעצען אויס אונזערע פעהלערען, רופען אונז אן מיט די שענע נעמען „עקספלאאטאטארען”, „וועלטפרעסערס”, „בלוטזויגערס” וכדומה, מיינען זיי דען נישט אויך די כתרילעווקער יודען בתוכם? כלרילעווקע מעג טאקי אויף זיך זאגען: „צו א פגירה בין איך אויך א בהמה”.

מיינט נישט פון דעסטוועגען, אז נאך דער שרפה האט מען זיך בעגנוגענט נאר מיט פישעל'ס קארעספאנדענציעס אליין: עס זענען צעשיקט געווארען אויך בריעף — זעהר שענע מליצה-בריעף, טאקי פישעל'ס ארבייט, בכל תפוצות ישראל, אומעטום וואו עס איז פאראהן ערגיץ א גביר מיט א נאמען, וואס לאזט זיך הערען אויף דער וועלט. קיין יעהופעץ, קיין אדעס און קיין מאסקווע, און קיין לאנדאן, און

אפילו קיין פאריז, צום גרויסען-גרויסען רויטשילד אליין. עס זאל אייך קיין חדוש נישט זיין, ווי קומט דאס, וואס כתרילעווקע זאל אנשפארען אזש קיין פאריז, צו רויטשילדען? שטעלט אייך פאר א מעשה, אז א צייט מיט יאהרען פלעגט כתרילעווקע בעקומען אלע ערב פסח פון פאריז, פון רויטשילדען, אויף רב יוזיפעל'ס אדרעס הונדערט פראנק מעות-חטים. אמת, שוין פון א צייט, אז רויטשילד האט אויפגעהערט זיי צו שיקען מעות-חטים, מע ווייסט נישט, פאר וואס; נאר פון דעסט-וועגען שרייבען זיי צו איהם בריוולעך אלע מאל, ווען עס מאכט זיך עפּיס ביי זיי א שמחה אדער, חלילה וחס, נישט אזא שעה אויסגע-רעדט זאל זיין, איין אומגליק. אי פארוואס האבען זיי פון איהם קיין שום תשובה נישט שוין אזוי פיעל יאהרען? דאס איז קיין קשיא נישט! אפשר האט זיך איהם צוגעגעסען לייענען ווייערע לאנגע מגילות? — קרעפלעך עסען, זאגט מען, ווערט אויך נמאס! און אפשר איז די אדרעס נישט געשריבען, ווי עס געהער צו זיין? און אפשר האט זיך געטראפען דארטען ביי רויטשילדען אין פאריז דאס, וואס להבדיל, ביי פרעה מלך מצרים האט זיך געטראפען, ווי אין פסוק שטעהט: ויקם מלך חדש — ס'איז אויפגעשטאנען אן אנדער מלך, אשר לא ידע את יוסף — וואס האט זיך געמאכט נישט וויסענדיג... איך רעד פון רויטשילד'ס סעקרעטאר, פון דעם, וואס נעמט אב די פאסט און לייענט איבער אלע בריעף. די וואס געפעלען דעם סעקרעטאר, די בעווייזט ער איהם, און די בריעף, וואס געפעלען איהם נישט, זאגט ער: „זה חליפתי, זה כפרתי — און מארש אונטער'ן טיש..." פאר געוויס ווייס איך נישט; נאר איך מיין, אז אזוי בעדארף עס זיין.

הקצור, איהר זעהט שוין, אז כתרילעווקע איז, ברוך השם, אזא שטאדט, וואס זי שטעהט אין פערבינדונג, קארעספאנדירט מיט דער גאנצער וועלט. און וויבאלד עס האט זיך נאר געטראפען ביי זיי דאס גרויסע אומגליק, אזוי האט מען שוין די רגע געגעבען צו וויסען דורך פישעל קארעספאנדענט, אויסגעפויקט איבער דער גאנצער וועלט און געוואַרט, ארויסגעקוקט: טאמער וועט זיך עמיצער אנרופען אויף דער גרויסער צרה, וואס זיי איז געשעהען.

קאַפּיטעל ג.

כתרילעווקע ברענט ווי אַ ליכט.

פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס אומגליק? — פון דעם אַלטען כתרילעווקער מרחץ, וואָס מיר האָבען עס שוין אַמאָל בעשריבען. אין אַבאַפּעלעק האָט זיך איינמאָל אין אַ דאָנערשטאָג אָנגעצונדען און עס האָט באַלד אַ חאַפּ געטאָן דעם דאַך, און עס האָט נישט געדויערט קיין סך — איז דאָס גאַנצע מרחץ געווען איין שטיק פייער. און אַז „אדם" מיט „חוה'ן", דער בעדער מיט די בעדערין, זענען אַרויסגעשפּרונגען פון באָד קוים לעבעדיגע, איז דאָס ערשטע, וואָס זיי איז געקומען אויף דער מחשבה: „אוי-וועה, דער רבי!" — אין איין כהרף-עין איז „אדם הראשון" (דער בעדער) געווען אין שטוב, און ווי מען טראָגט אַ קליין קינד פון וויגעלע, אַזוי האָט ער אַרויסגעטראָגען דעם רב רב יוזיפּעל אויף זיינע געזונטע גרויסע הענד, און רבי יוזיפּעל דער רב האָט ווי אַ קליין קינד זיך פערשטעלט די אויגען פון'ם פייער, וואָס האָט בעלויכטען דעם גאַנצען טייך מיט די ווערבעס, מיט'ן געמייזעלטס, מיט אַ גאַנצען שטיק הימעל, וואָס אַהין האָט זיך געצויגען דאָס פייער און געקיקעלט דער רויך, דער געדיכטער רויך, דורכגעוואָרפען אַלע מאָל גרויסע און קליינע פונקען און אַלץ האָט מיט אַמאָל בעקומען איין אַנדער פּנים, אַ מאָדנעם חן, געוואָרען רויט; דער טייך רויט, דער הימעל רויט, די ווערבעס רויט, די מענשען רויט — רבי יוזיפּעל האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ מין רויטקייט און אַזאַ מין שענקייט נישט געזעהען, און ער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטען זיך פון התפּעלות. און אַז „אָדם הראשון" האָט איהם אַנידערגעשטעלט אויף דער ערד, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין: „ווי שען איז גאָט'ס וועלטיל און וואונדערליך!" — און האָט זיך אָבער באַלד פערחאַפּט און אַ קעהר געטאָן זיך צו „אדם" מיט „חוה'ן":

— קינדערלעך, האָט עס אייך, חלילה, נישט געשאַדט אין די נפשות? דאַנקען השם יתברך, וואָס איהר זענט נישט געשטראָפט געוואָרען מיט פייער...

— נישט געשטראָפט געוואָרען מיט פייער? — האָט זיך דער בעדער נישט געקאָנט איינהאַלטען און אַ זאָג געטאָן מיט אַ ביטער

געלעכטער, — מיט וואָס דען האָט אונז גאָט געשטראָפֿט: מיט וואַסער?

— נישט דאָס מיין איך, — פֿערענטפֿערט זיך דער רב — איך מיין דעם נס, וואָס מיר זענען ניצול געוואָרען מיט'ן לעבען, געלויבט דער בורא.

— מיט'ן לעבען? וואָס טויג אונז שוין דאָס לעבען, אַז מיר האָבען נישט קיין באָד?

— רעדסט ווי אַ קינד — מאַכט צו איהם רב יוזיפּעל און פּערשטעלט זיך מיט ביידע הענד פֿונ'ם פֿייער — ווי אַ קינד רעדסט דו! וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז דו בעדאַרפֿסט האָבען אַ באָד? אַז דו ביזט געבוירען געוואָרען ביזט דו דען געבוירען געוואָרען, נאַרעלע, מיט אַ באָד? ציִ דו האָסט גערעכענט איבער הונדערט יאָהר אויף יענער וועלט, אם ירצה השם, קומען מיט אַ באָד? אַמאָל איז געווען אַ מלך..

און רב יוזיפּעל האָט געוואָלט דערצעהלען זעהר אַ שענעם משל מיט אַ מלך, ווי זיין שטייגער איז; האָט איהם דער בעדער, מחילה, איבערגעשלאָגען סאַמע אין אָנהויב:

— וואָס מיר מלך? ווער מיר מלך? איהר טוט בעסער אַ קוק, זייט מוחל, ווי דאָס פֿייער קוויקעלט זיך מיר עפּיס, עפּיס אַהין, אין שטאָדט אַריין, און דער ווינט בלאָזט מיר עפּיס צו געשמיידיג: איך האָב מורא, עס זאָל נישט אָננעהמען לוי-מרדכי דעם קצב'ס שטוב מיט די שטאַלען, דעמאָלט איז זיי געזונד, כתרילעווקע!..

און ווי אין אַזאַ שעה אויסגערעדט — עס האָט אַ וואָרף געגעבען דאָס פֿייער אויף לוי-מרדכי דעם קצב'ס שטוב מיט די שטאַלען, און עס איז מיט אַמאָל בעלויכטען געוואָרען אַ נייער שטיק הימעל. עס האָט זיך געלאָזט הערען אַ קנאַקען מיט אַ טרישטשען, מיט אַ מעקען פֿון ציגען, און עופֿות אַ פּאָר האָבען זיך פֿון ערגיץ געלאָזט לויפֿען הענדום-פּענדום אַראָב אַ באַרג, צעלאָזט די פֿליגלען און אויפֿגעבלאָזען די פּעדערן, און גיך איז בעלויכטען געוואָרען דער גאַנצער באַרג מיט דער גאַנצער שטאָדט מיט'ן גאַנצען הימעל. אַ משונה-מאָדנער געשריי מיט אַ הילך לאָזט זיך הערען פֿון שטאָדט אַזש אַהער, דאָס געשריי וואַקסט אַלעמאָל שטאַרקער און ווערט צענויפֿגעגאָסען אינאיינעם מיט אַ בילען פֿון הינט, מיט די רעווען פֿון קיה, מיט אַ קוויטשען פֿון ווייבער, מיט אַ וויינען פֿון קינדער און מיט אַ שרייען: „וואַסער! עמער! ראַטעוועט! גיכער! סע נעצט! סע ברענט!" — פּלוצים זעהט מען שפּרינגען אַראָב אַ באַרג צום טייך אַ האַלעוועשקע

אויף פיער פיסלעך; די האלעוועשקע טאנצט, מאכט מיט די הערנער און פליהט גלייך צום טייך, דערלויפט נישט אבער און פאלט אנידער און ציהט זיך אויס אויף דער ערד מיט די פיסלעך ארויף, און ציטערט, ווי פאר׳ן טויט, און לאזט ארויס אויף א צוגעלעגערט קול, א מאדנע: מע-מע-מע! — דאס האט א ציג נעבאך פאר גרויס נארישקייט גענומען און איז אריינגעשפרונגען אין פייער אריין און האט באלד חרטה געקריגען און ארויסגעשפרונגען צוריק; ס׳איז שוין אבער געווען שפעט — ס׳האט זיך אנגעצונדען אויף איהר דאס פעלצעל און גיך פערסמאליעט געווארען, האט זי זיך געלאזט לויפען האפ-האפ משוגענערווייז גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, אהן א שום פלאן און אהן א שום שכל.

נישט קיין גרעסערער שכל איז געלעגען אינ׳ם לויפען פון די כתרילעווקער יודען און ווייבער, וואס האבען זיך געווארפען פון איין גאס אין דער אנדערער, ווי פער׳סמ׳טע מייז, אדער ווי נישט דערקוילעטע היהנער, שווארץ פון רויך, ווי די מלאכי-חבלה, און אנגעזאגט איינס דאס אנדערע א בשורה:

— איהר ווייסט? אלי-דוד ברענט!

— איהר ווייסט? עס האלט שוין ביים מארק.

— איהר ווייסט? סע ברענט די גאנצע שטאדט! א דונער איז מיר, די גאנצע שטאדט!

— ווי א ליכט! ווי א סטערינעווע ליכט.

און סע בושעוועט דאס פייער און סע שטורעמט ווי דער ים, אז ער צעשפיעלט זיך, און דער ווינט טראגט גאנצע האלעוועשקעס, גאנצע סנאפעס שטרוי, און פונקען פליהען אהן א שיעור. די פונקען פאלען אויף די גוט-אויסגעטריקענטע פון אלטקייט שטרויענע און היל־צערנע דעכער און עס הערט זיך א קנאקען מיט א וואלגערען, א פא־לען מיט א זעצען, א ברעכען מיט א טרישטשען — און דאס אלעס ווערט ווי צענויפגעגאסען אינאיינעם מיט׳ן געשריי און מיט׳ן הילך, מיט׳ן קוויטשען און מיט׳ן וויינען, און שדים, רוחות, נישט קיין מענ־שען, לויפען, דער אהין, דער אהער, משוגענערווייז, ווארפען זיך אויף אלע זייטען ווי פער׳סמ׳טע מייז, ווי נישט דערקוילעטע היהנער, און דאס גרויסע ליכטיגע פייער באלייכט און באשיינט זייערע וויסטע פינסטערע איבערגעשראקענע פנים׳ער — און כתרילעווקע ברענט, ברענט ווי א ליכט.

קאַפּיטעל ד.

רב יוזיפעל האַלט מלחמה מיט'ן רבונו-של-עולם.

אַז דאָס מרחץ האָט נאָך געהאַלטען אין ברענען, האָט זיך נישט „אדם", נישט „חוה" אַרומגעקוקט אויפ'ן רב רב יוזיפעל. נאָר שפּעטער, אַז פונ'ם באָד איז נאָר געבליבען דער אײַזערנער קעסעל מיט'ן קוימען (אפילו די מקוה האָט אויך אויסגעברענט ביז'ן דעק), האָבען „אדם" מיט „חוה'ן" זיך געגעבען אַ כאַפּ צום רבי'ן — נישטאָ דעם רבי'ן! אומזיסט האָבען זיי איהם געזוכט בײַם ברונען, בײַם ברעג פונ'ם טײַך, בײַם געמײַזעכטס און נאָכדעם אין שטאָדט, צווישען די ברענענדיגע גאַסען.

— האָט איהר נישט בעגעגענט ערגיץ דעם רבי'ן? — האָט דער בעדער זיך נאָכגעפרעגט בײַ די אַנטלאָפענע אומגליקליכע נשרפים פון שטאָדט. נאָר די אומגליקליכע אַנטלאָפענע פון שטאָדט זענען געווען אַזוי צוטומעלט, אַז זיי האָבען גאָרנישט געהערט, וואָס מע רעדט צו זיי, און געפרעגט, ווי פער'חדוש'טע, געקוקט מיט מורא'דיגע אויגען:

— וואָסער רבי'ן? ווע מענס רבי'ן?

וואו זשע איז געווען דער רב רב יוזיפעל? רב יוזיפעל דער רב, אַז ער איז געקומען צו זיך און דערזעהען, אַז די גאַנצע שטאָדט שטעהט אין סכנות, האָט דאָס איהם אויפגעטראָגען אין דער לופטען און ער האָט געחאַפּט דאָס אַלטע אַרויסגעראַטעוועטע שטרײַמעל מיט'ן אַלטען שטעקען און האָט זיך געלאָזט געהן צו זײַנע יודען אין שטאָדט אַרײַן, גאָרנישט טראַכטענדיג, וואוהין ער געהט און צוליעב וואָס. פאַר זײַנע אַכציג יאָהר איז דאָס געווען נישקשה פון אַ שפּאַציער. נאָר דערזעהען פאַר זיך אַ גאַנצען ים פון פײַער, האָט ער נישט געפיהלט די פיס. עס האָט איהם געטראָגען ווי אויף פליגלען אַהין, אַהין, צום אַלטען בית-המדרש צו, וואו ער האָט כמעט דאָס גאַנצע לעבען זײַנס פערבראַכט מיט גאָט. שוין-זשע וועט דער אויבערשטער נישט טאָן קיין נס מיט זײַן אייגען הויז? שוין-זשע וועט דער רבונו-של-עולם נישט בעשיצען זײַן תורה, זײַן אייגענע תורה?

מיט די דאָזיגע מחשבות איז אונזער רב יוזיפעל אָנגעקומען צום אַלטען בית-המדרש פונקט אין דער צײַט, ווען אַרום און אַרום האָט

געבושעוועט דאס פייער. רויטע צונגען האבען זיך געריסען פון אלע זייטען און האבען בעלויכטען דעם־האלב איינגעפאלענעם דאך מיט די אבגעקאלופעטע געלע ווענט פון דעם אלטען־אלטען כתרילעווקער בית־המדרש. אט־אט, נאך א מינוט — און גאט'ס הויז ווערט ארומגענומען מיט פייער.

און רב יוזיפעל קאן נישט משיג זיין מיט'ן שכל, ווי שווייגען דאס יודען? פארוואס ראטעוועט מען נישט דאס בית־המדרש? די הייליגע ספרים? ספרי־תורות? אנשטאט דעם זעהט ער לויפען יודען הין און צוריק, ווי ווילדע ברואים, שפרינגען אין פייער אריין, ראטעווען אלטע קראנקע ווייבער, קליינע קינדער, בעטגעוואנט (בענקלעך), בעטליך, קיטעגס, טעפלעך, סקארב און בעבעלעס — און גאט'ס הויז האט מען פערגעסען, מפקיר געווען — ווי געשיקט זיך עס?!.. רב יוזיפעל פרובט זיך שרייען, רופען צו הילף: „דאס מקום־קדוש! דאס בית־המדרש!" — קיינער הערט איהם נישט. נאך א מינוט — און רב יוזיפעל איז אליין אין שוהל און גלייך צום ארון־קודש, ארויסגעצויגען איין ספר־תורה און די אנדערע ספר־תורה, קוים ארויס מיט'ן לעבען אויף דער גאס, אוועקגעלעגט זיי ווייט פאר דער טהיר אויף א צעבראכען בענקעל, וואס עמיצער האט ארויסגעשליידערט פון א שטוב און אליין אוועקגעשטעלט זיך נעבען זיי און אנגערופען זיך צום רבונו־של־עולם אויף א קול:

— וואס איך האב געקאנט, האב איך געטאן. וויפיעל איך האב געקאנט, האב איך ארויסגעראטעוועט; די איבעריגע ספרים האב איך איבערגעלאזט אויף דיר. איך טרעט נישט אב פון דאנען אויף א רגע אפילו, לאמיר זעהען, ווי אזוי דו וועסט פערברענען דיין אייגענע תורה, וואס דו האסט אונז געגעבען דורך משה דיין קנעכט אויפ'ן בארג סיני!...

אין דער מינוט איז אנגעקומען דער בעדער, אונזער בעקאנטער „אדם הראשון". דאס הארץ האט איהם געזאגט, אז דער אלטער דארף זיין ערגיץ ביי דער שוהל. דערזעהען דעם רבי'ן שטעהן נעבען ברעגענדיגען בית־המדרש, האט „אדם הראשון" נישט געמאכט מיט איהם קיין לאנגע מחוקות, איהם א נעם געגעבען אין זיינע געזונטע הארעפאשנע ארעמס און אינאיינעם מיט די צוויי ספרי־תורות איהם אוועקגעשלעפט פון פייער צוריק, אראב־אראב, צום אבגעברענטען מרחץ, וואס ביים ברעג פונ'ם טייך.

קאַפּיטעל ה.

נאָכ'ן חורבן.

דער מנהג פון דער וועלט איז, אַז בשעת מלחמה קוקט מען זיך אַזוי נישט אַרום אויפ'ן אומגליק, ווי נאָכדעם, און די געפאַלענע צעהלט מען ערשט דעמאָלט, אַז עס ווערט אויס געשלעגן, און אַז אַלעס גייט איבער, הויבט מען ערשט דעמאָלט אָן אונטערפיהרען חשבונות, וויפיעל מען האָט אין דער הריגה פערלוירען.

אין כתרילעווקע איז אויך אַזוי געוועזן. מע האָט אָנגעהויבען זיך אַרומקוקען, ווי ווייט דאָס אומגליק איז גרויס, ערשט אויף מאָרגען נאָך דער שרפה. תחילת האָט מען, געוועהנטליך, דערצעהלט איינער דעם אַנדערן חדושים, ווי אַזוי און ווען און וואו מע איז געוואָהר געוואָרען, אַז עס ברענט; דערביי האָט איטליכער, געוועהנטליך, געהאַט צו דערצעהלען זיין מעשה, אַ לאַנגע מעשה: ווי אַזוי ער איז נעכטען, ווי אויף צו-להכעיס, געקומען פריה פאַרנאַכט אַהיים, מחמת אַ גאַנצען טאָג איז נישט געוועזן וואָס צו טאָן, און, ווי אויף צו-להכעיס, איז ער דעם אויפדערנאַכט געווען הונגעריג, ווי אַ הונט, און, ווי אויף צו-להכעיס, איז נישט געוועזן וואָס צו עסען, האָט ער זיך אויף צו-להכעיס געלעגט פריה שלאָפען, און, ווי אויף צו-להכעיס, האָט ער מחמת הונגער נישט געקאָנט אַנשלאָפען ווערען, און, ווי אויף צו-להכעיס, איז ער אַ האַלבע שעה פאַר דער שרפה דוקא אַנשלאָפען געוואָרען, און דוקא געשמאַק. פלוצים הערט ער אַ גוואַלד: „סע נעצט, סע ברענט!“...

דער אַנדערער דערצעהלט אַ שענערע מעשה, און נאָך אַ לענגערע ווי יענער: ווי אַזוי ער איז נעכטען אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, כמעט פאַרטאָג, און איז אַרויסגעקומען אין מאַרק אַריין, געמיינט, טאָמער וועט ער עפּיס האַנדלען, וואָס ס'וועט זיך מאַכען: אַ טחוירעל, אַ ביסעל פּאַלאָווע, אַ זעקעל קאַרטאָפּליעס, אַבי עפּיס פערדינען. צום סוף — איז נישטאָ קיין לעבעדיגער נפש: סך הכל איין ערל מיט אַ זעקעל קויהלען. פרעגט ער איהם: „גוי, וואָס ווילסט דו פאַר די קויהלען?“ זאָגט ער: „אַ גילען“. פרעגט ער: „אפשר וועט זיין גענוג אַ גריוונע?“ זאָגט ער: „אַ גילען“. ער האָט זיך איינגעחזר'ט אַ גילען —

דאָטש נעם געב איהם אַ קרענק! האָט ער אַוועקגעקויפט ביים ערל דאָס זעקעל קויהלען, גענומען דאָס זעקעל קויהלען, מחילה, אויף די פלייצעם — און אַזוי ווייטער און ווייטער, אַ מעשה אויף דריי זייגער־שעה, ביז ער קומט אַרויף אויף דער שרפה. און סע לאָזט זיך אויס, אַז בשעת די שרפה האָט זיך אָנגעהויבען, איז ער געשלאָפען ווי אַ געהרג'עטער, מע האָט איהם קוים־קוים אויפגעוועקט.

דער דריטער דערצעהלט נאָך אַ שענערע מעשה. הויבען הויבט ער אָן אַזש פון עהערנעכטען, און דערצעהלט אַ לאַנגע־לאַנגע מעשה, נאָך אַ לענגערע פון יענער, וואָס מיט'ן זעקעל קויהלען, און פלוצים מישט זיך אַריין אינ'ם שמועס אַ יודינע און לייקענט אָב די גאַנצע מעשה:

— ווייס איך וואָס זיי ווילען אייך דערצעהלען מעשיות, נעכטיגע טעג! אָט וועל איך אייך דערצעהלען, ווי אַזוי ס'האָט זיך אָנגעהויבען: איך האָב דעם דאָזיגען דאָנערשטאָג, וואָס פאַר דער שרפה, געבענטשט חלה פון דער מעהל, וואָס בעריל ברכה'ס האָט געבראַכט צופיהרען, שענע מעהל, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען, אַזאַ יאָהר אויף אונזערע שונאים, אַז בסך־הכל האָפּט זי גאָר אַ ביטערקייט...

און סע גערט אַוועק אַ געשיכטע פון דריי זייגער־שעה, איין ערצעהלונג פון ביטערע מעהל, מיט ביטערע הייוועז, מיט אַ מולטער, וואָס איהרע אַ שכנה, פעסיל הייסט זי, אַ פעסיל פון גאָט!... און אַזוי ווייטער — אַ מעשה אָהן איין עק, און עס ווייזט זיך אייך אויס, אַז צו דער שרפה וועט זי נישט קומען קיינמאָל, פיעל זי וועט לעבען!

און אינאיינעם מיט די דאָזיגע שענע מעשיות און ערצעהלונגען פון דער שרפה לאָזט זיך הערען אויך אַ געוויין, אַ יללה, אַ יאָמער, אַ קלאָג פון פערביטערטע הערצער, פון בעליידיגטע נשמות, פון פערוואָגעלטע, עלענדע, אָרימע, אָרימע, אָרימע! דאָרט שטעהט אַ מוטער און ברעכט די הענד און קלאָגט אויף איהר ברעקעלע קינד, וואָס איז פערברענט געוואָרען נעבעך אינאיינעם מיט'ן וויעגעלע; און דאָרט בעוויינט אַ יוד שטילערהייד זיין אַלטען קראַנקען פאָטער, וואָס איז גראָד יענע נאַכט געשלאָפען אויפ'ן בוידעם. קיינמאָל נישט און איצטער יאָ, און איז דאָרט פערברענט געוואָרען צו אַש... און דאָ גערט אַרום אַ מיידעל און שלאָגט זיך מיט די הענד אין קאָפּ: די מאַמע! די מאַמע!

האָב קיין פּאַראַיבעל נישט, פרײַנד לעזער, וואָס איך האָב אי-
בער אין מיטען. מײַן מוזע, די וואָס שטעהט איבער מיר בשעת'ן שרײַ-
בען, איז, ווי אַלע כתריל'עווקער לײַט, אַ פרעהליכע נשמה, איין אָרי-
מע, נאָר אַ פרעהליכע. זי האָט פײַנד טרערען, זי האַלט נישט פון
טרויעריגע סצענעס. זי זאָגט, אַז טרערען זענען נאָר די, וואָס זענען
נאַס און געזאַלצען; די אַלע איבעריגע טרערען, וואָס דער שרײַבער
גיסט אויף פּאַפּיער — דאָס זענען, זאָגט זי, טרוקענע, געמאַכטע
טרערען, וואָס האָבען נישט קיין ווערט. זי האַלט, אַז אַ וועהטאָג איז
נישט דער, וואָס מע גיט איהם איבער, נאָר יענער, „וואָס טוט
וועה"... דערפאַר לאָזען מיר איבער די שרעקליכע טרויעריגע סצענעס,
געהען אַוועק פון דאַנען אַ ביסעלע ווײַטער און שטעלען זיך אָב נאָר בײַ
די היזקות, וואָס מײַנע כתריל'עווקער בעלי-בתים האָבען געהאַט פון דער
שרפה. דער חסרון איז אָבער, וואָס עס לאָזט זיך גאָר נישט בערע-
כענען דער גרויסער היזק, וואָס כתריל'עווקע האָט געהאַט. דאָס איז
נומער איינס. והשנית, וואָס וועט העלפען דאָס רעכענען? אַ פּנים,
עמיצער וועט זײַ דען אומקעהרען? די געזעלשאַפטען, וואָס אַסעקורירען
פון פײַער, האָבען זיך ווי צענויפגערעדט און האָבען שוין כתריל'עווקע
לאַנג אויסגעשטרײַכט פון דער לאַנד-קאַרטע, גלײַך ווי ס'איז גאָר קיינ-
מאָל קיין כתריל'עווקע נישט געווען אויף דער וועלט אפילו! הײַנט
גלאַט, ווער איז דאָס אימשטאַנד צו שאַצען יענעמס גוטס, ובפרט
נאָכדעם, אַז ס'איז שוין לאַנג אַוועק מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך? בעל-
הבתישקײַט בכלל און כתריל'עווקער בפרט האָט גאָר איין אַנדער
ווערט, וואָס לאָזט זיך נישט שאַצען. אַלטע שמאַטעס, צעבראָכענע
דראָבעס, זענען בײַם אָרעמאַן אַזוי טײַער (אויב נישט נאָך טײַערער),
ווי די שענסטע שפּיגלען מיט די טײַערסטע כלים בײַם נגיד. בײַם
נגיד, אַז סע ווערט פערפאַלען אַ זאַך, קאָן ער פאַר געלד קויפען איין
אַנדערע זאַך; דעם אָרימאַן ווער וועט אומקעהרען דאָס, וואָס דאָס
פײַער האָט צוגענומען?...

אַזוי האָבען גע'חקירה'ט די כתריל'עווקער נשרפים און האָבען
אַרויסגעזעהען, אַז מיט חקירה'ן און פילאָזאָפירען וועלען זײַ גאָרנישט
מאַכען. מע בעדאַרף זעהען עפּיס טאָן, עפּיס צוטראַכטען, געפינען
איין עצה, ווי אַזוי ראַטעוועט מען די שטאָדט? ווי אַזוי מאַכט מען,
אַז די שטאָדט זאָל בלײַבען אַ שטאָדט? ס'איז קיין קונץ נישט, אַז אַ
גאַנצע שטאָדט זאָל זיך צעקריכען איבער דער וועלט, זיך לאָזען אי-

בער די הייזער און בעטען נדבות, ווי געווערנטליכע „נשרפים". פע, דאס איז נישט קיין תכלית! מע בעדארף זעהען, אז כתריליעווקע זאל בלייבען כתריליעווקע! אט אויף וואס מע האט זיך געבראכען די קעפ.

פון די אלע פלאם-פייעריגע און הארץ-רייסענדיגע בריעף, וואס מע האט צעשיקט בכל תפוצות ישראל, האבען זיך אנגערופען סך-הכל א פאר שטעדטלעך, אויך אזעלכע ארימע ווי כתריליעווקע, און האבען אריינגעשיקט ווער א ביסעל ברויט, ווער אלטע מלבושים און ווער עטליכע קערבלעך מזומנ'ע, און געקלעקט האט דאס אויף איין צאהן; די לאגע האט אנגעהויבען ווערען שרעקליך! ס'איז געווארען אזוי ביטער, אז מע האט שוין אויפגעהערט וויינען און קלאגען און אפילו קרעכצען. אזוי איז א מענש, וואס האלט ביי דערפרוירען ווערען, הויבט אן שטילערהייד אויסגעהן, אנשלאפען ווערען אויף אייביג... אט דא האט זיך, ווי אלע מאל, בעוויזען רב יוזיפעל דער רב מיט זיין קראפט, וואס גאט האט אריינגעגעבען אינ'ם דאזיגען אלטען שוואכען גוף, און ער האט צענויפגעזאמעלט איין אסיפה פון בעלי-בתים, און דוקא ער אליין מיט זיין אייגענעם כבוד, נישט געשיקט קיין שמשים און נישט פערקליבען זיך אויבען-אן. נאר פראסט און פשוט אנידערגעשטעלט זיך און אנגערופען זיך צום גאנצען עולם בזו הלשון:

— הערט צו, יודישע קינדער, וואס איך וועל אייך זאגען. נישט איך זאג עס, נאר דער, וואס לעבט אייביג, זאגט עס אייך מיט מיינע זינדיגע ליפען: זארגט נישט—איהר זענט באוויליגט! איך בין אייך מבטיח, אז עס וועט, אם-ירצה-השם, זיין גוט. וואס איז דער פשט? דער פשט איז אזוי: אמת, מיר זענען געשטראפט געווארען מיט פייער, אבגעברענט געווארען אליין און פארברענט געווארען מיט די בתי-מדרשים, מיט די שוהלען, מיט הייליגע ספרים און אויך מיט לעבעדיגע נפשות, קליינע ברעקלעך קינדער, וואס זענען נעבעך גאט די נשמה שולדיג. אודאי איז דאס א גרויסער, א ביטערער שטראף, וואס מסתמא האבען מיר עס כשר פערדיענט ביי דעם, וואס לעבט אייביג. נאר שטארק טרויערען דערויף טארען מיר אויך נישט. ערשטענס, וועלען מיר מיט אונזער טרויערען, וואס מיר וועלען טרויערען, גארנישט העלפען, והשנית, וועלען מיר בעווייזען פאר דעם, וואס לעבט אייביג, אז דער חורבן-כתריליעווקע איז פאר אונז, חלילה, ערגער פון חורבן ירושלים, חורבן בית-המקדש. א משל קאגען א מלך. אמאל איז געווען א מלך, האט ער געהאט א בן-מלך, א בן-יחיד...

און רב יוזיפעל דערציעהלט זיי זעהר א שענעם משל מיט א מלך, ווי זיין שטייגער איז תמיד צו דערציעהלען משלים פון מלכים, און ער לאָזט אויס מיט די דאָזיגע ווערטער:

— דערפון אליין איז גרינג ארויסצוזעהען, אז מיר טאָרען נישט זינדיגען. מיר דארפען זיך אָנטאָן א כח, און לאָמיר, קינדער, נעהמען די שטעקענס אין די הענד און לאָמיר געהן אלע אָפּריכטען גלות. פאָלגט מיך, קינדערלעך, איך געה אויך מיט אייך. איך בין אייך מבטיח, אז וואוהין מיר וועלען קומען צוגעהן, וועלען מיר, אם ירצה השם, געפינען חן אין די אויגען פון אונזערע רייכע ברידער, און זיי וועלען אונז נישט לאָזען פאלען. שטעהט אויף, יודען, גורט אָן אייערע לענדען און לכו ונלכה — לאָמיר געהן!

און בשעת מעשה גלייכט זיך אויס ביי רב יוזיפלען דער רוקען און דאָס פנים הויבט איהם אָן צו שיינען, און ער פיהלט זיך יונג און פריש, ווי א בחור, ווי א גבור, וואָס איז גרייט צו דער מלחמה, און אויך דער גאַנצער עולם דערפיהלט זיך, ווי עפּיס אויפגעמונטערט און מע איז גרייט אין וועג אריין. עס בלייבט נאָר איבער איין זאַך: „וואוהין? וואוהין געהט מען פריהער? ס'איז פאראַן, קיין עין הרע, אַזוי פיעל יודישע שטעדט און, קיין עין הרע, אַזוי פיעל נגידים!"...

קאַפּיטעל ו.

לאָז זיין שטיל — כתרילעווקע פאָהרט!

דער פסוק „מי ומי ההולכים" — ווער זאָלען זיין די פאָהרערס? האָט א ביסעל אויפגערודערט די שטאָדט, אָדער, ווי פּישעל דריקט זיך אויס אין איינער פון זיינע קאָרעספּאָנדענציעס, „געמאַכט פון איהר א געפּרעגעלטעס". אויף דער דאָזיגער נסיעה האָבען זיך געפונען אין כתרילעווקע א סך-א סך בעלנים. אלע, די גאַנצע שטאָדט כמעט, איז געווען גרייט צו פאָהרען! איטליכער האָט געוואָלט די מצוה, און אפשר טאַקי פשוט — זיך א ביסעל דורכלופטערן, דורכטרייסלען די ביינער, מע ווערט פערשימעלט און פערקליאַנעט, זיצענדיג אויף איין אָרט. ביי איטליכען מענשען איז פאַראַן א יצר-הרע, וואָס רעדט אָן; עס ווילט זיך אמאָל אָנקוקען א וועלט, זעהען זיך מיט מענשען און ברענגען

נאָכדעם אַ היים צופיהרען נייעס, פעק מיט נייעס, און באמת טאַקי! וואָס קאָן זיין נאָכמעהר איינגענומען פון דעם, וואָס אַז איהר קומט צופאָהרען פון ערגיץ אַ היים, שטעקט מען אייך פון אַלע זייטען שלום-עליכמ׳ס, איטליכער שטופט זיך, וויל אייך זעהען, אַ קוק טאָן גלייך אין פנים אַריין. דאַכט זיך, וואָס? אַ פנים ווי אַלע פנימ׳ער, נאָר פאָרט אַ בא מן הדרך, פאָרט איין אַנדער פנים! און אַז איהר רעדט, דערצעהלט נייעס פון וועג, חדושים פון דער גרויסער שטאָדט, קוקען אייך הונדערטער מענשען אין פנים אַריין, שלינגען מיט דאָרשט אייערע ווערטער און איהר שטעהט, קיין עין הרע, פאַר אַזאַ עולם און דערצעהלט, און דערצעהלט, און איהר בעקומט מיט אַמאָל אַ מאָדנעם חן ביי אַלעמען אין די אויגען. איהר ווערט אַ גאַנצער „יש“ אין שטעדטיל, איין אָדם, אַ העלד אויף עטליכע טעג. אמת, די עטליכע טעג געהען איבער און דער העלד ווערט אפילו באַלד אויס העלד, ווערט אָן דעם גאַנצען חן און ווערט דער אייגענער כתרילעווקער, וואָס אַלע; פונדעסטוועגען, ווער וויל דאָס נישט זיין קיין העלד? אויף אַ שעה, און דאָך אַ העלד! נאָר צוריק שמועסענדיג, איז דען מעגליך, אַז אַ גאַנצע שטאָדט זאָל זיך אויפהויבען און זיך לאָזען אויף דער וועלט? לכן איז געבליבען, מען זאָל אויסקלויבען אַ דעפוטאַציע פון עטליכע געצעהלטע מענשען. און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אויף דאָס ניי: מי ומי — וועמען קלויבט מען אויס? דאָס פערשטעהט מען אַליין, אַז קלויבען קלויבט מען די נגידים מיט די פיינסטע בעלי-בתים. נאָר געהט, אַ שטייגער, זייט חכמים און מאַכט אַ גרעניץ אין כתרילעווקע צווישען אַ נגיד און צווישען נישט-קיין-נגיד, צווישען אַ פיינעם בעל-הבית און נישט-קיין-פיינעם בעל-הבית! אַז בסך הכל זענען אַלע כתרילעווקער פיינע בעלי-בתים, און די נגידים אַליין זענען אויך, עס זאָל אייך צו קיין חרפה נישט זיין, כמעט אָרימע לייט! נאָר אַז מע וויל שמועסען נאָך אַמאָל דאָס אייגענע ווידער צוריק, האָט דאָך יעדע שטאָדט פאָרט איהר „פני“. נאַרישקייטען! דעם בעדער מיט׳ן וואַסערפיהרער קאָן מען דאָך נישט שיקען. איז געבליבען, מע זאָל אויסקלויבען די גבאים פון אַלע שוהלען און פון אַלע חברות, און דעם אַלטען רב רב יוזיפעל, געוועהנטליך, אויך בתוכם, און מע האָט זיך צענויפגעפאַקט די פעקלעך, ביטגענומען איטליכער זיין קלאַפערגעצייג — די טלית-ותפילין׳ם מיט די זאָנטיקעם מיט די איבעריגע כלי-זיין, און מע האָט געדונגען צוויי גרויסע בוידען — „בולטעס“,

אין מע האט זיך גאנץ פיין אבגעזעגענט מיט דער שטאדט, וואס איז ארויסגעגאנגען בעגלייטען די אויסדערוועהלטע, געווינשעוועט, זיי זאלען מצליח זיין — און מע האט זיך אין א גוטער שעה א מזל'דיגער געלאזט אין וועג אריין.

צוויי מעת-לעת האבען זיך אונזערע אויסדערוועהלטע געטרייסעלט אין די „בודטעס", איבער דער געהארטעוועטער בלאטע, איבערגעחאפט דעם אטעם אויף א קליינע צייט נאר דעמאלט, ווען מע האט בעדארפט אבשטעלען זיך ערגעץ אין א קרעטשמע דאוונען, אדער עפּיס נעהמען אין מויל אריין, אדער אונטערפּאשען די פערד — און ערשט אויפ'ן דריטען טאג האט מען זיי, צעבראכענע, צע'הרג'עטע, אויסגעמוטשעטע, געבראכט צופיהרען צו דער באהן, און די אויסדערוועהלטע האבען זיך א לאז געטאן צו דער קאסע אלע מיט אמאל אויף דער-שטיקעניש און גענומען בילעטען. דער עולם, וואס אויפ'ן וואגזאל, האט זיי אבגעטרעטען דעם וועג, געזאגט מיט ליצנות: „לאז זיין שטיל-כתרילעווקע פאהרט!" און ווער שמועסט קריסטען — די האבען זיך גאר אבגעשטעלט, מיט דרך-ארץ בעטראכט די דאזיגע יודעלעך, וואס האבען אלע אינאיינעם גערעדט אין איין אטעם, און הויך אויף א קול, און געמאכט בשעת מעשה מיט די הענד. און אז ס'איז געקומען צום ערשטען קלונג, אז מע האט זיך בעדארפט זעצען אין די וואגאנעס אריין, איז צווישען די אויסדערוועהלטע געווארען א גוואלד, מיט א בהלה, מיט א שטופעריי, א לויפעריי מיט א געפילדער, מיט א געשריי: „לייזער! לאזער! חנניה! מיכאל!" — דער זשאנדארם האט א קוק געגעבען אויפ'ן סטאראזש מיט אזעלכע אויגען, אז דער סטאראזש האט זיך נעבעך געמוזט פערשטעלען דאס געשטופעלטע פנים מיט ביידע קולאקעס, מע זאל נישט זעהען, ווי ער לאכט מיט'ן גאנצען ברייטען מויל און שטשירעט די גרויסע ווייסע צייהן, און ארויסגעלאזט האט ער בשעת מעשה א קוויטש: „יאק וואראני זליטאליסיא זשידי!" — און ביי דער „ברינגאדע" האבען די כתרילעווקער בעלי-בתים גאר ווינ-ציג אויסגענומען. די קאנדוקטארעס האבען זיי אריינגעשטופּט אלעמען אין א בעזונדערען וואגאן צווישען פּראסטען עולם, זיך בעגאנגען מיט זיי עפּעס נישט אזוי, ווי מיט פיינע בעלי-בתים, גבאים, דעפּוטאטען, וואס פאהרען מכח אזא וויכטיגען ענין לטובת הכלל... און דא, אין דעם וואגאן, האט זיך פאר אונזערע אויסדערוועהלטע שוין אנגעהויבען

א צעטעל פון צרות מיט אנגסטען מיט יסורים מיט בזיונות — דער אמת'ער גלות.

ראשית חכמה, זענען זיי אריין אין וואגאן, וואס, אז ס'זאלען דארט נישט זיצען קיין מענשען, מענשען מיט מענשליכע פנים'ער, וואלטען זיי זיכער מיינען, אז מע האט זיי אריינגעלאזט, מחילה, צווישען דברים-אחרים. די בלאטע איז געווען אזוי גרויס, דער רויך איז געווען אזוי בלוי, און געשמעקט האט דארט אזוי געדיכט, אז אונזערע כתרילעווקער בעלי-בתים, וואס זענען אליין אויך נישט פון די גרויסע מפונקים, האבען דערפיהלט, אז עס ווערט זיי ענג אין האלז אויף צו חלש'ען! היינט די ענגשאפט, וואס דא איז! קעפ אויף קעפ! און אלץ אזעלכע פראסטע נפשות, ארבייטער, מיט גרויסע, מאדנע שמיזקענדיגע טארבעס אויף די פלייצעס, און מיט נאכמעהר מאדנע שמעקענדיגע לאפטיעס אויף די פיס, און דערצו רויכערען זיי זיך אונטער מיט אזא מין טיטון, וואס מע קאן דערווארגען ווערען. נישטא וואו צו זעצען זיך. וואו זיי האבען זיך נישט געגעבען קיין קעהר, געוואלט זיך אנידערזעצען, האט מען זיי דורכגעטריבען: „פאשלא-וואן, פארחאטיע, זאניאטא!" אויף אונזער לשון הייסט דאס: „זייט זשע מוחל, רב יוד, ס'איז פערנומען"... דורך פערנומען! אפילו דארט, וואו ס'איז נישט פערנומען, איז אויך געווען פערנומען... און די כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האבען, מחילה, געמוזט שטעהן אויף די פיס, זיך צענויפגעשלאגען אלע אינאיינעם אין א ווינקעל, ווי די שעפעלעך, א ביסעל זיך געקוועטשט און געשטיקט, און אלץ גערעדט, גערעדט מיט הענד און הויך אויף א קול, און אלע אינאיינעם, ווי געוועהנטליך.

און גערעדט האט מען, פערשטעהט זיך, פון דער באהן, פון היינטיגע פאהרעלטסען, מבטל געווען, געמאכט פשוט א תל פון די שענע המצאות, וואס מע האט היינט אויסגעטראכט, שטארק געבענקט נאך דער כתרילעווקער בוכטע, וואס חאטש דארט איז אויך גאר נישט פויגעלדיג, דאך נישט אזוי פאסקודנע ווי דא...

— נאראנים! — אזוי האבען זיך געשמועסט אונזערע מפונקים — כפשים! משוגעים האבען אויסגעקלערט א באהן! א טאראראם! א טערעבענדע — חא-חא!

און דארטען, אין די הויכע פענסטער, זיצען הונדערטער טויזענדער געלעהרטע, אויפגעקלערטע מענשען, אייננעבויגען אין דרייען, סקריפען מיט די פעדערס, שרייבען, מאהלען, קלאפען דעפעשען,

ברעכֿען זיך די מוחות, טראַכטען צו אַלע מאָל נייע המצאות, ווי אַזוי מע זאָל בעסער פאַהרען, בעסער, גיכער, און ביליגער, האַלטען שוין ביי לופט-שיפען, אַעראָפּלאַנען — און זיי ווייסען גאָרנישט, עס חלומ'ט זיך זיי אפילו נישט, אַז דאָ, אין וואַגאָן, פאָהרען אַ ביסעל כתרילעווקער בעלי-בתים, פאַרשטעהער פון שטאָדט, און קריטיקירען, זענען מבטל, מאַכען אַ תל פון אַלע זייערע המצאות און אויפטועכצען, און דוקא אויף אַ קול, בפהרסיא...

לאָז זיין שטיל — כתרילעווקע פאָהרט!

קאַפּיטעל ז.

כתרילעווקע צווישען די „פעלקער".

אונזערע כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האָבען זיך אַזוי לאַנג געשליפען די צינגלעך, געמאַכט חוזק איבער די באַהנען און איבער אַלע אַנדערע היינטיגע אויפטועכצען, ביז ס'איז זיי נמאס געוואָרען און זיי האָבען אַנגעהויבען אַרומקוקען זיך אויף אַלע זייטען און אויסקוקען ערטער, און, געוועהנטליך, קודם-כל איין אָרט פאַר'ן אַלטען רב רב יאָזיפעל, וואָס איז שוין געווען נעבעך שטאַרק אויסגעמוטשעט פון דער נסיעה. און גאָט האָט זיי געהאָלפען, זיי האָבען דעם אָרט געפונען און האָבען בעזעצט דעם רבי'ן נעבען איינעם אַ פאַרשוין, אַ רעכטען חברה-מאַן מיט אַ רויט העמדעל איבער די הויזען און מיט אַ האַרמאָניקע אין די הענד. אַ ביסעל איז דער חברה-מאַן געווען מבוסם'דיג, דאָס הייסט, טאַקי רעכט בגילופין, אונטער'ן גלעזעל, מיט איבערגעקעהרטע אויגען, געשפּיעלט אויף דער האַרמאָניקע און געזונגען בשעת מעשה זעהר אַ שען לידעל:

קאַסטיושקינאַ מאַט
סאַביראַלאַסאַ פאַמיראַט —
סאַביראַלאַסאַ פאַמיראַט.
אומיערעט ניע אומערלאַ —
דאַראָם ורעמיאַ פראָוויעלאַ!

און נאָך אַמאָל דאָס אייגענע, שוין העכער מיט אַ טאָן:

קאַסטיושקינאַ מאַט

סאָביראַלאַסאַ פּאָמיראַט —
סאָביראַלאַסאַ פּאָמיראַט.
אומיערעט ניע אומיערלאַ —
דאַראָם ווּרעמיאַ פּראָוויעלאַ!
און טאַקי נאָך אַמאָל דאָס אייגענע, נאָך העכער און נאָך גיכער:
קאָסטיושקינאַ מאַט
סאָביראַלאַסאַ פּאָמיראַט...
און אַזוי ווייטער, אָהן איין אויפהער, ווי אַ מאַשינע.

מילא, איז דאָס געווען אַ שכן חנטש אַ פרעהליכער. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט גאָט מזכּה געווען רב יוזיפּלען מיט אַ נפש, איינעם אין אַ באַראַשקענעם פּעלץ, איז ער געווען בייז, אָנגעברוגז'ט אויף דער גאַנצער וועלט, און געהאַלטען אין איין שפייען. יעדער שפּיי, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען מיט אַזאַ רציחה, גלייך ווי עמיצער וואָלט איהם דאָ דער'רגזנ'ט מיט איין איבעריג וואָרט. אַ גליק, וואָס רב יוזיפּעל האָט דאָס נישט בעמערקט, רב יוזיפּעל איז געווען גאָר נישט בהאי עלמא. זיינע מחשבות זענען געווען ווייט פון דאַנען, דאָרטען ערגיץ אין דער גרויסער שטאָדט, אַזש ביי די „גדולים"...

ווי אַלע כתרילעווקער יודען, האָט אונזער רב יוזיפּעל געלעבט אין עולם-הדמיון, אַרומגעגאַנגען שטענדיג אין הרהורים, אין פאַנטאַזיעס. האָט איהם די פאַנטאַזיע דאָ אויפגעהאַפּט אויף די פליגלען און האָט איהם אַוועקגעטראָגען גלייך אַהין, צום גרעסטען פון די „גדולים"... עס האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט אַ פּאַלאַץ אַ גרויסער מיט גילדענע כּלים... אויבען-אָן, אויף אַ שטוהל, זיצט דער גביר אַליין... דערזעהען יודען, שטעהט אויף דער גביר און גיט זיי אָב שלום און פרעגט זיי, וואָס איז זייער באַגעהר? שטעלט זיך אַרויס ער אַליין טאַקי, רב יוזיפּעל הייסט דאָס, און זאָגט איהם: דאָס און דאָס, אַזוי און אַזוי... און ער לייענט איהם אַ צעטעל פון כתרילעווקע מיט איהרע יודען און מיט זייערע צרות, ווי אומגליקליך זיי זענען נעבעך פון תמיד אָן, ובפרט אַצינד, נאָך דעם גרויסען חורבן... און דער גביר האָרכט אויס די גאַנצע מעשה ביז'ן סוף און שטעהט אויף און געהט צו צו דער שאַפע און נעהמט אַרויס אַ היבשע פּויטיקע, און רופט זיך אָן צו איהם, צום רב הייסט דאָס:

— ווי מיינט איהר — עס וועט זיין גענוג?

— שייך זאָגען גענוג? — ענטפערט איהם רב יוזיפּעל און רעדט

צו זיך אַליין, מאַכט בשעת מעשה מיט די הענד, מיט די אויגען און מיט'ן שטערן און זעהט גאַרניט, אַז מ'קוקט אויף אים, אויף דער באַנק, זיצען פאַרשוינגען, פערשיעדענע פּנים'ער, צווישען זיי אויך נקבות מיט רויטע פּנים'ער, קנאַקען סעמעטשקעס, לאַכען גאַנץ געשמאַק און מאַכען חוזק פון אונזערע כּתריל'עווקער לייט אין די אויגען, קרימען אי־בער, ווי אַזוי זיי רעדען און ווי אַזוי זיי מאַכען מיט די הענד און ווי אַזוי זיי טרייסלען מיט די פּאות! און איבערהויפּט האָט מען זיך גע־מאַכט לוסטיג איבער אים אַליין, איבער דעם אַלטען רב יוזיפּלען מיט'ן טיזליק און מיט'ן שטריימעל.

דאָס דאָזיגע לאַכען מיט'ן חוזק מאַכען איז אָבער געווען, ווי מע זאָגט, אָבגעגעבען ברויט; די כּתריל'עווקער לייט פון זייער זייט האָבען אויך נישט געשוויגען, זיי האָבען געקריטיקירט, געפּראַוועט ליצנות צווישען זיך איבער די דאָזיגע פרעהליכע פאַרשוינדלעך, און איבערהויפּט — איבער דעם עברה-מאַן, וואָס מיט'ן רויטען העמדעל, מיט דער האַרמאָניקע און מיט דעם שענעם ליעדעל, וואָס סע ווערט אים גאָר נישט נמאס איבער'חזר'ן זיעבען הונדערט מאָל אַלץ די איי־גענע ווערטער: „קאַסטיושקינאַ מאַט סאָבּיראַלאַס פּאָמיראַט — סאָבּיראַ־לאַס פּאָמיראַט”...

— אַ פּנים, אַז דער ערל האָט שוין היינט געמאַכט שהכּל נהיה בדברו! — בעמערקט איינער פון אונזערע כּתריל'עווקער און דער אַנדע־רער האַפּט אים אונטער אויף לשון-קודש:

— מע זעהט דאָס אַרויס בחוש פון די עינים.

— אַ כּוס'ע און דוקא אַ גרויסע! — שטעלט אַריין אַ דריטער צום גראַם.

— יאָ, ער איז מלא! — רופט זיך אָן נאָך איינער און קוקט בלומר'שט נישט אויף אים, נאָר אויף דער סטעליע, און נאָך איינער ענדיגט דעם פּסוק:

— וגרוש על כּל גדותיו... — און קראַצט זיך אונטער'ן קאָלנער,

— געפעלט אייך דער נגון, וואָס ער דבר'ט?

— אַ חסיד'יש ליעדעל מסתמא.

— מיט קלוגע ברבורים!

— טיעף — שכל'דיג! די אמי פון קאַסטיושקינאַ איז שיער נישט מת געוואָרען. אַ קליינינקייט...

אפילו רב יוזיפּעל, וואָס איז ווייט פון ליצנות, האָט זיך נישט

געקאנט איינהאלטען און איז א בעלן געווען א פרעג טאָן מיט א שמיי-
כעל ביי זיינע כתרילעווקער יודען: וואס בעדייטען די דאָזיגע משונה
מאָדנע ווערטער פונ׳ם ליעדעל? האָט זיך געפונען איינער, וואס האָט
איהם געגעבען צו פערשטעהן דעם פשט:

— ס׳איז געווען פערשטעהט איהר, איינער, א פנים, א קאסטיוש-
קע, א מענש, וואס מע האָט איהם גערופען קאסטיושקע, האָט דער
דאָזיגער קאסטיושקע געהאט א מאמע, האָט זיך די דאָזיגע מאמע,
זאָגט ער, געקליבען שטארבען, און איז נישט געשטאָרבען...

רב יוזיפעל לעגט צו קאָפּ, נאר ער פערשטעהט נישט דעם
שכל, וואס דאָ שטעקט? וואס הייסט — זי האָט זיך געקליבען שטאר-
בען? שטארבען איז דען געוועגדט אָן דעם מענטשען? בעל-כרחך אתה
מת — איבער נויט שטארבט מען...

— עם הדומה להמור! פון וועמען רעדט מען? — רופט זיך
אָב איינער פון די אויסדערוועהלטע און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און
קנאקט אויף דער חברה פון אויבען אראָב, און באלד בעקומט ער
א קאָמפּלימענט פון איינעם פון דער חברה, וואס קריכט זיך נאך, ווי
אזוי יודען דאווגען, דאס הייסט: ער שלאָגט זיך מיט דער האנד אין
הארצען אריין און זאָגט מיט א מאָדנעם נגון: „טאטעלי! מאמעלי!
טאטעלי! מאמעלי!" — און דער גאנצער איבעריגער עולם ווערט צע-
שמאָלצען פאר געלעכטער.

— מע לאכט דאס אָב פון אונז! מע לאכט פון א יודען! או-
מענ׳ים מאכט מען פון אונז חוזק! — מאכט איינער פון די אויסדער-
וועהלטע מיט א זיפץ און ווינקט מיט׳ן קאָפּ צום רבי׳ן, און דער רבי
רב יוזיפעל קוקט אויף יענעם נפש, ווי ער ווארפט זיך און ווי ער
קריכט זיך.

— נישט פון אונז לאכט ער, קינדעניו, — זאָגט רב יוזיפעל, —
פון זיך לאכט ער אָב, פון זיך אליין! פון אונז איז נישטאָ וואס צו
לאכען, נשמה מיינע; פון אונז דארף מען וויינען, וויינען און זיך א
מוכר אראָבנעמען, א מוכר: וואס מיר זענען געווען און וואס
מיר זענען געוואָרען...

און רב יוזיפעל דערצעהלט דערביי זעהר א שענעם משל, גע-
וועהנטליך, מיט א מלך, און דער עולם הערט אוים דעם משל, עס
קאָן זיין, נישט דעם ערשטען מאל, און יענער חברה-מאן, וואס מיט׳ן
אָרענגעלאָזטען רויטען העמדעל און מיט דער הארמאָניקע, לאָזט זיך

אראָב אַלעמאָל נידעריגער און נידעריגער מיט אַ האַלבען טאָן (אַ פּנ ם׳ איז איהם שוין אַליין אויך נמאס געוואָרען):

קאַסטיושקינאַ מאַט

סאָבּיראַלאַס...

פּאָמיראַט...

פּאָמיראַט... פּאָמיראַט...

— שלום-עליכם! — רופט זיך אָן פּלוצים אַ פרישער פּאַרשוין, גלייך ווי פון הימעל אַראָבּגעפאַלען. -- פון וואַנען פאָהרען דאָס יודען און וואוהין? און וואָס האָט איהר זיך פערקליבּען גאָר אַהער, צווישען אַט די דאָזיגע!... קומט צו אונז, אין אונזער וואַגאָן אַריין. דאָרטען וועט איהר חאָטש זיין צווישען אונזעריגע, צווישען אייגענע...

קאַפּיטעל ח.

כתרילעווקע צווישען „אייגענע“.

ווי פיש, נאָר-וואָס געחאַפּטע אין דער נעץ און אַריינגעלאָזטע אין טייך אַריין, — אַזוי האָבּען זיך נעפּרהלט אונזערע כתרילעווקער דעלעגאַטען, אַז זיי האָבּען זיך איבּערגעפּעקעלט אין׳ם אַנדערן וואַגאָן, צווישען „אייגענע“, צווישען יודען. מע קאָן נישט זאָגען, אַז דאָרט זאָל געוועזען זיין אַ סך ריינער און אַ סך גראָמער, ווי אין׳ם ערשטען וואַגאָן. עס קאָן זיין, אַז דאָ, אויפ׳ן נייעם אָרט, איז זיי געווען נאָך ערגער, וואָרום דאָרטען, אין׳ם פריהעריגען וואַגאָן, איז דער עולם חאָטש געזעסען אַ סך אויף דער ערד, נישט געהאַט קיין איבּעריגע פּעקלעך. אַ טאָרבּע מיט אַ פּאָר שטיוועל — און איין עק. און דאָ, אויף דעם נייעם אָרט, צווישען יודען, איז געווען דער טומעל אַ סך גרעסער, די ענגשאַפט אַ סך ערגער און איבּער די פּעקלעך איז נישט געווען, וואו זיך אַ קעהר צו טאָן.

דאָס איז ידוע, אַז יעדער יוד האָט מיט זיך אונטערוועגס נישט ווינציגער ווי צוויי-דריי פּעקלעך, און ווייבּער האָבּען אַ חוץ די פּעקלעך אויך קישענס מיט קאָלדרעס מיט שמאַטעס. פון דער וועלט שמאַטעס. אין וועג זעהען דעריבּער יודען אויס נישט נאָר ווי רייזענדע אַליין, נאָר ווי וואַנדערער, ווי עמיגראַנטען, וואָס פאָהרען אַריבּער ערגיץ

זעהר אין א ווייטע מדינה, דארט וואו ס'איז נישט צו קריגען פאר קיין געלד נישט קיין קישענס, נישט קיין קאלדרעס, נישט קיין שמאטעס... און זיי פיהלען זיך דערפאר אומעטום, ווי ביי זיך אין דערהיים. יודען, וואוהין זיי זאלען נישט פאהרען, פיהרען זיי, ברוך־השם, מיט זיך זייער היים, זייער „געטהא" מיט זייער גלות, און דערפאר, א פנים, האבען זיי אומעטום און אלעמאל טאקי איין כנים, בייטען זיך אזוי גיך נישט איבער און פיהלען זיך גוט נאר דעמאלט, ווען זיי זיצען אלע אינאיינעם. און די וועלט טוט זיי צוליעב: איהר ווילט אינאיינעם — זייט אייך אינאיינעם...

אריינגעטראטען אינ'ם נייעם וואגאן און דערזעהען, אז מע איז אין דער היים, צווישען „אייגענע", האבען זיך אונזערע אויסדערוועהלטע צעלעגט, ווי ביים טאטען אין „וויינגארטען", אוועקגעלעגט זייערע פעקלעך אויף יענעמס פעקלעך, זיך געזעצט גאנץ נאהנט איינס נעבען דאס אנדערע, געבעטען יענעם זיך א ביסעלע א רוק טאן, און קוים אריינגעהאפט זיך, מאכט שוין נישט אויס, מעג מען שוין יענעם א ביסעל צוקוועטשען. און פארוואס טאקי נישט אינגאנצען ארויסקוועטשען?... מע איז דאך צווישען „אייגענע", צווישען יודען!...

און האט קיין יסורים נישט: מע וועט זיך, חלילה, נישט קריגען, נישט זידלען איבער אזעלכע נארישקייטען. ווערטלעך זאגען, געבען יענעם אנצוהערעניש — דאס מהיכי תיתי, צום ביישפיעל: אז איינער טרעט אן דעם אנדערן רעכט אויפ'ן פוס, טוט יענער א שפרונג אונטער און א זאג כלומר'שט אזוי פערבייגעהענדיג:

— אוי האט איהר, קיין עין־הרע, א הארטען טראט, פעטער!

אדער אז איינער שטעלט אוועק זיין טשעמאדאן כמעט גלייך אויף יענעמס פלייצע, מאכט יענער חוזק נישט איבער איהם, נאר איבער'ן טשעמאדאן, און טוט זיך א זאג אונטער דער נאז:

— הערט איהר? אייער טשעמאדאן, האט, א פנים, קיינמאל נישט געקרענקט.

אדער אז איינער פערשטעלט דעם אנדערן די שיין, מיט ער איהם א זאג:

— ווייסט איהר, וואס איך וועל אייך דערציעהלען? איך האב מורא, אז איהר זענט נישט קיין גלעזערנער...

און אז סע מאכט זיך אפילו אמאל, אז צוויי יודען צעאמפערן זיך שוין גאר איבער איין ארט אין וואגאן, הויבען זיי אן שיטען איינס

אויפ׳ס אַנדערע מיט ליצנות און שטעכווערטלעך:

— זייט-זשע מוחל, פעטער, דאָס איז מײַן אָרט.

— טאַקי באמת? מיט וואָס איז דאָס אײַער אָרט, למשל?

— ווײַל דאָ בין איך געזעסן.

— וואָס-זשע, איהר האָט דאָ שבת געהאַלטען? צי עס שטעהט אויפגעשריבען אויף דעם אָרט: „זה המקום שייך"?...

און דער זיצענדיגער פּאַרשוין פּוילט זיך נישט, הויבט זיך אויף און זוכט אויפ׳ן אָרט די אויפשריפט: „זה המקום שייך". ווערט צווישען עולם אַ געלעכטער, פערדריסט דאָס דעם שטעהענדיגען פּאַרשוין און ער רופט זיך אָן צום זיצענדיגען:

— איהר זענט, דאַכט מיר, שוין אַ ביסעל צו דאָסיג.

— צו וואָסיג? פרעגט איהם דער זיצענדיגער, און דאָס גע-לעכטער צווישען עולם וואַקסט. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מע גיט זיך איין עצה: מע ענגט זיך אַ ביסעל, מע רוקט זיך צענויף און מע מאַכט איין אָרט פאַר׳ן שטעהענדיגען. ממה-נפשך, עס זיצען, קיין עין-הרע, אַזוי פיעל יודען, וועט זיצען נאָך איינער... און די דאָזיגע צוויי, וואָס האָבען זיך נאַר-וואָס געווערטעלט, בלאָזען זיך נאָך אַ קליי-נע ווײַלע, נאָכדעם נעמט מען זיך צו די זייגערס: וואו האַלט בײַ אײַך דער זייגער? אָדער מע קוקט אין פענסטער בײַדע: ווייסט איהר נישט, ווי אַזוי הייסט די סטאַנציע? — און מע מאַכט אַ שמועס פון סטאַנציעס און פון באַהנען און פון געשעפט — און עס געהט אַוועק, ווי אַ מזמור. דער פרישער פּאַרשוין, וואָס קומט אַרײַן און טרעפט די צוויי, מיינט ער, אַז דאָס זענען אָדער צוויי שותפים, אָדער קרובים, אָדער מחותנים, אָדער אַזוי גוטע פרײַנד פון איין שטאָדט...

לאָזען חכמים זיך וויצלען, וויפיעל זיי ווילען. לאָזען זיי צוטראַכ-טען אַזעלכע שפּריכווערטלעך, ווי, למשל: „זיצען זאָל מען צווישען גוים, ליגען — צווישען יודען", „מיט אַ יודען איז גוט נאָר קוגעל עסען", וכדומה. איך געה מיר מיט מײַן גאַנג, אַז יודען, און נאָך בתרילעווקער דערצו, פיהלען זיך צווישען אייגענע אַ סך בעסער און אַ סך היימישער, ווי צווישען פרעמדע.

קאפיטעל ט.

„א יוד וואס קאטארי".

דער מענש, וואס איז ווי אראבגעפאלען פונ'ם הימעל און האט אריבערגעפעקעלט אונזערע דעלעגאטען אהער פון יענעם וואגאן, איז געווען איינער פון יענע זעלטענע פארשוינען, וואס מע קאן זיי זעהען נאר אונטערוועגענס. אז איהר בעגעגענט זיך מיט זיי, ווערט איהר באלד חבר, אויסגעבונדען, גלייך ווי איהר זענט שוין מיט זיי בע־קענט פון כמה וכמה יאהרען. ווער ער איז, — ווייסט איהר נישט. וואס ער איז — ווייסט איהר אויך נישט. עס איז רעכט צו זאגען, אז ער איז א יוד א קרעמער, און עס איז רעכט צו זאגען, אז ער איז א מעקלער פון דער בערזע. נאר גיכער פון אלץ איז ער גאר א שניידער, א חשוב ביי נאטשאלסטווע און דרעהט זיך ביי „פראוואזשי־טעלסטווע"...

אליין איז ער א מענש פון מיטעלמעסיגען וואוקס און מיטעל־מעסיגען שטאנד, א שווארצער מיט א גלאנץ פון ארמענישען טיפ, מיט א קליין בערדעל, מיט קליינע שווארציז אומרוהיגע אויגען, מיט'ן קא־פעליושעל אהינטער — א רידהרעווודיגער, א לעבעדיגער פארשוין, וואס קאן נישט זיצען אויף איין ארט, מוז עפּיס טאן, ערגיץ געהן, מיט עמיצען רעדען. און איבערהויפּט — רעדען. רעדען — דאס איז זיין וועלט. געפינט זיך אין וואגאן א יוד — איז אודאי גוט. אלא נישט — איז א גוי, א סאלדאט, א פריצה, א גלח. פאר נויט איז גוט א קאנ־דוקטאר, איין אויוועןהייצער, א רעדער־שמירער, א שווארציאהר, אבי אינ'ם געשטאלט פון א מענשען. און א כח האט ער: ווער ס'זאל נישט זיין — מוז ביי איהם ווערען רעדעוודיג. סיידען א געבוירענער א שטומער. מחמת ער ווייסט, פערשטעהט איהר מיך, פון וואס און ווי אזוי מיט וועמען אנהויבען צו רעדען. אין רעדען וועט ער מיט אייך פון וואס איהר ווילט. כמעט קאן מען זאגען, אז ס'איז נישטא אזא זאך אויף דער וועלט, וואס ער זאל נישט וויסען, און נישטא אזא מענש אויף דער וועלט, וואס ער זאל איהם נישט קענען. מיט אזעלכע איז א פערגניגען צו זיצען אין איין וואגאן. דערצו איז ער גלאט א גוטער מענש. איין אפענהערציגער און זעהר א צוגעלאזטער. ער מעג אייך זעהען דאס ערשטע מאל אויף זיין לעבען, איז ער גרייט צוליעב

אײַך פונדעסטוועגען געהן, וואוהין איהר ווילט: אפשר ווילט איהר צו דער קאַסע נאָך אַ בילעט? אָדער העלפען אײַך צונויפפאַקען די זאַכען? מיט'ן גרעסטען כבוד, ער וועט אַרײַנקוקען דערווײַל צו אײַך אין פעקעל אַרײַן, אָבשאַצען, וואָס איז ווערט אײַער טשעמאָדאַנדעל, אָדער אײַער פעלץ, אָדער אײַער זײגער, אויסרעכענען אײַך פּינקטליך, אין וואָסער שעה און וויפיעל מינוט איהר דאַרפט קומען אַהײם, און וואָס וועט אײַך קאָסטען דער באַגאַזש, און געבען אײַך אײן עצה, ווי אַזוי אויף וואָסער וועג איהר זאָלט פאָהרען און וואו איהר זאָלט זיך אָבשטעלען. בשעת-מעשה וועט ער אײַך האַלטען בײַ אַ קנעפעל, אָדער בויערן אײַך מיט'ן פינגער אַ לעכיל, און דאָס קאַפּעלישעל האַלט שוין בײַ איהם ווײַט, און די בעקלעך פלאַמען, און די אויגען ברענען, גלײַך ווי ער טוט זעהר אַ נויטיגע זאַך, מיט אײן וואָרט — דאָס איז געווען אַזאַ מין פאַרשוין, וואָס בײַ אונז רופט מען איהם: „אַ מענש וואָס קאַטאָרי".

פאַר אונזערע כתרילעווקער פאַסאַזשירען איז דער דאָזיגער „ייד וואָס קאַטאָרי" געווען, קאָן מען זאָגען, אַ אָאַזיס אין דער מדבר, אַ געזונד אין בויך, אַ זאַלץ אין די בײנער. אַ קלײניגקײט — זײער מיסיאָן, וואָס זײ האָבען אויף זיך געהאַט! דאָס ערשטע מאָל אין אַ פרעמדען אָרט, אין אַזאַ גרויסער שטאָדט, וואָס זײער באָבעס באָבע איז דאָרט קײנמאָל נישט געווען אין חלום אפילו! מע ווײסט נישט, וואו אַ טהיר עפענט זיך, און מע פאָהרט מכח אַזאַ ענין, אַזאַ הײליגע זאַך!...

אויך דער פאַרשוין האָט זיך מחיה געווען מיט זײ, ממש דערקוויקט זיך. געוואָהר געוואָרען, וואוהין, צו וועמען און צוליעב וואָס זײ פאָהרען, האָט ער זײ בעשאָטען מיט עצות, ווי אַזוי זײ זאָלען זיך נוהג זײַן פון דער ערשטער מינוט, וואָס זײ וועלען אָנקומען אויפ'ן וואָגזאַל, ביז זײ וועלען זיך צושלאָגען צום פונקט, וואָס זײ בעדאַרפען. און די כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האָבען איהם געקוקט אין מויל אַרײַן, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געשלונגען איטליכס וואָרט זײַנס.

— איהר פאָהרט, מײַנע ליעבע יודען, — האָט ער אײַנגעטענה'ט מיט זײ געטרײַ, ווי אַ פאָטער, געשמײכעלט און געגלעט זיך דאָס בערדעל, — איהר פאָהרט, מײַנע ליעבע יודען, וועגען זעהר אַ וויכטיגען עסק, מע קאָן זאָגען, אַ הײליגע זאַך, הלואי איהר זאָלט

נאר מצליח זיין, און איהר וועט, אם ירצה השם, געוויס מצליח זיין. איך בין זיכער, אזוי ווי מיר האבען היינט יום גימל אויף דער גאנ־צער וועלט. דער עיקר, איהר זאלט וויסען, וואו איין און וואו אויס. די שטאדט איז א גרויסע און א צעווארפענע. א גוי'עשע שטאדט, פערשטעהט איך מיך. נאר יודען זענען קיין עין-הרע פארהאן, און דוקא רייכע יודען. דאס הייסט, ס'איז פארהאן קבצנים אויך גענוג, אפשר מעהר קבצנים ווי נגידים. נאר צו די קבצנים דארפט איהר דאך נישט האבען. קבצנים, זאגט איהר, האט איהר אליין. עצתי, אז געהן זאלט איהר נאר צו די גרויסע, צו די סאמע גדולים. ווער זענען ביי אונז די סאמע גדולים — ווילט איהר וויסען? נעמט, זייט מוחל, א שטיקעל פאפיר מיט א בלייפעדער און פערשרייבט, וועל איך אייך זאגען אקוראט מיט די אדרעסים און מיט'ן יחוס פון איטליכען בעזונדער. איך קען זיי, פערשטעהט איך מיך, אויסגעבונדען. גדולים זענען זיי און וואלטען וועלען אריבערשטייגען, אריבערשפרינגען, איינ־שלינגען איינס דאס אנדערע מיט די ביינער, זיי זאלען נאר קאנען. און אלע רייסען זיי זיך ארויף, ארויף, טאנצען נאך גאר דעם גרוי־סען, דעם אמת'ען גדול, דעם לייב צווישען די חיות... איך זעה נאך אייערע פנים'ער, אז איהר ווייסט שוין, וועמען איך מיין... אזוי איז טאקי דער נאמען זיינער. און כשמו כן הוא... ער איז טאקי א לייב. א קעניג איז ער, א גביר, א גרויסער גביר, אנ'אדיר, א מיליא־נער. איהר ווילט וויסען, וויפיעל ער פערמאגט? פרעגט גאר נישט.

וויפיעל איהר זאלט אייך נישט פארשטעלען, פערמאגט ער צוויי מאל, דריי מאל, צעהן מאל אזוי פיעל. ס'איז רעכט צו זאגען — פופציג מיליאן, און ס'איז רעכט צו זאגען — זיבעציג. און אז איהר וועט מיך שטארק בעטען, איז אפשר טאקי אלע הונדערט. אהין דארפט איהר זיך דערשלאגען שוין צום סוף, אז איהר וועט פארטיג ווערען מיט אלע איבעריגע גדולים. ווייל איהר ווילט דאך מסתמא, א גראבס, א מנה יפה. און ווילבאלד א מנה יפה, איז נאר ביי איהם. ווארום וועט איהר איהם טרעפען אין דער גוטער מינוט — איז נישט שייך צו זאגען. ביי איהם געבען א נדבה א טויזענד, און פופציג טויזענד, און הונדערט טויזענד — איז טפו! אדער שא! ווייסט איהר נאר וואס? איך וועל אייך געבען א בעסערע עצה.

דאס האט זיך דער „יוד, וואס קאטארי" פערטיעפט אין מחשבות, נאכדעם האט ער זיך אנגענומען ביים בערדיל און אנ־

גערופען זיך, ווי א מענש, וואָס איז געפאַלען אויף זעהר א גליקליכע אידעע:

— הערט-זשע אויס, מײַנע ליעבע יודען, וואָס איך וועל אײַך זאָגען. בײַ אײַך איז, זאָגט איהר, איז אָבגעברענט געוואָרען דאָס גאַנצע שטעדטיל? דאַרפט איהר דאָך געהילץ אויף בויען הײַזער? האָט ער א וואַלד, טאַקי נישט ווײַט פון אײַערע מקומות, אָבער א וואַלד, ווי זאָגט איהר, מיט בוימער! וואָס פאַר א ווערדע האָט בײַ אַזאַ מיליאָנער אײַנטונקען די פען און אַוועקשרײַבען א קוויטעל אין וואַלד אַרײַן: „אבקש ליתן על השבוני?"

און דער „יוד וואָס קאַטאָרי" טוט א מאַך מיט דער האַנד אין דער לופטען, ווי דער גביר מיט דער פען, און אונזערע כתרילעווקער אויסדערוועהלטע געבען זיך בײַ די ווערטער א הויב הויף, און טרערען האָבען זיך אַזש געשטעלט בײַ זיי אין די אויגען. נאָר דאָ האָט זיי דער „יוד וואָס קאַטאָרי" א ביסעל אַראָבגעוואָרפען. ער האָט, א פנים, פערשטאַנען, אַז ער האָט זיי אַרײַנגעגעבען א ביסעל צופיעל האָפנונג, האָט ער זיך א גלעט געגעבען דאָס בערדעל און א זאָג געטאָן צו זיי:

— איך דאַרף אײַך אָבער זאָגען, מײַנע ליעבע יודען, נאָך אַמאָל דאָס אייגענע: עס ווענדט זיך אָן דעם, אין וואָס פאַר א מינוט איהר וועט איהם טרעפען... טאָמער, חלילה, טרעפט איהר איהם אויף דער לינקער זײַט, בין איך אײַך נישט מקנא. ער איז א מענש, וואָס אַלע קוקען איהם אין מויל אַרײַן, פערשטעהט איהר מיך, און איז אַזוי גרויס, אַזוי תקיף, ווי זאָגט איהר: „מה יעשה הבן"... אודאי ווען איהר זאָלט זײַן נישט קיין יודען — עהע-עה!

די כתרילעווקער אויסדערוועהלטע זענען בײַ די ווערטער גאָר מבולבל געוואָרען. זיי האָבען נישט פערשטאַנען, וואָס מײַנט דערמיט אָט דער מענש: וואָס הייסט — ווען זיי זאָלען נישט זײַן קיין יודען? וואָס דען זאָלען זיי זײַן — אַנדרוגוניסען?... דער „יוד וואָס קאַטאָרי" האָט, א פנים, געזעהען, אַז זיי פערשטעהען איהם נישט, האָט ער גענומען זיי מסביר זײַן:

— פערשטעהט איהר מיך, מײַנע ליעבע יודען, דער מענש איז זעהר גרויס, זעהר תקיף און שטאַרק אָנגענומען צווישען קריסטען. „גענערעלער" קומען צו איהם אין שטוב אַרײַן, זיצען מיט איהם אָט אַזוי אָ, ווי איך מיט אײַך... נו, פערשטעהט זיך, אַז וויבאַלד קרים-

טען זאָגען מיט אַ יודען אַט אַזוי אַ, וועט זיך אַ יוד פאַר זיי מפקיר זיין...

מע קאָן נישט זאָגען, אַז דער דאָזיגער פירוש איז געווען פאַר אונזערע כתרילעווקער לייט איננאַנצען פערשטענדליך. זיי האָבען נישט אויפגעהערט צו האַלטען אָפען מויל און אויערען, און יענער האָט נישט אויפגעהערט צו גלעטען זיך דאָס בערדעל און לויבען אין טאָג אַריין די סאַמע גדולים, אויסגערעכענט זיי אַ גאַנץ צעטעל פון „גרויסע גדולים" און פון „קליינע גדולים'לעך", און אַלע מיט די נעמען און מיט די גאַסען און מיט די נומערן פון די הייזער, זיך אָבגעשטעלט אַלע מינוט רמעט ביי יעדען איינציגען גדול מיט אַ קורצער נאָר אַ שאַרפער כאַראַקטעריסטיק, וואָס פון דעם אַליין וואָלט געקאָנט זיין אַ בעזונדער בוך, ווען דאָס זאָל זיין ביי אונז דער עיקר. נאָר אַזוי ווי דער עיקר איז דאָך די מעשה מיט די כתרילעווקער נשרפים, לאָזען מיר עס דורך פערביי און קעהרען זיך אום צוריק צו אונזערע כתרילעווקער דעלעגאַטען אין דער גרויסער נישט-יודישער שטאָדט, וואו מיר האָבען זיי איבערגעלאָזט סאַמע אין רעכטען אָנהויב פון זייער הייליגער אַרבייט.

קאַפּיטעל י.

אין עולם התוהו.

דער עולם-התוהו, ווי עס ווערט בעשריבען ביי אונז אין די הייליגע ספרים, — דאָס איז געווען די גרויסע שטאָדט מיט איהרע „גדולים" פאַר אונזערע אויסדערוועהלטע פון כתרילעווקע. די גאַנצע קונץ פונ'ם עולם-התוהו בעשטעהט אין דעם, וואָס דעם מענשענס נשמה בלאָנדזשעט אַרום אויף דער וועלט, איז אויסען אין אַלע ווינקע-לעך. זעהט און הערט און כיהלט אַלסדינג, נאָר דער גוף איז דער-ביי נישט אויסען. צי מחמת גרוים אויפרעגונג פון די מעשיות, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעהערט אין וואַגאָן פונ'ם „יודען וואָס קאַטאָרי", אָדער אפשר ווייל זיי זענען דאָס ערשטע מאָל אַרוים אויף דער גרוי-סער פרייער וועלט — דאָס איז זיכער, אַז זיי זענען נישט געווען בהאי עלמא. דאָס הייסט, די נשמה האָט זיך ביי זיי אַרומגעבאַמבעלט דאָ,

צווישען די „גדולים", נאָר דער גוף איז געווען ערגיץ ווײַס איך וואו, ווײַט פון דאַנען.

פון דער ערשטער מינוט איז זיי געגאַנגען נישט כשורה, יעדעס־פאַלס — נישט אַזוי, ווי זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט. געגאַנגען זענען זיי דוקא מיט אַ סדר, מיט אַ סיסטעם, לויט ווי יענער פאַרשוין מיט די ברענענדיגע אויגלעך האָט זיי געלערנט און לויט די נומערן פון די הײַזער מיט די נעמען פון די גאַסען, וואָס יענער האָט אויפגעגעבען. פריהער האָבען זיי אָנגעקלונגען צו די „קלענערע גדולים", דערנאָך צו די „גרעסערע גדולים" און געשטיגען וואָס ווײַטער אַלץ העכער און העכער. מע קאָן נישט זאָגען, אַז זיי האָבען נישט מצליח געווען. נדבות זענען דוקא אײַנגעגאַנגען. אָדער, ווי זיי האָבען זיך נאָכדעם בערימהמט פאַר זײַערע כתריל׳עווקער: „אַ רעגען פון נדבות האָט געגאָסען אויף זײַערע קעפּ". אויב עס האָט באמת געגאָסען אַ רעגען פון נדבות — דאָס ווײַסען מיר נישט. אײַנס איז זיכער, אַז בײַ זיי אין דער היים זענען זיי צו אַזעלכע נתינות געווים נישט געוועהנט געוואָרען און אַזעלכע מטבעות, ווי מע האָט זיי דאָ דערלאַנגט, האָבען זיי געזעהען דאָרטען סײַדען אין חלום, איז דאָס — נישט אַלע מאָל... נישט מעהר, וואָס האָט זיי געקוועטשט? זיי האָט געקוועטשט נאָר איין זאַך: עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען, אַז זיי זענען נישט צווישען אײַגענע... ווי ווילד־פרעמדע, ווי גאַנץ ווײַטע האָט מען זיי אויפגענומען, אָבגעגעבען זײַערס און — האָט קיין פאַראיבעל נישט.

אַנדערע האָבען אפילו נישט געוואָלט אָנקוקען זײַערע פּנים׳ער, אַרויסגעשיקט זיי זייער נדבה נאָך איידער זיי האָבען אַריבערגעטראָטען די שוועל. אַנדערע זענען נאָך געווען בייז אויך, נישט געלאָזט זיך אויסרעדען איין איבעריג וואָרט: „אָבגעבערענט געוואָרען? געהערט אַזעלכע זאַכען, איהר זענט נישט די אײנציגע"...

עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבען אָנגעשריגען אויף זיי, אָנגערופען מיט עפּיס זעהר מיאוסע נעמען: „פלעטלעך", „פּאָגאָ־רעלציס", „שנאָרערס"... אײַנער אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, מיט אַ שפּיצעלינער נאָז און מיט צוויי קלײַנע בערדלעך, צעקעמט רעכטס און לינקס, האָט זיך געהייסען ווײַזען אַ בוך.

— וואָסער בוך?

— דאָס בוך, וואו עס ווערען בײַ אײַך פערשריבען די נדבות.

דאָ האָט זיך שוין אַרויסגעשטעלט דער זקן, רב יוזיפעל דער רב:

— די נדבות, וואָס ווערען געגעבען אויף אונזערע נשׂרפים, ווערען פערשריבען מיט אַזאַ כּתב און מיט אַזאַ לשון, וואָס נישט איהר און נישט מיר וועלען דאָס קאָנען לייענען אפילו ...

רב יוזיפעל האָט איצטיגס מאָל גערעדט פערשטעלט, אפילו מיט אַ בנעימות׳דיג שמייכעלע, ווי אַלע מאָל, נאָר אין קול האָט זיך געלאָזט הערען אַ פערדראָס. רב יוזיפעל דעם רב איז נישט געגאַנגען אין דעם, וואָס מע איז זיי חושד בכּשרים. ניין, איהם האָט געאַרט די קאַלטקייט, וואָס האָט זיי בעגעגענט אומעטום, אין יעדער יודישער שטוב פון די דאָזיגע „גדולים". רב יוזיפעל איז געוואוינט געוואָרען ביי זיך אין כּתרילעווקע, אַז אַ יוד גיט אַ נדבה, עס מעג זיך זיין נאָר אַ פּרוטה, לאָז זיין אפילו אַ האַלבע פּרוטה, גיט ער זי מיט׳ן גאַנצען האַרצען. וואָרום אַ חוץ, וואָס ער איז מחיה איין אָרימאַן, אַ חוץ, וואָס ער העלפט אַ נויטבעדערפטיגען, טוט ער אַ גוטע זאַך און פערדינט אַ מצוה... רב יוזיפעל דעם רב האָט געוואונדערט, וואָס צווישען די אַלע גדולים האָט זיך נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל זיי אָבגעבען אַ יודישען, אַ פּשוט׳ען, אַ היימישען שלום-עליכם. קיין איינער האָט זיך נישט געפונען, וואָס זאָל זיך נאָכפרעגען אויף כּתרילעווקע, וואָס זאָל כאָטש וועלען אויסהערען זייער אומגליק, זייער האַרץ, און האָבען זיי זיך נאָר געפּרובט אָנהויבען רעדען, אויסרעדען זיך, דערצעהלען וועגען דעם גרויסען חורבן, וואָס זיי האָבען איבערגעלעבט, אַזוי האָט מען געעפענט דאָס בייטעלע, ווי איינער רעדט: „נאַט אייך און געהט אייך געזונטערהייד"...

געוועהנט געוואָרען פון תּמיד צו פערענטפערן יעדען איינציגען, האָט רב יוזיפעל געזוכט צו געפינען אַ זכות אויך אויף די דאָזיגע „גדולים".

— מענשען געפינען זיך אין אַזאַ עולם-התוהו! — האָט ער זיך געטראַכט און געגאַנגען מיט פעסטע טריט גאָרנישט נאָך זיינע יאָהרען, אַלץ ווייטער און ווייטער.

עס איז געווען שוין נישט פריה, ווען אונזערע דעלעגירטע פון כּתרילעווקע זענען צוגעטרעטען צום סאַמע גרעסטען גדול, צום „לייב צווישען די חיות", ווי יענער מענש אין וואַגאָן האָט איהם אָנגערופען. און דאָ האָבען זיי זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס יענער מענש האָט זיי געגעבען אָנצוהערעניש אויף דעם „גדול", אַז ווען זיי זאָלען זיין נישט קיין יודען — עהע-העע!...

דער דאָזיגער „עהע-העֶ״ מיט דער קיהלקייט, וואָס זיי האָט בעֶ-גענענט אומעֶטום, אין יעֶדען הויז, האָט זיי געבראַכט דערצו, אַז זיי זאָלען ביסלעכווייז פערלירען זייער קוראַזש און מורא האָבען אָנצוקלינ-גען בײַ אַזאַ גדול, וואָס רעכענט זיך פאַר „אַלײַב צווישען די חיות״... אַ היבשע ווײַלע איז מען געשטאַנען בײַ דער טהיר און געדונגען זיך, צי מע זאָל טאַקי אָנקלינגען פשוט, ווי מע האָט אָנגעקלונגען אומעֶ-טום, צי אפשר?...

— אפשר וואָס?

— גאָרנישט.

— וואָס זשע זאָגט איהר „אפשר״?

— ווער זאָגט דען „אפשר״?

— אַז איהר זאָגט נישט „אפשר״, פאַרוואָס זאָלט איהר נישט אָנקלינגען?

— וואו שטעהט עס, אַז איך? פאַרוואָס נישט איהר?

— הויבט זיך אָן אַ מעשה מיט אַ יודען!

— שאַ, שאַ, קינדערלעך, לאָז זיין שטיל. — רופט זיך אָן רב יוזיפעל און טוט אַ ציה דאָס גלעקעל פון דער גרינג, קוים-קוים, אויף וויפיעל עס ערלויבען איהם זיינע אַכציג יאָהר.

קאַפּיטעל יא.

אין די הויכע פענסטער.

שטעהענדיג הינטען בײַ דער טהיר בײַם סאַמע גרעסטען פון די „גדולים״, בײַם סאַמע „לײַב פון די חיות״, האָבען אונזערע כתרילעוו-קער דעלעגאַטען געהאַט אַ געלעגענהייט אַ ביסעל צו פערנעמען זיך מיט חקירה וועגען די הויכע פענסטער: וואָס טוט זיך דאָרטען? אַ שטיינער, וואָס טוען די „גדולים״ בײַ זיך אין די אַפּאַרטאַמענטען אין דער צייט, ווען הינטען בײַ דער טהיר שטעהען און וואַרטען „קליינע מענשעלעך״ מיט זייערע קליינע עסקים, געשעפטען, בקשות, פּלאַנען און חלומות? אפשר זיצען זיי דאָרטען בעת-מעשה איבער זייערע גרוי-סע געשעפט-ביכער, ברעכען זיך די מחות און זענען אַזוי פערטיעפט,

אַז זיי ווייכען גאַרנישט, וואָס אונטען טוט זיך?... און אפשר זיצען זיי און קלערען, וואָס זאָלען זיי אויפטאָן, מתקן זיין אויף דער וועלט מ״ט דעם כח פונ׳ם גאָלד, וואָס דער אויבערשטער האָט זיי בעגליקט צוליעב דער טובה פון זייער פאָלק, אָדער פון דער גאַנצער מענשהייט? און אפשר זיצען זיי גלאַט אַזוי צונויפגעלעגט די הענד, טוען זיך אָן כל תענוגי עולם הזה, עסען און טרינקען און שלאָפען, ווי גאַנץ געוועהנליכע מענשען?

ציַיט אוי׳ צו חקירה׳ן האָבען אונזערע דעלעגאַטען געהאַט גענוג: אויף דעם שוואַכען קלונג פונ׳ם אַלטען רב יוזיפעל האָט ...ען זיך נישט געחאַפּט זיי צו עפענען. זיי האָבען געהאַט ציַיט אויך אויף צו דורכעמועסען זיך וועגען דעם, ווי אַזוי מע זאָל זיך פאָרשטעלען פאַר׳ן „גדול שבגדולים“ און ווער עס זאָל מיט איהם רעדען. זעלבסטפערשטענדליך, אַז רעדען דאַרף מיט איהם דער רב. ווער דען? די פראַגע איז נאָר: פון וואָס ער זאָל אָנהויבען? וואָרום לויט ווי דער פאַרשוין אין וואַנאָן האָט זיי אָנגעשראָקען, דאַרף מען וויסען, ווי מיט איהם צו האַנדלען און וואָס איהם צו זאָגען. נישט אומזיכט שטעהט ביַי אונז געשריבען: „החיים והמות ביד הלשון“ — דער פשט איז: אַז מיט איין וואָרט קאָן מען אַמאָל קאַליע מאַכען אַזוי פיעל, וואָס איהר וועט דערנאָך נישט פעררעכטען מיט קיין צעהן טויזענד ווערטער.

און די דעות האָבען זיך דאָ ביַי זיי צעטיילט אויף צוויי כתות, צוויי לאַגערען: רעכטע און לינקע. די רעכטע, די עלטערע פון די אויסדערוועהלטע, זענען געגאַנגען מיט דעם רעכטען וועג. זיי האָבען געדרונגען, אַז מע קומט צו אַזאַ גרויסען גביר, דאַרף מען קומען מיט תחנונים, אויסמאָלען דעם חורבן פון כתרילעווקע מיט אַלע פיטשעווקעס: „אַט ערשט נישט לאַנג געוועהן אַ שטאָדט, ווי אַלע שטעדט. האָט זיך אויפגעהויבען אין מיטען דער נאַכט אַ שטורם-ווינט מיט אַ פייער פון גאָט און עס איז אַוועק מיט׳ן רויך די גאַנצע שטאָדט, אָבגעמעקט געוואָרען כתרילעווקע פון דעם פנים פון דער ערד“... דערביי דאַרף מען נישט זשאַלעווען קיין טרויעריגע פאַרבען, ווי אַזוי נאַקעטע, באָרוויסע, הונגעריגע ליגען אונטער גאָט׳ס הימעל און בעטען ברויט, לאָזען אַ טרער און פאַרוואָס טאַקי נישט געבען קיין רעכטען וויין, ווי עס געהער צו זיין?... און די לינקע, יונגעליַיט געוועהנטליך, האָבען גע׳טענה׳ט פערקעהרט: וואָס פאַר אַ וויינען פלוציים אין

מיטען דרינען? וואס זענען מיר, ווייבער? צי איהר מיינט, אז די נגידים זענען זשעדנע טרערען? זיי דארף מען נעמען מיט יושר, מיט גערעכטיגקייט. „היתכן?—דארף מען זיי פרעגען. —אז אין דער צייט, וואס דא וואלגערט זיך גאלד אין די גאסען און מענשען טוען נישט אריין קיין האנד אין קאלט וואסער, געהט מען דארטען אויס פאר א לעפעל געקעלטס—לעבעדיגע נפשות, אייגענע ברידער, בלוט און פליישו?!"... „אי-אי! אי-אי!—האבען זיך די רעלטע אנגעהאפט ביים קאפ. — זיי ווילען אונז איבערקוילען דעם האלז אהן א מעסער! „אלה תולדות יונגלייט"...

א גליק, וואס רב יוזיפעל איז געווען דערביי, האט ער זיי גיך איינגעשטילט מיט ווייכע רעד, ווי זיין שטייגער איז.

— קינדערלעך, — האט ער צו זיי געזאגט, — אומזיסט אייער קריגען זיך, וואס איהר קריגט זיך. וואס קאן א מענש, א בשר-ודם מ'שטיינס געזאגט, וויסען, וואס ער וועט זאגען? און אז בלעם הרשע, וואס איז שוין געווען אונטערגעקויפט, און גאר פארטיג אויף צו שעלטען די יודען, נו, האט ער זיך דען געריכט, אז דער וואס לעבט אייביג וועט איהם איבערדרעהען די ווערטער מיט'ן קאפ אראב? מיר וועלן אם ירצה השם, איהם נעהמען נישט מיט תחנונים און נישט מיט סטירדעס, נאר מיט א משל. אז גאט וועט העלפען, וועל איך איהם דערצעהלען א משל מיט א מלך, וואס האט זיך צעבייזערט אויף זיינע אייגענע קנעכט און האט פערברענט זיין אייגענעם פאלאץ...

א שאד. אזא שענער משל און איז געבליבען אין מיטען איבער א סיבה, וואס נישט רב יוזיפעל און נישט די איבעריגע אויסדערוועהלטע זענען געווען אין דעם שולדיג. שולדיג איז געווען אין דעם גאר א זייטיגער פארשוין. דאס איז געווען דער אנגעוואפענטער נפש, וואס איז דערמאנט ביי אונז אין אנהויב בעשרייבונג. א סברה, אז דער דאזיגער יון, וואס איז געשטעלט געווארען אלטונג צו געבען אויף דער גאס, האט די גאנצע צייט געהאלטען אונזערע כתרילעווקער לייט אויפ'ן אויג. איהם איז די גאנצע קאמפאניע נישט געפעלען געווארען מיט זייער געהן פון שטוב צו שטוב, מיט זייער פעררייסען די קעפ און קוקען אויף די נומערן פון די הייזער און מיט זייער אלעמאל אבשטעלען זיך איבערשמועסען זיך אויף א קול אלע אינאיינעם, ווי די גענז: גער-גער-גער! דא, ביי זייער לעצטען אבשטעל און אויס'טענה'ן זיך, האט ער שוין מעהר נישט געקאנט אריבערטראגען און ער האט

זיך ווידער אַמאָל געלאָזט גלייך אויף זיי — דאָס מאָל שוין מיט מעהר פרישקייט און מיט מעהר אימפּעט.

דערזעהען פאַר זיך דעם שונא אַזוי נאָהענט און דערפיהלט אַ סכנה, זענען אונזערע דעלעגאַטען פערשטאָרבען געוואָרען, און ס'איז געבליבען בהסכם כולם, אַז מען דאַרף זיך ראַטעווען, מאַכען פליטה. וואוהין? צוריק — הייסט געהן גלייך אויף איהם. האָבען זיי גענומען קלינגען אַלע מיט אַמאָל אין דער טהיר אַריין, גוט קלינגען, מיט אַלע כחות, און גאָט האָט געהאָלפען — די טהיר האָט זיך טאַקי עפּיס ווי על־פּי־נס געגעבען איין עפען אויף, און עס האָט זיך בעוויזען אַ פאַרשוין מיט אַ רויט אויסגעהאָרעוועט פּנים, מיט אויסגעשניטענע פאַ־לעס און מיט ווייסע הענטשקעס אויף די הענד. אַרויסגעלאָפען איז דער פאַרשוין מלא רציחה, געמאַכט מיט די הענד, געשריגען און געשאָלטען און געאַרבייט אַזוי, גלייך ווי דאָס וואָלטען זיין ווילדע מענשען, אָדער גזלנים, חוליגאַנעס, וואָס האָבען געוואָלט מאַכען איין אָנפאַל אין מיטען העלען טאָג אויף זיין בעל־הבית'ס שטוב.

דערזעהען פאַר זיך „איין אָפענע טהיר", האָבען זיך די כתרילעווער חוליגאַנעס געגעבען אַלע איינאיינעם אַ שפּאַר אַריין. האָט זיי אָבער דער פאַרשוין מיט'ן אויסגעהאָרעוועט פּנים מיט די ווייסע הענטשקעס געגעבען מיט'ן גאַנצען כח אַ שפּאַר אַרויס צוריק. און אין דער מינוט איז אונטערגעקומען דער יון מיט'ן שווערד, געגעבען אַ שטאַרקען פייף און ס'איז אויסגעוואַקסען, ווי פון אונטער דער ערד נאָך אַ יון, אויך איין אָנגעוואָפּענטער פון קאָפּ ביז פיס.

אומזיסט האָבען זיך אונזערע כתרילעווקער אויסדערוועהלטע געבעטען ביים פאַרשוין מיט די ווייסע הענטשקעס, ער זאָל אַריינלאָזען אינעווייניג, האָטש פון פאָרענט, האָטש אין קיך אַריין. אומזיסט האָבען זיי פערריסען די אויגען אַרויף, אַריינגעקוקט אין די הויכע פענסטער אַריין, טאָמער וועט דער אויבערשטער טאָן אַ נס (ער, אַז ער וויל, קאָן ער!) טאָמער וועט דער גביר אַליין, אָדער עמיצער פון זיין הויזגעזינד, דערזעהען יודען זענען אין אַ סכנה, וועט מען אַרויסגעבען אַ בעפעהל פון אויבען, מען זאָל זיי נישט אָנריהרען...

האָט אָבער אויף זייער מזל אַקוראַט קיינער פון די הויכע פענסטער נישט אַראָבגעקוקט, און אונזערע דעלעגירטע, די פאָרנעמסטע בעלי־בתים פון כתרילעווקע מיט'ן רב רב יוזיפעל בראש, זענען אָבגעפיהרט געוואָרען מיט גרויס כבוד אין אַזאַ מקום אַריין, וואָס קיין

דירה-געלד קאָסט נישט און אַלע זענען דאָרט גלייכע מיוחסים: אפילו יודען, און אפילו כתרילעווקער יודען, קאָנען זיך דאָרטען זיצען און זיצען. אבי יאָהרען.

קאַפּיטעל יב.

דער נס.

דער וואָס מיינט, אַז היינטיגע צייטען טרעפען זיך שוין גאָר קיין נסים נישט — דער האָט אַ טעות. אמת, אַ נס טרעפט זיך היינט זעלטען, זעהר זעלטען, אָבער עס טרעפט. דעם בעסטען בעווייז האָבען מיר — אונזערע כתרילעווקער געפאַנגענע.

די לעזער מעגען זיך מיינען, אַז, ווי יעדער מחבר, זענען מיר מסתמא מגזם און טראַכטען אויס אַזעלכע זאַכען, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען. מיר פערזיכערן אָבער, אַז דאָס, וואָס מיר דערצעהלען דאָ, איז לויטער אמת. פונקט אין דעם מאָמענט, וואָס האָט זיך געטראָפען דער אויבענבעשריבענער פאַל מיט די כתרילעווקער דעלעגאַטען ביי דער טהיר פונ'ם גדול, פונ'ם „לייב צווישען די חיות", פונקט אין דער מינוט, ווען זיי זענען געשטאַנען אין איין ציטערניש און געקוקט אַרויף-צו אין די הויכע פענסטער, און געטראַכט זיך יעדער ביי זיך אין האַרצען: „מאין יבוא עזרי — פון וואַנען וועט קומען די הילף, פון גאָט, צי פון אַ מענשען?" — פונקט אין דער צייט האָט בעדאַרפט געהן פאַרביי אונזער בעקאַנטער פאַרשוין פון וואַגאָן, „דער יוד וואָס קאַטאָרי".

געגאַנגען איז ער זיך וועגען זיינע אייגענע געשעפטען, און גיך, ווי זיין שטייגער איז, מיט'ן קאַפּעלישעל אַהינטער, וועיזט אויס, פערטראַכט. דערזעהען זיינע בעקאַנטע יודען צרומגערינגעלטע מיט סאָלדאַטען, איז ער שטעהן געבליבען. ער האָט באַלד אָנגעשמעקט מיט זיין נאָז, וואָס דאָ טוט זיך, און איז גרייט געוועזען די רגע אַריינשפּרינגען אין מיטען און אויפהויבען אַ סקאַנדאַל, זיי מאַכען אַ וויסטען סוף: „פאַר וואָס? פאַר ווען? גאָט די נשמה?"...

נאָכדעם האָט ער זיך אָבער מיישב געוועזען: אפשר ניין? ער קען זיך זעהר גוט. אַ היציגער מענש. מי יודע וואָס פאַר אַ ווערטער עס

קאָנען זיך אַרויסרײַסען בײַ איהם פון מויל... ער האָט זיך געטראַכט, אַז מיט תקיפות איז נישט גוט (ס'איז תמיד גלײַכער, אַז מע בעטראַכט זיך), און ער האָט אַראָבגערוקט דאָס קאַפּעליטשעל, זיך גענומען בײַם בערדעל, צוגעמאַכט אײַן אויג — אַ סימן, אַז דער מח אַרבײַט, — האָט זיך אויסגעקערעוועט צוריק און איז מיט די זעלבע גיכע טריט אַוועק, ווי אַ מענש, וואָס איז געפאַלען אויף אַ גלײַכע המצאה און האָט פעסט באַשלאָסען דורכצופיהרען די אידעע ביז'ן סוף.

וואוהין איז דער פאַרשוין אַוועק?

מיר ווייסען נישט, וואוהין, נאָר מיר קאָנען רעכענען, אַז מסתמא האָט ער זיך געלאָזט געהן טאַקי אַהין, צום „לייב פון די חיות", מחמת דעמזעלבען אויף דער נאַכט האָט דער טעלעפאָן אין די הויכע פענסטער אָנגעהויבען צו אַרבײַטען מיט סכנות-נפשות...

און אין דער פאָליציע האָט געקאָכט. פענעס האָבען געסקריפּעט. טינט האָט זיך געגאָסען. פּאַפּירען זענען אָנגעשריבען געוואָרען, און די געפאַנגענע, וועלכע זענען שוין גרייט געווען צו געהן אַ לאַנגען וועג אַהיים מיט'ן עטאַפּ, זענען פּלוצים אויפגעהאַפּט געוואָרען אין מיטען בײַנאַכט, אַרויסגעצויגען געוואָרען פון דער פינסטערניש און אַרײַנגעפיהרט געוואָרען אין אַ גרויס ליכטיגקײַט מיט אַזאַ אימפּעט, גלײַך ווי דאָס וואָלטען זײַן נישט כתרילעווקער קלײַנע מענשעלעך, נאָר מי יודע ווער... אמת, מע האָט זיי קײַן שטוהלען נישט אונטערגעטראָגען, זעצען זיך נישט פאָרגעלעגט און פון מחילה שמועסט מען נישט. דערפאַר האָט מען אָבער נישט געהערט, מע זאָל אויף זיי אָנשרײַען, חלילה, ברענגען פאַר'ן מויל דעם יודישען טיטול „זשיד" — אדרבה, פײַן, שטיל, נאָר זעהר בחפזון'דיג, געהאַפּט, טאַקי נאָר ווי יציאת מצרים, איז צוגעגאַנגען די באַפרײַאונג פון די כתרילעווקער חוליגאַנעם. די קלענערע שרײַבער און שרײַבערלעך האָבען זיך נישט געקאָנט זאַט באַוואונדערען, וואָס טוט זיך דאָ: „איבער אַזעלכע יודלאַקעס אַזאַ בהלה!"...

די ערשטע מינוט, צו מע איז אַרײַנגעקומען צו אונזערע געפאַנגענע און געזאָגט, זיי זאָלען זיך מטריח זײַן אַרויף, האָבען זיי זיך איבערגעקוקט צווישען זיך און אָבגעזעגענט זיך שטילערהייד, אָהן ווערטער. וואָס ערוואַרט זיי דאָרטען, אויבען? — דאָס ווייסט נאָר אײַן גאָט אין הימעל. הלואי, רבונו של עולם, זיי זאָלען אָבקומען נאָר מיט תפיסה אַליין. וואָרום וואָס איז היינטיגע צייטען תפיסה, אַז תליה

איז אַ וואָכעדיגער גאַנג?... דאָס איז אָבער נאָך נישט אינגאַנצען: יעדער יוד האָט אַ ווייב און קינדער, און אַז עס קומט צו אַ ווייב מיט קינדער זענען יודען (מיר מוזען זיך מודה זיין) געפערליכע ענאָאיסטען...

מיט אויסגערגעהאַקטע פּיס און מיט צעבראָכענע הערצער זענען גוּנזערע דעלעגאַטען אַריינגעבראַכט געוואָרען פאַר די, אין וועמענס הענד עס איז געלעגען איצט זייער גורל. נאָר איינער איז געגאַנגען פאָראויס מיט פעסטע טריט, ווי אַלע מאָל, כאָטש אפילו שטאַרק איינגעבויגען און אָנגעלעהנט אויפ'ן שטעקען.

דאָס איז געווען דער אַלטער רב יוזיפּעל.

— ווער איז דאָ צווישען אייך דער „סאַמע ראַבּין"? — האָט מען זיי אַ פרעג געגעבען האַלב ערנסט און האַלב ליצנות'דיג.

— דאָס בין איך! — האָט אַ זאָג געגעבען רב יוזיפּעל מיט אַ מאָדנער שטאַרקייט און איז אַרויסגעטראָטען מיט אַזאַ מסירת-נפש, גלייך ווי ער וואָלט גענומען אויף זיך דעם גאַנצען בלבול און וואָלט זיין גרייט די רגע געהן אויפ'ן עשאַפאָט פאַר זיינע אַלע יודען.

שען, גרויסאַרטיג שען איז געווען אין דער מינוט אָט דער אַכציגיעהריגער זקן. זיין געל-געקנייטשט, דורכזיכטיג געלייטערט פּנים האָט געלויכטען, גלייך ווי די שכינה האָט אויף איהם גערוהט. אין זיינע אַלטע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ יונג פייערל, נאָר די הענד האָבען איהם געציטערט און די אַקסלען האָבען זיך געטרייסעלט. ער האָט געוואַרט, וואָס וועט מען איהם זאָגען. ער איז גרייט געווען אויסצוהערען אַלסדינג, דאָס ערגסטע, וואָס בייזע מענשען קאָנען נאָר צוטראַכטען. וועמען הערט אָט דער אַלטער מיט די אַכציג יאָהר, וואָס הינטער זיינע פּלייצעס? ער האָט אַזש פערלעגט איין האַנד אַהינטער און געקוקט גלייך אין די אויגען אַריין מיט אַ מין גדלות און מיט איין עזות, וואָס די אויף טויט איבערגעשראָקענע כתריל'עווקער אויסדערוועהלטע האָבען עס קיינמאָל אויף זייער רבי'ן נישט געזעהען.

דאָס איז געווען אַ הויכע מינוט, וואָס האָט זיך געצויגען לאַנגלאַנג, אפשר אַ גאַנצע אייביגקייט.

— ביסט דו דאָס, הייסט עס, דער „סאַמע ראַבּין"? האָט מען איהם נאָך אַמאָל אַ זאָג געגעבען מיט'ן זעלבען האַלב ערנסטען, האַלב ליצנות'דיגען טאָן, — נאַ, אָט האָסט דו דיר צוריק דיין געלד, וואָס איהר האָט צענויפגעזשעבּרעט פאַר אייערע אָבגעברענטע יודעלעך, און

געמט אייך אייערע לייבסערדאַקעס (דאָס האָט מען געמיינט, אַ פּנים, די טלית-ותפילינ'ס) מיט די פאַנטשאָכעס (און דאָס האָט מען געמיינט, אַ פּנים, זייערע בעריהמטע זאַגטיקעס) און הײַדאַ גלײַך מיט דער באַהן צוריק אַהײַם. ביז טאָג זאָל דאָ אײַער פוס נישט זײַן. מאַרש!

* *

*

געקומען אַהײַם האָבען אונזערע אויסדערוועהלטע געהאַט גענוג צו דערצעהלען חדושים און נסים ונפלאות פון זייער נסיעה און די נסיונות, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען צוליעב די נשרפים: ווי אַזוי מען איז געפאָהרען, און ווי אַזוי מען איז געקומען, און וואָס מען האָט געהערט, און וואָס מען האָט געזעהען, ווי אַזוי עס האָט זיך געגאָסען אויף זיי נדבות — אַ מבול פון נדבות (פריהער איז געווען אַ „רעגען", איצט איז שוין געווען אַ „מבול"), און ווי אַזוי מען האָט זיי געפאַנגען דאָרט, ביי די הויכע פענסטער און אָבגעפיהרט אין גוטען „מקום", צו־גענומען ביי זיי די „קליינגערס" און אַרײַנגעזעצט אין חד-גדיא אַרײַן... און נאָכדעם — דער נס, ווי אַזוי דער אויבערשטער האָט בעוויזען, וואָס ער קאָן — מען האָט זיי בעפרייט און אומגעקעהרט צוריק דאָס גאַנצע געלד ביז דער לעצטער פרוטה. און נאָך מיט אַ יתר-שאת: אַז זיי זענען שוין געווען גרייט צו דער נסיעה צוריק אַהײַם, האָט זיי אָנ־געיאָגט אײַנער אַ מענש מיט אַ הויכען קאַפּעליש און האָט זיי איבער־געגעבען גאָר איבעראַנײַעס אַ שענע מטבע, אַ היבשע „פּוטיקע" — אַ נדבה פאַר די כתרילעווקער נשרפים, טאַקי פון איהם אַליין, פון דעם, וואָס יענער פאַרשוין האָט אָנגערופען מיט'ן נאָמען: „דער לייב צווישען די חיות" — הײַנט געהט זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט!

יאָ, די כתרילעווקער דעלעגאַטען האָבען געהאַט, וואָס צו דער־צעהלען, און האָבען נאָך צו דערצעהלען און צו דערצעהלען. איך מיין, אַז סע וועט קלעקען אויף אַ גאַנצען ווינטער און אפשר וועט נאָך בלייבען אַ ביסעל אויפ'ן זומער.

נאָר איין רב יוזיפעל האָט נישט דערצעהלט גאָרנישט. ער האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער — און שאַ. ער האָט זיך פון דער נסיעה אומגעקעהרט זעהר מיעד און שוואַך און צובראָכען. נישט אַזוי

צעבראָכען אין גוף, ווי אין נפש, אין דער נשמה... און דערצו איז ער געוועזען פערנומען, בעשעפטיגט טאַקי מיט זיך אַליין. ער האָט זיך, פערשטעהט איהר מיך, געגרייט צו איין אַנדער נסיעה, ער האָט זיך געגרייט אין אַ ווייטען וועג אַריין, — אין אַ וועג, פון וואַנען קיינער איז נאָך ביז היינט צוריק נישט געקומען... מיינט נישט. אַז אַ יוד ווי רב יוזיפעל — ער מעג זיך זיין אַ רב און אַ זקן און אריבער שמונים. איין מענש אַליין. אָהן אַ קינד, אָהן אַ רינד, אָהן אַ שום פערמעגען — נאָר קוים האַלט מען ביי געהן פון דער זינדיגער וועלט, איז פאַרהאַן, פאַרהאַן, וואָס צו טאָן...

וואָרים בערער.

אין די וואַרמבעדער.

(בילדער, טיפּען, בעגעגענישען, צרות און פּערגעניגען).

א.

(אַ ווייב מיט „נערוועז". די באָברויסקער דאַמע. מיר פּרעגלען איינגעמאַכטס).

„איידער געהמען אַ ווייב, איז גלייכער זאָלסט זיך אויסברעכען אַ פוס",—אַזוי האָט געזאָגט איינער אַ פילאָזאָף (איך האָב מורא, אויב נישט סאָקראַט?); און איך זאָג: איידער האָבען אַ ווייב מיט „נערוועז", איז גלייכער גאָרנישט געבוירען ווערען אויף דער וועלט.

דאָס זאָגט אייך נישט קיין פילאָזאָף, נישט קיין שרייבער, וואָס זיצט ביים שרייב-טיש און טראַכט אויס מעשיות פונ'ם קאָפּ, דאָס זאָגט אַ פּראָסטער בשר-ודם, אַ יוד אַ בעל-הבית, וואָס גאָט האָט איהם געהאָלפען, ער האָט געחאַפּט די גראָבע עטליכע קלינגערס, אַרויסגעטריבען דעם קבצן פון שטוב, אַריבערגעפאָהרען מיט ווייב און קינדער קיין בויבעריק אויף דאַטשע, בעקאַנט זיך מיט דאָקטוירים, מיט רעצעפּטען, אַפּטייקען, גידראָפּאַטיע, מאַסאַזש, צרות, שלעק — חי געלעבט!

דער גרעסטער אומגליק פון אַלע אומגליקען אויף דער וועלט איז דער דאָקטאָר, און נישט אַזוי דער דאָקטאָר, ווי דעם דאָקטאָרס קאַבינעט, וואָס מע דאַרף דאָרטען זיצען און שוויצען, בלעטערן די גאַזעטען, וואָס ליגען אָנגעגרייט אויפ'ן טיש און אָנקוקען נישט קיין בעקאַנטע פּנים'ער אַלערליי, וואָס קוקען אויף אייך, און איהר קוקט

אויף זיי, און פֿון נישט האָבען וואָס צו טאָן, הויבט איהר אָן דורכצעוואָרפֿען זיך מיט רעד: „שוין לאַנג, אַז איהר קורירט זיך? וואָס איז אייער שלאַפֿקייט? וואוהין רעכענט איהר צו פֿאָהרען אויף דער קור?" און אַזוי ווייטער.

מיין חיה-עטיל, זאָל געזונד זיין, איז אַ מענש, וואָס האָט פֿיינט זיצען און שווייגען, האָט זיך צערעדט מיט עפּיס אַ דאַמע, אַ ליטוויטשקע, דאַכט זיך פֿון באָברויסק, און איז געוואָרען צו איהר צוגעקלעבט. וואָס האָט זי אַזעלכעס דערזעהען אויף דער באָברויסקער דאַמע, ווייס איך נישט; נאָר מען איז געוואָרען גיך נפש-אחת. מיין חיה-עטיל האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז ביי זיי ביידע איין חולאת. און וואָס בעשטעהט זייער חולאת? אין גאָרנישט. וואָס זיי זאָלען נישט דערהערען אויף יענעם, דאַכט זיך זיי אויס, אַז ביי זיי איז אויך דאָס אייגענע. לאָז עמיצען אָנהויבען שטעכען אין זייט, שטעכט זיי אויך. אַ צאָהן — איז אַ צאָהן; איין אויער — איז איין אויער; אַ פֿוס — איז אַ פֿוס — אַז מע שמועסט אַלסדינג, וואָס ביי יענעם איז ביי זיי! זי איז שוין אויסגעווען, די באָברויסקער דאַמע, וואו די וועלט האָט איין עק און איבערגעטאָן כל המיטלען שבעולם — עס העלפֿט נישט!

— וואָס זשע זאָגט דערויף דער דאָקטאָר? — פֿרעגט ביי איהר מיין חיה-עטיל מיט גרויס מיטלייד צו דער באָברויסקער דאַמע.

— וואָס זאָל ער זאָגען? ער ווייסט אַליין נישט. ער זאָגט, אַז ס'איז נערווען און הייסט מיר פֿאָהרען קיין אויסלאַנד אין די וואַרם-בעטער.

פֿון דעמאָלט אָן האָט מיין חיה-עטיל בעקומען „נערווען". נאָר איהר מיינט גלאַט נערווען? נערווען צו נערווען איז נישט גלייך. די נעכט, וואָס איך בין נעבען איהר אויסגעזעסען, זאָל מיר גאָט נישט רעכענען! וואָס טויג אייך, ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב נישט געטאָרט אַ טריט טאָן, אַ הוסט טאָן, אַ ריהר טאָן זיך; אַ מינדסט נאַרישקייט, אַ וואָרט, אַז איך האָב אויסגערעדט — „וואָס האָסטו צו מיינע נערווען?"

בקצור, ס'איז געבליבען, אַז מיר פֿאָהרען קיין אויסלאַנד אויף דער קור. וואוהין? דאָס וועט מען אונז שוין אַ ידיעה געבען ביים פּראָפֿעסאָר אין ווין אָדער אין בערלין, און איך האָב גענומען מאַכען זיך אַ פּאַס קיין אויסלאַנד און מיין חיה-עטיל האָט זיך דערווייל צוגעגרייט אַ ביסעל מלבושים מיט היטעלעך אין וועג אריין, איינקויפֿען

טשעמאדאנעס, קארזינעס און קוישלעך, און פרעגלען איינגעמאכטס. איז, דאכט זיך, וואס געהער זיך אן מיט מיר, מאנסביל, היטעלעך, מלבושים, קוישלעך און איינגעמאכטס? ניין, עס געהער זיך, זאגט זי, אן: דו פאהרסט, זאגט זי, גלייך מיט מיר, מעגסט דו זיך, זאגט זי, א ביסעל אנטאן א מיה, זיך „מטריח זיין". די ווערטער זיך „מטריח זיין" זענען געזאגט געווארען מיט אזא טאן און מיט אזא ניגון, וואס סע שווער ארויסצוגעבען דאס אויף פאפיר — אויב איהר האט א ווייב און זי האט „גערוועו", בעדארפט איהר זיין א ביסעל בעקאנט מיט דעם טאן און מיט דעם ניגון.

און עס האט זיך אנגעהויבען א חתונה פון מלבושים, מאגאזינען, קלייטען, שניידערס, מאדיסטקעס, מאדעס, זשורנאלען — אז איך האב איבערגעלעבט בשלום די דאזיגע דריי וואכען, וועל איך שוין א פנים לאנג לעבען! מיין חיה-טעל האט זיך גענומען איינמאל פאר אלע מאל, איבערשטשעגאליאיען וויען און בערלין און פערשעמען מאריענבאד און פראנצענסבאד און באדענבאד און אלע איבעריגע בעדער. מען איז געשטאנען און געפאקט אין די קאסטענס און איך האב בעצאהלט חשבונות פון די קלייטען און זיך גערעכענט מיט די מאדיסטקעס: קאלענקאר און קנעפלעך און העקלעך און בערשטלעך און גאז און נאך אמאל קאלענקאר און סטעקליארומען און פראשוועס און טאשמעס און שפיצלעך און ווידער אמאל קאלענקאר און סאמעט און זייד און מארליע און שפילקעס און ווייטער אמאל קאלענקאר און ריוש און פוליאר און פעדערלעך און מאנשעסטער און אבער אמאל קאלענקאר. א גליק, וואס ס'איז פארהאן ביי מיר א טעלעפאן און עמיצער האט אנגעקלונגען, מיך אוועקגערופען — לאנג לעבען זאל ער.

— ווער קלינגט?

— אינטענדאנטסקאיע פראווליעניע?

— לעבען זאלסט דו אזוי, ווי איך בין אינטענדאנטסקאיע פראווליעניע! — טראכט איך מיר, נאר איך טרעט נישט אב פון טעלעפאן; איך האלט אין האנד דאס טרייבעל פון טעלעפאן און מיט דער אנדערער צאהל איך אב דער מאדיסטקע און בין זיך מחיה, וואס ... בין פטור געווארען פון איהר און פון איהר חשבון.

— וואס פאר איין איינגעמאכטס, זאגט זי, זאל איך פרעגלען אין וועג אריין?

— וואסערען דו ווילסט.

— וואָס הייסט, איך וויל? און וואו ביסט דו?

— איך קאָן מיך בעגעהן, זאָג איך, אָהן איינגעמאַכטס.

— וואָס זאָגט איהר אויף איהם? ער קאָן זיך בעגעהן אָהן איינגעמאַכטס! קומט אויס הייסט, דאָס, אַז אַלצדינג איז נאָר פון מיינעטוועגען! ווארום איך בין די גרויסע פּרעסערין, די גרויסע גאַשערין...

— אָבער לאָז זיין שטיל, חיה-עטיל, אין גאָטעס ווילען! פּרע-געל רויזען-איינגעמאַכטס — איין עק!

— ס'זאָל ווערען געצוקערט און מע זאָל דאָס דאַרפען אַרויס-וואַרפען?

— נו, לאָז זיין ווייכשעל — פּרעגעל ווייכשעל.

— איך האָב טאַקי מעהר נישט וואָס צו טאָן, נאָר אַנידערזע-צען זיך איצט אַרויסנעהמען די קערלעך.

— ווייסט דו וואָס? פּרעגעל שוואַרצע יאַגדעס!

— זיי זאָלען צעקראַכען ווערען, חכם איינער!

— פּרעגעל מאַלינעס!

— ס'זאָל זיין צום שוויצען? רעכסט זיך אַ פּנים, אַז איך זאָל דאַרפען גוט קרענקען?

— פּרעגעל פערשקעס! פּרעגעל פלאָמען! פּרעגעל עפּעל! פּרע-געל פּינדעשוועס! זאַנטיקעס! לאָמפּען! האַקמעסערס! ריקבעטלעך!...

. . . .

וואָס סע קומט פאַר צווישען אונז נאָכדעם, נאָך דער סצענע פון'ם איינגעמאַכטס, קלערט אייך, ווי איהר פערשטעהט, איך בין אייך נישט מחויב צו דערצעהלען אַלצדינג.

ב.

וואָס הייסט „חבוט הקבר"?

אונזערע חכמים בעשרייבען חבוט הקבר מיט אַלערליי שרעקלי-כע פאַרבען און דעם גיהנם נאָך מורא'דיגער. סע ווייזט אויס, אַז זיי האָבען נישט געהאַט קיין ווייבער מיט „נערוועך" און זענען קיינמאָל נישט געפאָהרען קיין אויסלאַנד אין די וואַרמבעדער, נישט געפיהרט

מיט זיך קיין צוועלף פוד באַגאַזש, אַ חוץ טשעמאָדאַנעס, קוישלעך, בינטלעך און פעקלעך אַלערליי, און האָבען נישט מיטגענומען מיט זיך אַהין קיין אייַנגעמאַכטסען. מיר, אויב ס'איז בעשערט אָבקומען חבוט־הקבר, האָב איך איהם געהאַט אין בויבעריק אויפ'ן וואָגזאַל ביים אַוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד, און דער גיהנם האָט זיך פאַר מיר געעפענט שוין זיצענדיג מיט מיין חיה־עטלען אין וואַגאָן. אייך איז גרינג צו שטעהן און קוקען בשעת עס ווערט אַ טומעל, דער קוריער־צוג קומט אָן, שטעהט אינגאַנצען אַזעלכע פינף מינוט, און מע דאַרף חאַפען נעהמען בילעטען, אויפגעבען דעם גאַנצען באַגאַזש, אָבגעזעגענען און צוקושען זיך מיט אַלע קינדער, קיין עין־הרע, אַריינחאַפען זיך מיט'ן ווייב און מיט אַלע פעקלעך און טשעמאָדאַנעס און קוישלעך אין וואַגאָן אַריין און פערחאַפען ערטער, און קיין ערטער איז נישטאָ. איך פרעגה מיך, וואָס איך האָב פערחאַפט איין אָרט פאַר מיין חיה־עטלען און זי איז נאָך נישט צופריעדען. נישט צופריעדען דערמיט, וואָס איהר אָרט קומט אויס אַקוראַט אַקעגען אַ גראָבען גלח, וואָס אַז מע טוט אויף איהם אַ קוק, ווערט שוין הייס אויף צו חלש'ן, און נישט צופריעדען דערמיט, וואָס איך האָב נישט, וואו צו זיצען און דאַרף מיך האַלטען מיט די פעקלעך, און נישט צופריעדען דערמיט, וואָס פון איילעניש האָב איך פערגעסען אָנזאָגען די קינדער און די דינסטען אַ סך נויטיגע זאַכען. אַ דאַנק דעם גלח, וואָס ער האָט רחמנות געהאַט אויף מיר, זיך אַ ביסעל אַ רוק געטאָן און געמאַכט מיר חאָטש אַ שטיקעל אָרט און איך קאָן זיך צוזעצען חאָטש אויף איין עק באַנק און אַרומקוקען זיך, וואו איך בין אין דער וועלט. פונ'ם אָנהאָרעווען זיך, פונ'ם לויפען מיט'ן טאַרעראַם, דרעהט זיך מיר דער קאָפּ און איך פיהל, אַז איך האָב עפּיס, דאַכט זיך, פערגעסען, נאָר וואָס, ווייס איך נישט, און דערפאַר, אַ פנים, בין איך אַזוי פערטראַכט, און הער נישט, וואָס מע רעדט צו מיר.

— זעה נאָר, האָסט חאָטש גוט בעהאַלטען די קוויטאַנציעס? — מאַכט צו מיר מיין חיה־עטיל.

— וואָסערע קוויטאַנציעס?

— פונ'ם באַגאַזש.

— מזל טוב!

— וואָס איז דאָס מיט דיר? דו ביסט אַזוי פערטראָגען, אַז דו ווייסט שוין גאָרנישט, וואָס מע רעדט צו דיר?

ערשט דאָ דערמאָן איך מיך, אַז איך האָב פערגעסען אָבנעמען ביים אַרטעלשציק די קוויטאַנציעס פונ'ם באַגאַזש, און נישט בעקלערט, וואָס איך טו, לאָז איך מיך לויפען, וואוהין — ווייס איך אַליין נישט. מיין ווייב'ס נערוועז האַלטען דאָס נישט אויס און זי פערוואַרפט דעם קאָפּ אויף צו חלש'ן. עס ווערט אַ שטיקעל האַרמידער אין וואַגאָן, די פּאַסאַזשירען רינגלען אונז אַרום, ווערען געוואָהר פון דער מעשה מיט דער קוויטאַנציע, גיט מען מיר אַלערליי עצות, וואָס איך זאָל טאָן, ווי אַזוי און וואוהין איך זאָל טעלעגראַפירען, ווי אַזוי איך זאָל זיך נוהג זיין אויף דער גרענעץ, און אונזער נסיעה ווערט שוין פונ'ם ערשטען אַרויספאָהר פערגיפטעט מיט כם המות, און איך האָב חרטה אויפ'ן גאַנצען פּלאַן פון דער נסיעה. דאָס געזונד, וואָס מיר קאָסט דאָס, וועט מיר געוויס נישט אומגעקעהרט ווערען פאַר די דריי חדשים קורירען זיך, און דאָס בלוט, וואָס מיר ווערט פערצאַפּט, וועט מיר זיכער נישט צוקומען פאַר די דריי חדשים באָדען זיך, און איך פערשעלט מיר דאָס געביין מיט'ן אויסלאַנד, מיט די וואַרמבעדער און מיט אַלע דאָקטוירים. וואָס איך ווינש זיי, מעג זיי אָנקומען חאָטש האַלב.

נאָר צו וואָסערע צרות הערט אַ מענש נישט געוועהנט? די באַהן וועט צוריק צוליעב מיין באַגאַזש נישט פאָהרען און קיינער איז נישט מחויב טראָגען אויף זיך מיינע יסורים. איך בין געוועזען צופריעדען, וואָס מיין חיה-עטיל האָט זיך חאָטש אָבגעזוכט אין וואַגאָן צוויי דאַמען, וואָס זי האָט זיך גיך מיט זיי בעקאַנט און געוואָהר געוואָרען, אַז זיי פאָהרען אויך קיין אויסלאַנד אין די וואַרמבעדער, און אויף אַלע דריי איז געוואָרען אַזאַ שמחה, גלייך, ווי זיי וואָלטען געוואונען דאָס גרויסע געווינס און האַלטען שוין ביים טיילען זיך.

די צוויי דאַמען זענען געוועזען: איינע פון אומאַן, אַ דאַמע מיט אַ הוט און מיט אַ סך פּודער אויפ'ן פנים. מחמת זי פאָהרט שוין קיין אויסלאַנד דאָס אַנדערע מאָל, דעריבער רעדט זי שוין העכער האַלב דייטש און איז קלאָר, זאָגט זי, דאָרטען אין אַלע ווינקעלעך. און די אַנדערע — אַ יונג ווייבעל פון יעהופּעץ, וואָס פאָהרט אַהין דאָס ערשטע מאָל, האַלט זי זיך אָן דער אומאַנער דאַמע, ווי אַ ברעקעלע קינד, לאָזט זי נישט אָב אויף קיין טריט.

— ווער זענט איהר פון יעהופּעץ? — פרעג איך דאָס יונגע ווייבעל — און ווער איז אייער מאַן?

— איך ווייס נישט, — זאָגט זי — אויב איהר וועט איהם קע־נען, מיין מאַן הייסט בראָדסקי.

דערהערט דעם נאָמען בראָדסקי פון יעהופעץ, האָט דאָס מיך געגעבען אַ טראָג אונטער, גלייך ווי אונטער דער באַנק וואָלט גע־לעגען בעהאַלטען דינאַמיט, און דאָס ווייבעל איז מיט אַמאָל ביי מיר אין די אויגען אויסגעוואַקסען מיט ניין־און־ניינציג פראָצענט.

— וואָס הייסט — זאָג איך, — בראָדסקי׳ן וועל איך נישט וויסען? ווער ווייסט דאָס נישט בראָדסקי׳ן? וועלכען בראָדסקי׳ס זענט איהר: לאַזאַר׳ס צי ליאָוו׳ס?

— נישט לאַזאַר׳ס און נישט ליאָוו׳ס — מאַכט זי צו מיר — מיר זענען טאַקי בראָדסקי׳ס, נאָר נישט פון די; מיין מאַן איז אַ מעקלער פון הייזער.

דאָס יעהופעצער ווייבעל האָט מיט אַמאָל פערלוירען ביי מיר אַלע ניין־און־ניינציג פראָצענט און איך האָב שוין מעהר נישט געוואָלט הערען, וואָס זי רעדט.

נישט אַזוי איז אָבער געוועזען מיין חיה־עטיל: זי האָט זיך מיט דער קאָמפּאַניע גאָר מחיה געוועזען. ערשטענס, האָט זי ביי דער או־טאָנער דאַמע אויסגעטאַפּט אַלצדינג, וואָס אין אויסלאַנד טוט זיך, און דאָס איז געוועזען פאַר אונז ביידען ווי געפונען, און צווייטענס, איז זי געוואָהר געוואָרען פון אַזעלכע נייע מינים שלאַפקייטען, וואָס זי האָט נאָך פון זיי קיינמאָל ביז אַהער נישט געהערט. שטעלט אייך פאָר, אַז דאָס ווייבעל, וואָס זי הייסט בראָדסקי און איהר מאַן איז אַ מעקלער פון הייזער, האָט געהאַט אַ מאָדנע חולאת: עס האָט זיך איהר גע׳חלומ׳ט, אַז זי האָט איינגעשלונגען אַ גאַנצען קאַסטען מיט אַריינגעשטעלטע צייהן. פון דעמאָלט אָן פיהלט זי אינעווייניג ביי זיך אין בויך די צייהן, און קיינער קאָן איהר נישט איינרעדען, אַז עס דאַכט זיך איהר נאָר אַזוי, מחמת זי פיהלט גאַנץ גוט, מעהר פון אַלע דאָקטוירים, אַז די צייהן ליגען ביי איהר אינעווייניג. פאָהרט זי איצט קיין וויען און פון דאָרטען, וואוהין דער פּראָפעסאָר וועט זאָגען.

סע פערשטעהט זיך, אַז מיין חיה־עטיל האָט זיך באַלד דער־מאָנט, אַז ס׳איז ביי איהר אַמאָל ביינאַכט אַרויסגעפאַלען אַ צאָהן, מע ווייסט נישט, וואו ער איז אַהינגעקומען, איז נישט אַנדערש, אַז זי האָט איהם דעמאָלט איינגעשלונגען; זי פיהלט טאַקי, זאָגט זי,

גאַנץ אָפּט אַ מאָדנע שטעלעניש אינעווייניג, זי פערשטעהט נישט פון וואַנען.

— אַ שטיקעל גליק — זאָג איך — וואָס דאָ פּאָהרט נישט קיינער מיט קיין אָבגעביסענער נאָז...

נאָר קיינער וויל אפילו נישט קיין שמייכעל טאָן אויף מיין חכמה; אדרבה, איך זעה, אַז די ווייבער זענען אַלע דריי ווי אָנגע־דרודעלט אויף מיר; זיי האָבען צווישען זיך ווי עפּיס אָבגעמאַכט אַ מין יד אחת אַקעגען מיר, אַז מע זאָל מיט מיר נישט רעדען און מיר אפילו נישט ענטפערען. איך האָב אָבער גיך דערלעבט אין זיי אַלע אַ נקמה. די אומאַנער דאַמע מיט'ן הוט האָט מיט אַמאָל זיך אויפגעהויבען מיט אַזאַ אימפּעט און מיט אַזאַ גוואַלד, גלייך ווי עס וואָלטען זיך אָנגעצונדען אויף איהר די מלבושים. דער גאַנצער וואַגאָן מיט פּאַסאַזשירען זענען זיך צונויפגעלאָפען מיט אַ געשריי:

— וואָס איז? וואָס איז? וואָס האָט דאָ געטראָפען?

און געטראָפען האָט זיך אַ קליינינקייט: אַ סלוי איינגעמאַכטס, וואָס מיין חיה-עטיל האָט געפיהרט מיט זיך קיין אויסלאַנד, האָט זיך אינעווייניג אין דער קאָרזינע פאַוואָלינקע אויבען אויף דער פּאָליצע צעבראָכען, אויסגעגאָסען זיך און דורכגעריגען דורך דער שטרוי פון אויבען אַראָב גלייך אויפ'ן הוט און אויף דער זיידענער בלוזע און אויף די איבעריגע מלבושים פון דער אומאַנער דאַמע, וואָס איז ווי צוגעפּרעסט געוואָרען צו דער באַנק. פון די היזקות, וואָס מיר אַליין האָבען געהאַט אין דער קאָרזינע גופא, רעד איך שוין נישט. איך שמועס נאָר פון בזיון פאַר דעם גאַנצען פּרעמדען עולם, וואָס אין וואַגאָן, וואָס איטליכער פון זיי האָט געזאָגט איין אַנדער ווערטעל, איינס פּלאַטשיגער פון'ם אַנדערן. איינער אַ יונגערמאַן מיט בלויע ברי־לען מיט אַ שאָפּען קעפּעל פון גאָלע ליסענע און מיט גראָבע ליפּען, וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען פּאַרשוין, מחמת ער האָט נישט אויפגעהערט צו גלעטען די וואָנסעס און קוקען בשעת מעשה אין אַ קליין שפּיגעלע, האָט אַ זאָג געטאָן, אַז די דאָזיגע דאַמע בע־דאַרף איצטער זיין זיס, ווי טייגאַכץ מיט האָניג, און האָט אַליין זיך צולאַכט פון דער חכמה. דער אַנדערער, דוקא איין אַלטער יוד, אַ גראָבער מיט אַ מאַסיווע גאָלדענע קייט אויפ'ן בויך און מיט אַ גראָבע שמעקענדיגע ציגאַר אין די ציינער, האָט געזאָגט נאָך גראָבער פון יע־נעם יונגען מאַן, און דער גאַנצער וואַגאָן האָט אויסגעשאָסען אַ גע־

לעכטער. געלאַכט האָבען נאָר נישט די דאַמען, וואָס מיט אַמאָל איז דאָס גוטפרײַנדשאַפט צווישען זײ געפּלאַצט ווי אַ בלאָז, צעזייהט געוואָרען, ווי אַ רויך, אַוועק, ווי אַ חלום. די אומאַנער דאַמע נעבּיך, וואָס האָט געפּײַערט ווי אַ גזלן און האָט געמוזט נאָך אײַנהאַלטען זיך פאַר בושה, האָט בשום אופן נישט געקאָנט פערשטעהן, ווער קאָן דאָס זײַן אַ בעלן פּיהרען מיט זיך אײַנגעמאַכטס קײַן אויסלאַנד? דערויף האָט איהר מײַן חיה-עטיל, וואָס האָט געפּײַערט נישט ווינציגער פון איהר, זעהר גלײַך אָבגעענטפערט, אַז אויטליכער האָט זיך זײַן גוסט: אײַנער פּיהרט מיט זיך אײַנגעמאַכטס, דער אַנדערער קרייד...

איך מײַן, אַז די אומאַנער דאַמע האָט זיך אָנגעשטויסען, וואָס מײַן חיה-עטיל מײַנט, מחמת אויף דער ערשטער סטאַנציע האָבען זײ בײדע מיט'ן יעהופּעצער ווײַבעל צענויפגענומען זייערע זאַכען און האָבען אָהן אַ „זײַ געזונד" זיך איבערגעפּעקעלט אין אַ אַנדער וואַגאָן און האָבען אונז בעפרײַט צווײַ ערטער.

— און ווער איז שולדיג, אַז נישט דו?...

איך לאָז איבער דעם לעזער, ער זאָל אַלײן טרעפען, וועמען געהער די דאָזיגע פראַגע: מיר צי מײַן חיה-עטלען?

ג.

(אַ מין הקדמה. דער שכל פון מאַריענבאַד. אַ דאַמע פון יעקאַטערינאָסלאַוו. סטאַנציע אין וואָלאָטשיסק. איך האַנדעל אַ מציאה און ווער פון איהר פּטור.

מײַן ווײַב איז, ברוך השם, אַ מענש, וואָס האָט פּײַנט זיצען אַלײן, ווי זי רופט דאָס אָן, „מיט די פיער ווענט". זי האָט ליעב הערען ווי מען רעדט און האָט אַלײן אויך ליעב רעדען. אַז ס'איז שטיל אין שטוב זשומעט איהר דעמאָלט אין די אויערען און איהרע „נערווען" קאָנען דאָס נישט איבערטראָגען. אַז עס מאַכט זיך, זי בלײַבט אַלײן מיט מיר און עס געהט אויס רעד (צווישען מאַן און ווײַב, וואָס קאָן זײַן פאַר אַ רייד?), פרעגט זי מיך, וואָס איך שווײַג? פאַרוואָס רעד איך נישט?

— וואָס זאָל איך מיט דיר רעדען? — פרעג איך זי; — שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר זינט מיר רעדען . . . אויסגעגאַנגען שטאָף . . .

— פאַרוואָס זשע געפינט זיך ביי דיר שטאָף פאַר פרעמדע? לאָז זיך דיר דאַכטען עלהיי איך בין אויך אַ פרעמדע?

נו, געהט פערענטפערט זיך, געפינט אַ תירוץ! . . .

דאָס איז אַ מין הקדמה אָדער פירוש צו דעם, עס זאָל אייך נישט זיין קיין חדוש, וואָס געפאָהרען מיט מיין חיה-עטלען קיין אויסלאַנד אין די וואַרמבעדער, בין איך געווען צופריעדען, אַז גאָט האָט איהר צוגעשיקט מיט וועמען צו רעדען. איך אַליין האָב איהר געזוכט אַ קאָמפּאַניע און האָב איהר געפונען אין צווייטען וואַגאָן אַ מאַסיווע דאַמע פון יעקאַטערינאָסלאַוו מיט איהרע אַ טאָכטער, אַ כּלה, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס מעג שוין זיין אַ כּלה און וויל שוין זיין אַ כּלה און ס'איז שוין צייט, זי זאָל זיין אַ כּלה — און צוליעב דעם טאַקי פאָהרט זי קיין מאַריענבאַד.

דערהערט דאָס וואָרט „מאַריענבאַד", האָט זיך מיין חיה-עטיל ממש מחיה געווען, מחמת עס האָט זי געצויגען כּסדר קיין מאַריענבאַד! וואָס עפּיס גראַד קיין מאַריענבאַד? — דעם שכל קאָן קיינער נישט וויסען, פּונקט אַזוי ווי עס איז שווער צו טרעפען דעם שכל, פאַרוואָס איינעם געפעלט ווייס, דעם אַנדערן שוואַרץ. עס ווענדט זיך אין'ם גוסט, עס איז אַ געשמאַק-זאַך: איינעם געפעלט אַזוינס, דעם אַנדערן אַזעלכעס. ווען אַלע מענשען זאָלען פאָהרען אין איין אָרט אַריין, וואָלטען דאָך אַלע איבעריגע ערטער געבליבען לעדיג . . .

— פאָהרט איהר, הייסט דאָס, אויך קיין מאַריענבאַד? — האָט זיך מיין חיה-עטיל געווענדעט צו איהר מיט אַ שמחה און בשעת מעשה בעטראַכט די מאַסיווע יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע און גע-חדוש'ט זיך, צו וואָס פאָהרט אַזעלכעס אין די וואַרמבעדער? וואָס פעהלט איהר, למשל? . . . די יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע האָט זיך אַ פּנים אָנגעשטויסען, וואָס בעדייט דער דאָזיגער קוק, און האָט זיך פערענטפערט:

— איך פאָהר קיין מאַריענבאַד אַלע זומער, נישט, חלילה, אויף דער קור; איך בין, דאַנקען גאָט, געזונד און שטאַרק אויף אַלע אברים (מע זעהט דאָס!) הלוואי ווייטער נישט ערגער (אמן!), נאָר וואָס פאָהר איך קיין מאַריענבאַד? איך פאָהר אהינצו זיך „אָבציהען"; אַז

איך בין אָב אַ וואָך זעקס אין מאַריענבאַד, לאָז איך איבער דאָרטען אַ פונט עטליכע און דרייסיג (אָהאָ!), און מאַריענבאַד איז דערצו אַ רפואה. דער חסרון איז, וואָס אַז איך קום אַהיים קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, נעהם איך אָן אויף זיך צוריק די עטליכע און דרייסיג פונט, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין מאַריענבאַד, מיט נאָך אַ פונט צוואַנציג (קיין עין הרע נישט!) מחמת דער אַפּעטיט, וואָס איך בעקום נאָכהער צום עסען, הרג'עט מיך אַוועק!...

— איז דאָך גלייכער — זאָג איך — איהר זאָלט בעסער אויפהערען פאָהרען קיין מאַריענבאַד?

— וואָס הייסט? — זאָגט זי — איך מוז דאָך פאָהרען זיך אָבציהען, אַוועקגעבען די עטליכע און דרייסיג פונט!

— קומט דאָך אייך צו — זאָג איך — צוריק עטליכע און דרייסיג פונט מיט נאָך צוואַנציג פונט, הייסט דאָך עס אַלע צוויי יאָהר אַ פוד!

— איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איהר זענט אַזאַ בעל-חשבון — מאַכט זי צו מיר מיט אַ שטאָך און מיין חיה-עטיל קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ גזלן, למאי איך מיש מיך אַריין, און איך בייס די צונג. איך זיץ און קוק אויף דער יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע און טראַכט מיר, וואָס ווערט זיין פון איהר, כדומה, למשל, טאָמער לעבט זי נאָך אַ יאָהר צוואַנציג און פאָהרט אַלע יאָהר קיין מאַריענבאַד און לאָזט איבער עטליכע און דרייסיג פונט און נעהמט זיי אָב צוריק מיט רווחים, הייסט דאָס צוואַנציג מאָל צוואַנציג, האָבען מיר אַ קימאַ-לן פון פיער הונדערט פונט, און פיער הונדערט פונט האָבען מיר אַזוי גרויס, אַ פּנים, ווי צעהן פוד.

— סטאַנציע וואָלאָטשיסק! — זאָגט אונז אָן דער קאָנדוקטאָר אַ בשורה און נעהמט אָב ביי אינז די בילעטען און אַלע פּאַסאַזשירען טוען זיך אַ חאַפּ צו די פּעקלעך און עס לאָזט זיך הערען מיט שמחה:

— די גרעניץ! די גרעניץ!

פאַר וועמען ס'איז אַ שמחה, פאַר מיר נישט, גאָט ווייס, ציַ מע וועט מיר אָבנעמען דעם באַגאַזש, וואָרום איך האָב דאָך פערגעסען אָבנעהמען ביים אַרטיעלשטשיק די קוויטאַנציע און האָב געמוזט פון וועג טעלעגראַפירען וועגען דעם קיין בויבעריק.

— וואָס וועלען מיר טאָן — זאָגט צו מיר מיין חיה-עטיל —

טאָמער, חלילה, גיט מען אונז נישט אַרויס אונזער באַגאַזש?

— למאי — זאָג איך — זאָלסטו איבערקלערען אויף ניין? טאָמער יאָ?

כך הוה. מיר זענען געקומען אויף דער סטאַנציע, האָט זיך אָנגעהויבען אַ לויפעניש פון איינעם צום אַנדערן. דער יונגערער האָט אונז אָבגעשיקט צום עלטערן, און דער עלטערער צו נאָך אַ עלטערן. דער זאָגט: ס׳איז פאַרהאַן אַ דעפּעש; דער זאָגט: ס׳איז נישטאָ קיין דעפּעש. דער זאָגט: ס׳איז דאָ אַ דעפּעש מע זאָל אַרויסגעבען, דער זאָגט: ס׳איז דאָ אַ דעפּעש מע זאָל נישט אַרויסגעבען. בקצור, מיר האָבען געמוזט געבען פון דאַנען נאָך אַמאָל אַ דעפּעש און אַליין זע־נען מיר געבליבען וואַרטען.

מיין חיה־עטיל... וואָס? איהר ווילט טאַקי וויסען, וואָס איך האָב געהאַט פון איהר? אַז גאָט וועט אייך העלפען, איהר וועט פאָהרען אין די וואַרמבעדער, בחפזו׳דיג, מיט אייער ווייב, אַזוי ווי איך, און איהר וועט פיירגעסען די קוויטאַנציע פונ׳ם באַגאַזש ווי איך, און וועט דאַרפען וואַרטען ביי דער גרעניץ איין איבעריגען טאָג ווי איך, וועט איהר דעמאָלט וויסען, וואָס מע קאָן האָבען פון אַ ווייב... איין שטיקעל גליק האָטש, וואָס די יעקאַטערינאָסלאַוער דאַמע מיט דער טאָכטער, די כלה, זענען אויך געבליבען וואַרטען ביז׳ן צווייטען צוג איבער איין אַנדער טעם: פון אָדעס האָט בע־דאַרפט אָנקומען איהרע אַ שוועסטער, וואָס פאָהרט אויך קיין מאַר־יענבאַד, און האָט פערשפּעטיגט דעם צוג, וועט זי אָנקומען מיט׳ן אַנדערן צוג.

— אויך אַזאַ... — וויל איך פרעגען און בלייב שטעהן אין מיטען.

— אַזאַ וואָס?

— אַזאַ... מיין איך... וואָס פאָהרט זיך אָבציהען?

— פערקעהרט — זאָגט זי — מיין שוועסטער איז שוין צו איין איידעלע; פאָהרט זי זיך פעררעכטען, און עס קומט איהר צו אַלע יאָהר אַ פונט פופצעהן, נאָר אַז זי קומט אַהיים פערליהרט זי פופצעהן מיט נאָך פופצעהן. זי עסט נישט כמעט גאָרנישט, זעהר איין איידעלע.

— קומט דאָך אויס — זאָג איך, — אַז אין צעהן יאָהר פערליערט זי 150 פונט, הייסט דאָס אַזוי גרויס, ווי דריי פוד מיט

דרייסיג פונט, הייַנט וואָס וועט שוין איהר איבערבלייַבען?

— ווער בעט דיך, דו זאָלסט מאַכען חשבונות? — פאַלט שוין אָן אויף מיר מייַן ווייַב און איז גע־עפּעלט. — ער האָט זיך אַ ביַיסעל צעחשבונ'ט, דער בעל-חשבון מייַנער; בערעכען בעסער, וואָס דיר קאָסט אָב דער באַגאַזש איבער דעם, וואָס דו ביסט אַ צוטראָגענער מלאך, וועסט דו בעסער מאַכען. גאָה נאָר ווער געוואָהר, ציִ ס'איז שוין דאָ אַנ'ענטפער אויף אונזער דעפּעש?

פערשטעהט זיך, אַז קיין ענטפער איז נישטאָ און עס קאָן נאָך אַזוי גיך נישט זיין, און נישט האָבענדיג, וואָס צו טאָן, גאָה איך מיר אַרויס אַ ביסעל אויף דער גאַס שפּאַצירען.

דאָס שטעדטעל וואָלאָטשיבק, האָטש סע ליגט בייַ דער גרעניץ, איז אַ קליין שטעדטעל ווי אַלע שטעדטלעך בכל תפוצות ישראל, מיט אַ מאַרק, מיט קלייטלעך, מיט יודען, וואָס דרעהען זיך אַרום מיט די שטעקלעך אין די הענד און האָבען נישט וואָס צו טאָן, און מחמת קיינער קען מיך נישט, קויף איך מיר אַ פונט אַגרעסען און גאָה מיר אַרום אין מאַרק און עס מיר די אַגרעסען פונ'ם שקאַרמעץ, און פּלוצלונג דערזעה איך פאַר מייַנע אויגען וואַקסט אויס אַ מאָדנע חיה, וואָס איך האָב אַזעלכעס אויף מייַן לעבען נישט געזעהען. אַ מין פערד אַ הויכס, מיט געלע מאַכנאַטע האָר, ערטערוויַיז מיט פליכעס, אַ ליפּ אַ צעשפּאָלטענע, צוויי האָרבעס אויף די פּלייצעס, איך וואָלט געמענט שווערען — אַ ווערבליוד! און אַ שוואַרצער ציגייַנער זיצט אויף דער ערד, אייַנגעוויקעלט אין אַ וויַיסע וואַרעמע סוויטע און קוקט מיט אַזעלכע אויגען, גלייַך ווי ס'איז איהם נמאס די גאַנצע וועלט.

איך גאָה צו צו איהם נאָהענט און בעטראַכט איהם און בעטראַכט די חיה מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ און מיט די צוויי האָרבעס.

— וואָס איז דאָס בייַ דיר? — פרעג איך איהם — אַ ווערבליוד?

— אַ ווערבליוד — ענטפערט ער מיר און קוקט נישט אין די אויגען אַריין.

— וואָס קאָסט עס? — טו איך איהם אַ פרעג און גאָה צו נאָך נעהנטער.

פּלוצלונג הויבט זיך אויף מייַן ציגייַנער, ציהט זיך אויס אין דער הויך, ווי עוג מלך הבשן, טוט אַ גלאַנץ מיט די אויגען גלייַך צו מיר אין פנים אַריין און אַ פרעג:

— פּאָקופּאַיעש ? — דו קויפסט ?

— פאַרוואָס נישט ? — ענטפער איך איהם אויף קאַטאָוועס — וואָס ווילסט דו פאַר איהם ?

— הונדערט מיט צעהן קאַרבען ? — ענטפערט ער מיר — ויפיעל גיסט דו ?

— אַ פינף-און-צוואַנציגער, — זאָג איך צו איהם אויף קאַטאָוועס.

— דאַוואַי דיענגי ! (גיב געלד !) — מאַכט ער צו מיר און טוט מיר אַ נעהם ביי דער האַנד אַזוי פריינדליך, אַז איך האָב מורא זיך אויסדרעהען פון זיינע הענד. איך קוק מיך אַרום פון אַלע זייטען און טראַכט מיר: „וואָס טוט מען דאָ ? קויפען ? וואָס טויג מיר אַ וועלבליוד ? נישט קויפען, האָב איך מורא פאַר פּעטש״... און איך וויים נישט, וואָס מיט מיר איז געוועזן... איך האָב אַרויסגענומען, במחילת כבודי, אַ פינף-און-צוואַנציגער און האָב אָוועקגעקויפט דעם וועלבליוד.

און מערקווירדיג ! אַזוי ווי ס'איז פריהער נישט געוועזן קיין נפש, אַזוי איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען נעבען מיר אַ גאַנץ רעדעל און מען האָט מיך גענומען בעטראַכטען מיט דער מציאה, וואָס איך האָב איינגעהאַנדעלט.

— פּעטער, וואָס ווע‌סט איהר זיך הייסען געבען פאַר דער נבלה ?

איך האָב געוואָלט, מע זאָל מיר אומקעהרען מיין געלד, איך האָב געוואָלט אָנווערען פריהער אַ פינפערל, נאָכדעם אַ צעהנערל — עס געהט נישט ! איך האָב איהם געוואָלט אָוועקגעבען אומזיסט, אָוועקשענקען, האָט מען מיר געזאָגט:

— האַלט זיך געזונטערהייד !

וואָס טוט מען ? איבערלאָזען איהם אין מיטען מארק און אַליין אָוועקגעהן ? איז מיר געוועזן אַ בזיון און אַ ביסעל האָב איך טאַקי מורא געהאַט אויך, טאָמער געהט מען מיר נאָך ביז'ן וואָקזאַל און עס ווערט געוואָהר מיין ווייב...

בקצור, איך וועל אייך לאַנג נישט מארך זיין — איך האָב צו-געצאָהלט אַ פּאָר קערבלעך און בין קוים פּטור געוואָרען פון אַ צרה !

געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפען מיין חיה-עטלי'ן אין טרערען ! וואָס איז די מעשה ? ס'איז שוין לאַנג פאַרהאַן אַ דעפּעש פון בויבעריק, די דעפּעש איז געוועזן, נאָך איידער מיר זענען געקומען,

אומזיסט טעלעגראַפירט, און דער באַגאַזש װעט זײַן אויף דער נאַכט.

— װאו ביזטו אַהינגעקומען? — פרעגט זי מיך — װי אַזוי נעהמט דאָס אַ מענש און װערט פערפאַלען אויף אַ גאַנצען טאָג און דרעהט זיך אַרום איך װײס נישט װאו און װײס נישט װאָס!

„דאַנקען גאָט, טראַכט איך מיר, װאָס דו װײסט נישט, הלואי זאָלסט דו טאקי נישט װיסען!" . . . .

אַז מיר זענען אַריבערגעפאָהרען פון פאָדװאָלאָטשיסק, איז בײַ מיר אַראָב אַ שטײן פונ'ם האַרצען. איך האָב מיך אַלע מינוט אַרומגעקוקט, צי מע פיהרט מיר נישט צוריק די מציאה, װאָס איך האָב אײַנגעהאַנדעלט. די יסורים, װאָס איך האָב געהאַט בײַם װיזירען די פעסער, די צרות, װאָס איך האָב געהאַט פון מײַן װײַב פאַר דעם אײַנגעמאַכטס, װאָס מע האָט אַרויפגעלעגט פאַר איהם אַ שטראָף, און פאַר די פאַפּי־רען, װאָס מע האָט מיר אַרויסגעװאָרפען, און בײַם געלד־װעקסלען, װאָס די חלפנים האָבען מיר פערדרעהט צװישען יאָ־און־נײַן נײַן קערבלעך, — דאָס אַלץ איז געװען בלאָטע אַקעגען דעם נאַרישען װערבליוד, װאָס איז מיר נישט אַרויסגעקראָכען פון קאָפּ אַ גאַנץ װעג, ביז גאָט האָט מיר בעשערט אַ נײַעם אומגליק אונטער קראָקוי, װאָס װערט בעשרי־בען אָט דאָ — אַ ביסעל װײַטער.

ד.

(אַ פּסק פון אַ װײַב. יודען אין קאַפּעליושלעך. װײַבער מיט פּאַרוקען. מען שמועסט פון ציערונג און חיה־עטיל פאַלט חלשות).

װאו זענען אַהינגעקומען די יעקאַטערינאָסלאַװער מאַסיװע דאַמע, װאָס פאָהרט קײַן מאַריענבאַד פערלירען דרײַסיג פונט, מיט דער טאָכ־טער, די כלה, מיט דער אײדעלער שװעסטער, װאָס זײ האָבען ער־װאַרטעט פון אָדעס — װײס איך נישט; זײ זענען װי אין װאַסער אַרײַן. עס קאָן זײַן, זײ האָבען זיך בעזעצט אין אײן אַנדער װאַגאָן און איך האָב זײ געװאָלט גערן זוכען, האָט מיר מײַן חיה־עטיל גע־געבען אַ פּסק און איז דוקא געװען נישט אומגערעכט.

— וואָס הייסט — זאָגט זי צו מיר — מיר זענען נאָר-וואָס אַריבער די גרעניץ, ווילסט דו מיך שוין איבערלאָזען איינע אַליין אין אַ פרעמד לאַנד און געהן זוכען פרעמדע ווייבער?

— טאַקי פון דיין טובה וועגען — וויל איך מיך פערענטפערן, נאָר איך מאַך ערגער: „זי דאַרף ניט, זאָגט זי, מיינע טובות, זי קאָן זיך, זאָגט זי, בעגעהן אָהן זיי, און צווישענס, אַז עס וועט איהר זיין שטאַרק סקוטשנע, וועט זי זיך, נישקשה, אַליין אַבזוכען אַ קאָמפּאַניע...“ — און כך הוה: מיר זענען נאָר געקומען אונטער לעמבערג, האָט אונזער וואַגאָן אָנגעדרייבען אָנגעפּילט ווערען מיט יודען און ווייבער — און וואָסערע יודען! וואָסערע ווייבער! וואָסערע קאַפּעליושלעך, וואָסערע קאַפּאָטעס מיט וואָסערע גאַרטעלעך און מיט וואָסערע שיך-און-זאָקען! און די ווייבער — צנועות! טראָגען מושקעס, גאַנצע שלייערס אויף די קעפּ — רבי'צינס! היינט די שפּראַך זייערע! זייער אַרט רעדען אַלע אינאיינעם, און פונ'ם גאָרגעל! און מיט די הענד, און מיט אַ ניגון!

— אָט דאָס זענען „דייטשען“? — מאַכט צו מיר חיה-עטיל מיט די אויגען.

— וואָס זאָגסט דו דערויף? — ענטפער איך איהר אויפ'ן וואונק.

— ארץ ישראל! — מאַכט צו מיר מיין ווייב.

קיינמאָל האָט נאָך מיין ווייב אַזוי גלייך נישט געזאָגט, כ'לעבען, ארץ ישראל, ווי איך בין אַ יוד!

מיר האָבען זיך ביידע געפיהלט עפּיס אַזוי היימיש, גלייך ווי מיר וואָלטען געקומען נישט קיין אויסלאַנד, נאָר קיין בערדיטשעוו אָדער קיין יאַרמאָלינעצ אויפ'ן יריד. דער חילוק איז נאָר געווען דאָס, וואָס ביי אונז אויפ'ן באַהן, אַז עס מאַכט זיך אַזאַ קאָמפּאַניע, האָט מען בזיונות פון די אַלע איבעריגע פּאַסאַזשירען, עס ווערט אַ שמועס וועגען יודען, וואָס זענען אומעטום פול און וואָס האָבען שוין איינגענומען כמעט דאָס גאַנצע לאַנד, און עס לאָזען זיך הערען די בעקאַנטע ווערטער: „קאַהאַל“, „זשידי“, „עקספּלאָאַטאַטאָרי“, וכדומה זיסע נעמען, וואָס מע איז שוין מיט זיי ביי אונז, ברוך השם, געוועהנט געוואָרען.

געוועהנליך האָבען מיר זיך מיט דער דאָזיגער קאָמפּאַניע גיך בעקאַנט און גאַנץ געשמאַק צערעדט זיך. דערהערט פון אונז, אַז

מיר זענען פון „רוסלאַנד“, האָבן די דאָזיגע „דײַטשען“ געקוקט אויף אונז מיט משונה מאָדנע אויגען, אונז בעטראַכט, ווי מע בעטראַכט אַ שטײַנגער מאַלפּעס: דאַכט זיך מענש, און פאָרט נישט מענש... זיי האָבן בײַ אונז אויסגעפרעגט איטליכס ברעקעלע, געוואָלט אויסטאַפּען, וואָס בײַ אונז אונטער די נעגעל טוט זיך. זיי האָבן זיך אַלץ נאָכגעפרעגט בײַ אונז, וואָס מיר עסען? צו וועלכען רבי'ן פאָהרען מיר? און צי זענען מיר געוועזען אין „פּעטערסבורג“? און צי האָבן מיר געזעהען מאָסקווע?

קוקענדיג אויף זיי, האָט מען געקאָנט זיכער מיינען, אַז די דאָזיגע „דײַטשען“ טוען גאָרנישט, נאָר זיי פאַרנעהמען זיך מיט פּאָליטיק. צום סוף, אַז איך האָב מיך גוט צוגעהערט צו זייערע שמועסען, האָב איך מעהר נישט געהערט פון זיי אַ חוץ „באַקפיש“, „אַ געפּימערט געניזעל“, קאַלבסבראַטען“ וכדומה אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען שייך צו דער קישקע...

דאָס איז געוועזען בײַ מיר צווישען די מאַנסבילען, און דאָרט בײַ מײַן ווײַב, צווישען די דײַטשע צנועות, איז געגאַנגען גאָר אַנ'אַנדער שמועס: די ווײַבער פון ביידע צדדים האָבן גערעדט פון דער „מאָדע“, וואָס מע טראָגט „בײַ אונז“ און וואָס מע טראָגט „בײַ זיי“ און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז האָטש זיי זענען „דײַטשען“ און מיר זענען „רוסען“, פונדעסטוועגען האַלט מען בײַ אונז פון דער היינטיגער מאָדע אַ סך מעהר ווי בײַ זיי.

— אַ סימן האָט איהר — זאָגט צו זיי מײַן חיה-עטיל — נעהמט אַ שטייגער אײַער ציערונג און אונזער ציערונג. בײַ אונז אַ „פּרוי“ (מײַן חיה-עטיל האָט זיך שוין אָנגענומען פון זיי און האָט שוין אָנגעהויבען „שפּרעכען אויף דײַטש“) בײַ אונז אַ „פּרוי“ זאָל אָנטאָן אַזעלכע צווייי באָמבעס אין די אויערען, וואָלט מען איהר נאָכגעלאָפען אין גאַס...

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען צו אַ לעמבערגער דאַמע מיט אַ פּאַרוק און מיט צוויי גאָלדענע אויערינגען, וואָס האָבן זיך מאָדנע געבאָמבעלט אַהין און אַהער.

— און וואָסערע אויערינגלעך טראָגט מען בײַ אײַך אין רוסלאַנד? — האָט זיך אָנגערופען פון דער זײַט נאָך אַ דאַמע מיט אַ רויט פּנים און מיט נאַסע אויגעלעך, וואָס איז ביז אַהער געזעסען אַליין אין אַ ווינקעלע און האָט געשוויגען.

— בײַ אונז טראָגט מען שוין אײַן מאָל אויערינגלעך! — רופט זיך אָן צו איהר מײַן חיה-עטיל און פוילט זיך נישט און עפֿענט אויף דעם גרויסען „קאָפֿער" (איך הויב שוין אויך אָן שפּרעכען אויף דײַטש) און נעהמט אַרויס פֿון דאָרט דאָס קלײנע רענדלע מיט׳ן ציערונג, וואָס איך האָב איהר געקויפט דורך דער גאַנצער צײַט, זינט בײַ מיר האָט זיך בעוויזען געלד.

עס ווײַזט אויס, אַז דאָס ציערונג איז רעם עולם שטאַרק געפֿעלען, וואָרום אַלע װײַבער אויך אַ פּאָר מאַנסבילען האָבען שטאַרק אַרײַנגעקוקט אין די קעסטעלעך אַרײַן, בעטראַכט מײַן װײַב׳ס שײנע אויערינגלעך מיט די גוטע פֿינגערלעך מיט די פּערעל, און מיט׳ן גאַנצען איבעריגען שמוק, וואָס זי האָט זיך נישט געוואָלט מיט דעם צעשײדען אפֿילו אויף אײן טאָג.

— וואָס טויג דיר דאָס ציערונג אין די װאַרמבעדער? — טענה איך מיט איהר נאָך אין דערהײם פֿאַר׳ן אוועקפֿאָהר — אַ קשיא אויף אַ מעשה, טאָמער, חלילה, גנב׳עט מען דאָס בײַ דיר אַוועק?

— און וואו בין איך? בײַם זיך אָב די צונג! — ענטפֿערט זי מיר — דו דאַרפֿסט אָבער תמיד אויסלעגען צו בײזען!...

— מילא, אַ דאגה! — טראַכט איך מיר — דײַן ציערונג דײַן דעה!...

דערוויײַל האָב איך מיך מיט מײַנע „דײַטשען" אַזוי פֿערדרעהט וועגען פּאָליטיק און אַנדערע ענינים, אַז (כ׳בין זיך מודה ומתודה!) איך האָב גאָר פֿערגעסען, אַז ס׳איז פֿאַרהאַן ערגיץ אַ חיה-עטיל אויף דער וועלט... און ערשט ווען האָב איך מיר דערמאָנט? ערשט העט-העט, אַז דער גראָבער דײַטשישער קאָנדוקטאָר מיט׳ן מאָדנע היטעל אויפֿ׳ן קאָפּ און מיט אַ אומגעלומפּערט גרויסען שליסעל אין די הענד איז דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ אונז און האָט אויסגערופֿען דוקא הויך אויף אַ קול, מיט אַזאַ שפּראַך, וואָס איז שווער צו פֿערשטעהן, געקראַקעט ווי אַ וואָראָנע: — קראַ-קאַ-ו! קראַ-קאַ-ו!

און דאָס איבעריגע זאָל איך אַזוי וויסען פֿון איהם!

— אָט דאָ — זאָגט צו מיר מײַן חיה-עטיל — װעלען מיר עפּיס נעהמען אין מויל אַרײַן.

און זי נעהמט מיך אונטער דער האַנד אויף דעם אַריסטאָקראַטי-

שען אופן און מיר מאכעןביידע א שפאציר איבער'ן שענעם גרויסען וואקזאל גאנץ אויפגעלעבט, ווי א יונג פאר'ל נאר־וואס נאך דער חתונה.

אינ'ם לעבען פון מאן און ווייב טרעפען זיך זעלטען אזעלכע גליקליכע מינוטען, אזעלכע שענע טעג מיט אזא לויטערן הימעל. מעהרסטענטייל איז, אדער חמארנע, אדער עס רעגענט, אדער גרויסע קעלטען, אדער עס ברענט די זון אומברחמנות'דיג, בריהט און סמאלעט מיט סכנות נפשות, אדער עס ברעכט אויס פלוצלונג א וואלקענבראך, נאכדעם בעווייזט זיך די זון אויף א ווײַלע, טוט א שמייכעל און ווערט פערשוואונדען.

אוב ביי אייך קומט דאס פאר אנדערש, זענט איהר אודאי א מוצלח, געבוירען, ווי מען זאגט, אין א הייבעל; ביי מיר מיט מיין חיה־עטלען, בין איך זיך מודה, קומען פאר זעלטען אזעלכע גליקליכע לויטערע זונענדיגע טעג. ווער פון אונז איז דא מעהר חיב — קאן איך אייך נישט זאגען. איך בין בטבע א יוד א צו־להכעיס'ניק און מיין ווייב איז א דאמע מיט נערוועז; צו־להכעים מיט נערוועז — איז פייער מיט וואסער, סאדע מיט קרעמעטארטערום; קומען זיי זיך צענויף אינאיינעם — קאכט עס...

דערפאר אבער, אז עס גיט זיך אויס ביי אונז א שענער טאג און די זון טוט א שיין, בענוצען מיר זיך דערמיט ווי ווייט מעגליך און שעפען פערגעניגען מיט'ן פולען מויל.

— חיה־עטיל קרוין, וואס זאגסט דו אויף דעם לאנד, ווי פריי, ווי גוט דא איז!

— א גן־עדן! — זאגט זי צו מיר, ווי איהר שטייגער איז און טוט מיר א קוק אין די אויגען אזוי פריינדליך, אז עס ווייזט זיך מיר אויס, אז קיין שענערס פון איהר איז נישטא אויף דער וועלט, און איך רוף זיך אן צו איהר:

— ווי מיינסט דו, נשמה מיינע, וואלסט וועלען, א שטייגער, זיך דא בעזעצען אויף שטענדיג?

— מיט דיר? אך, פארוואס נישט?

— מיט דעם, וואס איז ליעב, אפילו אין א שאלאש! — זאג איך צו איהר מיט דעם נוסח, וואס אין די ביכלעך שטעהט געשריבען. דערויף ענטפערט זי מיר נאר מיט א זיס שמייכעלע, איינס פון

די שמײכלעך, װאָס מאַכט פרעהליך דעם הימעל, די ערד, די גאַנצע װעלט. אַלע מענשען בעקומען דעמאָלט גאָר אַן׳אַנדער פּנים, אפילו דער קאָנדוקטאָר, װאָס געהט פאַרבײַ, אפילו דער זשאַנדאַרם מיט׳ן גרויסען פּעדער, אפילו דער אָרימער דײַטש, װאָס שטעהט אָבגעריסען און װאַרט אויף אַ נדבה — אַלץ, אַלץ בעקומט אײן אַנדער פּנים מיט אײן אַנדער געשטאַלט, אַלץ שמײכעלט, אַלץ זינגט, אַלץ טאַנצט, אַלץ גריסט צו אונז גאָר פרײַנדליך!

— חיה-עטיל...

— װאָס איז, מײַן טײַערער?

— לאָמיר זיך געבען אײנס דאָס אַנדערע דאָס עהרען-װאָרט, אַז פון הײַנט אָן און װײַטער זאָלען מיר זײַן שטענדיג שלום, שטענדיג גוט, קײנמאָל זיך נישט קריגען, קײנמאָל זיך נישט...

פּלוצלונג רײַסט זי אויס בײַ מיר איהר האַנד, טוט זיך אַ װאָרף צוריק און שרײַט-אויס נישט מיט איהר קול:

— דאָס קוישעל! דאָס קוישעל!

— גאָט איז מיט דיר! װאָסער קוישעל?

— דאָס קוישעל מיט׳ן ציערונג! — שרײַט זי אויס און פאַלט חלשות.

. . . .

װיפיעל מענשען עס זענען געװען אויף׳ן װאָגזאַל, זענען זיך אַלע צענויפגעלאָפען. עס איז אויסגעװאַקסען אין דער מינוט אַ דאָקטאָר מיט אײן אַפּטײק און מע האָט מײַן חיה-עטלען אָבגעמינטערט. און אַז מע האָט זי אָבגעמינטערט, האָט זי זיך ערשט דעמאָלט רעכט צעװײנט.

— װעה איז מיר, װינד איז מיר! מײַן ציערונג! מײַן ציערונג!!

עס האָט נישט געהאָלפען מעהר קײן גוטע רײד, קײן טרײסטען, קײן צוזאָגען איהר קויפען אַנדער ציערונג — זי װיל נישט הערען, זי ברעכט די הענד, זי װײנט, זי חלש׳ט, זי עקט זיך.

— אוי װעה מײַן ציערונג! נישטאָ קײן ציערונג! פערפאַלען דאָס ציערונג!

. . . .

דאָס ציערונג איז פערפאַלען און די מאַסיװע דאַמע מיט דער טאָכטער, די כּלה, האָבען זיך געפונען.

— װאָס איז אײַך געשעהען, װעה איז מיר? — פרעגט אונז

די מאַסיװע דאַמע, און אַז זי װערט געװאָהר פון אונזער שאָדען, בראָכט זי די הענד און פרעגט, װי אַזױ פיהרט מען דאָס אָט אַזױ ציערונג פון אױבען-אױף? און אַלע, װאָס דערהערען פון שאָדען, בראָכען די הענד און פרעגען, װי קומט דאָס, מע זאָל פיהרען ציערונג אַזױ אױבען-אױף?

— ס'איז אַלץ ער, ער מיט זײַן צונג! — זאָגט חיה-עטיל, און איהר װײסט דאָך שױן, װעמען זי מײנט!...

ה.

(װידער נערװען. אַ גרינגער לולב פון אָדעס. חיה-עטיל בלאָזט זיך. אַ רפואה צו דער מכה. די מוהמע נחמה פון אַצעלעס).

ביז מיר זענען געקומען קײן װין, איז מײַן חיה-עטיל (פאַר צרות אַ פנים) קראַנק געװאָרען אױפ'ן רעכטען אמת און האָט מיר פערשטערט די נסיעה צום ערשטען אַרױספאָהר. װאָס איהר איז געװען, איז שװער צו זאָגען; די נערװען האָבען זיך איהר אַזױ צעשפּילט, אַז מע האָט דאָס געקענט אַרױסזעהען אױף מיר. לאַכט נישט: אַ מענש, װאָס האָט אַ װײַב מיט נערװען, דערקענט מען דאָס בײַ איהם אױפ'ן פנים. װײַזט מיר װעמען איהר װילט דאָס ערשטע מאָל און לאָם איך מיט איהם רעדען אַ צװײ װערטער, װעל איך אײַך באַלד זאָגען, צי זײַן װײַב האָט נערװען, צי נײן. מע דאַרף דערצו האָבען אַ גענײט אױג...

מיטלען צו נערװען זענען פאַרהאַן אַ סך און אַלע טױגען אױף כפרות. דאָס בעסטע פון אַלע מיטלען — מע זאָל לאָזען צורוה, און אַזױ טו איך טאַקי. װאָס זי זאָל מיר נישט זאָגען, ענטפער איך איהר נישט דאָס אַנדערע װאָרט. איך נעהם אָן אַ פול מױל מיט װאַסער און שװײַג. פון איהר רעדען מיט מײַן שװײַגען לאָזט זיך אַמאָל אױס גאַנץ מיאוס, נאָר דאָ אין װאַגאָן האָב איך דערפאַר קײן מורא נישט, װאָרום אַקעגען אונז זענען געזעסען די יעקאַטערינאָסלאַװער מאַסיװע דאַמע, װאָס האָט נישט אױפגעהערט צו קײַען, און די טאָכטער, די

כלה, וואָס האָט געקוקט כסדר אין שפּיגעלע און געזעהען, אַז זי האָט פּרישטשעס אויפ'ן פּנים, און די אײדעלע שוועסטער פון אָדעס, וואָס איז געווען אַזוי גרין און אײדעל, אַז זי האָט אויסגעזעהען, ווי איין איבערגעבונדענער לולב ערב סוכות.

אויף וויפּיעל חיה-עטיל איז געווען מיט זײ פריהער נאָהנט, אויף אַזוי פּיעל האָט זי זיך נאָכדעם פון זײ דערווײטערט און כמעט גאָר אויפגעהערט מיט זײ צו רעדען, און האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אויך מיט זײ נישט רעדען; נאָר ווי אויף צו להכעיס האָבען זיך אַלע דרײ דאַמען אַלע מאָל געווענדעט צו מיר מיט איין אַנדער בקשה. איך זאָל זיך מטריח זײן אַראָבנעהמען דאָס רענצעל, אויפבינדען דאָס פּעקעל, צומאַכען דעם פענסטער, אַ לויף טאָן אויפ'ן וואָגזאַל עפּיס קויפען וכדומה אַזעלכעס קאָמיסיעס, וואָס מע מוז אויף זיך טראָגען, בשעת מע נעהמט אויף זיך דעם גלות פון דאַמען... מעהר פון אַלעם האָט מיר דערקוטשעט דער „גרינער לולב" פון אָדעס. אויף וויפּיעל זי איז מיאוס, אויף אַזוי פּיעל האָט זי זיך פאַר מיר געבראָכען און געברעקעלט, און האַלט זיך פאַר אַ פּאַרשוין אײנע אין דער וועלט. מיר האָט זיך געגלוסט אַלע מינוט איהר זאָגען דעם אמת און דוקא צום גראָם: מאַדאַם! איהר זענט גרין ווי גראָז און האָט אַ לאַנגע נאָז...

אײך האָט זיך קײנמאָל נישט געטראָפען, אַז אויף דער צונג זאָל בײ אײך ליעגען אַ נאַרישקײט און עס זאָל זיך רײסען אַרויסצוזאָגען? איך האָב אַמאָל פאַר אַזאַ מעשה געהאַפּט פּעטש, נישט פאַר אײך געדאַכט, און אַ סך... נאָר איך האָב פערגעסען, אַז מיר שמועסען פון דער נסיעה אין די „וואַרמבעדער" און מע טאָר נישט רעדען פון זײטיגע ענינים.

בקצור, די דאַמען האָבען זיך מיט מיר געשאַפט און מײן ווײב האָט זיך געבלאָזען און געפײערט אויף זײ און אויף מיר און אויף דער גאַנצער וועלט מיט סכנות נפשות! איך האָב געפיהלט, אַז עס בלאָזט אַ שלעכט ווינטעל, אַז אָט-אָט הויבט זיך אויף אַ מורא'דיגער שטורם-ווינט, אָט-אָט רוקט זיך אָן אויף מיר אַ חמאַרע און עס ברעכט אויס אַ אונגליק, רחמנא ליצלן... דער אויבערשטער איז דאָך אָבער איין אל ארך אפּים ורב חסד, שיקט ער צו די רפואה פאַר דער מכה. האָט ער אויף מיר רחמנות געהאַט און צוגעשיקט מיר צו הילף אַ נײע דאַמע, דאָס הײסט, דאָרט אין דערהײם איז זי אַ „יודינע", נאָר דאָ, און ווײל זי פאָהרט אין די וואַרמבעדער, רוף איך זי „דאַ-

מע"... דורכגעגאַנגען דורך אונזער וואַגאָן און דערזעהן מײַן װײַב, איז זי צוגעלאָפען צו איהר, איז איהר געפאַלען אויפ'ן האַלז און מען האָט זיך גענומען אײַנס דאָס אַנדערע קושען אַזוי שטאַרק, אַז דער גאַנצער עולם האָט אויף זײַ געקוקט און געשמײַכעלט.

— אוי, חיה־עטיל, ס'איז דו? אָט װעל איך מיר אַ מעשה אָנטאָן!

— מוהמעניו, װי קומט איהר אַהער?

— װאוהין פאָהרסט דו דאָס, חיה־עטיל, נשמה מײַנע האַרציגע, אפשר אין די וואַרמבעדער?

— געװעהנליך אין די וואַרמבעדער; נו, און איהר, מוהמעניו, װאוהין פאָהרט?

— אויך אין די וואַרמבעדער, אָט דאָס איז אפשר דער מאַן דײַנער? איך װעל מיר אַ מעשה אָנטאָן!

און אַזוי האָבען מיר זיך בעקאַנט, דאָס הײַסט, פאַרגעשטעלט אָהן נעמען און אָהן װערטער: איך בין געװאָהר געװאָרען, אַז זי איז מײַן חיה־עטיל'ס אַ מוהמע פון אַ קלײַן שטעדטיל מיט אַ מאָדנעם נאָמען—אַצעלעס. דאָס הײַסט, שרײַבען שרײַבט זיך עס װאָלאָצענאָלאָװאָ, נאָר יודען, װאָס האָבען פײַנט לאַנגע נעמען, האָבען דאָס פערקירצט אויף אַצעלעס און מע רופט זי: די מוהמע נחמה פון אַצעלעס.

— װאוהין־זשע פאָהרט איהר, מוהמעניו, אין װאָסער אָרט אַרײַן? — פרעגט זי חיה־עטיל.

— לאָז מיך אַזוי װיסען פון בײַז מיט דיר אינאײַנעם, װי איך װײס, װאָס פאַר אַ נאָמען דאָס האָט! דאָס הײַסט, איך האָב אפילו יאָ געװאוּסט דעם נאָמען, נאָר איך האָב שוין פערגעסען. געדענקען געדענק איך, אַז עס לאָזט זיך אויס מיט אַ „באָד".

— אפשר מאַריענבאַד?

— סע קאָן זײַן, אַז מאַריענבאַד.

— ציִ אפשר קאַרלסבאַד?

— האָסט געפועל'ט בײַ מיר אַזוי אויך, לאָז זײַן קאַרלסבאַד.

— ציִ אפשר פראַנצענסבאַד? אָדער באַדענבאַד?

— לאָז זײַן פראַנצענסבאַד, הײַסע באָד, קאַלטע באָד, אַבי אַ באָד... דער דאָקטאָר האָט מיר געהײַסען פאָהרען אין די וואַרמבעדער, פאָהר איך. איך פיהר מיט זיך אַ בריעף פון איהם צום פּראָפעסאָר, מסתמא שרײַבט ער שוין דאָרטען אין װאָסערע בעדער.

אונזער מוהמע נחמה האָט, נישקשה, פערדיענט איך זאָל אייך זי בעשרייבען ווי סע געהער צו זיין, איבערגעבען אין קורצען איהר ביאָגראַפיע: ערשטענס, איז זי דאָך מיין חיה-עטיל׳ס איין איינענע מוהמע, דאָס הייסט מיין שוויגער׳ס איין איינענע שוועסטער, און מיין ווייב׳ס מוהמע געהער דאָך מיר אויך אָן אַ מוהמע. און צווייטענס איז זי אַזאַ פּאַרשוין, וואָס איז, כ׳לעבען, כדאי זיך מיט איהר צו בעקענען אַ ביסעל פון דער נאָהנט.

אין דער יוגענד, ווייזט אויס, האָט זי בעדאַרפט זיין אַ גאַנץ שענע און בטבע איז זי נאָך היינט אויך אַ לעבעדיגע, אַ פרעהליכע נשמה און האָט ליעב לעבען אַ גוטען טאָג. דעם ערשטען מאַן האָט זי געהאַט איין אַלטען שטורמאַק, פערשוואַרצט געוואָרען מיט איהם נישט לאַנג, געבליבען נאָך איהם אַ יונגע אַלמנה אָהן קינדער, נאָר מיט געלד, ביידע זאַכען דוקא נישט קיין חסרונות אויף צו חתונה האָבען דאָס אַנדערע מאָל און נעהמען אַ מאַן נאָך איהר באַגעהר און אַנהויבען מאַכען אַ לעבען איבערגאַנייס. וואָס פאַר אַ מין נפש איז איהר צווייטער מאַן, וואָס זי האָט איהם גענומען „נאָך איהר באַגעהר", קאָן איך אייך נישט זאָגען; איך ווייס נאָר, אַז ער אַליין זיצט אין אָצעלעס און זי האָט ער אַרויסגעשיקט אין די וואַרמבעדער אויף אַ וואָך זעקס, זי זאָל זיך אָנטאָן „כל הפערגעניגען שבעולם", נישט זשאַלעווען קיין געלד און וואָס איהר האַרץ גלוסט, דאָס זאָל זי טאָן און וואָס איהרע אויגען זעהען, דאָס זאָל זי קויפען.

אַזוי זאָגט די מוהמע נחמה פון אָצעלעס, און איך זעה, אַז אַלע פיינע דאַמען זענען זי מקנא, וואָס זי איז אַזוי פריי און האָט אַזאַ גליקליך לעבען ביי איהר מאַן, און — אוי וועה! איך מוז מודה זיין, אַז אפילו מיין חיה-עטיל אַליין קוקט אויף דער מוהמע און אויף מיר, און איך ווייס, וואָס איהר קוק בעדייט; איהר קוק בעדייט: „אָט וואָס ס׳הייסט אַ מאַן אויף דער וועלט!..."

און די מוהמע נחמה פון אָצעלעס האַלט אין איין רעדען; דאָס מויל מאַכט זיך איהר נישט צו אויף קיין מינוט. אַליין איז זי אַ קליינינטשקע, אַ ווייסינקע, אַ קיילעכיגע, מיט אַ ווייס קיילעכיג גוידער׳ל, מיט אַ נעזעל ווי אַ פאַסאָלקע, מיט גרויע אייגעלעך, און אַ קול האָט זי אַ הייזעריגס, און אַז זי רעדט, טאַנצט זי אונטער, דרעהט זיך אויף אַלע זייטען, פערגעסט אַלע מינוט, וואו זי האַלט אין די יוצרות, מישט צונויף קאַשע מיט באָרשט מיט נעכטיגע טעג, טוט זיך אַ פּאַטש מיט

שווערען אַ גראַף, אַ מאַגנאַט, צום סוף איז דאָס אַ שווייצאַר. האָפּט אַראָב דאָס היטעל און טראָגט אונז אַקעגען זעהר אַ שענעם גוט-מאָרגען.

— פיעל צימער ווינשען זיע? — מאַכט ער צו די דאַמען.

— וואָס ווינשט ער? — זאָגט די מוהמע נחמה, און מיר בײדע לאַכען.

— ער פרעגט, וויפיעל נומערן — זאָג איך.

— זאָג איהם אויף דייטש, אַז צוויי — מאַכט צו מיר חיה-עטיל און איך בעוויַיז איהם אויף דייטש צוויי פינגער און לעג איהם צו אויף פראַנצויזיש:

— פראַנטע מאַאַשיקאַ באָנזשור!

— יאַ וואָהל! — מאַכט ער צו מיר — אַם ערשטען שטאָק! — און פיהרט אונז אַריין אין גרויסאַרטיגע חדרים.

—ווי טייער איז בײ איך, זאָגט די מוהמע נחמה, אַ מעת-לעת?

שטעהט ער, דער דייטש און קוקט אויף איהר, ווי אַ זינדיגער מענש; ער הויבט נישט אָן צו פערשטעהן, וואָס מע רעדט צו איהם, און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכעלע זיס, ווי צוקער:

— פיליַיכט וואָלען ווירּ בעסער דייטש שפרעכען?

— זאָג איהם אויף דייטש, רופט זיך אָן צו מיר מיין חיה-עטיל, און איך מאַך צו איהם מיט די הענט, ווי איינער רעדט: מה יקר? פערשטעהט ער מיך נישט און פינטעלט מיט די אויגען... איין אומגליק מיט זייער שפראַך! בײ אונז רעדט מען אויך דייטש, נאָר ס'איז גאָר נישט דאָס דייטש, וואָס בײ זיי. איך באַגעגען מיך אַמאָל בײ אונז אין יעהופּעץ מיט דייטשען, איך מאַך מיט זיי געשעפטען. איך רעד מיט זיי האַלב יודיש, האַלב דייטש, מיר פערשטעהען איינס דאָס אנדערע. דאָ זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אַלע צייהן קאָן מען זיך אויסברעכען!

דאָס איז אָבער נאָר די ערשטע צייט, וואָס וויַיטער ווערען מיר אַלץ מעהר געוועהנט מיט דער שפראַך און מיר הויבען אָן פערשטעהן איינס דאָס אַנדערע מיט'ן קוק! אויפ'ן אַנדערען טאָג איז שוין מיין חיה-עטיל אַליין געגאַנגען מיט דער מוהמע נחמה אין די קלייטען און זיי האָבען שוין איינגעהאַנדעלט סחורה און מע האָט זיי שוין אָבגענאַרט, ווי די אמת'ע בראָדער סוחרים.

— געפעלט דיר, חיה-עטיל, די שטאָדט ווינען? — זאָג איך צו

מײַן װײַב, נאָכדעם, אַז מיר האָבען זיך שוין אײַנגעװאַשען און איבערצעטאָן פונ'ם װעג און אָבגעטרונקען טײ און אָנגעקוקט די שטאָדט װיען.

— אָנצינדען לאָז זי זיך דיר אויפ'ן פײַער! — זאָגט חיה־עטיל, — אין אַזאַ גרױסער שטאָדט זאָל נישט זײַן, װאו צו עסען!

װאָס זשע איז די מעשה? מיר זענען געגאַנגען זוכען אַ יודישען רעסטאָראַן, האָבען מיר זיך אַרומגעדרעהט איבער דער שטאָדט אַ שעה זעקס און נישט געקאָנט געפינען. װעמען מיר האָבען געפרעגט, איז אָדער מע האָט אונז נישט פערשטאַנען, אָדער מיר האָבען יענעם נישט פערשטאַנען... אָט װײַזט ער אָן, דאַכט זיך, זעהר גוט: רעכטס! לינקס! פאָרװערטס!... און קומט צו עפּיס לאָזט זיך אויס, אַז עס הויבט זיך גאָר נישט אָן... האָבען מיר דעם ערשטען טאָג טאַקי געגעסען מכות, געלעבט מיט קאַװע און מיט לײַזע אײער און מיט װינער פוטערגעבעקסלעך, װאָס צוגעהען זיך אין מויל, װי שנײ אויף דער זון.

ערשט אויפ'ן צװײטען טאָג האָבען מיר דערטאַפּט אַ יודישען רעסטאָראַן מיט'ן נאָמען „כשר". און נאָך װאָס פאַר אַ מין כשר! כשר צו כשר איז נישט גלײַך! דער רעסטאָראַטאָר, האָטש ער „שפּרעכט דײַטש", נאָר ער געהט מיט אַ יאַרמעלקע אויפ'ן קאָפּ, און צום עסען װאַשט מען זיך, און די געסט געהען צו אײנס צום אַנדערן און מע גיט זיך אָב שלום און מע פרעגט זיך אויס, פון װאַנען פאָהרט אַ יוד? און װאוהין? און װאָס? און װען? און אויב געשעפט, איז צוליעב װאָס פאַר אַ געשעפט? און אויב צום דאָקטאָר, איז צו װאָסער דאָקטאָר? — מיט אײנעם װאָרט גאַנץ יודישלעך, פונקט װי אין װאַרשאַ.

ז.

(צװישען יודען װערט מען נישט פערפאַלען. אײן עצה פון אַ רעסטאָראַטאָר. אַ קאָמיסיאָנער פון לאָמפּענגלעזער אונטערזוכט מײַנע דאַמען.)

„צװישען יודען, זאָגט די װעלט, װערט מען נישט פערפאַלען"... זאָלט איהר טאַקי װיסען, אַז ס'איז אמת; װאָס װאָלטען מיר

געטאָן, למשל, ווען מיר שלאָגען זיך נישט צו צו קיין יודישען רעסטאָראַן, וואו דער רעסטאָראַטאָר איז אַזוי פריינדליך און שלאָגט זיך אָן מיט זיינע עצות, צו וואָסער דאָקטאָר מיר זאָלען געהן? ווערדליג די דייטשען מיט זייער שטומפּיגער שווערער שפּראַך, וואָלטען מיר זיך אַרומגעדרעהט אין וויען ימים ושנים. וואָס געהט דאָס אָן, אַ שטייגער, דעם שווייצאַר פון האָטעל, וואָס מיר טוען אין וויען? פון זיינעטוועגען וואָלטען מיר געמעגט דאָרט האַלטען ראש השנה און אפילו די אַנדערע טעג סוכות, אַבי מיר זאָלען שטעהן ביי איהם אין זיין גרויסאַרטיגען האָטעל, טרינקען די שענע טיי, וואָס מע דערלאַנגט אונז פונ'ם קעסיל און צאָהלען איהם פאַר איטליכען טרונק וואַסער און פאַר דער מאַשינע, וואָס מע הויבט אונז אויף און מע לאָזט אונז אַראָב צוואַנציג מאָל אַ טאָג, וואָס מיין חיה-עטיל איז דערפון ווינציג-וואָס צופריעדען. זי זאָגט, אַז עס דרעהט זיך איהר דער קאָפּ אויף צו חלש'ען, און די מוהמע נחמה פון אָצעלעס האָט דאָס ערשטע מאָל דערפון אַזוי זיך צושריען, אַז מיר זענען געוועזען שטאַרקער פון אייזען, אַז מיר האָבען נישט געפּלאַצט פאַר געלעכטער...

נישט אַזוי איז אָבער צווישען יודען; דער בעל-הבית פון דער יודישער רעסטאָראַציע האָט אונז באַלד גענומען אויפ'ן צימבעל: ווער זענען מיר? פון וואַנען? וואוהין פאָהרען מיר? וואָס איז אונזער שלאַפקייט? און צו וואָסער פּראָפעסאָר דאַרפען מיר? דערהערט, אַז מיר פאָהרען אין די וואַרמבעדער און אָנגעשמעקט, אַז ס'איז פאַרהאַן געלד, האָט ער אונז אַנידערגעלעגט אַ צעטעל, אַז מיר מוזען זיך פריהער זעהען מיט'ן פּראָפעסאָר, וואָרום מיר קאָנען ווערען אומגליקליך טאָמער פאָהרען מיר אין די וואַרמבעדער אָהן פּראָפעסאָר! בלייבט די קשיא: וואָסער פּראָפעסאָר? — דאָס קאָן אונז זאָגען דער דאָקטאָר. און וואָסער דאָקטאָר? — דאָס קאָן אונז זאָגען נאָר דער שוואָגער זיינער; דער שוואָגער זיינער איז צונויפגעבונדען מיט אַלע דאָקטוירים, אויב מיר ווילען, זאָלען מיר וואַרטען אויף זיין שוואָגער.

איז דאָך מסתמא מיר די געשיכטע נישט געפעלען.

— אפשר וואָלט געווען אַ סברא — זאָג איך — מיר זאָלען זיך דורכשלאָגען גלייך צום פּראָפעסאָר? מיר זענען, חלילה, נישט פון די מסוכנ'ע קראַנקע. מיר זענען, ברוך השם, געזונטע מענשען אייגענטליך; מיר ווילען נאָר וויסען, אין וואָסער באָד מיר זאָלען פאָהרען.

— איהר מיינט אַ פּנים, אַז איהר זענט אין רוסלאַנד? — מאַכט

דער רעסטאָראַטאָר. איהר ווילט געהן גלײַך צום פּראָפעסאָר? געהט אײַך געזונטערהייד, נאָר זעהט איהר זאָלט קיין חרטה נישט האָבען.

— דאַרפסט עפּיס אָנאַרבּײַטען אַ חתונה! — מאַכט צו מיר שטילערהייד מײַן חיה-עטיל און די מוהמע נחמה האַלט זי אונטער.

— וואָס וועט דיך אַרען, אַז מיר וועלען פריהער זײַן בּײַם דאָקטאָר?

בּקצור ס'איז געבּליבּען מיר זאָלען זיך זעהען פריהער מיט'ן דאָקטאָר, דאָס הייסט מיר זאָלען געהן אַהיים און וואַרטען בּיז עס וועט קומען צו אונז דער שוואָגער פונ'ם רעסטאָראַטאָר; נאָכדעם וועט אונז דער שוואָגער בּרענגען דעם דאָקטאָר און דער דאָקטאָר וועט אונז שוין פיהרען צום פּראָפעסאָר.

געפעלט אײַך נאָר, וויפיעל פּראָטעקציעס מע בּעדאַרף האָבּען אין וויען, בּיז מע דערשלאָגט זיך צו צו אַ פּראָפעסאָר!

אַ גאַנצען טאָג זענען מיר אָבגעזעסען אין האָטעל און געוואַרט אויפ'ן רעסטאָראַטאָר'ס שוואָגער. די זון האָט שוין געהאַלטען בּײַ זעצען זיך און מיר זענען געזעסען אַלע דרײַ בּײַ איין פענסטער און געקוקט אויף דער טומעלדיגער שטאָדט מיט די נאַרישע דײַטשען, וואָס דרעהען זיך אַרום הין און צוריק אַלע אין צילינדערס... פּלוצלונג הערען מיר עמיצער קלאַפּט אין טיר אַרײַן: איינס, צוויי, דרײַ — און עס קומט אַרײַן אַ דײַטש מיט אַ טענדע-ווערענדע, מיט אַ צילינדער, מיט אַ גרויסען שטעקען, און מיט הענדשקעלעך, און כאָטש ס'איז שוין געוועזען שטאַרק נאַכט, מאַכט ער צו אונז מיט אַ נגון:

— גוטען טאַאַאַאַג!

— אַלע בּייזע וויסטע חלומות אויף מײַנע שונאים'ס קעפּ, איך וועל מיר גאָר אַ מעשה אָנטאָן! — רופט זיך אָב די מוהמע נחמה, און מיר קאָנען זיך נישט אײַנהאַלטען און שיסען אויס אַ געלעכטער.

איז דאָס דעם דײַטש אַ פּנים שטאַרק נישט געפעלען, וואָרום ער האָט זיך שטאַרק צעבּייזערט אויף אונז, וואָס מיר לאַכען און געקלאַפּט מיט'ן שטעקען אין טיש אַרײַן און אַלץ געשריען:

— אונפערשעמט!... רוסישע שווײַנען!...

אַ פּנים חזירים, הייסט דאָס?... בּיז איך האָב געמוזט אויפשטעהן און צוגעהן צו איהם און געבּען איהם צו פערשטעהן, אַז נישט פון איהם לאַכען מיר, נאָר פון דער מוהמע נחמה.

— זי איז פאַררינקט? — מאַכט ער צו מיר און גיט מיר צו

בײדע הענטלעך איבער די קײלעכיגע קלובעס: „איך װעל מיר גאר א מעשה אנטאן!״ און צעלאכט זיך אזױ, אז אלע מוזען לאכען מיט איהר אינאײנעם.

— מוהמעניו, — פרעג איך זי — בײ װאסער פראפעסאר האט אײך דער דאקטאר געהײסען זײן?

— לאם איך אזױ װיסען פון איהם! — זאגט די מוהמע נחמה — ער האט מיר דארט פערשריבען, דער שענער דאקטאר פון אצעלעס, אויף א שטיקעל פאפיער דעם נאמען זײנעם, נאר איך געדענק שוין נישט אין װאסער א שטאדט: צי אין װיען צי אין בערלין? איך װעל מיר גאר א מעשה אנטאן!

און די מוהמע נחמה זוכט אוים אין אלע קעשענעס און קאן נישט געפינען דאס שטיקעל פאפיער, װאס דער שענער דאקטאר האט איהר פערשריבען.

— װײסט איהר חאטש, לכל הפחות, דאס חולאת אײערס? — פרעג איך זי אויף א ציקאװעסט.

— אט װעל איך דיר באלד גיהן דערצעהלען מײן חולאת! — מאכט די מוהמע נחמה און צעלאכט זיך און אלע דאמען שיסען אוים אזא געלעכטער, גלײך װי איך װאלט געזאגט מי יודע װאס פאר א נארישקײט. נאר איך בין צופריעדען און דאנקבאר דער מוהמע נחמה פון אצעלעס און װעל איהר קײנמאל נישט פערגעסען די טובה, װאס זי האט זיך בעצײטענס אונטערגעהאפט און אויסגעלײזט מיך נישט אײנמאל פון א סך, א סך צרות, אי בשעת נסיעה, אי דארט אין די װארמבעדער. זי איז, קאן מען זאגען, געװען די אמת'ע רפואה צו מײן װײב'ס נערװען. קײנער האט אזױ נישט געקאנט אויפמונטערן מײן חיה-עטלען װי די מוהמע נחמה, זי מאכען בערעדעװדיג, בשעת זי שװײגט און זי מאכען לאכענדיג, בשעת זי איז פערזארגט, מרה-שחורה'דיג.

איך װינש אײך, לעזער, אויב איהר האט א װײב און דאס װײב האט נערװען, און איהר פאהרט מיט איהר אין די װארמבעדער, זאל אײך גאט צושיקען א מוהמע נחמה פון אצעלעס, װעט איהר געװעזען זײן און אויסגעלײזט װערען, אם ירצה השם, פון א סך צרות און אומגליקען, װאס א בעװײבטער מענש קאן אויף זיך האבען.

ו.

(אַ כַּלָה און וויִען. אַנ'אומגליק מיט דער שפּראַך. נישטאָ וואָס צו עסען).

ביז וויִען האָבען מיר זיך אַלע געהאַלטען איינס, אָבגערעדט מיר זאָלען אַלע פערפאָהרען אויף איין סטאַנציע, אַלע געהן צו איין פּראָפעסאָר — הכלל אומעטום אינאיינעם, נאָר פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס מיר זענען געקומען קיין וויִען, איז געקומען אויף אונז אַלעמען אַ טומעל, אַ לויפעניש מיט איין אויסחאַפּעניש. דער ערשטער אומגליק האָט זיך גענומען פון די וויִענער אַרטעלשטשיקעס, וואָס האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צו אונז, ווי די מלאכי חבלה, עפּיס גערעדט צו אונז מיט אַ מאָדנעם לשון, נישט געקוקט אין די אויגען אַריין, געחאַפּט אונזער באַגאַזש אונטער די הענט און אַ זאָג געטאָן:

— געפּעק! געפּעק!

— וואָס געפּעק? וועמ געפּעק? ווייס איך נישט. מיין חיה-עטיל וויל זיי איינהאַלטען, קוקט אויף מיר, ווי איינער רעדט: „וואָס שווייגסט דו?" נאָר די מלאכי חבלה הערען אונז ביידע, ווי המן דעם גראַגער; זיי האָבען פערנומען אונזערע פּעקלעך און מאַרש, איך ווייס אַליין נישט וואוהין, און מיר נאָך זיי.

— וואָס לאָזט דו זיי? — שרייט צו מיר מיין חיה-עטיל און לויפט מיט מיר אינאיינעם נאָך די מלאכי חבלה — פאַרוואָס פרעגסט דו זיי חאָטש נישט, וואוהין טראָגען זיי אונזערע זאַכען? דו קאָנסט דאָך מיט זיי רעדען אויף דייטש!

— מסתמא אויפ'ן וואָגזאַל — זאָג איך — וואָס האָסט דו מורא?

— אַזוי? וואָס איך האָב מורא? ס'איז דיר דאָס אַנדערע קוישעל מיט'ן ציערונג? און מיין חיה-עטיל איז שוין פאַרטיג מיר אָבשפּיעלען אַ וויוואַט, ווי איך בין ווערט, ערשט דערזעהען מיר די מוהמע נחמה פון אָצעלעס ליגען אויף דער ערד אויסגעצויגען און פערשפּרייט ביידע הענט אויף איהרע פּעקלעך, ווי אַ געטרייע מוטער, וואָס בעשיצט איהרע קינדער, אָדער ווי איין אָדלער, וואָס מע וויל ביי איהם אַוועקרויבען זיינע קליינע אָדלערלעך. איינער פון די מלאכי חבלה שטעהט

איבער איהר און װיל נעהמען טראָגען די זאַכען, לאָזט זי איהם נישט און שרייט אויף אַ קול:

— טשעפּעט נישט די װעשטשעס, איך װעל מיר אַ מעשה אָנטאָן!

אַזוי קאָמיש און לוסטיג האָט אויסגעזעהען די דאָזיגע סצענע, אַז מיר האָבען זיך ביידע נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָבען זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

— מוהמעניו, גאָט איז מיט אייך! — מאַכט צו איהר חיה-עטיל — װאָס האָט איהר מורא? אָט טראָגט מען דאָך אונזערע װעש-טשעס אויך און מיר האָבען קיין מורא נישט...

בתוך כך האָבען מיר אין דער בהלה פערלוירען די יעקאַטערי-נאָסלאַװער דאַמע מיט דער טאָכטער און מיט דער שװעסטער און אַ דאַנקען גאָט, װאָס מיר האָבען זיך חאָטש נעהאַלטען אין דרייען מיט דער מוהמע נחמה, װאָס האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן מיין חיה-עטלען ביים קליידעל, נישט אָבגעלאָזט זי אויף קיין טריט און חיה-עטיל האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן מיר און אַזוי זענען מיר געװען אַלע דריי שוין נישט צושיידט.

אויסגעריזשעט מיט גרויסע צרות דעם באַגאַזש, דערצעהלט מיר איינער פון די מלאכי חבלה, אַ רויטער דייטש מיט אַ װייסען פאַרטוך, עפּיס אַ גאַנצע מעשה אויף זיין געמוטשעט לשון, װאָס מע פערשטעהט נישט אַ װאָרט, מחמת ער רעדט נישט מיט'ן מויל, נאָר מיט'ן האַלז, און מיט אַזאַ מהירות, קוים װאָס מע האַפּט מיט'ן אויער. איינציגע װערטער נאָר האָב איך געהאַפּט: „האָטעל״... „פערד״... „װאַגאָן״...

— װאָס װיל ער, כ'װעל מיר אַ מעשה אָנטאָן!? — מאַכט די מוהמע נחמה צו חיה-עטלען.

— פרעג איהם, װאָס װיל ער? — מאַכט צו מיר מיין חיה-עטיל — פרעג איהם אויף דייטש: װאָס זאָגט ער?

— ער פרעגט — זאָג איך — װי אַזוי מיר װילען פאָהרען אין שטאָדט אַריין? צי מיט פערד צי מיט'ן טראַמװאַי?

— מיט כוסים! — מאַכט צו איהם די מוהמע נחמה און אויף מיר און אויף חיה-עטלען פאַלט אָן אַ געלעכטער.

— גענוג שוין לאַכען — זאָגט צו מיר חיה-עטיל — זאָג איהם אויף דייטש, אַז מיר ברויכען איין איזװאָשטשיק.

— פיװאָיט! — מאַך איך צו איהם און טו אַ פייף און װי אַ

שמייס מיט דער בײַטש, ער זאָל מיך פֿערשטעהן, און שטעלט איך פֿאָר, אז ער האָט מיך באַלד פֿערשטאַנען.

— יאָ וואָהל! — מאַכט ער צו מיר, און אין צוויי מינוט אַרום זיצען מיר שוין אַלע דריי אין אַ גרויסאַרטיגען פֿאַיעטאָן מיט אַזעלכע געזונטע סוסים, וואָס בײַ אונז זעהט מען דאָס גאָרנישט. אויף דעם באַגאַזש האָט ער אונז אַרויפגעפּעקעלט, דער רויטער דײַטש מיט די געזונטע פּלייצעס, איך רוק איהם אַרײַן אין יד אַרײַן אַ שעַ֫ע מטבע, האַפּט ער אַראָב דאָס היטעל און דאַנקט אונז אָן אַ פולען קאָפּ. דער קוטשער פֿון די סוסים, אַ גאַנצער דײַטש מיט אַ לולקע-ציבוק, נעהמט זיך פּאַוואָליגקע אַראָב פֿון די פֿערד די קאָלדרעס (דאָ געהען אַלע פֿערד צוגעדעקט מיט קאָלדרעס, זיי זאָלען זיך, חלילה, נישט צוקיהלען), זעצט זיך אַנידער און דרעהט אויס צו אונז דעם קאָפּ און לאָזט אַרויס אויף פּונ׳ם האַלז, נישט פּונ׳ם מויל (אַזוי רעדען זיי דאָ אַלע), עפּיס אַ מינים ווערטער מיט אַ נגון, וואָס ס׳איז שווער צו פֿערשטעהן.

— וואָס וויל ער? — מאַכט די מוהמע נחמה צו חיה-עטלען.

— פֿרעג איהם, וואָס ער וויל? — מאַכט חיה-עטיל צו מיר.

— וואָס איז, דײַטש, וואָס ווילסט דו? — מאַך איך צו איהם, מעהר מיט די הענט געוועהנליך, און די מוהמע נחמה העלפֿט מיר אונטער:

— מכח אײַן אכסניא פֿרעגט איהר?

— האָדיט שוין, מוהמעניו, זאָגט צו איהר מײַן חיה-עטיל — לאָזט איהם! מײַן מאַן וועט איהם שוין זאָגען אויף דײַטש.

מײַן חיה-עטיל׳ס ווערטער גיעבען מיר צו אַזוי פֿיעל קוראַזש, אז איך הויב שוין אָן צו רעדען אויף צוויי לשונות מיט אַמאָל: אויף דײַטש און אויף פֿראַנצויז:

— גראַנד האָטעל בעסטע קוואַליטעט פֿראַנטע קאָאַשיקאָ! און בשעת מעשה טו איך איהם אַ קנאַק מיט׳ן צונג; פֿערשטעהט ער מיך, דער דײַטש, און רופֿט זיך אָן צו מיר:

— יאָ וואָהל! יאָ וואָהל!

און עס געדויערט נישט לאַנג, פֿיהרט ער אונז צו צו זעהר אַ גרויסאַרטיג הויז מיט שפּיגעלדיגע פֿענסטער און עס לויפֿען אַרויס אַקעגען אונז נײַע מלאכי חבלה מיט שוואַרצע פֿרעק און מע האַפּט אונז אונטער די הענט און מע פֿיהרט אונז גלײַך אַרויף, און עס קומט אונז אַקעגען איינער מיט צוויי באַקען-בערד, איך וואָלט געמעגט

שוין אויף מיין לעבען געפּאַטשט אזעלכע לייט, הערסט דו, וואס דו וועסט זיך ביי זיי בעהאלטען אין קעשענע! וואס זאגט איהר, איך בעט אייך, אויף דעם משוגע'נעם דייטש מיט דעם לאקשען-טאפּ, איך וועל מיר נאר א מעשה אנטאן!... פאלג מיך, נעהם דעם וועג, וועסטו בעסער מאכען! . . . .

איך ווייס נישט, צי ער האט זיך טאקי איבערגעשראקען פאר דער מוהמע נחמה, וועלכע האט אויסגעזעהען אין דער מינוט ווי, א צערייצטע ספּאלאשעטע הוהן, וואס איז גרייט אויסגראבלען אייך די אויגען, צי ער האט גלאט נישט געוואלט האבען צו טאן אין וויען מיט א יודענע פון אצעלעס — מיין דייטש מיט דער טענדע-ווערענדע האט גענומען דעם צילינדער אין די הענט און די פיס אויף די פלייצעס און האט געמאכט פּליטה גאר אויף איין אנדער אופן, א שטאר'קען קלאפּ געטאן מיט דער טיר און אויף יענער זייט שוועל געבענשט אונז מיט'ן געוויסען נאמען: „רוסישע שוויינען", וואס מיר זענען צו דעם שוין אזוי צוגעוועהנט געווארען, א שטייגער, ווי מיר זענען געוועהנט צו א „גוט מארגען, גוט יאהר".

פון דעמאלט אן האב איך אנגעהויבען פאר דער מוהמע נחמה פון אצעלעס האבען דרך-ארץ. זי איז ביי אונז ביידען געווארען אין די אויגען העכער מיט נײן-און-ניינציג פּראצענט און ס'איז ביי אונז געבליבען, מיר זאלען זיך מיט איהר אונטערוועגנס שוין טאקי מעהר נישט צעשיידען.

גלות דאַטשע.

M. NEW

פֿערשטעהן אויף יודיש, אַז דאָס הייסט משוגע. פֿונ'ם וואָרט „משוגע" פֿערשטעהען מיר, אַז ער איז אַ יוד און איך וועל געוואָהר, אַז ער איז דעם רעסטאָראַטאָר'ס שוואָגער און ס'איז גאָר אַ סברא, אַז ער קאָן רעדען אויף אונזער לשון, און עס ווערט אויף אונז אַלעמען אַ שמחה, גיך ווערט בעשאַפֿען ווײַן (פֿונ'ם קעסיל, געוועהנטליך) און מיר טרעטען צו צו אונזער געשעפֿט.

— אַלזאָ וואָס איז זייער שלאַפֿקייט? — ציפּרעגט ער זיך בײַ אונז.

וואָס קאָנען מיר איהם זאָגען דערויף, אַז אייגענטליך ווייסען מיר אַליין נישט? איך פּרוב איהם געפֿינען אַ תירוץ, אַז איהם קאָנען מיר נישט זאָגען, מיר קאָנען דאָס זאָגען, נאָר דעם פּראָפֿעסאָר אַליין; לאָזט ער זיך נישט איינרעדען און זאָגט, אַז פּראָפֿעסאָרען זענען פֿאַר-האַן אין וויען, וויפֿיעל שטערען אין הימעל (קיין עין הרע נישט!) און אויף איטליכס שלאַפֿקייט איז פֿאַרהאַן אַ בעזונדער פּראָפֿעסאָר. „ווײַס טוט מען? — קלער איך מיר — וואָס פֿאַר אַ שלאַפֿקייט זאָל איך איהם אויסטראַכטען?" בין איך מיך מישב און דרעה זיך אוים, ווי אויף אַ טעלער, און זאָג איהם דעם ריינעם ריכטיגען אמת, אַז איך בין גע-זונט און שטאַרק אויף אַלע אברים, און די שלאָפֿע זענען זיי. איך ווייז איהם אָן אויף מײַן חיה-עטלען מיט דער מוהמע נחמה און לאָז אוים אויף דײַטש:

— האָבען זיי פֿאַרשטאַנד?

— זעהר שען — מאַכט ער צו מיר מיט אַ שטרענגען קוק און רופֿט זיך אָן צו מײַנע דאַמען: — זאָגט זשע מיר, איך בעט אײַך זעהר, וואָס פֿעהלט אײַך אייגענטליך?

— אוי, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן, לאָז ער אַרוים-געהן! — מאַכט די מוהמע נחמה צו מײַן חיה-עטלען און מע משלח'ט מיך אַרוים אין קאָרידאָר אַרוים אויף עטליכע מינוט, און אַז איך קום אַרײַן צוריק, ווער איך געוואָהר, אַז דער פּראָפֿעסאָר הייסט רויטנאַגעל און דער דאָקטאָר הייסט זילבערשטערען.

— און וואָס זענט איהר? — פֿרעג איך איהם.

— אַ קאָמיסיאָנער פֿון לאָמפּענגלעזער און אַבאַזשורען — מאַכט ער גאַנץ קאַלטבלוטיג.

— וואָס סע האָט זיך מיר גע'חלומ'ט יענע נאַכט און הײַנטיגע נאַכט און אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָהר, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה

אנטאן! — זאגט די מוהמע נחמה און טוט א פלעסק מיט די הענט, און מיין חיה-עטיל ווערט רויט ווי א פייער און אויף מיר פאלט אן א פרישער געלעכטער, און בכדי דער קאמיסיאנער פון לאמפענגלעזער און אבאזשורען זאל זיך נישט געפינען בעליידיגט, געפין איך א תירוץ און זאג, אז איך האב מיך דערמאנט א מעשה, וואס האט זיך געטראפען ביי אונז אין יעהופעץ נאך פאר-א-יאהרען און איך לאז אוים ווידער אויף דייטש:

— האבען זיי „פארשטאנד”?

— צי איך האב פארשטאנד צי ניין, דאס איז קיין ספק נישט, נאר צי איהר האט פארשטאנד — „דאס איז איינע פראגע”! — מאכט ער צו מיר אויך אויף דייטש און געהט אוועק שטארק אנגעברוגז'ט, און צווישען אונז, פיהל איך, ווערט א שנאה, שנאת מות!

ח.

(דער פראפעסאר רויטנאגעל וויל אונז צעשיידען. מיר צעקריגען זיך מיט וויען. די מוהמע נחמה ווייזט זיך ארויס, ווער זי איז.)

גרינגער איז ביי אונז אריינגעבען א קינד אין גימנאזיע, איידער ארויסנעהמען פונ'ם פריזיוו, ווי זעהען זיך אין וויען מיט'ן פראפעסאר רויטנאגעל. פריהער האט אונז דער דאקטאר זילבערשטערן געטאן טובות, גענעבען עצות, געשריבען רעצעפטען, אי דאס צוליעב דעם קאמיסיאנער פון די לאמפענגלעזער און אבאזשורען, וואס האט אונז געטאן צוליעב זיין שוואגער דעם רעסטאראטאר, און ערשט אויפ'ן דריטען טאג האבען מיר זיך דערשלאגען צום פראפעסאר רויטנאגעל, וואס איז געווען אזוי פריינדליך און האט אונז צוגענומען איטליבען בעזונדער און האט אונז פערשריבען איטליכען איין אנדער באד. מיין חיה-עטלען האט ער אבגעשיקט קיין פראנצענסבאד, די מוהמע נחמה קיין מאריענבאד און מיך קיין קארלסבאד.

ארוים פונ'ם פראפעסאר רויטנאגעל, זענען מיר געבליבען שטעהן אלע דריי, געקוקט איינם אויף דאס אנדערע אהן ווערטער, ווי איינער

רעדט: „וואָס טוט מען איצטער?“ און ס'איז געבליבען, מיר זאָלען זיך איין עצה האַלטען מיט'ן דאָקטאָר זילבערשטערען און אַזוי ווי דער דאָקטאָר זילבערשטערען נעמט איצטער נישט צו, בעדאַרף מען אַנקומען צום קאָמיסיאָנער פון לאָמפּענגלעזער און אבאַזשורען, נאָר אַזוי ווי מיר ווייסען נישט, וואו ער זיצט, איז געבליבען, מיר זאָלען זיך דורכגעהן צום רעסטאָראַטאָר.

— נו, וואָס הערט זיך? — מאַכט ער צו אונז.

— וואָס זאָל זיך הערען? — זאָגען מיר, אייער שוואָגער האָט אונז געקוילעט, אַלע דריי געקוילעט!

און מיר האָבען איהם דערצעהלט, אַז דער פּראָפעסאָר האָט אונז געשיקט איטליכען באַזונדער אין איין אַנדער באָד.

— דאָס איז גאָר? נו, וואָס־זשע איז? — זאָגט זיך דער רעסטאָראַטאָר גאַנץ קאַלטבלוטיג.

— אַ חכם איהר זייט — מאַכט צו איהם חיה־עטיל — דערווייל בין איך געקומען אַהער מיט מיין מאַן, מע זאָל אונז צעשיידען, מיך קיין ליסי, איהם קיין סטריסי!

— בערוהיגען זי זיך, מאַדאַם — מאַכט ער צו איהר — פון פראַנצענסבאַד קיין קאַרלסבאַד איז גאָר נישט אַזאַ ווייטע שטרעקע; צוויי־דריי שטונדען רייזע, נישט מעהר. ווילט איהר, פאָהרט איהר זיך דורך צו אייער מאַן; ווילט איהר, פאָהרט זיך דורך אייער מאַן צו אייך.

— אַ דאַנק אייך פאַר דער עצה! — זאָגט צו איהם חיה־עטיל שוין מיט כעס — איהר זאָלט דערלעבען אַנזאָגען בעסערע בשורות און געבען קליגערע עצות.

— דאָרט אין קעך ביי די לאָקשען! — לעגט צו אַ קנייטעל די מוהמע נחמה, און דער רעסטאָראַטאָר איז זי מכבד און זאָגט צו איהר, אַז „מיט מאַרק־ווייבער איז ער קיין מחותן נישט“... פערדריסט דאָס מיין חיה־עטלען, און זי זאָגט צו איהם, אַז „די דאָזיגע מאַרק־ווייבע איז איהרע איין אייגענע מוהמע און קומט אַרויס פון אַ סך אַ שענערן יחוס, ווי ער מיט זיין רעסטאָראַן און אפילו מיט דעם שענעם שוואָגער זיינעם, וואָס טראָגט אַרום לאָמפּענגלעזלעך מיט אבאַזשורען איבער די הייזער אויף צו פערקויפען“...

— קום! — זאָגט זי צו מיר — לאָמיר בעסער עסען לייזע אָפּער, איידער זיך בעגעגענען מיט אזעלכע גראָבע לייט, וואָס רעדען

כלומר'שט אויף דייטש און נארען אויס אונזערע רוסישע קערבלעך.

די גאנצע צייט, וואס מיין חיה-עטיל האט איהם געזידעלט, האט איהם נישט געארט; נאר די לעצטע ווערטער, „רוסישע קערבלעך”, האבען איהם אזוי צעקאכט, אז ער האט זיך אנגעצונדען מיט א העלישׁ פייער, אנגעפאלען אויף אונז, ווי א ווילדע חיה, געווען גרייט אונז דורם צו זיין — וואס טויג אייך, מיר זענען פונ'ם רעסטאראן קוים ארויס מיט'ן לעבען און מע האט אונז ארויסבעגלייט שען, מיט כבוד, נאכגעשריגען אויף דער גאס און געמאכט מיט קולאקעס: — רוסישע שווייגען! רוסישע שוויינען!

נאר דאס בעסטע האבען מיר געהאט דערנאך, שפעטער, אינ'ם האטעל. דארט האבען מיר געהאט א פערבייסונג פונ'ם שוואגער זיינעם. דער קאמיסיאנער פון לאמפענגלעזער און אבאזשורען האט אנגעקלאפט צו אונז אין דער טיר אריין, אריינקומענדיג מיט נאך איינעם א דייטש, אויך מיט א צילינדער, נאר אהן א טענדע-ווערענדע און האט אונז געפרעגט: „אויף וואס פאר איין אופן האבען מיר זיך ערלויבט איהם צו בעליידיגען אונטער די אויגען?”... בשעת מעשה האט ער געקלאפט מיט'ן שטעקען אין טיש אריין און איז געווען אזוי רויט, אז איך האב מיך דערשראקען, אנגעהויבען מורא האבען פאר קלעפ, א קשיא אויף א מעשה: וואס א דייטש קאן ביי זיך אין וויען?

נישט אזוי האט אבער בעקלערט די זאך די מוהמע נחמה פון אצעלעס. זי האט זיך, א פנים, ווינציג וואס איבערגעשראקען פאר'ן דאזיגען דייטש, האט זי זיך אויפגעחאפט פונ'ם ארט און איז צוגעשפרונגען צו איהם גלייך אין פנים אריין, זיך גענומען מיטביידע הענד ביי די זייטען און האט איהם אויסגע'לומר'ט א צעטיל און דוקא אויף פראסט יודיש:

— הער נאר אוים, דו קירע דייטש, דו שוטה בן פיקהאלץ, דו לאמפענגלאז, איך וועל מיר נאר א מעשה אנטאן! דו מיינסט דאך אודאי, אז מע האט זיך דערשראקען פאר דיין טענדע-ווערענדע מיט'ן שווארצען קוימען, וואס דו טראגסט אויפ'ן קאפ? סך הכל האסטו דאך ביי אונז אויסגענארט די עטליכע פאר גילדען אומזיסט און אומנישט, ווי א פראסטער מאשעניק! דו מיינסט, מע ווייסט נישט, ווער דו ביסט, דו אבגעריסענער דלפון, דו נאקעטער כתריליק? געהסט נישט אוועק? אט פאהר איך אריין צו דיר אין פנים אריין און פליק דיר אויס דאס בערדעל עד פרוטה אחת, פערשטעהסט דו מיך, ווארום איך האב

שלום־עליכם.

גלות דאַטשע.

א.

מע חאַפּט מיט אַמאָל די גראָבע עטליכע טויזענדער.
בע טרייבט אַרוים דעם קבצן, און דאָקטוירים הייּ
סען פאָהרען קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע.

פרעגט מיך נישט, ווי אַזוי, ווי אַרום, מיט וואָסער זכות־אבות, מיט וועלכע צרות און אַנגסטען, מיט וויפיעל דולענישען און קאָפּדרע־הענישען, — נאָר איך האָב ערשט היינטיגען פאַר־פּסח, געלויבט איז השם־יתברך, דורכגעשלאָגען אַ געשעפטעל און געחאַפּט אַ שען פער־דיענסטעל, מיט אַמאָל גראָבע עטליכע טויזענדער.

אַז מע חאַפּט מיט אַמאָל די גראָבע עטליכע טויזענדער, נעהמט מען זיך קודם כל צום דלות, אַרויסטרייבען דעם קבצן פון שטוב; מע וואַרפט איהם אין קאָפּ אַריין אַ ביינקעל, אַ נייע קאַפּאָטע, אַ קישען, אַ פּאָר קאָלדרעס, אַ טוץ טעלער, אַ שטיק מאַטעריע, אַ פּאָרטעפּיאַן, — וואָס עס קומט אין האַנד, פליהט איהם אין קאָפּ אַריין! הכלל, איך האָב מיט גאָטס הילף אַרויסגעטריבען דעם קבצן צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, זיך אָרומגעצאָהלט מיט'ן קצב, מיט'ן קלייטעל, מיט'ן מלמד און מיט אַלע

איבעריגע קרעדיטאָרען אַרום און אַרום, און מיר האָבען געהאַט אַ פסח, אויף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרען! די שענסטע מצות, די בעסטע פיש, די טײַערסטע ווײַנען, די נײַעסטע מלבושים, די פעטסטע קנײדלעך(און אין שוהל די פעטסטע עליה)איז געווען בײַ מיר! עס האָט אונז אָבער גיך פערשאַדט, לא עליכם אַ חאַפּ געטהון דער מאָגען, האָט מען אָנגעהויבען רופען דאָקטוירים, האָבען די דאָקטוירים אָנגעהויבען שרייבען רעצעפּטען, געהמען געלד און געבען עצות, אַז איך און מײַן ווײַב און מײַנע קינדער בעדאַרפען האָבען „לופט״, אָהן לופט קאָן אַ מענש ניט אויסקומען אפילו אַ שעה (אַזוי זאָגען די דאָקטוירים), און ס׳איז געבליבען, אַז תיכף נאָך שבועות, ווען עס הויבט זיך אָן דער זומער, פאָהרען מיר אַרוים קײַן בויבעריק אויף אַ דאַטשע שעפּען לופט.

דעם אמת זאָגענדיג, נישט אַזוי די „לופט״ האָט אונז געצויגען קײַן בויבעריק, ווי דאָס בויבעריק אַלײן. פאָהרען קײַן בויבעריק און זיצען אויף אַ דאַטשע איז בײַ אונז אין יעהופּעץ אַ גאַנצער עסק און אַ גדלות, כמו ווי למשל, ווײַלע פאָטעלן מיט האַרטע „ספּרינזשינעס״, וואָס קײנער זיצט ניט אויף זײ, און אַ פאָרטעפּיאַן זאָל שטעהן אין זאַל, חאָטש ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל שפּילען אויף איהם, וכדומה אַזעלכע [?]כען, וואָס הײַנט איז דאָס די גאַנצע מאָדע. בײַ אונז אין יעהופּעץ, אַז צווײ בעגעגענען זיך תחילת זומער, איז דאָס ערשטע:

— וואוהין פאָהרט איהר הײַנטיגען זומער?

— קײַן בויבעריק, וואוהין דען זאָל מען פאָהרען? נו, און איהר?

— קײַן בויבעריק, וואוהין דען זאָל מען פאָהרען? האָט איהר שוין אַ דאַטשע?

— נאָך אַ מין דאַטשע! נו, און איהר?

— נאָך אַ מין דאַטשע! וואו איז אײַער דאַטשע?

— אויפ׳ן קרעשטשאַטיק, געוויינטליך! נו, און אײַערע?

— געוויינטליך, אויפ׳ן קרעשטשאַטיק...

און אַזוי ווײַטער.

ב.

אַריין אין גן־עדן. — די מעקלערס פֿער־שטערען אונז אַ ביסעל דעם גן־עדן.

תיכף נאָך שבועות האָבען מיר זיך אױפֿגעזעצט מיט מײן װײַב אין באַהן און געקומען קײן בױבעריק דינגען אַ דאַטשע. דער גרינער װאַלד, די פֿרישע לופֿט, דאָס פּישטשען פֿון די פֿײגעלעך און די צו־געקליבענע דאַטשעס, װאָס איטליכע פֿון זײ זעהט אױס װי אײן אױס־געפּוצטע כּלה, װאָס קוקט אַרױס אױף אַ חתן, האָט אונז פֿער'כּשופֿט, אַז עס האָט זיך אונז שױן כּמעט נישט געגלוסט אַװעקצופֿאָהרען פֿון דאַנען צוריק אין דעם טומעלדיגען יעהופּעץ מיט די ברענענדיגע שטײ־נער, מיט די שענע ריחות, צום מײנסטען — בײַנאַכט.

— װאָס זאָגסטו, חיה־יענטיל, דערױף? — רוף איך זיך אָן צו מײן װײַב.

— װאָס זאָל איך זאָגען? — מאַכט צו מיר מײן װײַב. — אַ רוח אין געלדס טאַטען אַרײַן!

— אַפֿנים, — זאָג איך — אַז אונזערע יעהופּעצער אַריסטאָקראַ־טען װײסען טאַקי, װאָס גוט איז? ממש אַ גן־עדן!

— עס זאָל זײ נור פֿערשטערט װערען! — זאָגט זי אין גוטען מוט, און מיר שפּאַצירען אַרום אין גן־עדן, װי אדם הראשון מיט דער מוטער חוה, אײדער זײ האָבען פֿערזוכט פֿונ'ם עץ־הדעת...

נאָר אַ ביסעל האָבען אונז פֿערשטערט דעם דאָזיגען גן־עדן די בױבעריקער מעקלערס, װאָס האָבען אונז געפֿיהרט אָנקוקען דאַטשעס. איטליכער האָט אונז געשלעפּט צו זיך אָנקוקען זײַן דאַטשע; זײַנע איז בעסער, זײַנע איז שענער, זײַנע איז װעלװעלער. צװישען די דאָזיגע מעקלערס איז געװען אײנער אַ שװאַרצער מיט אַ בײַטש און מיט אײן אונטערגעשלאָגען אױג, און אײנער אַ בחור אַ רױטער מיט אײן אױסגע־קרומט פּנים. האָט אונז דאָס רױטע בחור'ל מיט'ן אױסגעקרומטען פּנים געחאַפּט פֿאַר די פּאָלעס און שלעפּט אונז. רופֿט זיך אָן צו אונז דער שװאַרצער, װאָס מיט'ן אונטערגעשלאָגענעם אױג, און חאַפּט אונז אָן בײַ די הענד:

— מיט וועמען ווילט איהר געהן? מיט איוואן פאפערילע? ער
וועט אייך פערפיהרען אין דער שאול תחתיה אריין!

— דו וועסט ניט אנשטומט ווערען, דו שווארצער קאטער?
מאכט צו איהם דאס רויטע בחור׳ל. — אט מאך איך דיר צורעכט
דאס אנדערע אויג!

און נישט לאנג געטראכט, טהוט ער א שפרונג צום שווארצען
גלייך אין פנים אריין. פאלט אן אויף איהם דער שווארצער מיט דער
בייטש און צובלוטיגט איהם, און שרייט, אז ער וועט איינגעבען אויף
איהם צום אוראדניק און אונז וועט ער שטעלען פאר עדות. דערהערט
דאס ווארט אוראדניק, מאכען מיר זיך אוועק פון זייערע הענד און אנט-
לויפען, וואו דער שווארצער פעפער וואקסט.

ג.

דאס אריבערפאהרען פון יעהופעץ קיין בויבע-ריק. — קליינע צרות און גרויסע בזיונות.

דאס פאהרען פון יעהופעץ קיין בויבעריק איז א קלייניגקייט; עס
געדויערט סך הכל א האלבע שעה, נאר דאס אריבערפאהרען פון יעהו-
פעץ קיין בויבעריק אויף דער דאטשע מיט ווייב און קינדער, מיט׳ן
בעט-געוואנד, מיט׳ן פליישיגען און מילכיגען געפעס און מיט אלע אי-
בעריגע בעבעכעס — ווינש איך וואו איך האב ערגיץ א שונא! פון דער
ערשטער מינוט, וואס איהר הויבט אן צונויפלעגען זיך אין וועג אריין,
ווערט דאס ווייב צוטראגען, נערוועז מיט סכנות נפשות! טשעפעט זי
ניט דעמאלט, וועט איהר בעסער מאכען. אט האלט זי, דאכט זיך, די
שליסעלעך אין האנד, דרעהט זיך ארום און שטעהט אויף איין ארט און
שרייט: „וואו זענען ערגיץ מיינע שליסעלעך? די שליסעלעך? וואס
איז דאס פאר א שטוב, וואס מע לעגט ניט אוועק, סטייעט עס ניט!
מע זאל נאר בעהיט און בעווארענט ווערען פון אזא שטוב און פון
אזעלכע קינדער! ס׳איז דען קינדער? טאוואלעס איז דאס, רוחות,
שדים, ניט קיין קינדער!...“

און די קינדער האָבען אַ טבע, טאָמער דערזעהען זיי, אַז מע איז שטאַרק פערנומען, אַזוי הויבען זיי זיך אָן פּלאָנטען פאר די פיס, חאַפּען זיי אַ שטורך, אַ וואָרף, אַ זעץ, ווערט אַ געוויין, אַ געשריי, אַ געפילדער — אַ ריינער גיהנום! היינט דאָס פּאַקעווען זיך! אַ ווערטעל אויסרעדען — קיין עין הרע אַ גאַנץ בעל־הבתישקייט צונויפלעגען, איינפּאַקעווען, איינבינדען, נישט פערגעסען קיין קליינינקייט! און ווי אויף צו להכעיס, דערמאָלט ווען ס'איז שוין אַלסדינג אָבגעשיקט געוואָרען אין באַגאַגש, קוקט מען זיך אַרום, אַז מע האָט פערגעסען אַריינלעגען דעם ווייבס היטעלע מיט די קוויטען, דאָס שטייגעל מיט'ן קאַנאַריק, דאָס טינטורעל פונ'ם טיש, שטעקלעך און זאָנטיקלעך, וכדומה אַזעלכע נאַרישקייטען, וואָס בלייבען תמיד אויפ'ן סוף, און דעם קוימען פונ'ם סאַמאָוואַר אויך בתוכם.

— וואָס וועלען מיר טהון אָהן אַ קוימען? — שרייט דאָס ווייב. — וואו וועל איך נעהמען אַ היטעלע אויף דער דאַטשע און וואָס וועט זיין מיט'ן פייגעלע נעבאַך, ער וועט כפרה ווערען?!

בקיצור, מע מוז דאָס אַלסדינג נעהמען מיט זיך אין די הענד אַריין. נאָר ווער איז דער נעהמער, אַז אַלע הענד זענען פערנומען, אַלע זענען אָנגעלאָדען פון אויבען ביז אַראָב מיט קוישלעך, פידלעך, פּעקלעך און בינטלעך? מוזט איהר זיך שוין אַליין מטריח זיין (אַ ברירה האָט איהר?) און נעהמען, איך בעט איבער אייער כבוד, דעם קוימען פונ'ם סאַמאָוואַר אין איין האַנד, און דאָס שטייגעל מיט'ן פייגעלע אין דער אַנדערער האַנד. וואָס זשע טהוט מען מיט'ן היטעלע און מיט די איבעריגע שאַלעמויזען? פאַלט איהר אויף איין עצה און נעהמט מחילה דעם קוימען א ו נ ט ע ר דער האַנד און דאָס היטעלע א י ן האַנד אַריין, אַזוי אַז עס זאָל זיך ניט צוקנייטשען; און דאָס טינטורעל? דאָס טינטורעל רוקט איהר אַריין אין קעשענע, און איהר זעצט זיך אויף מיט צרות אויף דער פוהר, און איהר פאָהרט מיט אַנגסטען צום באַהן.

געקומען צום באַהן, הויבט זיך אָן אַ סדרה: בילעטען. בשום אופן קאָנט איהר ניט אויסרעכענען, וויפיעל איהר בעדאַרפט האָבען בילעטען? שטעלט איהר אויף די פינגער: דאָס ווייב איז ניט איינס, קיין עין־הרע, אַכט קינדער, זעקס גרויסע—זעקס גאַנצע בילעטען—איז ניט זיעבען, צוויי קליינע קינדער — צוויי האַלבע בילעטען — איז ניט אַכט, די באָבע—איז ניט נייען, דריי דינסטען איז צוועלף, פונקט צוועלף, גוט וואָס ניט קיין דרייצעהן, דרייצען איז נישט קיין גוטער

מספר... (זיך פערגעסט איהר רעכענען אין צע־טעל). — דזין, דזין, דזין! — דער עולם שטופט זיך, דאס ווייב רופט אייך: „וואו ביסטו ערגיץ? וואס באקרעסטו זיך אזוי לאנג? מע בעדארף נאך איבער איהם פערשפעטיגען!"... און די קינדער העלפען איהר שרייען: „פאפאשא! סקארעי, סקארעי. אפאזדאיעש 1)!" איהר לויפט א פערטומעלטער אין וואגאן אריין און פערטשעפעט זיך מיט'ן קוימען פונ'ם סאמאוואר ביי דער טיר, פאלט אראב דאס היטעלע מיט די קוויטען, בויגט איהר זיך אן און ווילט דאס אויפהויבען, גיסט זיך אוים אויף דעם דאס טינטורעל, הויבט אן דאס ווייב צו פייערן (און איז גערעכט): א ריהר געטהון ווי א בלייען פייגעלע!—ווער האט דיך געבע־טען, זאלסט זיין א גוטער און טראגען זיך מיט מיין היטעלע? וואס וועל איך איצט טהון אהן א היטעלע?..." זאגט איה־ דאך, אז איהר וועט איהר קויפען צעהן היטעליך, אבי ס'זאל זיין שטיל; זאגט זי, אז זי איז אייך מוחל די טובות, זי בעדארף אייך אויף 99 כפרות מיט אייערע היטעליך! ווערט איהר רויט ווי פייער און הויבט אן צו שוויצען פאר בזיון, ווארום עם קוקען אויף אייך פופציג פאר אויגען. און אייערע קינ־דער אין וואגאן צושלאגען זיך איבער א פענסטער, אלע ווילען שטעהן און קוקען אין איין פענסטער! זייער גליק, וואס ס'איז אין וואגאן; איהר זאלט זיך ניט שעמען פאר לייטען, וואלט איהר זיך מיט זיי גוט אבגערעכענט!... געהט צו פלוצים דאס קלענערע קינד און זאגט אייך: — פאפאשא! א גדיע קאנאליעקא? 2).

איהר טהוט זיך א חאפ צום שטייגעל — טרוקען, נישטא קיין פייגעלע! איהר הויבט זיך אויף, איהר זוכט דאס צווישען די פיס, אין אלע קעשענעס: „וואו האט געקאנט אהינקומען דאס פייגעלע? ווען האט דאס געקאנט ארויספליהען?"

איינער פרעגט, וואס איז דאס געוועזן פאר א פייגעלע? און דער אנדערער פרעגט, וויפיעל האט דאס געקאסט? אנדערע רעדען צווישען זיך שטילערהייד און אנדערע שטיקען זיך פאר געלעכטער. איינער א יונגערמאן מיט ווייסע צייהן גיט אייך איין עצה, אז תיכף ווי איהר וועט קומען קיין בויבעריק, זאלט איהר קלאפען א דעפעשע קיין יעהופעץ,

1) טאטע, גיכער, גיכער, וועסט פערשפעטיגען!

2) טאטע, וואו איז דאס קאנאריקעל?

מען זאל זוכען דאס פייגעלע, און דער איבעריגער עולם שיסט אוים א געלעכטער. איהר האט שטארק חשק אנגעהמען דעם דאזיגען חכם מיט די ווייסע צייהן פאר'ן גארגעל און ארויסשמייסען איהם דורכ'ן פענסטער! א גליק, וואס עס קומט אריין דער קאנדוקטאר מיט'ן קאנטראליאר, און אלע נעהמען זיך צו די בילעטען.

אז עס קומט צו אייך, פרעגט אייך דער קאנטראליאר, פאר וועמען זענען דאס די צוועלף בילעטען? רעכענט איהר איהם אוים אויף די פינגער: דאס ווייב, זעקס קינדער גרויסע, צוויי קליינע, איינע איין אלטע און דריי דיענסטען.

— נו, א וואש בילעט 1)? — פרעגט ער אייך און קוקט אויף אייך ווי אויף א רעכטען גנב, וואס האט געוואלט זיך דורכשליטלען קיין בויבעריק אהן א בילעט. — גדיע זשע וואש, וואש בילעט??...

איהר ווערט נאך מעהר פערטומעלט, איהר זוכט דעם בילעט אומעטום, איהר קוקט אינ'ם קוימען פונ'ם סאמאוואר און טאפט זיך אין דער אונטערשטער קעשענע—ניטא מעהר קיין בילעטען! דערזעהט דאס ווייב, אז איהר זוכט עפים, טהוט זי אייך א פרעג:

— וואס איז שוין ווייטער? וואס האסטו שוין ווידער פערלארען? טהו נאר א קוק צום גאלדענעם זייגער? האסט נאך א זייגער? צי דו האסט שוין א פייג, נישט קיין גאלדענעם זייגער?..!

— איך האב נישט פערלארען גארניט! — זאגט איהר מיט כעס און איהר חאפט דעם קוימען פונ'ם סאמאוואר און איהר טהוט איהם א שליידער פון זיך דורכ'ן פענסטער:

— אין דער ערד אריין מיט'ן קאפ!!...

אט אזוי, אדער כדומה אזוי איז געוועזען אויך אונזער אריבערפאהרען דאס ערשטע מאל פון יעהופעץ קיין בויבעריק אויף דער דאטשע.

---

1) נו, וואו איז אייער בילעט?

ד.

מע ברייננט אונז צו טראָגען אויף דער דאַטשע פון כל טוב. — עס שטעלען זיך פאַר יודען לרוב. — איך ווער בעקאַנט מיט'ן שוחט'ס זוהן.

מיר האָבען נאָך נישט אויפגעבונדען די פּעקלעך און נישט ארומגעקוקט זיך, וואו מיר זענען אין דער וועלט, האָט מען אָנגעהויבען צו טראָגען אונז אויף דער דאַטשע פון כל טוב: פון עופות און פון אייער און פון קאַטשקעס, פון גאָרטענוואַרג און פון מילכיגעס, פון געזאַלצענעם און פון געריכערטס און פון כל מיני סחורות: באַקאַליי, גאַלאַנטעריי און רויכוואַרג, און פון וואָס אַ מויל קאָן אויסרעדען.

— וואָס זאָגסטו, חיה-עטיל, דערויף? — רוף איך מיך אָן צו מיין ווייב.

— וואָס זאָל איך זאָגען? — מאַכט זי. — אַ רוח אין געלדס טאַטען אריין!...

נאָכדעם האָבען אָנגעהויבען צו געהן יודען, אָהן סחורה, איינער אריין, דער אנדערער ארויס, און מיר האָבען גענומען שליסען קענטשאַפט.

— שלום עליכם, אין אַ גוטער שעה! — רופט זיך אָן אַ יוד.

— עליכם שלום, וואָס וועט איהר זאָגען?

— גאָרנישט, איך בין אַ יוד פון האָלץ, אפשר וועט איהר דאַרפען האָלץ, בין איך געקומען צו געהן.

נאָך די יודען האָבען אָנגעהויבען געהן ווייבער זיך פאָרשטעלען: די יודינע פון דער מילך, די יודינע פון קעז און פוטער, די יודינע פון די עופות און די יודינע פון די בולקעס, איטליכע מיט איין אנדער רעקאָמענדאַציע, און נאָכדעם האָבען זיך אַ לאָז געטהון ארימע לייט, פאָרלעך און איינציגוויז גבאים און גבאי'טעס, כמעט ווי אין בערדיטשעוו.

— אפנים, — זאָג איך — ביי אייך אין בויבעריק איז פאַרהאַן אַ היבש ביסעל יודען?

— קיין עין הרע ניט, — רופט זיך אָן צו מיר מיט אַ שלעפּעריג קול איין אויסגעצויגענער יונגערמאַנטשיק מיט אַ בלאַס פּנים און מיט אַ

לאנג זעקעל, וואס ער רופט דאס „נאקידקע“, ווי איינער רעדט: ווילט איהר, רופט מיך חסיד, ווילט איהר, רופט מיך אריסטאקראט...

— וויפיעל — זאג איך איהם — קענען זיך דא, למשל, געפינען יודען?

— פרעגט בעסער, — זאגט ער — וויפיעל קאנען זיך דא געפינען, להבדיל, ניט קיין יודען?

— אפנים, — זאג איך — ס'איז דא ביי אייך ארץ ישראל, יודען מעגען דא זיצען פראנק און פריי?

— אדרבה, — זאגט ער — יודען טארען דא ניט זיצען בשום אופן!

— ווי אזוי זשע—זאג איך—זיצט מען דא; אז מען טאר ניט?

— אט זעהט איהר דאך, — מאכט ער צו מיר.

— וואס זענט איהר? —מהו איך א פרעג דעם יונגענמאנטשיק.

— וואס איך בין? — מאכט ער צו מיר, — א יוד.

— דאס זעהט מען, — זאג איך — אז איהר זענט חלילה ניט קיין קריסט. איך מיין, ווער זענט איהר?

— ווער איך בין? — זאגט ער — איך בין, הייסט דאס, דעם היגען שוחט'ס זוהן.

— מיט וואס האנדעלט איהר? — פרעג איך איהם.

— מיט וואס איך האנדעל? — זאגט ער — אפשר וועל איך נאך אמאל האנדלען; לעת עתה, הייסט דאס, האנדעל איך נאך מיט גארנישט.

— וואס זשע דארפט איהר?

— וואס איך דארף? איך בין געקומען, הייסט דאס, אייך בעטען, אפשר וועט איהר עפים שענקען אונזער תלמוד-תורה?

— איהר האט דא—זאג איך — אין בויבעריק א תלמוד-תורה אויך?

— ע! — מאכט ער — מיר זאלען דא האבען א תלמוד-תורה, וואלט געווען גוט!

— האט איהר, — זאג איך — הייסט דאס, ניט קיין תלמוד-תורה? אויף וואס זשע קלויבט איהר געלד?

— אויף וואס מיר קלויבען געלד? אויף דער היגער תלמוד-תורה,

— אז איהר האט ניט קיין געלד, וואו זשע האט זיך צו אננעמען א תלמוד-תורה?

— נו, זעהט איהר דאָך!...

. . . . ,

— וואָס האָסטו זיך בעזעצט דאָרטען אויס'טענה'ן מיט'ן שלום-מזל? — שרייט צו מיר מיין ווייב פון שטוב. — טאָמער וואָלט בעסער געוועזען א סברה, דו זאָלסט זיך מטריח זיין אהערצו העלפען אויספאַקעווען די זאַכען, אויסשטעלען דאָס מעבעל אויף דער דאַטשע, אַריינשלאָגען צוועקעס אין די ווענד.

איך געזעגען זיך אָב מיט'ן שוחט'ס זוהן און לאָז מיך געהן אין שטוב אַריין שלאָגען צוועקעס אין די ווענד.

ה.

איך שלאָג צוועקעס אין די ווענד. — מיין ווייב מאַכט מיך אַ ביסעל בעקאַנט מיט אונזערע שכנים.

שלאָגען צוועקעס אין די ווענד — דאָס איז מיין לעבען! דער-זעה איך אַ ליידיגע וואַנד, אַזוי מוז איך זי בעשלאָגען מיט צוועקעס פון אויבען ביז אַראָב. וואָס זאָל איך טהון? ס'איז ביי מיר, אפנים, אַזאַ חולאת: איך קאָן ניט זעהן קיין וואַנד אָהן צוועקעס.

— ווער קלאַפּט דאָס דאָרטען? — הער איך אַ קול פון יענער זייט וואַנד.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאַפּען וואָס? — הערט זיך אַ קול פון דער אַנדערער זייט.

— אַ גאַנצען טאָג זאָל אַ יוד האַלטען אין איין קלאַפּען צוועקעס אין די ווענד! — הערט זיך פון דער דריטער וואַנד.

— מיט'ן קאָפּ אין וואַנד! — הערט זיך פון דער פערטער וואַנד אַ קול פון אַ נקבה.

— היה-עטיל! — רוף איך מיך אָן צו מיין ווייב, — דו ווייסט ניט, ווער קוויטשעט דאָס דאָרטען?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וויסען? — זאָגט מיין ווייב. — דאָס בעדאַרף זיין דאָס ווייבעל פון גרייזיק, וואָס דער מאַן האָט זי

אויעקגעווארפען און איז אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא, זי האט קאליע געמאכט אויגען, פאהרט זי צוויי מאל אין דער וואך אין שטאדט אריין צו מאנדעלשטאם דעם דאקטאר און ער ברענט איהר מיט ליאפּעס.

— פון וואנען ווייסטו דאס אזוי אלסדינג? — פרעג איך ביי מיין ווייב.

— פארוואס זאל איך ניט וויסען? — זאגט זי. — איך האב מיך שוין בעקאנט כמעט מיט אלע אונזערע שכנות, די קיכען זענען דא אלע אינאיינעם. מיר האבען דא אויף דער דאטשע פון כל-מאמינים-שהוא: יעהופּעצער „סטיקראטען”, נגידים און געמיינע בעלי-בתים; דו געפינסט דא א שניט-קרעמער פונ'ם פאדאל, א שקאנטיסט פונ'ם קרעשטשאטיק, א מעקלער פון בערלינעס, א לעהרער פון שטונדען, א קאסיר פון א מיהל, איין אגענט פון פייער, א זינגער פון כארשול, צוויי סטודענטלעך, דריי ווייבלעך און איינע א ליטוויטשקע.

— א גאנצער „זווערינייעץ”! — זאג איך שטילערהייד.

—די ווייבלעך זענען זעהר פיינע, לייטישע ווייבלעך, פרעמ־ע, נישט קיין היגע, געקומען אהער זיך קורירען; איינע איז א זווענירארקער, דאר ווי א שטעקען, הוסט נעבאך גאנצע נעכט; די אנדערע איז א רעסטאפאליער מיט א צוגעמאכטען פּוס; די דריטע איז דאס ווייבעל פון גרייזיק, די וואס מאנדעלשטאם דער דאקטאר ברענט איהר די אויגען מיט ליאפּעס, און די ליטוויטשקע איז אויך זעהר א פיין ווייבעל, האט צו טהון, ניט פאר מיר געדאכט, מיט די צייהן, רייסט זיך אויף די גלייכע ווענד.

— ביי איהר בלייב עס.

— ביי איהר בלייב עס? וואס האסטו צו איהר? דו קענסט זי? דו ווייסט זי? זי איז דוקא זעהר א פיינע א לייטישע, איין ערליכע.

— מעגליך, — זאג איך — סע קאן זעהר זיין.

— וואס הייסט — זאגט זי — סע קאן זיין? וואס איז דאס פאר א שפּראך „סע קאן זיין”?

— שא, שא! — זאג איך — שריי ניט אזוי, אן געהט אהער עפּעס א יודינע, שפּרינגט אויף א פּוס.

— דאס איז די רעסטאפאליער מיט דעם צוגעמאכטען פּוס, — מאכט צו מיר מיין ווייב און געהט איהר אקעגען מיט זעהר א פריינדליך פּנים.

ו.

אַ ווייבעל מיט אַ צוגעמאַכטען פּוס און מיט אַ סך שלאַפקייטען. — זי שיט מיך אָב מיט ווערטער. — איך אַנטלויף אין וואַלד.

— זיצט, זעצט זיך צו, פאַרוואָס זיצט איהר ניט? — זאָגט מײַן ווײַב צו יענער, וואָס מיט דעם צוגעמאַכטען פּוס און טראָגט איהר אונטער אַ בײַנקעל.

— אַ דאַנק, איך קאָן בעשטעהן, — זאָגט יענע און זעצט זיך אַנידער און שטעלט אַרוים דעם צוגעמאַכטען פּוס און רופט זיך אָן מיט אַ זיפצעל: — איך ווײס ניט, ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אָט דאָס בויבעריק? לופט-שמופט, נעלטיגע טעג! אָט זיץ איך שוין דאָ באַלד אַ וואָך, עס זאָל דאָס מיר אַנהויבען אפילו גרינגער ווערען אויף אָט אַזוי פיעל! (זי בעווײַזט מיט'ן קלײנעם פינגערל, אויף וויפיעל ס'איז איהר ניט גרינגער געוואָרען.) די דאָקטוירים זאָלען אַזוי וויסען פון זייער געזונד, ווי זיי ווײסען, וואָס מיר איז!

— וואָס זשע איז אײַער שלאַפקײַט, למשל, וואָס די דאָקטוירים האָבען אײַך געהײסען אַרויספאָהרען אַהער אויף דער דאַטשע?

— מײַן שלאַפקײַט? — זאָגט דאָס ווײַבעל און מאַכט צורעכט דעם צוגעמאַכטען פּוס. — איך זאָל האָבען נור אײַן שלאַפקײַט, וואָלט געווען גוט! די צרה איז, וואָס ס'איז ניטאָ די שלאַפקײַט אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל זי ניט האָבען, און פרעגט מיך, וואָס טהוט מיר וועה — ווײס איך אַלײן ניט! אָט שטעה איך אינאײנעם מיט אַ ווײַבעל פון זוועניראָדקע, האָט זי צו טהון מיט דער לונג. גאָרנישט! ווײסט זי חאָטש, וואָס איהר פעהלט! ציי, אַ שטײגער, נעהמט דאָס ווײַבעל פון גרײַדיק מיט די קאַלי אויגען? זי ווײסט, אַז זי בעדאַרף פאָהרען צווײ מאָל אין דער וואָך צו מאַנדעלשטאַם דעם דאָקטאָר, און מאַנדעלשטאַם דער דאָקטאָר ברענט איהר מיט ליאַפּעס. און אײן עק! ציי, למשל, די ליטוויטשקע, וואָס רײַסט זיך אויף די צײן. ס'איז טאַקי אַודאי זעהר ניט גוט, אַז ס'טהוט וועה אַ צאָהן, ובפרט נאָך אַז עס רײַסט איהר, ניט אין מײַן מאָס, אָט דער גאַנצער קאַסטען! ס'איז גאָר אַ סברה, אַז ס'איז

ביי איהר א רעמאטיז אזעלכער, ניט פאר מיר געדאכט; פון א פערקיהלונג איז דאס איהר געקומען. אין באד האט זי דאס געחאפט, און איצט רייסט זי זיך אויף די גלייכע ווענד, איך בין שטארקער פון אייזען, אז איך האלט אוים איהרע געשרייען, וואס זי שרייט! און ווער איז שולדיג, אז ניט די מאנסבילען? (ביי די ווערטער טהוט זי א בייזען קוק אין מיין ווינקעל אריין.) ווען איך האב אזא צייהנוועהטאג, רייס איך ארוים אלע צייהן ביי מיין מאן פונ׳ם מויל!

— וואס האט דער מאן — זאג איך — געזינדיגט, אז דעם ווייב טהוען וועה די צייהן?

— אזוי? טאקי באמת? — זאגט דאס ווייבעל, שטעלט ארוים דעם צוגעמאלטען פום און טהוט א סמארע מיט דער נאז. — און קינדער האבען אויך — דאס איז גארניט? טראגען און זויגען און אנטוועהנען און פאקען און מאזלען און צייהנדליך און קאשקעלעך קאלען און ווינדעלעך וואשען און העמדלעך נייהען און זעקלעך פערריכטען און צוואגען און וואשען און קעמען און פערקעמען?... איא, דאס ווילט איהר ניט הארכען? איהר האט, זאגט איהר, קיין צייט ניט? איהר ווילט, זאגט איהר, געהן שפאצירען מיט די קינדער אין וואלד? דאס, וואס עס פאסט אייך ניט, דאס הערט איהר ניט? מיר קענען אייך! מיר קענען קלאר אין אייך! איהר מעגט אנרוקען דאס היטעל נאך בעסער! נישקשה, דעם אמת מעג מען זאגען דעם אייגענעם טאטען...

ז.

מיין „חברה" איטליכער מיט זיין גן-עדן. — דער סמארגאנער שדכן גיט מיר איין עצה.

מיין חברה בעשטעהט, ווי אויבען איז געשטאנען, פון קיין איינהרע אכט פארשוין: דריי מיידלעך עלטערע שוין, צו לייטען, צוויי קלענערע און דריי יונגלעך. אלע האבען זיך אין די ביטערע יאהרען גענוג אנגעהונגערט נעבאך, גוט אנגעגעסען מיט צרות, און — אלע ווילען איצט לעבען א גוטען טאג, געניסען גלייך מיט אונז פונ׳ם גן-עדן: נאר

איטליכער פון זיי שטעלט זיך פאר זיין גן-עדן נאך זיין פערשטאנד. למשל, מיין עלטערער טאכטערס גן-עדן איז א דאקטאר, און דוקא פון יעהופעץ: די אנדערע טאכטער וויל א יוריסט און דוקא פון אדעס, און די דריטע — א אינזשעניער מיט א קנעפעל (ער מעג זיך זיין פון וואסער א שטאדט ער וויל). דער גן-עדן פון מיינע דריי יונגלעך איז שוין ווידער גאר איין אנדער גן-עדן, דהיינו: איינער געהט מיט דעם גאנג, אז קיין בעסערע זאך, ווי פאהרען רייטענדיג אויף א פערדעל קאן שוין, דאכט זיך, גאר ניט זיין אויף דער וועלט. דער אנדערער האט שטארק חשק צו האבען א וועליסאפעד. „ווען דער פאפאשא, זאגט ער, קויפט מיר א וועליסאפעד אויף דער דאטשע, בין איך איינער א גליקליכער“!... און דער דריטער בעגנוגענט זיך מיט א רויט העמדעל, מיט גלאנצענדיגע שטיוועל, די הויזען אריינגעלאזט אין די חאליוועס, און א הינטעל זאל איהם נאכלויפען פון הינטען. און מע מוז דאס אלסדינג קויפען, ווארום ביי מיין ווייב, זאל לעבען, איז איטליכס קינד אזוי טייער, אזוי ציטעריג, אז זיי פיהרען אוים ביי איהר וואס זיי ווילען, ובפרט איצט, אז גאט האט געהאלפען, מע קאן אויספיהרען, פארוואס זאל מען זשאלעווען? דאס איז אבער אלץ גערעדט געווארען פון די זאכען, וואס מען קאן דאס קויפען פאר געלד. אבער שדוכים פאר די טעכטער? וואס טהוט מען מיט שדוכים? א דאקטאר און דוקא פון יעהופעץ? א יוריסט און דוקא פון אדעס? און א אינזשיניער מיט א קנעפעל? דאס הייסט אפילו, אז מען זאל שמועסען דאס אייגענע ווידער צוריק, איז פאר געלד קריגט מען דאקטוירים מיט יוריסטען מיט אינזשיניערען וויפיעל איהר ווילט! זינט מען איז געוואהר געווארען, אז איך האב געחאפט די גראבע עטליכע טויזענדער, האבען מיר שדכנים בעווארפען מיט בריוולעך פון דער גארער וועלט; דער סמארגאנער שדכן האט מיר שוין אבגעשלאגען די טירען; ער האט מיר אויפגעגעבען אפשר זיבען און צוואנציג שדוכים און האט מיך שוין אבגעזידעלט אויך.

— וואס בין איך שולדיג, — טענה איך צו איהם — אז מיינע טעכטער ווילען נישט חתונה האבען דורך קיין שדכן בשום ענין ואופן?

— וואס דען — זאגט ער — ווילען זיי?

— זיי ווילען, — זאג איך — עס זאל זיך מאכען עפעס דורך א... א... בעגעגעניש... א... א... ליעבע...

— אזוי? — זאגט ער — זיי זענען ביי אייך אנדערש ניט געוועהנט געווארען? ליעבעס גלוסט זיך זיי? וועל איך אייך געבען איין

עצה; זיי זאָלען בײַ אײַך שלאָפען אויף די פענסטער, וועט מען זיך אויף אײַך דערבארימען, מען וועט זיי ארויס׳גנב׳ענען און מע וועט מיט זיי אנטלויפען...

אין איין אנדער צייט וואָלט בײַ מיר דער סמאַרגאָנער שדכן געעפענט מיט׳ן קאָפּ די טיר; נאָר אַז מע האָט אונטערגעוואַקסענע טעכטער און נאָך דרײַ שטיק מיט אַמאָל, מוז מען אראָבשלינגען און מאַכען אַ שווײַג.

בסוד סודות מוז איך אײַך זאָגען, אַז 99 פּראָצענט זענען מיר ארויסגעפאָהרען קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע נאָר צוליעב די טעכטער, אפשר וועט גאָט רחמנות האָבען, עס וועט זיך צושלאָגען אַ גליקלעך זאַך, מחמת דאָ אין בויבעריק ווערען געשלאָסען אַלע זומער די פיינסטע שדוכים פון יעהופּעץ. דער שכל איז מחייב, ווײַל אויף אַ דאַטשע איז די וועלט אָפען; דער וואַלד איז גענוג גרויס; דער וואָגזאַל איז תמיד כּול מיט מענשען; פאַרהאַן אויך אַ גאָרטען, אַ טעאַטער; בחורים און מיידלעך בעגעגענען זיך צעהן מאָל אין טאָג, קוקען מיט אויגען, שמייכלען איינס צום אַנדערן, וואַרפען זיך דורך מיט אַ פּאָר ווערטער; נאָכדעם ווערט מען בעקאַנט, מע געהט אַ ביסעל שפּאַצירען אין וואַלד, אַ ביסעל שיפּט מען זיך אויף אַ שיפעל און מע זינגט ליעדלעך... און בײַנאַכט זיצט מען אָקעגען דער לבנה, מע צעהלט די שטערן, און מע זיפצט — און טעלער ברעכט מען אין יעהופּעץ.

ח.

דער בויבעריקער וואַלד מיט אַלע זיינע בעשעפענישען. — פערשידענע פּאָרלעך. — די בוימער האַלטען סוד.

אויב איהר מיינט, אַז דער בויבעריקער וואַלד איז אַ וואַלד ווי אַלע וועלדער — האָט איהר אַ טעות. איהר קאָנט דאָ שפּאַצירען איינער אַליין וויפיעל איהר ווילט — איהר האָט נישט וואָס איבערצוטראַכטען, עס וועלען אויף אײַך ניט אָנפאַלען חלילה קיין גזלנים;

איהר ווערט נישט בעגעגענען נישט קיין וואָלף, נישט קיין ווילדע ציג און נישט קיין שום חיה־רעה. איהר קאָנט דאָ בעגעגענען אנדערע מינים בעשעפענישען: אַ יאַדעשליוועך יודען, וואָס געהט אַרום פראַנק און פריי איבערן וואַלד און הראַקעט און שפּייט; אַ קראַנקע יודינע נעבאַך, וואָס האַלט זיך אָן אַ בוים און הוסט און הוסט געשמאַק, אָדער זי ליגט אויף דער ערד און פּאַטשט מיט דער נשמה, וכדומה נאָך אַזעלכע מינים בעשעפענישען, וואָס מוטשען זיך און ווילען נישט שטאַרבען, וואָס גלויבען אין כשוף, דאָקטוירים, רעצעפּטען, וועלדער, לופט וכדומה אַזעלכע חלומות... אנדערע קראַנקע, די וואָס האָבען געלד, ליגען אויסגעצויגען אין „האַמאַקען", אַזעלכע וויגעלעך, וואָס זענען צוגעבונדען צו די בוימער און זעהען אויס ווי הענגענדיגע קברים...

יודען האָבען ליעב אחדות; זיי מעגען זיין ווי אַזוי קראַנק, האָבען זיי פיינט זיצען איטליכער בעזונדער, נאַר אַלע צוזאַמען — „וואָס גאָט גיט, אַבי אינאיינעם". פאַרהאַן ערטער אינ'ם בויבעריקער וואַלד, וואָס דינען פאַר אַ „קלוב", אָדער, להבדיל, אַ בית־המדרש, וואו די שלאַפע נעבאַך קאָנען זיך צונויפקומען אַ ביסעל זיצען. אַ ביסעל זיצען הייסט — אַ ביסעל רעדען, און אַ ביסעל רעדען הייסט — אַ ביסעל בערעדען...

דורכגעגאַנגענדיג זיך מיט מיינע אין וואַלד אַ ביסעל שפּאַצירען, דערזעהען מיר פון דער וויטען אַ גאַנץ רעדעל יודען און ווייבער זיצען אין פערשידענע פּאָזען און זעהען אויס ווי די מתים.

— משה, דו ווייסט ניט, ווער דאָס איז? — רופט זיך אָן איינער און ווייזט אָן אויף אונז מיט די אויגען.

— פון וואַנען זאָל איך וויסען? לאָמיך אַזוי וויסען בייז! — ענטפערט משה און פערהוסט זיך.

— שאַ, — רופט זיך אָן אַ דריטער. — עס געהער זיין די נייע דאַטשניקעס, וואָס זענען היינט אין דער פריה אַריבערגעפאָהרען קיין בויבעריק אויף דער גרויסער דאַטשע.

אויב אַזוי — רופט זיך אָן נאָך איינער און זעצט זיך אויף פון דער ערד אויף די אויסגעדאַרטע הענד, וואָס זעהען אויס ווי צוויי שטעקלעך — אויב ס'איז די דאַזיגע, וואָס איהר מיינט, וועל איך אייך עפּיס דערצעהלען אַ „שענס".

דערהערט, אַז מע וויל עפּיס דערצעהלען אַ „שענס", ווערען

אלע מתים לעבעדיג, און יענער, וואס האט זיך אויפגעזעצט אויף די דארע הענד, הוסט זיך גוט אויס און דערצעהלט עפעס שטילער־הייד דער גאנצער קאמפאניע, און אלע הערען זיך צו מיט גרויס פערגעניגען, קוקען בשעת מעשה אויף מיר און אויף מיינע טעלטער.

— ברײנע! — רופט זיך אן איין יודינע צו דער אנדערער גאנץ הויך אויף א קול — וואסער מיידעל געפעלט אייך בעסער פון די דריי?

— די מיטעלסטע! — ענטפערט איהר ברײנע אויך אויף א קול.

— איא, די מיטעלסטע, שרה־זיסעל?

— ניין, — זאגט שרה־זיסעל — די מיטעלסטע האט נאר שענע האהר און ווייטער גארניט. מיר געפעלט די קלענערע, די קלענערע זאל ניט האבען די נאז, וואלט זי גאר געוועזן א „קראסא־ויצע"!

— ששששא! — שרייט אן אויף די ווייבער איינער פון די מאנסבילען. — האסטו געזעהען א ביסעל, ווי די גענז האבען זיך צוגאנגערט?!...

מיר לאזען זיך געהן ווייטער און בענגענען אין וואלד אנדערע מיני ברואים; זיי זיצען ארום גרינע טישלעך, האקען אין „אקע" און אין „זעקס און זעכציג" און שמייסען מיט די קארטען:

— א דרייערל אויף דריי?

— נו?

— און א דרייערל אויף דריי?

— נו?

— און נאך א דרייערל אויף דריי, ווי אויף אלע?

— געענטפערט! וואס האט איהר?

— דריי שקצים.

— בלאטע! און איהר וואס האט?

— דריי שיקסעס!

— שפייט זיי אן אין פנים? מלכים זענען בילכער!.....

. . . .

— הונדערט דרייסיג?

— מיינע!

— הונדערט פינף און דרייסיג!

— פאס! לאז אייך גאט העלפען! וואס איז קאזיר?

— קאָזיר איז טרעף. (גיך, אין איין אָטעם:) פערציג און פון די פערציג און בײַ די פערציג און אריבער די פערציג און פון יענער זײַט פערציג.

— און דער קעניג פיק איז אַ הונד? אַ קנאַק איבער דער מאָרדע!

— רעמיז!

— פערניצט געזונד! . . . .

. . . .

אָט די נפשות, ווי עס ווײַזט אויס, טראַכטען אפילו נישט פונ'ם טויט. צווישען זיי איז פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס קומען פון יעהופעץ קיין בויבעריק נישט צוליעב דעם שענעם וואַלד, און נישט צוליעב דער געזונדער לופט, נאָר לכתחילה לשם „אָקע", אָדער לשם „זעקס און זעכציג".

נאָך ווײַטער ה'יבען מיר אַן בעגעגענען פּאָרלעך בחורים און מײדלעך, וואָס געהען שפּאַצירען אויף אַלערלײ אופנים. איין פּאָרל געהט אונטער די הענד, האַלטען זיך גאָר פרײַנדליך; זי קוקט אויף איהם, און ער קוקט אויף איהר, און ביידע זינגען זיי צו עפּעס אַ מאָדנע ליעדעל און טאַנצען צו צום טאַקט:

ליובליו קאַפּוסטו, ריעדקו, קוואַס;
נאַ באָלשע וסיעך ליובליו יאַ וואַס;
וואַס אָבאָזשאַיו!
וואַס אָבאָזשאַיו!.. [1]

דאָס אַנדערע פּאָרל לערנט זיך, אַפּנים, לויפען, אָדער מען שפּיעלט זיך אין „חאַפּערלעך": זי לויפט און ער לויפט איהר נאָך; ער וויל זי חאַפּען, אַנטלויפט זי... דאָס דריטע פּאָרל האָט זיך פערביטען מיט די יוצרות: ער האָט אָנגעטאָן איהר מענטעלע און זי האָט אָנגעטאָן זײַן קאַפּעליוש — און געה טהו זיי עפּים!... אַנדערע געהען ווידער משוגענערווײַז און שרײַען אויף קול קולות: „אַ — או! אַ — או!" און זיי ענטפערט דאָס ווידער-קול פונ'ם ווײַטען וואַלד: „אַ — או!"...

---

[1] איך האָב ליעב קרויט און רעטיך און קוואַס; נאָר מעהר פון אַלעם ליעב איך אײַך; איך האָב אײַך ליעב, איך האָב אײַך ליעב!

שטיל פערשטארבען שטעהט דער וואלד. ס'איז ניט זיין עסק. שטיל אויסגעצויגען, מיט גדלות, שטעהען די הויכע סאסנעס מיט די גרינע שמעקענדיגע נאדלען און קוקען ארויף אין לויטערען בלויען הימעל אריין — זייט זיכער, איהר וועט ביי זיי נישט געוואהר ווערען גארנישט...

ווייסט איהר, וואס איך וועל אייך זאגען? איך האב מורא, אז דער בויבעריקער וואלד איז מעהר שרכן פונ'ם סמארגאנער שרכן און פון אלע שרכנים אויף דער וועלט.

ט.

דאס עסען אויף דער פרייער לופט. — ארימע לייט שפעקולירען. — דעם רעסטאפאליערס ווייבעלס מאן. — די דאמען מיט זייער שפראך.

געקומען אהיים פונ'ם וואלד האבען מיר געטראפען א גרייטען טיש אויף דער וועראנדע, וואס איז בעוואקסען פון אלע זייטען מיט גרינע בלעטער, און מיר האבען זיך געזעצט עסען דאס ערשטע מאל אויף דער פרייער לופט. א גאנץ כאר פון פויגעלעך, אומזיסטיגע כלי-זמר, האבען אונז צוגעזונגען צום עסען, געפישטשעט, געטשעריקעט און געטרעלייקעט אויף טויזענדערליי אופנים, און צוגעשפרונגען אלע מאל איינציגוויז צום טיש: ציץ-ציץ, פיק-פיק, געחאפט א ברעקעל און אוועקגעפלויגען ווייטער.

— חיה-עטיל! — רוף איך מיך אן צו מיין ווייב, — וואס זאגסטו דערויף? נאך אזא שפאצירגאנג אין וואלד עסען אויף דער פרייער לופט איז, אפנים, ניט שלעכט?

— וואס זאל איך זאגען? — ענטפערט מיר מיין ווייב, ווי איהר שטייגער איז — איך האב דאך דיר שוין לאנג געזאגט: א רוח אין געלדס טאטען אריין! איין שטיקעל חסרון נור, וואס ס'איז שוין דא צו פריי, צו אפען, מען ווייסט איינס ביים אנדערן וואס סע קאכט זיך. דאס גריידיקער ווייבעל, וואס מאנדערלשטאם דער דאקטאר

ברענט איהר די אויגען מיט ליאפּעס, איז שוין געווען ביי אונז אין קיך אין אלע טעפּלעך, און דאָס רעסטאָפּעליר ווייבעל האָט אויסגע־פּרעגט ביי די דיענסטען אלסדינג, וואָס ביי אונז טהוט זיך פון דער ערשטער שעה נאָך אונזער חתונה...

— יודען, גיט עפּיס א נדבה! — רופען זיך אָן עטליכע אָרי־מע לייט מיט אמאל, וואָס ציהען זיך איינס נאָכ׳ן אנדערן א גאַנצע שורה.

— פון וואַנען זענט איהר? — טהו איך א פרעג איינעם פון זיי.

— פון יעהופּעץ — ענטפערט ער מיר.

— זיצט איהר, הייסט דאָס היע?

— חלילה! — מאַכט ער — מיר קומען צו פאָהרען אלעמאל אהער מיט׳ן באהן.

קאָסט דאָך אייך הוצאות? — זאָג איך. — מאַכט איהר האָטש אב וואָס עס קאָסט אייך?

— ווי אמאל — זאָגט ער: — אמאל שלאָגט מען אוים די הוצאות, און אמאל דערלעגט מען. איטליכם געשעפט אין אזוי, ס׳איז א „ספּעקולאציע“; מיר „שפּעקולירען“ . . . .

. . . .

— שלום עליכם אייך, ברוכים היושבים! — רופט זיך אָן א געלער יונגערמאַן מיט א זיידען קאַשקעטעל און מיט א ברייטען טלית־קטן, און שטעלט זיך אוועק אקעגען אונז און קוקט ווי מיר עסען און רויכערט א פּאַפּיראָס.

— עליכם שלום, — זאָג איך צו איהם — קומט עסען.

— עסט געזונד, — מאַכט ער צו מיר און רויכערט דעם פּאַ־פּיראָס.

— פון וואַנען איז א יוד? — פרעג איך איהם.

— איך בין — זאָגט ער — פון רעסטאָפּאָלי, איך בין געקו־מען אהער, הייסט דאָס, צו מיין ווייב מבקר־חולה זיין, זי זיצט טאַקע דאָ מיט אייך אויף איין דאַטשע.

— זענט איהר, הייסט דאָס, דעם רעסטאָפּאָלירס ווייבעלס מאַן? מה שמכם?

— חיים וואָלף.

— איהר האָט מיר עפּיס געוואָלט זאָגען, רב חיים וואָלף?

— ניין, — מאַכט ער צו מיר גאַנץ ערנסט — איך האָב

דערזעהן פון דער ווייטען, אז איהר עסט, בין איך צוגעגאנגען אוימיסטען זעהען, ווי אזוי עסט א יוד אהן א היטעל?..

— פונקט — זאג איך צו איהם — די איינענע מעשה, וואס האט זיך געטראפען אין קאנאטאפ. קיין קאנאטאפ איז ניט לאנג געקומען צו פאהרען דער רעסטאפאליר רבי אייערער, איז אריינגעקומען צו איהם איינער א געוויסער מתנגד, רב משה קאנאטאפער, וואס האלט נישט פון קיין רבין, און לעגט איהם אנידער א קערבעל און שווייגט. פרעגט איהם דער רבי: „וואס ווילסטו זאגען?" ענטפערט ער ניט דאס אנדערע ווארט, נעהמט ארויס און לעגט אנידער דעם רבין נאך א קערבעל. פרעגט איהם דער רבי נאך אמאל: „וואס איז דיין בעגעהר?" רופט זיך אן דער משה: — גארניט. איך האב נור געוואלט זעהען, ווי אזוי נעהמט א יוד אומזיסט געלד...

דער רעסטאפעלירם ווייבעלס מאן דרעהט זיך אוים מיט'ן פנים אהין, טהוט א שפיי און טרעט אב.

— וואס זאגסטו, חיה־עטיל, אויף דיין רעסטאפאלירם ווייבעלס מאן?

— וואס זאל איך זאגען? — מאכט זי — דיינע יעהופעצער אריסטאקראטקעס מיט די בריליאנטענע אויהרינגלעך, וואס זיצען דא אויף דער דאטשע, זענען נישט בעסער. א גאנצען טאג הערט מען פון זיי נאר חא־חא־חא! און חא־חא־חא! פארהאן דא ביי אונז איינע א דאמע מיט בריליאנטען, דוקא אזעלכע, וואס זיצט כסדר איבער א בוך, זאלסטו זעהען, וואס זי האט דערארבייט איבער א היהנדעל! עס האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז איהר שכנה, אויך א דאמע מיט בריליאנטען, האט ביי איהר אוועקגענג...

— חא־חא־חא! חא־חא־חא! — הערט זיך א קוויטשיג געלעכטער פון א דאמע, און מע פיהלט, אז זי לאכט מיט יאשטשערקעס...

און די אנדערע דאמע שרייט און שעלט, און עס ווארפען זיך דורך ביי איהר מארנע ווערטער: פיסקאטע, מארדאטע, קארפאטע, הארבאטע, פארחאטע, סמארקאטע...

— אהא! — רוף איך מיך אן, — זי בעזיצט גוט די שפראך!

— זאלסטו אבער זעהען, — זאגט צו מיר מיין ווייב — חי צו מיר וויל זי נישט רעדען קיין יודיש; נור אויף רוסיש, און נור אויף דייטש, האטש גיב איהר א קרענק!..

י.

א הייכע וואנד אויף דער דאטשע. — דאס ליעד פון א סאלאוויטשיק און די מחשבות פון א סוחר.

איינגעמיעדט, אויסגעמוטשעט פונ׳ם טאג, זענען מיר אנידערגעפאלען אלע ווי די סנאפעס און האבען זיך געלעגט שלאפען. אבגעשלאפען אקעגען א פאר שעה, חלומט זיך מיר, אז איך בין אין א שוויץ־באר, העט־העט אויף דער אויבערשטער באנק, און מע שמייסט מיך מיט א ווייך בעזעמעל, מחיה נפשות!

— דאוואי פארע 1) — שריי איך פונ׳ם שלאף מיט אלע כחות. — פארע! פארע, פארע 2)!

— גאט איז מיט דיר! וואס שרייסטו? וואס איז דיר? — זאגט מיין ווייב און וועקט מיך פונ׳ם שלאף.

— עפיס א מאדנע היץ — זאג איך — ביי אונז אויף דער דאטשע! איך בין אבגעגאסען מיט שווייס! טהו נאר א טאפ, חיה־עטיל, די וואנד — סע פארעט פון איהר, ווי פון איין אויווען!

— אוי, א דונער איז מיר! שרייט אויס מיין חיה־עטיל און טהוט א חאפ די האנד צוריק. — די וואנד איז הייס ווי פייער!

— אפנים, — זאג איך — ביי זיי זענען די דאטשעס מיט הרובעס?

— א חכם א יוד! — זאגט מיין ווייב. — האסט געהערט אמאל, א דאטשע זאל גאר זיין מיט הרובעס? משוגע מיינע שונאים? עס געהער מסתמא אריינגעהן צו אונז די וואנד פונ׳ם אויווען, וואס פערשטעהסטו דא ניט?

— וואס קומט ארויס פון דעם, וואס איך פערשטעה? ס׳איז אזוי הייס, אז מע קאן צוגאנגען ווערען, ווי פוטער!... איך בין זיך מטריח און עפען אויף דאס פענסטער, רייסט זיך אריין צו אונז אין שטוב א קיהל ווינטעל, און טראגט אונז אונטער גלייך אין נאז אריין א געשמאקען ריח פון בלומען און מיני בשמים אזעלכע, וואס מיר זענען צו זיי גאר ניש

---

1) גיב היץ.
2) היץ! היץ! היץ!

נעוועהנט געוואָרען. איך שטעק אַרויס דעם קאָפּ דורכ'ן אָפענעם פענסטער און בלייב שטעהן אַ פער'כשופ'טער פון דער זעלטענער שענער שמעקענדיגער זומער-נאַכט.

דער טונקעל-בלויער הימעל איז אויסגעשטערנט, בעזעצט מיט בריליאַנטען, וואָס שעמערירען אין די אויגען. דורך די גרינע בלעטער פון די בוימער קוקט דורך די זילבער-ווייסע לבנה, וואָס טוקט זיך אין שטיקער גרויע חמאַרע; די שטיקער גרויע חמאַרע ווערען אַלעמאָל שיטערער און שיטערער, ביז זיי צוגעהען זיך ווי רויך, און די זילבער-ווייסע לבנה בלייבט ווידער ריין און גאַנץ, אָהן אַ שום פּגם. און פון דאָרטען ערגיץ, פונ'ם וואַלד, לאָזט זיך הערען אַ מאָדנע געזאַנג: „טשרי — טשחערי—קטי—טיו—טיו—טיוך—טיוך"... איך הער זיך צו, איך וויל דעם אָטעם] ניט כאַפּען, איך ווער פערשטאַרבען, איך האָב שוין לאַנג, לאַנג נישט געהערט אַזאַ מין זינגען! דאָס איז ער, דער זיסער סאָלאָוויטשיק, דער נאַכט-משורר, וואָס לאָזט זיך הערען איבערן גאַנצען וואַלד; וואָס שלאָפט אַליין ניט און לאָזט ניט יענעם שלאָפען; וואָס וועקט אין אייך טיעף פערבאָרגענע, לאַנג געשטאָרבענע געפיהלען; וואָס רופט אַרויס משונה-מאָדנע מחשבות, אַזעלכע מחשבות, וואָס געהערען זיך כלל וכלל נישט אָן מיט קיין געשעפטעל, מיט קיין פערדינענסטעל און מיט קיין קערבעל.

איך טראָג מיך איבער מיט מיינע מחשבות אין איין אַנדער וועלט, אַהין ווייט-ווייט, אין מיינע קינדערשע, יונגעלשע, נאַרישע, נאָר גליקליכע, גליקליכע יאָהרען, וואָס וועלען זיך שוין קיינמאָל ניט אומקעהרען, — און איך ווער אויף אַ ווײַלע איין אַנדערער מענש, עס גלוסט זיך מיר ניט אָבטרעטען פון דאַנען. איך וואָלט אַזוי געשטאַנען דאָ אַ גאַנצע נאַכט; נאָר פּלוצים קעהרען זיך אום צו מיר צוריק די פריהעריגע, די שטענדיגע, וואָכעדיגע מחשבות: ווייב און קינדער, דערוואַקסענע טעכטער, קאָפּדרעהעניש, אַ געשעפטעל, אַ קערבעל...

מע קאָן ניט לייקענען, — קלער איך מיר — ער זינגט ניט שלעכט, דער חברה-מאַן; נאָר אַ פערנומענער מענש, וואָס האָט אין זינען אַ געשעפטעל און אַ קערבעל, זאָל זיך אַוועקזעצען אויף אַ גאַנצער נאַכט קוקען אויף דער לבנה, צעהלען די שטערן און האָרכען דעם סאָלאָוויטשיק, ווי ער זינגט, — פע!...

איך מאַך צו דאָס פענסטער און לעג מיך שלאָפען.

יא.

ראזניך גאלאנטערייניך טאָווארָאוו [1]. — א קאַלטע באָד. — דעם רעסטאָפּאָלירס ווייבעלם מאַן מאַכט אַ פּשרה.

— ראַזניך גאַלאַנטערײניך טאָווארָאוו! — הער איך עמיצער שרײַט מיר גלײַך אין אויער אַרײַן. — מילאָ ווערע-וויאָלעט! זײף גו-טע! אפשר דאַרפט איהר גוטע זײף?

— זײף? וואַסער-זײף? — רוף איך מיך אָן דערשראָקען, זעץ מיך אויף אויפ'ן געלעגער און רײַב דורך די אויגען און דערזעה פאַר זיך אַ שווארץ הינטיש פּנים'על מיט אַ פערריסען נעזעל.

— וואָסערע איהר ווילט — מאַכט צו מיר דאָס שווארצע פּנים'על: — ווערע-וויאָלעט, בּראָקאַר, פולס, אָדער גאָר — פאַ-טשולי? גוטע, שמעקענדיגע? קלויבט אײַך אוים, קויפט, וואָלוועל!

— ווער איז דאָ? וואָס איז דאָ? געוואַלד! געוואַלד, געוואַלד! — כאַפּט זיך אויף מײַן ווײַב מיט אַ געשרײ און דערזעהט דאָס שווארצע פּנים'על אין פענסטער, פאַלט זי חלשות.

— נאָט איז מיט דיר! — זאָג איך צו איהר און מינטער זי. — ס'איז נאָרנים, ס'איז נאָרנים! ס'איז אַ גאַלאַנטערײשטשיק!

— מאַדאַם! — רופט זיך אָן דער גאַלאַנטערײשטשיק צו מײַן ווײַב מיט אַ געלעכטערל. — וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען פאַר מיר? איך בין דען מיט הערנער?

— ווי אַזוי קריכט דאָס אַ יוד — זאָג איך צו איהם — אין אַ פרעמדען פענסטער, בשעת יענער שלאָפט?

— אַז מע זיצט אויף אַ דאַטשע, — מאַכט ער — בעדאַרף מען אויפשטעהן פריה.

— אפשר — זאָג איך — זענען מיר ניט געשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט?

---

1) כל מיני גאַלאַנטערײ-סחורה.

— וואָס דען האָט איהר געטהון?

— ס'איז ניט אייער טאַטענס עסק! — זאָג איך. — געהט אייך געזונדערהייד!

— אז איך וועל דאַרפֿען געהן, — מאַכט ער — וועל איך מיך ביי אייך ניט אָנפֿרעגען. גאַנצע פּריצים! קומען צו פֿאָהרען קיין בוי־בעריק, צולעגען זיך ווי ביים טאַטען אין ווייִנגאָרטען! ניט גענוג, וואָס מע ברענגט זיי צו טראָגען אין שטוב אריין אַלדאָס ביז, זענען זיי נאָך ניט צופֿריעדען!

— איהר זענט — זאָג איך — אַ גרויסער נאַחאַל!

— נאַחאַל? — מאַכט ער מיט אַ שמייכעלע. — וואָס הייסט דאָס נאַחאַל? וואָס איז דער טייטש נאַחאַל? איך זעה, איהר זענט אַ בייזער יוד. מאַדאַם, גיט עפּעס צו לייזען! קויפֿט אייך, מאַדאַם, אַ שפּילקע אַיין אַנטיק, מען טראָגט היינט פֿון אונטען.

איך קאָן שוין מעהר ניט איבערטראָגען, איך כאַפּ דעם קרוג מיט וואַסער און גיס איהם אוים אויפֿ'ן קאָפּ; מאַכט ער אַ געוואַלד, אַ געשריי, לויפֿען זיך צונויף אַלע שכנים מיט אַלע שכנות מיט אַלע דינענ־מען און עס ווערט אַ יריד מיט אַ געפּילדער. דער עולם גיט מיר אָנ־צוהערעניש, אַז ניט אַזוי בעדאַרף מען זיך בעגעהן מיט אַ יודען אַיין אָרימאַן.

— ממה נפשך, — זאָגען זיי — איהר ווילט ניט קויפֿען, קויפֿט ניט; אָבער נעהמען בעליידיגען אַיין אָרימען גאַלאַנטערייִשטשיק אומ־זיסט־אומניִשט, אָבגיסען איהם מיט אַ פֿאָמוניצע — פֿע, דאָס טהוט ניט קיין לייטישער מענש!...

דערהערט אַזעלכע דבורים, רופֿט זיך אָן דער גאַלאַנטערייִ־שטשיק, אַז ער געהט גלייך צום אוראַדניק — און גענוג; לאָז דער אוראַדניק טהון, וואָס ער וויל זיך...

מישט זיך אַריין דעם רעסטאָפּאָלירס ווייבעלס מאַן און מאַכט צווישען אונז אַ פּשרה, אַז איך זאָל ביים גאַלאַנטערייִשטשיק בעטען מחילה און טאַקי עפּעס קויפֿען אויך ביי איהם, געבען צו לייזען.

— ס'איז אַ יושר, — זאָגט דעם רעסטאָפּאָלירס ווייבעלס מאַן — ס'איז אַ גרויסער יושר! געבען צו לייזען אַ יודען, הערט איהר, איז אַ סך מעהר מצוה ווי עסען אָהן אַ היטעל...

— אַ יושר! אַ יושר, — העלפֿט אונטער דער גאַנצער עולם.

— טאָמער וועסטו זיך דערוועגען — זאָגט צו מיר מײַן ווײַב — עפּיס קויפֿען בײַ דעם יודען אויף צוויי גראָשען, וועט זיך טהון חשך! נו, זאָגט שוין איהר, וועמען זאָל איך פֿאָלגען? . . .

יב.

דער בויבעריקער וואַלד אין דער פריה. — יודען און ווײַבער פון דער „סענאַטאָריע". — מען לאָזט נישט שפּיעלען און מע געהט אוים נאָך אַ ביסעל באָרשטש.

דער בויבעריקער וואַלד אין דער פריה, ווען די וועלט שלאָפט נאָך, איז באמת אַ פערגעניגען. ער זעהט אויס ווי אַ חתן, אַ שענער, אַ רײַנער, אײַן אויסגעצוואָגענער און אײַן אויסגעפּוצטער. מע זעהט נישט די בראוים מיט די נפשות, וואָס דרעהען זיך דאָ ארום דעם גאַנצען טאָג. מע הערט נור אַ פּישטשען און פּײַפּען פון טויזענדער קלײנע בעשעפענישלעך, וואָס זינגען, זשומען און טערעליקען, שפּרינגען פון אײַן צווײַגעל אויפ'ן אַנדערן, פליהען פון אײַן בוים אויפ'ן אַנדערן, טוקען זיך און באָדען זיך אין די טראָפּענס טוי, וואָס הענגען נאָך אויף די בלעטער און בלישטשען אויף דער ליכטיגער וואַרימער זון, ווי בריליאַנטען. פּלוצים הערט אַ געשריי צווישען אַ גאַנצער טישטשקע פֿײַגעלעך, אַ געשלעגערײַ מיט אַ קוויטשערײַ — סכנות נפשות! וואָס איז די מעשה? מע האָט זיך צוזאַמענגעפּערט איבער אַ ווערימעל. אײַן פֿײַגעלע האָט געפונען אַ ווערימעל און האָט זיך פערקליבען אין דער זײַט אויף אַ צווײַגעלע, געדרעהט דאָס קעפּעלע אויף אַלע זײַטען, זיך געוואָלט מאַכען אײַן אָנבײַסען, האָט דערזעהן דאָס אַנדערע פֿײַגעלע און איז צוגעשפּרונגען:

— ציף-ציף! וואו האָסטו דערטאַפּט אַזוי פריה אַ ווערימעל?

— ציף-ציף! וואו איך האָב דערטאַפּט, אַבי איך האָב שוין דערטאַפּט.

— ציף-ציף-ציף! גיב מיר אויך אַ פּיצעלע!

— ציף-ציף-ציף! געה, זוך, נישטער, גראָב, כאַפּ, וועסטו האָבען! . . .

— ציף-ציף, ציף-ציף, קומט אהער, וועט איהר עפּיס זעהען! — צושרייט זיך דאס אנדערע פייגעלע צו די איבעריגע פייגעלעך און ציהט אויס דאס קעפּעלע.

— ציף-ציף-ציף! — וואס טהוט זיך דא? — פרעגען די איבעריגע פייגעלעך, וואס פליהען זיך צונויף אויף דעם געשריי.

— ציף-ציף-ציף, א ווערימעל — שרייט דאס אנדערע פייגעלע.

— ציף-ציף-ציף! ציף-ציף-ציף! א ווערימעל, א ווערימעל, א ווערימעל! — שרייען אלע מיט אמאל.

און עטליכע מיט אמאל בעפאלען דאס פייגעלע, וואס מיט'ן ווערימעל, און אנדערע שטעלען זיך איין פאר'ן פייגעלע, וואס מיט'ן ווערימעל, און דאס פייגעלע לאזט ארויס דאס ווערימעל, פליהט אונטער א ווילד פרעמד פייגעלע און חאפּט דאס אונטער און פליהט אוועק, און דאס ארימע פייגעלע בלייבט נעבאך שטעהן בעטריבט, לאזט אראב די פליגעלעך, בלאזט זיך אן, ציטערט און פלאטערט. קע-קע-קע! — שארפט זיך אויס דאס פיסקעלע ביי א צווייגעלע הין און צוריק עטליכע מאל, הויבט אויף די פליגעלעך און — פררררר! — לאזט זיך זוכען איין אנדער מין שפּייז, אבי איבערחאפּען עפּיס אויפ'ן ניכטערן הארצען.

אויך פון אונטען, אויף דער ערד, איז ניט שטיל; עס שפּרינגען, לויפען, קריכען און פויזען ארום טויזענדערליי מינים בעשעפעניששען, פליגעלעך, זשוקלעך, ווערימלעך, שלענגעלעך און יאשטשערקעלעך פון אלערליי פארבען, שפּינען און מערעשקעס אלפי-אלפים; דער טראגט א טויטע פליג צו זיך אין נעסט אריין, די קליינע קינדער אויף אנבייסען; דער א'גרעזעלע, דער א שטיקעל סכך אויף דער סוכה, און דער שלעפּט א גאנצען שטרוי צעהן מאל אזוי גרויס, ווי ער אליין. — אלע זענען ארויסגעגאנגען אויף דער ארבייט, זיך בעווארענען מיט וואס איבערצוקומען דעם טאג. און אויך די לופט איז פול מיט קאמארעס, גרויסע עזות-פנימער, וואס שפּרינגען אין פנים אריין, און אלערליי פארביגע פארבעס און פערבלעך, וואס לעבען פונ'ם ווינד, דרעהען זיך ארום אהין און אהער, טהוען גארנישט, נאר זיי זשומען און ברומען, טאנצען ארום אויף פרעמדע חתונות, רוימען איין א סוד אין אויער און טהוען א ביס פון הינטען, זויגען אויס א ביסעל בלוט און פליהען ווייטער... אלסדינג לעבט אין דער נאטור, אלסדינג איז בעשעפטיגט פערטארעראמט מיט זיך, מיט זיין אייגענעם מאגען...

נאר שפּעטער-שפּעטער הויבען אן ביסליכווייז בעוויזען זיך אין

וואלד אויך מענשען; ווירער דיזעלבע ברואים, ווידער די אייגענע יודען מיט די אייגענע פלעשלעך, מיט די אייגענע הענגענדיגע קברים (האמאקען), וואס אלעמאל.

— איהר זיצט דא אין בויבעריק אויף א דאטשע? — טהו איך א פרעג אויף א ציקאוועסט א גאנצע קאמפאניע ארימע, קראנקע, יארעשליווע יודען מיט ארימע, קראנקע, אויסגעטריקענטע ווייבער, וואס האלטען זיך צו ביי א בוים און הוסטען.

— א משל! — ענטפערן מיר עטליכע מיט אמאל. — ווי קומט צו אונז א דאטשע? מיר זענען ארימע בעלי־מלאכות פון יעהופעץ.

— וואס זשע טהוט איהר הי, אין בויבעריק? — פרעג איך זיי.

— אז אך און וועה איז אונז! — זאגען זיי. — מיר האלטען זיך אויף דא אין דעם היגען בקור־חולים, וואס מע רופט דאס „סע־נאטאריע".

— אומזיסט? — פרעג איך.

— וואס זשע, פאר געצאהלט?

— ווער זשע גיט דערויף געלד?

— ווער זאל געבען? — זאגען זיי. — קראנק זענען די יעהופע־צער נגידים געבען געלד? זיי האבען קארג? גאט זאל העלפען, זיי זאלען אריבער אויף אונזער שטאנד, וואלטען מיר זיי בעסער אויסגע־האלטען, ווי זיי אונז.

— וואס איז דען? — פרעג איך — ס'איז אייך דא נישט גוט?

— א מאדנער יור איהר זענט! — מאכען זיי צו מיר. — וואס זשע, ס'איז אונז גוט?

— דהיינו, וואס פעהלט אייך?

— ס'זאל אונז צוקומען וואס אונז פעהלט! ערשטענס, האט מען אונז אבגעריסען פון דער היים, פון ווייב און קינדער, און בעזעצט אט דא אויף א דאטשע, און מע האדעוועט אונז, ווי די גענז, מע שטופט אונז מיט רפואות און מיט מילך און מיט „קאפיר", וואס דער טאטער מאכט פון אונזערטוועגען, און מע הייסט אונז ליעגען א גאנצען טאג אין וואלד, אויף דער „לופט", און נישט טראגען קיין שום דאגות אויפ'ן קאפ. ס'איז גרינג צו זאגען.

— אט דאס איז גאר? — זאג איך.

— און דאס שפייען? — רופט זיך אן צו מיר א יוד מיט שווארצע ברילען און פערהוסט זיך. — און דאס שפייען איז ביי אייך גארנישט?

— וואָסער שפּײַען? — פרעג איך איהם.

— דאָס שפּײַען, — מאַכט ער — וואָס מע טאָר נישט שפּײַען! א יוד הוסט און וויל א שפּײַ טהון, לאָזט מען איהם נישט! דער דאָקטאָר האָט אײַנגעפיהרט אַזעלכע שיסעלעך, און איטליכער קראַנקער מוז זיך ארומטראָגען מיט זײַן שיסעלע, און זאָל ער שפּײַען. נו, טהוט דאָס א קלאָרער?...

— היינט די לײַלעכער מיט'ן בעטגעוואַנד, מיט'ן גרעט — רופט זיך אָן א קראַנקע יודינע מיט טויטע ליפּען — האָט דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט, מע זאָל בײַטען אַלע מינוט. האָט איהר געהערט א משוגעת? איך פרעג א קשיא: וואָס געהער זיך אָן, א שטײַגער, א ווײַסער לײַלעך מיט מײַן הוסטען, וואָס איך הוסט? אז איך וועל בײַטען צעהן מאָל אין טאָג דאָס העמד, וועל איך אויפהערען הוסטען?

— היינט דאָס עסען, וואָס מע גיט אונז —! רופט זיך אָן א יודעל מיט ברענענדיגע אויגען.

— מע גיט אײַך נישט קײַן עסען? — פרעג איך איהם.

— וואָס האָט איהר געוואָלט? מען זאָל אונז שוין גאָר נישט געבען קײַן עסען? — מאַכט צו מיר דאָס יודעל מיט די ברענענדיגע אויגען. — עסען גיט מען, נאָר אַלץ הײסט בײַ אײַך עסען? מיר געפינען זיך דאָ אינ'ם היגען בקור-חולים שוין, ברוך השם, אַזוי גרויס ווי דרײַ זומערן, און מיר געהען אוים פאַר א ביסעל באָרשטש, דרײַ זומערן כסדר האָדעוועט מען אונז מיט יאַיכלעך, מיט היהנדלעך געבראָטענע, מיט מילך און מיט לײַזע אײַער. אַלע טאָג ווידער אַמאָל א היהנדעל און ווידער אַמאָל א יאַיכעל, און אָבער אַמאָל מילך און אָבער אַמאָל לײַזע אײַער! קרעפּלעך עסען, זאָגט מען, קאָן אויך נמאס ווערען! מיר בעטען, מע זאָל אונז אָבקאָכען אַמאָל א ראָסעל-פלײַשעל מיט קנאָבעל, מאַכען א ציבעלקע מיט שמאַלץ, א שטיקעל רעטיך פאַר א נאָווינע, געבען אַמאָל א ביסעל באָרשטש צו דערקוויקען די נשמה, — זאָגען זיי: דער דאָקטאָר הײסט ניט, איהר זענט ניט קראַנק, זאָגען זיי, עסען „קאָטלעטען" גוטע, א „בעשטעק" א פרישען, א געבראָטען היהנדעל, א בוליאָן מיט פענעצלעך און פערטרינקען מיט מילך אָדער מיט „קאַפיר", וואָס דעם טאָטער מאַכט! — וואָס טויגען אונז די דאָזיגע מאכלים? — טענה'ן מיר. איהר גיט אונז דאָס, וואָס מיר האָבען ליעב! ממה-נפשך, האָט איהר זיך אונטערגענומען אונז אויסהאַלטען מיט א דירה און מיט דיענסטען און מיט רפואות און מיט עלדאָסדינג, בע-

דארפט איהר אונז פרעגען, וואס מיר האבען ליעב, ניט דאס, וואס דער קלוגער דאקטאר וועט אויסטראכטען! ווינבאלד ס'איז ביי אייך א בקור-חולים, — טענה'ן מיר — איז דאך עס א בקור-חולים פון אונזערטוועגען, פון די ארימע לייטס וועגען, נישט פונ'ם דאקטארס וועגען! אנו, לאז פרובען זיין א בקור-חולים אהן ארימע לייט ארימע קראנקע, מיט נור דאקטוירים אליין! וואס, אפשר ניט אזוי?..

— פאפאשא, יאוורעאי 1) — שרייען צו מיר די קלענערע קינדער און רופען מיך פון וואלד ארויס.

פון זינט איך האב „געחאפט" די גראבע עטליכע טויזענד און עס האבען אנגעהויבען אריינקומען צו מיר אין שטוב אריין סטודענטען, האט מען ביי מיר אויפגעהערט צו רעדען יודיש. חאטש די סטודענטען (זיי הייסען חאצקילעוויטש, קנאבעלמאן און פייטעלזאהן) קומען ארויס פון יודען, און ס'איז גאר א סברא, אז זיי זענען אליין אויך יודען... אויף זיי קוקענדיג, רעדען שוין אונזערע קינדער מיט אונז אויך ניט קיין יודיש. זיי זאגען, אז מע רעדט שוין היינט אין ערגעץ נישט „פא-יעווריייסקאמו" — און גער מהו זיי עפּיס!

יג.

בויבעריקער בעלי-בתים. — ותלמוד תורה כנגד כולם!

נעקומען פונ'ם וואלד, טרעף איך צוויי יודען, איינער איז א נידעריטשקער, א גרעבליכער, דער אנדערער א הויכער, א דינליכער.

— ווער זענט איהר? — פרעג איך זיי:

— מיר זענען טאקי היגע, הייסט דאס, בעלי בתים זענען מיר.

— וואס וועט איהר זאגען גוטס?

— נארנישט, מיר האבען אייך נור געוואלט א פרעג טהון, צי איז ניט געווען ביי אייך אונזער שוחט'ס זוהן?

— א יונגערמאנטשיק — זאג איך — מיט א לאנגען פירושאק.

---

1) — טאטע, יודען!

מיט אַ גרינעם זשילעט און מיט אַ ווייסער מאַנישקע?

— יאָ, יאָ, יאָ! — זאָגען זיי — האָט ער אײַך ניט געבעטען, איהר זאָלט זיך פערשרייבען אויף דער תלמוד-תורה?

— געבעטען — זאָג איך.

— נו, איהר האָט זיך פערשריבען?

— פאַרוואָס ניט? — זאָג איך.

— נו, מהיכי תיתי, פערשריבען איז פערשריבען—! מאַכען זיי און קוקען אײנס אויף דאָס אַנדערע. — אַ קאָמעדיע מיט די דאַטשניקעס, אַ ריינע קאָמעדיע! ווער עס זאָל נישט קומען צו זיי נאָך געלד, געבען זיי; ניטאָ ווער זאָל לאַכען!

— וואָס איז דען? — זאָג איך — איהר האַלט דען נישט פון דער היגער תלמוד-תורה?

— וואָסער תלמוד-תורה? — זאָגען זיי. — וואָסערע לאָקשען? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! פאַרהאָן דען ביי אונז אָרימע קינדער אין בויבעריק, וואָס מיר זאָלען דאַרפען האָבען אַ תלמוד-תורה? טהוט אַ פרעג אויף אַ ציקאַוועסט דעם יעהופעצער מלמד, וואָס שרייבט אויף די בלעטער, וועט איהר הערען...

— געפינט איהר, הייסט דאָס, אַז איך דאַרף — זאָג איך — אויף דער תלמוד-תורה גאָרנישט געבען?

— וואָס איז שייך — זאָגען זיי — מיר געפינען? מיר קאָנען אײַך דען זאָגען אַ דעה אויף אײַער קעשענע? און אַז איהר וועט וועלען אײַער געלד אַרויסוואַרפען אין דער בלאָטע, קענען מיר אײַך פערוועהרען? מיר זענען חלילה ניט אַזעלכע מענשען, וואָס מיר זאָלען יענעם בערעדען. גאָר איהר זאָלט וויסען, ווער אונזער שוחט'ס זוהן און וואָס ער איז, וואָלט איהר אַרויס פון די כלים... האָט קיין פעראיבעל ניט, וואָס מיר האָבען אײַך אפשר דאַקוטשעט. אַ גוטען טאָג!

זיי לאָזען זיך געהן און קעהרען זיך אום צוריק:

— וואָס האָבען מיר אײַך געוואָלט בעטען? איהר זאָלט נישט זאָגען קײנעם, אַז מיר האָבען אײַך דערצעהלט מכח דער תלמוד-תורה; דעם שוחט'ס זוהן, דאָס, יענץ... דאָס האָבען מיר נור אײַך געזאָגט גלאַט אַזוי, איהר זאָלט וויסען... איהר פערשטעהט?... אַ גוטען!

— אַ גוטען!

תיכף נאָך די צוויי יודען קומען צו געהן אַנדערע צוויי יודען: אײנער מיט אַ קאַפעליש, דער אַנדערער מיט אַ קאַשקעט.

— ווער זענט איהר? — פרעג איך זיי.

— מיר זענען טאקע היגע, הייסט דאס, בעלי-בתים זענען מיר.

— וואס ווילט איהר זאגען גוטס?

— גארנישט! מיר האבען אייך נור געוואלט א פרעג טהון, צי זענען נישט געווען ביי אייך נור-וואס צוויי יודען?

— איינער א נידעריגער — זאג איך — און א גראבליכער, דער אנדערער א הויכער און א דינליכער?

— יא, יא, יא! — זאגען זיי. — האבען זיי אייך נישט דערצעהלט פונ'ם שוחט'ס זוהן און פון דער היגער תלמוד-תורה?

— וואסער תלמוד-תורה? — זאג איך — ס'איז דען ביי אייך פאראן א תלמוד-תורה אין בויבעריק?

— נאך א מין תלמוד-תורה! — זאגען זיי — אזא שטיק גאלד זאלען מיר האבען! די יודען האבען אייך אפשר געזאגט, אז ניין?

— ס'איז דען פאראן ביי אייך ארימע קינדער! — זאג איך זיי.

— נאך א מין ארימע קינדער! זאגען זיי. — אזוי פיעל טויזענדער זאלען מיר פערמאגען מיט אייך אינאיינעם, וויפיעל ארימע קינדער עס געהען ארום ביי אונז נאקעט און בארוועס! יענע צוויי יודען האבען אייך אפשר געזאגט, אז ניין? ס'איז דיר איין אקציע מיט א יודען! הערט איהר, ס'איז ניט שייך צו רעדען, איהר זענט דאך נישט מעהר ווי א פרעמדער מענש, נור מיר זאלען אייך דערצעהלען א צעהנט-חלק פון דעם, וואס ביי אונז אין שטעדטעל טהוט זיך אב, וואלט איהר געשפרונגען אין דער לופטען! איהר מעגט אונז זיכער גלויבען, אז מיר קעהרען זיך אן מיט'ן שוחט'ס זוהן גאר ווינציגע מחותנים און מיר דארפען איהם אויף 99 כפרות... נאר וואס דען? דער דאזיגער יונגערמאן, הערט איהר, איז דוקא א לייטישער יונגערמאן; איהר קאנט פערשטעהן פון דעם אליין, אז ער ניט זיך אב מיט אזא זאך. כ'לעבען, אזא גרויסע, אזא הייליגע זאך, ווי תלמוד-תורה! א קלייניגקייט תלמוד-תורה! עס שטעהט ביי אונז געשריבען, מסתמא ווייסט איהר דאך, ותלמוד תורה כנגד כולם, וואס קאן שוין זיין גרעסער דערפון? קומען צו געהן צוויי יודען און זענען מבטל, גארנישט! די גאל קען דאך נור צוזעצט ווערען! באשר וואס? באשר ביי אונז זענען דא צוויי שוחטים, צוויי מדרשים, צוויי פארטיעס, איז וואס איינער טהוט, טהוט דער אנדערער קאפויר! און דערצו האבען זיך נאך אריינגעמישט דער מלמד פון יעהופעץ, וואס שרייבט אויף די בלעטער, למאי מע האט געעפענט א תלמוד-תורה

אָהן איהם...

— געפינט איהר, הייסט דאָס, אַז איך דאַרף ניט שטעלען אויף זייערע רייד, — זאָג איך — און איך זאָל דוקא יאָ געבען אויף דער תלמוד־תורה?

— וואָס איז שייך? — זאָ ; זיי. — מיר קענען אייך דען זאָגען אַ דעה? אודאי איז דאָס אַ גרויסע מצוה אונטערהאַלטען אָרימע קינדער, וואָס געהען אַרום בטל, נאַקעט און באָרוועס. און שטעלען דערויף, וואָס יענע ווילען אייך דערצעהלען לשון־הרע, זענט איהר ניט מחויב, וואָרום אונזער שטעדטעל איז, ווי איהר קוקט דאָס אָן, אַ קליין שטעדטעל און איין אָרימס, נאָר פול מיט אינטריגעס, רכילות, קנאה, שנאה און וואָס איהר ווילט! מיר ווילען דאָ חלילה קיינעם ניט בערעדען; נאָר גאָרנישט, ס'איז געקומען צו רייד — רעדט מען. האָט קיין פעראיבעל ניט, וואָס מיר האָבען אייך אפשר דאַקוטשעט, אַ גוטען טאָג!

זיי לאָזען זיך געהן און קעהרען זיך אום צוריק.

— מיר האָבען צו אייך אַ קליינע בקשה, איהר זאָלט ניט זאָגען קיינעם, אַז מיר האָבען אייך דאָ דערצעהלט מכח צוויי שוחטים, צוויי בתי־מדרשים, אינטריגעס, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם... דאָס האָבען מיר נאָר אייך געזאָגט גלאַט אַזוי, איהר זאָלט וויסען, איהר פערשטעהט?... אַ גוטען!

— אַ גוטען!

נאָך די צוויי יודען קומען אָן אַנדערע צוויי יודען, איינער מיט אַ פאַרעסאָל. דער אַנדערער מיט אַ שטעקעל, און ווידער די איינענע געשיכטע פון „מה טובו“:

— ווער זענט איהר? וואָס וועט איהר זאָגען גוטס?

— מיר זענען טאַקי היגע, הייסט דאָס, בעלי־בתים זענען מיר, און אַריינגעגאַנגען זענען מיר צו אייך גאָרנישט, גלאַט אַזוי, אַ פרעג טהון, צי זענען ניט געווען דאָ נאָר־וואָס צוויי יודען, איינער מיט אַ קאַפעליש, דער אַנדערער מיט אַ קאַשקעט? זיי האָבען מסתמא דערצעהלט גוזמות פון דער היגער תלמוד־תורה מיט די זיבען און זיבעציג תלמידים, און האָבען פערענטפערט דעם שוחט'ס זוהן, אַז ס'איז ביי אונז פאַרהאַן צוויי שוחטים, צוויי בתי־מדרשים, צוויי פּאַרטיעס, און האָבען מסתמא בערעדט דעם מלמד פון יעהופּעץ, וואָס שרייבט אויף די בלעטער, געזאָגט אויף איהם, אַז ער

האַט ליעב כּבוד, מאַכען אינטריגעס? אַיאַ, גלײַך ווי מיר זענען געװען דערבײַ? עך—עך—עך! וואָס ווײַסט איהר, וואָס בײַ אונז טהוט זיך אָב! מיר זאָלען אײַך װעלען דערצעהלען מכּח אונזערע „מעות-חטין“, מכּח אונזער חברה „גמילות-חסדים“, וואָס מיר האָבען געװאָלט אײַנפיהרען און מכּח דער היגער באָד, וואָס מיר האָבען געװאָלט מאַכען, וואָלט איהר משוגע געװאָרען...

איך האָק זיי אָב און זאָג זיי, אַז איך בין זיי מוחל דאָס „מעות-חטין“ מיט׳ן „גמילות-חסדים“ מיט דער באָד און אפילו מיט׳ן מלמד פון יעהופּעץ, וואָס שרײַבּט אויף די בּלעטער, — און איך וויל ניט משוגע ווערען... געזעגנען זיי זיך אָב מיט מיר און געהען אַוועק, נאָר עס קומען באַלד אָן אַנדערע צוויי יודען, בּײדע נידעריגע און בּײדע מיט קאַשקעטלעך און בּײדע מיט שטעקלעך.

דערזעהען ווידער אַמאָל צוויי יודען, לאָז איך מיך שוין נעהן אַקעגען זיי און וואָרט שוין ניט אויף קײן כּבוד און רוף מיך אָן צו זיי:

— זײַט-זשע מוחל, מײַנע ליעבּע יודען, איהר זענט דאָך מסתמא היגע בּעלי-בּתּים און דאַרפען דאַרפט איהר גאָרניט, נאָר גלאַט אַזוי, איהר ווילט וויסען צי זענען דאָ ניט געװען בּײַ מיר נאָר-וואָס קײן צוויי יודען אײנער מיט אַ פּאַרעסאָל, דער אַנדערער מיט אַ שטעקעל? זאָג איך אײַך, אַז ס׳איז ניט געװען בּײַ מיר קײנער, און איך ווײס ניט גאָרניט, ניט פון קײן שוחטים, ניט פון קײן יעהופּעצער מלמדים, וואָס שרײַבען אויף די בּלעטער, ניט פון קײן אינטריגעס, ניט פון קײן תּלמוד-תּורה, ניט פון קײן מעות-חטין, ניט פון קײן באָד, און האָט אײַך אַ גוטען תּמיד!... חיה-עטיל, האָס געבען דעם סאַמאָוואַר!

יד.

אבגערעדט די מויד. — ניטא קיין טראפּען וואַסער. — מיר צוקריעגען זיך מיט אלע שכנים. — איך לויף אין שטאָדט אריין. —

— דעם סאמאָוואר ווילסטו זאָל מען דיר געבען? — זאָגט צו מיר מיין ווייב. — נו, נו, וועסט שוין מעגען ווארטען אויף א סאַמאָוואר! מיר זענען געבליבען אהן א מענשען, אהן א טראָפּען וואסער, אהן לייב און אהן לעבען! דיינע יעהופּעצער אריסטאָקראטקעס, ברענען זאָלען זיי דיר אויפ'ן פייער, האבען היינטיגע נאכט אבגערעדט אונזער מויד!

— וואס הייסט — זאג איך — זיי האבען אבגערעדט די מויד?

— וואס זאָגט איהר אויף דעם תם? ער ווייסט ניט, ווי אזוי מע רעדט אָב א מויד? געבאך א רחמנות אויף איהם! — מאכט חיהעטיל — לאָמיך געהן האטש אבשפּיעלען זיי א בייזען, א ווינסטען, א פינסטערן...

— שא! — זאג איך צו איהר. — חיה-עטיל, פאָלג מיך, לאָז זיין שטיל; מיר זענען דאָך נישט ביי זיך אין דער היים! מיר זיצען דאָך עפּיס אין בויבעריק, אויף א דאטשע!

— א דאטשע? — זאָגט מיין ווייב, — א גליק האט מיך געטראָפען! זי וואָלט דיר געמעגט פערברענט ווערען מיט גאנץ בויבעריק, איידער מיר האבען זי געדונגען! איך האב איהם אבער געזאגט, מע דארף ניט קיין דאטשעס! האט זיך איהם אבער פערגלוסט נאָכשטופען די קארעטע! אלע יודען פאָהרען קיין בויבעריק, דעריבער דארפען מיר אויך פאָהרען! וואס וואָלסטו געטהון, א שטיינער, ווען אלע יודען זאָלען זיך אבשניידען די נעז?...

מיין ווייב זאָל לעבען איז געגליכען, להבדיל, צו א מאשינע; אז זי הויבט אן רעדען, זאלט איהר זיך ניט פּרובען זי איבערשלאָגען; זי וועט אזוי לאנג רעדען, ביז זי וועט זיך אליין אבשטעלען... בשעת זי האט זיך דא אויסגע'טענה'ט מיט די אריסטאָקראטקעס פאר דער מויד, בין איך מיך דערוויל דורכגעגאנגען צו דער קעכין, טאַ

מער וועל איך ביי איהר פועל'ן, אז זי זאל שטעלען דעם סאמאוואר; האט זי מיר געגעבען א רעכטען פעטשאטיק: „איך וועל מעגען ווארטען, זאגט זי, ביז זי וועט אויפשטעלען דעם סאמאוואר! דער סאמאוואר איז ניט איהר ארבייט; ס'איז אזוי אויך גענוג, זאגט זי, אז זי בעדארף זיך וואלגערן ווי א הונד אין דרויסען אויף דער שעניער דאטשע זייערער! דאטשעס האט זיך זיי פערוואלט! זיי ווייסען שוין גארניט וואס אויסצוטראכטען פאר גרויס ראסקאש!"

— דאס איז איינמאל אוועק, — זאגט די קעכין — און דאס אנדערע, פארוואס פרעגט איהר מיך ניט, וואו וועל איך אייך נעהמען וואסער?

— וואס הייסט — זאג איך — וואו? מיר האבען דען ניט קיין ברונען אויף דער דאטשע?

— זאל איך אייך — זאגט זי — געהן, הייסט דאס, ציהען וואסער? א ניט דערלעבען וועלען דאס מיינע שונאים, אז בתיה־ביילע די שמש'טע זאל ווערען א וואסער־טרעגערין! גענוג אז איך בעדארף דיענען אויף דער עלטער! אז וויי און וועה איז מיר, אויף וואס איך בין איבערגעקומען! מיין רפאל, עליו־השלום, זאל איצטער אויפשטעהן און א קוק טהון אויף זיין בתיה־ביילען, וואלט ער נאך אמאל געשטארבען!...

בתיה־ביילע צעוויינט זיך, ווי א קליין קינד. עס פערקלעמט מיר ביים הארצען, און איך רוף מיך אן צו איהר:

— ווייסט איהר וואס? — גיט מיר דעם עמער מיט'ן שטריק, וועל איך מיך פרובען אליין אנציהען איין עמער וואסער.

איך נעהם דעם עמער, געה צום ברונען, דרעה מיט'ן שטריק אהער און אהין אויף אלע זייטען — עס געהט נישט! „אפנים ס'איז גרינגער דורכשלאגען צעהן געשעפטען אין יעהופעץ, ווי אנשעפען איין עמער וואסער אין בויבעריק"... — אזוי טראכט איך מיר און טהו אווארף דעם עמער, גליטשט זיך ארויס די שטריק און פוץ אין ברונען — ניטא ניט קיין עמער, ניט קיין שטריק, ניט קיין וואסער!

— וואס עס האט זיך מיר געחלומ'ט יענער נאכט און היינטיגע נאכט! — זאגט בתיה־ביילע, — ס'איז א פרעמדער עמער מיט א פרעמדער שטריק! ווער האט אייך געבעטען, איהר זאלט אליין ציהען וואסער! זינט איך לעב, זינט איך שטעה אויף מיינע פיס! א בעל־הבית זאל זיך ליעב האבען מישען אומעטום אין אלע טעפלעך! וואו

וועל איך איצטער נעהמען איין עמער? מיט וואָס וועל איך זיך שטע־לען קאָכען?

איך אַנטלויף פון קיך, בעגעגענט מיך מיין ווייב מיט אַ געוויין.

— גאָט איז מיט דיר, חיה־עטיל, וואָס וויינסטו?

— אַ דאַטשע האָט זיך איהם — זאָגט זי — פערגלוסט! „לופט" האָט זיך איהם געוואָלט אין בויבעריק! זאָלסט געווען הערען, וואָס פאַר אַ „לופט" איך האָב דאָ געהאַט פון דיינע שענע אַריסטאָ־קראַטקעס! זיי האָבען מיך אָבגעזידעלט, ווי מע זידעלט אַ דיענסט! טאַקי כדאי געווען, כ'לעבען, אַרויספאָהרען צוליעב דעם קיין בויבע־ריק אויף אַ דאַטשע. איך האָב געמיינט, אַז די הקדש־ווייבער וועלען זיך פאַר מיר איינשטעלען, צום סוף האָט מיר די רעסטאָפּאַליער אויס־געוואָרפען, אַז ס'איז ביי אונז אַ טרפה קיך, מילכיגס מיט פליישיגס איז ביי אונז, זאָגט זי, יחדו... נאָר מעהר פון אַלעמען פערדריסט מיך אויף דער בלינדער, וואָס מאַנדעלשטאַם דער דאָקטאָר ברענט איהר מיט ליאַפּעס, עס זאָלען איהר נאָר אַרויס די אויגען, ליעבער גאָט!

— אַז איהר וועט ניט אַנשטומט ווערען, — לאָזט זיך הערען אַ קול פון יענער זייט וואַנד — וועט מען אייך צופּאַטשען די פּיס־קעס! מע וועט ניט קוקען אויף איירע איבערגעוואַקסענע טעכטער, וואָס איהר זענט געקומען מיט זיי אהער חאַפּען חתנים, און אויף איי־ער מאַן, וואָס האָט געמאַכט איין אַפּערעלע און „געחאַפּט" עטליכע טויזענדער! מאָלט אייך, זיי וועלען געדויערן ביי אייך, ניט מעהר זאָל דער יודישער גלות געדויערן, פון אסתר־תענית ביז פּורים! מע האָט שוין געזעהען אַזעלכע גבירים אין יעהופּעץ, וואָס היינט פאָה־רען זיי אויף גומעלאַסטיקענע רעדלעך און מאָרגען געהען זיי אָהן שטיוועל צו פוס!...

— יאָ, — קלער איך מיר — דער פריהמאָרגען אויף דער דאַטשע האָט זיך אָנגעהויבען ניט אין בעסטען. — אַ שלעכטער סימן!

איך זוך אויס פאַר מיין ווייב אַ תירוץ, אַז איך בעדאַרף האָבען נויטיג אין שטאָדט אַריין און לויף צום באַהן.

טו.

דאָס אָבקומעניש. — חדושים פון „זעקס-און-זעכציג“ און פון „סטוקעלקע“. — ווי אַזוי עס ווערט געמאַכט אַיין „אָפּים“ פון אַ „אימעניע“. — דער יעהופּעצער טראַמוואַי.

די בויבעריקער ראַטשניקעס, וואָס פאָהרען אַלע טאָג אין שטאָדט אַרײַן, האָבען אַפּנים, שטאַרק פערזינדיגט פאַר'ן רבונו של עולם, מחמת זיי זענען פער'משפּט געוואָרען, זיי זאָלען פאַר זייערע גרויסע זינד אָבקומען אויף דער וועלט, לעבעדיגערהייד זיך פּרעגלען אין גיהנום, זיך בראָטען און ברענען אַ גאַנצען טאָג אין שטאָדט אויף דער היץ, אַרומלויפען ווי די פערסמטע מײַז הין און צוריק, אַנגעלאָדען מיט פּעקלעך, בינטלעך און פּאַפּירענע פּירעלעך, עסען מכות, ניט שלאָפען, שטענדיג קוקען אויפ'ן זייגער, לעבען אין פּחדים, ציטערן, מע זאָל חלילה ניט פערשפּעטיגען די באַהן...

נאָר אַז מע קומט זיך צונויף צווישען מענשען, בעדאַרף מען זיך בערי׳המען מיט דער דאַטשע, אַז ס'איז נאָר אײַן אַנטיק אין דער וועלט; דער עיקר איז די „לופט“; די „לופט“ איז מחיה נפשות, אײַן אמת'ער גן-עדן!

און זיי זענען אַזוי געוועהנט געוואָרען מיט'ן דאָזיגען „גן-עדן“, אַז זיי מיינען שוין, אַז סע קומט זיי טאַקי... זיי בעקלאָגען זיך שוין גאָר ניט, זיי זענען ווי די פער'משפּט'ע אַרעסטאַנטען, וואָס ווייסען, אַז זיי מוזען אָבזיצען זייער שטיקעל צייט, איבערקומען דעם זומער, — וואָס זאָל מען טהון? זיי זענען דעריבער זעהר צופרידען, אַז גאָט העלפט זיי, זיי פערכאַפּען האָטש אײַן אָרט אין וואַגאָן — דאָס איז אַזאַ גליק, וואָס ניט איטליכער קאָן דערצו גרייכען. מע בעדאַרף זיך שלאָגען איבער אײַן אָרט און מע בעדאַרף טאַקי האָבען אַ שטיקעל הצלחה אויך; וואָרום אַמאָל מאַכט זיך, איהר האָט שוין גוט מלחמה געהאַלטען, קוים מיט צרות אײַנגענומען דאָס אָרט, קומט צו געהן אײַנער אַ גלח מיט לאַנגע וואָנצעס, איהר ווייסט ניט, צי ס'איז אַ יוד צי אַ קריסט, און

בעט אייך, איהר זאלט זיך מטריח זיין—פאזוואלטי וואס בעזפאקאאיט [1]!

דער וואגאן, וואוהין איך האב מיך אריינגעהאפט, איז געווען אנגעשטויסען מיט בויבעריקער דאטשניקעס; א סך זענען געזעסען און נאך מעהר זענען געשטאנען מחילה אויף די פים. דער עולם האט זיך צושלאגען אויף רעדלעך און מע האט געשמועסט פון געשעפט: דער פון די ביינק — די ביינק זעצען אן; דער פון וועקסלעך — ער האט א גוט וועקסעלע.

— וואס ווערט אנגערופען ביי אייך א גוט וועקסעלע? — פרעגט איינער.

— א גוט וועקסעלע — ענטפערט איהם דער אנדערער — הייסט אזא וועקסעלע, וואס האט גע'חתמ'ט א „בטוח“, נאר אזא „בטוח“, וואס האלט ביי אנזעצען, איהר פערשטעהט?... ביי אזא וועקסעלע קאן מען גוט פערדינען!... אט האב איך ערשט נעכטען געמאכט צוויי וועקסלעך אזעלכע, און דוקא אין וואלד, ליגענדיג אין האמאק!

— ס'איז בלאטע, — ענטפערט איהם יענער. — וואס פער־דינט מען ביי וועקסעלעך? פערדינען פערדינט מען ביי צוקער! אט האט נעכטען יענקעלע „געמאכט“ הונדערט טויזענד פוד צוקער.

— יענקעלע האט „געמאכט“ הונדערט טויזענד פוד צוקער? — טהוען א פרעג עטליכע מיט אמאל ווי דערשראקען. — ווי טייער? ווער האט געקויפט? ווער האט פערקויפט?...

און עס געהט אוועק א לאנגער שמועס פון צוקער, און מען רע־כענט אוים וויפיעל יענקעלע מיט דער חאליאסטרע האבען היינטיגען חודש „געמאכט“ צוקער.

— איך האב מורא, אויב ניט זעקס מאל הונדערט טויזענד פוד, דער רוח זאל זיי נעהמען! — זאגט איינער.

— איך האב מורא, אויב ניט מעהר! — זאגט דער אנדערער מיט א זיפץ. — זיי זאלען דאס נור אויסקרעכצען, רבונו של עולם!...

און דארט, א ביסעל העכער, זיצען די „מאכערס“ אליין, און שמועסען פון צוקער, צי ס'וועט זיין טייער, צי ס'וועט זיין וואלוועל. איטליכער זאגט זיין מיינונג, געוויינטליך, פונקט דער היפך, וואס יע־נער זאגט, און מען הויבט אן קריטיקירען דעם מיניסטער, וואס ער

[1] נייט-ושע מוחל.

לאָזט אַרויס אַזוי ווינציג צוקער אויפ׳ן מאַרק. איטליכער בעווייזט זיין חשבון, און איטליכער זאָגט, אַז ווען ער זאָל זיין מיניסטער, וואָלט ער בעסער געמאַכט...

*

*

נאָר נישט אַלע, וואָס זיצען אין וואַגאָן, אינטערעסירען זיך מיט וועקסעלעך, מיט בּאַנק און מיט צוקער; פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס רעדען גאָר פון עפּיס אַנדערש.

— אָט וועל איך אייך דערציילען אַ שיינע זאַך, — זאָגט איי־נער. — מיר האָבּען געכאַפּט געשפּיעלט אין „זעקס און זעכציג״ פון גאַנץ פריה בּיז זייגער 2 בּייַנאַכט; ס׳איז מיר נישט געגאַנגען די קאָרט, זאָל גאָט שומר ומרחם זיין! קויף איך, ווער איך בעגראָבּען! קויף איך ניט, ליעגט געלד! דערווייל טרעפט זיך, עס קומט מיר אָן דאָס קערטעל, דינג איך מיך אין טאָג אַריין! הקצור, מע האָט מיך אַריינגעטריבּען אין אלף השׁשׁי אַריין, אַזוי גרויס ווי הונדערט פינף און פערציג! וואָס האָבּ איך געהאַט? איך האָבּ געהאַט -הערט זשע—מלך, אייבּער, מלכה, ניינטעל—פּיק, און טויז, אייבּער, מלכה — טרעף. איז זיך מישב די „ערשטע האַנד״, דער רוח זאָל זי נעהמען, און געהט אַרויס מיט׳ן קעניג טרעף, לעג איך דאָס צעהנטעל, שלאָגט כען איבּער מיין וואַלעט קאָזיר, און איך בּלייבּ אָהן איינס, און שטעל אַ רעמיז! ווי געפעלט אייך אַזאַ שלאַק? איך האָבּ געמיינט, איך וועל זיך אַ מעשה אָנטהון! פּונקט הונדערט פיער און פערציג, ווי אין אַפּטייק!

— שאַט! — איך וועל אייך בּעסער דערציילען, וואָס איך האָבּ געהאַט! — רופט זיך אָן נאָך איינער; מיר זיצען אַמאָל בּקאָמפּאַניע און מיר שפּיעלען אין „סטוקעלקע״; ווינטער איז געוועזען, אום חנוכה, פּונקט צום פינפטען ליכטעל; פערגלוסט זיך מיר געהן „בּלינד״ „אַ־לאַ לייבּ״, און קויף מסתמא „שרגא״, און ווער בּעגראָבען. איז, דאַכט זיך, גוט? ווער איך אין כעס און געה נאָך אַמאָל „אַ־לאַ לייבּ״, און קויף ווידער אַמאָל „שרגא״ אויף אַ רעמיז! בּקיצור, איך האָבּ זיך צוהיצט און האָבּ גע׳פּטר׳ט אַ קערבּעל זעכציג, און האָבּ דעמאָלט אָנגעשאָלטען רבּ לייבּלען, ס׳זאָל נור פאַלען אין ים אַריין!...

— זייט זשע מוחל, וואָס איך וויל פרעגען — רופט זיך אָן אַ

יודעל מן הצד: — איך בין אליין א זוועניראַדקער; מע שפּילט ביי אונז אין זוועניראַדקע אויך אָפּטליך אין „סטוקעלקע"; דאָס הייסט, מיר שפּי־לען אין אלע שפּילען, נאָר מעהרסטענטהייל שפּילען מיר אין „סטו־קעלקע"; איך בעט אייך, מאַכט מיך קלאָר, וואָס הייסט דאָס געגאַנגען „א־לא לייב"?

— „א־לא לייב", ווייסט איהר ניט וואָס הייסט? — גיט איהם צו פערשטעהן איינער פון דער קאָמפּאַניע. — אט וועל איך אייך קלאָר מאַ־כען: ביי אונז אין יעהופּעץ איז פאַרהאַן איינער א געוויסער לייב, „א גוטער ברודער", א קאָכלעפעל אין שטאָדט; האָט ער געמאַכט א תקנה, אז מע שפּילט אין „סטוקעלקע", און איינער, למשל, געהט „בלינד", און דער אנדערער „געזעהען", געהט די לעצטע האַנד אויך „בלינד", ווערט דאָס אָנגערופען „א־לא לייב". הייַנט פערשטעהט איהר שוין דעם שכל?

— נו? — פרעגט דער זוועניראַדקער און ציהט אוים דעם האלז, — איז דאָס טאַקי עפּים א סגולה?

— אזא יאָהר אויף לייבען! — ענטפערט איהם יענער, און דער גאַנצער עולם לאַכט.

*

*

שטיל אין א ווינקעל האָבען זיך פערקלויבען צוויי יודען, איינער א רויטער, דער אנדערער א שווארצער. דער רויטער האָט פערריסען דאָס היטעלע ארויף, די ארבעל פערקאַטשעט, קוקט אויף א בריל, שוויצט און רעדט. דער שווארצער האַלט א שטיפטעל מיט א ביכעלע און שרייבט.

דער רויטער: פערשרייבט, זייט מוחל, א אימעניע אין חער־סאָנער גובערניע...

דער שווארצער: דרייצעהנהונדערט דעסיאַטין איז ווינציג.

דער רויטער: שרייבט זשע אכצעהנהונדערט דעסיאַטין.

דער שווארצער: אכצעהנהונדערט איז אויך ווינציג. איך בעדאַרף האָבען אין פאָדאָליער גובערניע.

דער רויטער: שרייבט אין פאָדאָליער גובערניע אזוי גרוים ווי דרייצעהנהונדערט דעסיאַטין ערד.

דער שווארצער: דרייצעהנהונדערט דעסיאטין איז ווינציג.

דער רויטער: שרייבט זשע אלצעהנהונדערט דעסיאטין.

דער שווארצער: אלצעהנהונדערט איז אויך ווינציג, איך בעדארף האבען, ס'זאל זיין חאטש דריי טויזענד.

דער רויטער: שרייבט זשע דריי טויזענד פיער הונדערט דעסיאטין ערד „טשערנאזיאם”...

דער שווארצער: הוילע ערד טויג מיר ניט, איך בעדארף חאבען א ביסעל וואלד אויך.

דער רויטער: בתוכם איז פארהאן זעקס הונדערט דעסיאטין וואלד.

דער שווארצער: זעקס הונדערט איז ווינציג, איך בעדארף, לכל הפחות, טויזענד דעסיאטין וואלד. מיין פריץ, פערשטעהט איהר, האט ליעב וואלד.

דער רויטער: מיין איך — טויזענד צוויי הונדערט דעסיאטין וואלד...

דער שווארצער: וואסער וואלד זאל איך שרייבען?

דער רויטער: וואסער וואלד? סאסנע-וואלד, דער אמת'ער סאסנע-וואלד, וואס מע פרעגט אויף איהם! סאסנעס גרויסע, גלייכע, איינס אין איינס! איהר האט נאך אזעלכע סאסנעס, גלויבט מיר, ניט געזעהען!

דער שווארצער: סאסנעס טויג מיר ניט; איך בעדארף האבען דעמב.

דער רויטער: טפו! איך מיין טאקי דעמב! די בעסטע, די גרעסטע דעמבעס! ארזי לבנון! יעדער דעמב איז אזוי גרויס, אז ס'איז אונמעגליך איהם צו האקען.

דער שווארצער: און א הויף איז פארהאן אין דער אימעניע? מיין פריץ בעדארף א הויף און א שענעם הויף.

דער רויטער: נאך א מין הויף! א הויף צו א הויף איז ניט גלייך. פערשרייבט, זייט מוחל, א פאלאץ פון עטליכע און צוואנציג חדרים, וואס זאג איך? פון עטליכע און דרייסיג! איהר מעגט שרייבען אלע פערציג — עלי ועל צוארי.

דער שווארצער: און א טייך? מיין פריץ האט ליעב, ס'זאל זיין ביי דער אימעניע א טייך..

דער רויטער: נאך א מין טייך! א גרויסער, א טיעפער,

מיט פיש א סך! אט איז די אימעניע, אט איז דער טייך! (ער בעוויזט איהם אויף דער האנד, וואו איז די אימעניע און וואו איז דער טייך).

דער שווארצער: ווי אזוי פאהרט מען אהין? מיין פריץ וויל, עס זאל זיין נאהענט צו א באהן.

דער רויטער: נאך א מין נאהענט! שרייבט א האלב ווערסט, וואס זאג איך א האלב ווערסט? א פערטעל ווערסט, עטליכע טריט פון דער סטאנציע; אט איז די סטאנציע, אט איז די אימעניע (ער בעוויזט איהם אויף דער דלאני, וואו די אימעניע איז און וואו איז די סטאנציע)...

— שאט, מיר זענען שוין באלד אין יעהופעץ, — רופט זיך אן איינער פון דער „חברה״ און חאפט זיך אויף פונ'ם ארט און איז אנגעבריט לויפען פערחאפען איין ארט אינ'ם טראמוואי. און נאך איהם — דער גאנצער עולם.

פערחאפען איין ארט אינ'ם טראמוואי, איז נאך מעהר בריה'שאפט, ווי פערחאפען איין ארט אויפ'ן באהן. דא ווערט א געלויפעריי מיט א געשפרינגעריי איבער קעפ; ערדציטערניש! דא קוקט מען שוין ניט אויף קיין כבוד. א יוד, א קריסט, מיט וואנצעס, אהן וואנצעס; עס מעג זיין אפילו א דאמע — שטיקט מען זי און מע קוועטשט זי אזוי צונויף, אז עס געהט איהר שיער ניט ארויס די נשמה; אדער אויב זי זיצט, זעצט מען זיך איהר אויפ'ן שויס און לאז זי פרובען זאגען, אז זי וויל ניט... בעדארף מען היטען קעשענעס, און דעם זייגער איז גלייכער לאזען אין דער היים. אז איהר וועט פאהרען אין יעהופעץ אויפ'ן טראמוואי מיט א גאלדענעם זייגער (ער מעג זיין א זילבערנער, איז אויך נישקשה), וועט איהר האבען, איך בעט איבער אייער כבוד, א פייג, ניט קיין זייגער...

טז.

געסט. — אַ לייבליכער פעטער. — יענטעל דער מוהמע זלאַטעס. — אומזיסטע טרעהרען.

געקומען צו פאָהרען פון שטאָדט אַ פערברענטער, אַ פער׳שרפ׳עטער, איין אויסגעמוטשעטער, אַ הונגעריגער, לויפען מיר אַקעגען די קלענערע קינדער מיט אַ גדולה:

— פּאַפּאַשאַ! גאָסטי! או נאַס גאָסטי! 1)

— גאָט ליעב דיר מיט דיינע געסט, סקאָצעל קומט! — זאָגט צו מיר מיין ווייב. — די משפחה דיינע! געוואָהרע געוואָרען, אַז דו האָסט פערדינט געלד, האָבען זיי זיך צולאָזט פון דער גאַרער וועלט! וואו זענען זיי געווען פריהער, ניט היינט געדאַכט, אַז דער דלות האָט געפּייפט אין אַלע ווינקעלעך?...

— שוין לאַנג שטיל געווען! — טראַכט איך מיר און לאָז מיך געהן אויף דער דאַטשע, קומט מיר אַקעגען איין אַלטער יוד מיט אַ טויט פּנים, מיט איינגעפאַלענע באַקען און מיט אַ גרויסען באָרד, און נעבען איהם שטעהט אַ נידעריג ווייבעל מיט אַ רויטער נאָז און מיט אַ געלער זיידענער פאַטשיילע, פערלעגט אַרונטער די אויערן, און מיט אַ וואַרימער שאַל אויף די פּלייצעס, חאָטש אין דרויסען איז ניט אַזוי קאַלט. דאָס ווייבעל טהוט זיך מיר אַ מאָדנעם בויג, אַ ווישׁ די נאָז מיט צוויי פינגער און אַ זאָג מיט אַ זיס שמייבעלע:

— האָסט מיך ניט דערקענט? געה שוין געה! איך בין דאָך יענטעל דער מוהמע זלאַטעס, און דאָס איז דער טאַטע מיינער, דיין פעטער זלמן, ער איז שטאַרק פערעלטערט געוואָרען, איאָ? איך האָב זיך שוין בעקענט דאָ מיט אַלע דיינע קינדערלעך, איינס שענער פונ׳ם אַנדערן, קיין עין-הרע ניט!

— שלום-עליכם, פעטער! — זאָג איך צום פעטער זלמן —

---

1) טאַטע, געסט!

פון וואַנען קומט איהר אָן?

— מחיה נפשות! — ענטפערט מיר דער פעטער זלמן אויף אַ הויך קול און מאַכט מיט די ליפּען, ווי אַ מענש בשעת ער עסט און האָט הנאה. — בעסער, הערסטו, קאָן שוין גאָרניט זיין! וואָס־זשע מאַכסטו גוטס? האַ? שוין לאַנג, הערסטו, ניט געזעהען זיך? אודאי אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג, האַ? און אפשר מעהר? שאַ, שאַ, איך וועל דיר באַלד זאָגען! ווי־פיעל האָבען מיר פון יענטעלס חתונה? האַ? פונקט פון איהר חתונה אָן האָבען מיר זיך ניט געזעהן! וואָס־זשע מאַכסטו עפּיס אין געזונד, האַ? ווי געהט דאָס דיר אין די געשעפטען, האַ?

— דאַנקען גאָט, — זאָג איך — נו און איהר וואָס מאַכט?

— גלייך פון אווריטש, פון דער היים, הייסט דאָס! — מאַכט ער צו מיר אויף אַ קול. — געוועזן ביי דיר אין שטאָדט, געקלאַפּט, אין דער טיר, מע עפענט ניט! הקצור, מע זאָגט, דו ביסט אין בויבעריק, וואָס טהוסטו אין בויבעריק, האַ? אויף זומער, הייסט דאָס, חאַ? זאָגסט עפּיס?

— ער דערהערט ניט, — מאַכט צו מיר יענטעל. — זינט די מאַמע, מיר צו לענגערע יאָהר, איז געשטאָרבען, איז ער, ניט פאַר דיר געדאַכט, גע־וואָרען טויב, אָבער ווי אַזוי מיינסטו טויב? ווי די וואַנד!

— ס'איז דאָ, הערסטו, אויסגעצייכענט גוט! האַ? — שרייט צו מיר דער פעטער זלמן אויף אַ קול, גלייך ווי איך וואָלט דאָ געוועזן דער טויבער, ניט ער. — איך זאָג דיר, הערסטו, ס'איז דאָ איין אַנטיק! ממש אַ גן־עדן! האַ? איך רעכען דאָ, אם־ירצה־השם, פערברייננגען אַ וואָך צוויי אָדער דריי, האַ?

— מיר האָבען געוואָלט פערפאָהרען אויף אַ סטאַנציע, — זאָגט יענטעל און פערענטפערט זיך — האָט זיך דער טאַטע איינגע־שפאַרט — נאָר אַהער; דו וועסט זיך בעליידיגען, זאָגט ער, טאָמער שטעהען מיר ביי אַ פרעמדען; איך בין דאָך איהם, זאָגט ער, אַ לייבליכער פעטער, עס פּאַסט ניט!

— און ווער איז יענץ פאָרפאָלק? — זאָג איך און ווייז אָן אויף אַ יודען מיט אַ יודינע, וואָס זיצען אויף דער וועראַנדע און טרינקען טיי פון די שאָלען, בלאָזען און קוויקען זיך.

— לאָמיך אַזוי וויסען ביז! — זאָגט צו מיר יענטעל שטי־

לערהייד און ווישט זיך די ליפען און קוקט אויפ'ן פארפאלק, — ס'איז, ווייזט אויס, מאן און ווייב; זיי זענען געפאהרען מיט אונז פון חוואסטיוו אין מיין וואגאן, האבען מיר זיך צורעדט, ווי געווערהנטליך, אונטערוועגענס: וואוהין פאהרט איהר? וואוהין פאהרט איהר? אהין-אהער, בקיצור, זיי זענען געוואהרע געווארען, אז מיר פאהרען צו דיר, און אז דיר איז איצטער קיין עין-הרע די צייט גוט, דו פערשטעהסט?... זיי זענען, זאגען זיי, מיט דיר קרובים און נאהנטע קרובים. פרעג איך: ווי אזוי? זאגען זיי: „ס'איז געקניפט און געבונדען". נאר ווי ארום און ווי אזוי, קאן מען ביי זיי ניט וויסען; הויבט ער אן דערצעהלען, שלאגט זי איהם איבער; הויבט זי אן דערצעהלען, שלאגט ער איהר איבער — א מעשה אהן איין עק! דו הער בעסער אויס מיך; מיר זענען דאך יא אייגענע געשוועסטערקינדער!

און יענטעל דערצעהלט מיר אויס איהר ביטער הארץ, ווי אזוי ס'איז איהר געבאך איצט זעהר ניט גוט די צייט, דאס הייסט גוט איז איהר קיינמאל ניט געוועזען, פון דער ערשטער מינוט אן נאך איהר חופה האט זי נאך, זאגט זי, קיין גוטען טאג ניט פערזוכט; נאר גארנישט, ווי זאגט מען, ס'איז געוועזען „נומער ערגער". נאר פון א צייט, זאגט זי, אז סע געהט איהר אלעמאל ערגער און ערגער, און איצט איז איהר אזוי שלעכט, אזוי שלעכט! אז פערדינען, זאגט זי, פערדינט זי גארנישט, און דארפען דארף מען א סך! און דערצו איז פארהאן, זאגט זי, זייטיגע צרות און וועהטאגען: דאס איז א פריזיוו און דאס איז א קינד אויף חתונה מאכען, און דאס פאלט א בהמה, און דאס ברענט אב די קלייט. מע ראטעוועט ניט ארוים, זאלסט זאגען — א פארעם! איז שוין, דאכט זיך, גוט ארום און ארום, איא? לעגט זיך אוועק א מויד פון קרוב דרייצעהן יאהר, א שענע, א ריינע, א גלאטע, א מחיה'דיגע, און שטארבט אוועק! סאמעל האט זי געהייסען, טאקי נאך דער מוהמע מאסיע, געוועזען תמיד געזונד און שטארק, קיינמאל ניט געוואוסט א פינגער זאל וועה טהון, און פלוצים קומט זי צו געהן פונ'ם מארק, שטעלט אוועק דעם קאשיק, דאס פנים טויט ווי די וואנד. „ווע איז מיר, טאכטער, וואס איז דיר?" — „גארנישט — זאגט זי — דער קאפ טהוט מיר עפים וועה". איך טהו זי א טאפ ביים קאפ — א העליש פייער! „לעג זיך צו, טאכטער, אויף א ווײלע, איך וועל א לויף טהון צום

דאָקטאָר״. — „וואָס טויג דיר, זאָגט זי, מאַמע, דער דאָקטאָר? איין עברה אַ צווייטער, ס׳וועט מיר איבערגעהן! לאָמיך בעסער, זאָגט זי, אויסזאַלצען דאָס פליימש און אָנשיילען קאַרטאָפליעס״... איך זעה אָבער, אז דאָס קינד עקט זיך, הער איך זי ניט און לעג זי אַריין מיט געוואלד אין בעט אריין, וועה איז מיר, און לויף אַוועק צום דאָקטאָר! וואו איז דער דאָקטאָר? דאָקטאָר — דאָקטאָר! דאָקטאָר — דאָקטאָר! דער דאָקטאָר איז ערגיץ אין אַלדי שווארצע יאָהר, הינטערן שטעדטעל: נאָר ס׳איז עפּיס אַ תירוץ? דער דאָקטאָר זאָל מיר זיין! איך האָב איהם אראָבגעבראַכט, דעם שענעם דאָקטאָר, און אז איך בין געקומען מיט׳ן דאָקטאָר, האָב איך זי שוין געטראָפען — וואו איך האָב ערגיץ אַ שונא — אָהן לשון, די אויגען ארויף. „טאָכטערל, האָסט מיך דערקענט?״ — —

ווער? וואָס? וועמען? רעד צו דער וואַנד! — און ביז טאָג איז זי ניט געוואָרען! איין אויסהאַפעניש, אימשטיינס געזאָגט, געקומען אויף איהר! אַ שענע, אַ געזונדע, אַ ליבלטינע, ווי אַזוי לעגט מען אַזעלכעס אין דער ערד אריין?!...

און יענטעל דער מוהמע זלאַטעס צעוויינט זיך, ווי אַ קליין קינד און איך, אויף איהר קוקענדיג, פיהל, אז עס שטיקען מיך די טרעהרען.

— וואָס איז? וואָס איז דער געוויין? — רופט זיך אָן צו מיר מיין חיה-עטיל און געהט צו צו מיר.

איך וויל איהר ענטפערן, קאָן איך ניט אויסרעדען קיין וואָרט. איך שלינג די טרעהרען. איך נעהם זיך אָן מיט כח און זאָג:

— נעבאַך אַ קינד ביי איהר געשטאָ... אַ מיידעל פון דריי־צעהן יאָה...

— שוין לאַנג? — פרעגט חיה-עטעל ווי דערשראָקען.

— שוין אַ יאָהר נייען, אָדער צעהן, — זאָגט יענטעל און רופט זיך אָן צום פעטער זלמן: — טאַטע, וויפיעל איז שוין, אז סאָ־סעל איז געשטאָרבען? דו בעדאַרפסט וויסען אַקוראַט.

— פון אַווריטש? — זאָגט דער פעטער זלמן — פון אַווריטש אַהער מיט דער אַקס רעכענט זיך אַ ווערסט דריטהאַלבען הונדערט, און אפשר טאַקי אַלע דריי הונדערט, האַ?...

בכדי איך זאָל ניט אויסוויסען קיין געלעכטער, פערליר איך די ברויל, בויג זיך אָן און לאָז מיך געהן אויף דער ווערצנדע מקבל־

פנים זײַנען די איבעריגע געסט, וואָס זיצען און טרינקען טײ פון די שאָלען, בלאָזען און קוויקען זיך.

י״ז.

דאָס פאָרפאָלק, — „געקניפּט און געבונ־ דען״. — אַ מעשה אָהן אײן עק.

איך געה צו צום פאָרפאָלק און טרעף זײ זיצען שטאַרק פער־ שוויצט פון דעם טײ, ער טראָגט אַ סאַמעטענעם קאַשקעט מיט אַ גאַנץ ברײטען דעניק, און זי — אַ פאַרוק מיט אַ ווײַסען שרונט. ביי־ דע זענען זײ גוט געפאַקט, וועגען אינאײנעם בלא־גוזמא אַ פוד פופ־ צעהן אָדער זעכצעהן. איך זעץ מיך צו צו זײ, איך פערבינד מיט זײ אַ שמועס: דאָס, יענץ, פון וואַנען פאָהרט איהר און ווער זענט איהר?

— ווער מיר זענען? — מאַכט צו מיר דער מאַן אוןווישט זיך דעם שווײס מיט דער קאַפּאָטע, — אָט וועט איהר באַלד האָר־ כען, נאָר קודם־כל, זאָגט מיר, וואָס איך וועל אײַך פרעגען: ווי אזוי האָט געהײסען דער זײדע אײַערער פון דער מאַמעס צד, ניט רב מרדכילע?

— רב מרדכי׳לע — זאָג איך.

— שוין געשטאָרבען? — פרעגט ער.

— אָהאָ! — זאָג איך. — שוין לאַנג געשטאָרבען!

— ברוך דין אמת! — מאַכט ער און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — טפו־פו־פו! — אײן ערליכער יוד, אײַך צו לענגערע יאָהר, און אַ מופלג בתורה! אויף איהם מעג מען טאַקי זאָגען: זכר צדיק לברכה. נו, און די באָבע חנה׳לע וואָס מאַכט?

— אויך געשטאָרבען.

— לאָז זי האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן, אויך געווען אַ כשר׳ע יודינע! — זאָגט ער און דרעהט זיך אום מיט׳ן פנים צום ווײַב: — דו האָסט זײ ניט געקענט, ווײסטו ניט, וואָס דאָס איז געווען פאַר

אַ רבֿ מרדכי׳לע און פֿאַר אַ חנה׳לע! הערט איהר (ער דרעהט זיך אוים מיט׳ן פנים צו מיר), איהר האָט געהאַט אַ זיידען מיט אַ באָבע, וואָס ווייסט איהר? וואָס ווייסט איהר, וואָס פֿאַר אַ זיידען מיט אַ באָבע איהר האָט געהאַט!

— איך ווייס, — זאָג איך — אַז איך האָב געהאַט אַ זיידען מיט אַ באָבע. זאָגט ווער זענט איהר?

— אָט וועט איהר באַלד הערען — מאַכט ער און פֿערקאַטשעט די אַרבעל כמעט ביז די [illegible]נבויגענס און נעהמט זיך אַ[ן] בײַ דער באָרד און שאָקעלט זיך אין רעדט מיט אַ ניגון און מיט אַ שמייכעלע: אייער זיידע רבֿ מרדכי׳לע איז אַליין געווען אַ קאָרסישעווער, פֿון קאָרסישעוו, און האָט געהאַט אין קאָרסישעוו צוויי שוועסטער האָט ער געהאַט: נחמה׳לע און זיסעלע; האָט די נחמה׳לע געהאַט צוויי מאַנען, צוויי מאָל, הייסט דאָס, חתונה געהאַט; דאָס ערשטע מאָל טאַקי פֿון קאָרסישעוו פֿאַר לייבעלע קאָרסישעווער; אַזוי האָט מען איהם גערופֿען; און דאָס אַנדערע מאָל האָט זי חתונה געהאַט פֿאַר רבֿ שמחה׳לען, טאַקי ווידער פֿון קאָרסישעוו, און דער רבֿ שמחה׳לע קאָרסישעווער, אַז ער האָט חתונה געהאַט, הייסט דאָס, פֿאַר דער מוהמע נחמה׳לע, איז ער געווען אַיין אלמן איז ער געווען, — הערט זיך נאָר צו מיט קאָפּ! דאָס ערשטע ווייב זיינס איז אויך געווען אַ קאָרסישעווער, זי האָט געהייסען דבורה׳לע, און זי איז געווען, דבורה׳לע, הייסט דאָס, טאַקי דעם זיידענס אייגענע, איהר פֿערשטעהט? האָט זי דער זיידע אייערער חתונה געמאַכט, איהר הערט צי ניין, פֿאַר זיינעם אַ שוואָגער, טאַקי רבֿ שמחה׳לע, בשעת ער איז נאָך ניט געווען זיינער אַ שוואָגער; און ערשט נאָכדעם, אַז די דבורה׳לע איז געשטאָרבען, האָט דער שמחה׳לע גענומען אייער זיידענס שוועסטער, די מוהמע נחמה׳לע, און האָט געהאַט אַ טאָכטער, האָט ער איהר אַ נאָמען געגעבען רייזעלע, נאָך זיין מאַמע רייזע, וואָס זי איז געווען טאַקי אייער זיידענס אַ מוהמע; האָט די רייזעלע רבֿ שמחה׳לעס נאָכדעם חתונה געהאַט פֿון מאַנעסטרישטש, טאַקי פֿאַר איינעם פֿון דער באָבעס צד, מאיר׳ל האָט ער געהייסען; איהר פֿערשטעהט ווי דאָס געהט? ס׳איז געקניפּט און געבונדען!

— ס׳איז געקניפּט און געבונדען! — שלאָגט איהם איבער דאָס ווייב. — ער האָט אָבער פֿערגעסען זאָגען, ווי אַזוי געהער זיך אָן רייזעלע מיט איהר מאַן אַ קרובֿ? אָט וועל איך אייך דערצעהלען!

אייער באָבע חנה'לע פון קאָרסישעוו האָט געהאַט אַ פעטער אין מעזשביזש, האָט ער געהייסען נח...

— סקאָצעל קומט! — שלאָגט איבער דער מאַן. — זי איז פערפאַהרען אַזש קיין מעזשביזש צום פעטער נח! לאָז מיך, וועל איך זיי קלאָר מאַכען די משפחה אַקוראַט. הקיצור, אייער זיידענס אַנדערע שוועסטער זיסעלע האָט געהאַט אַ מאַן פון הולייפּאָלי, רב לוי'ניו האָט מען איהם גערופען; האָט זי ניט געהאַט קיין קינדער, האָט זי זיך מיט איהם געגט, און האָט חתונה געהאַט דאָס אַנדערע מאָל, פון מאַנעסטרישטש, פאַר איינעם אַ געוויסען רב נפתלי מאַנעסטרישטשער, און האָט געהאַט מיט איהם אַזוי גרוים ווי פינף זיהן מיט זיעבען טעכטער.

— פונקט קאַפּויר! — שלאָגט איהם איבער דאָס ווייב. — זיעבען זיהן מיט פינף טעכטער.

— מיין איך זיעבען זיהן מיט פינף טעכטער (ער צעהלט אויף די פינגער:) ברוכ'ל, חיימ'ל, יענקעלע, הערצעלע, בערישעל, פּישעלע, יוסעלע, און עטעלע, רבקה'לע, האָדעלע, פייגעלע, קריינדעלע, אַזוי דאַכט זיך? איז ברוכ'ל געשטאָרבען, און יענקעלע האָט חתונה געהאַט קיין קאָרסישעוו, גענומען רייזעלע דער מוהמע נחמה'לעס, וואָס געהער זיך אָן אייער זיידען רב מרדכי'לע איין איינגענע פּלימעניצע; האָבען זיך, הייסט דאָס, דער זיידע מיט דער באָבע משדך געווען, איהר פערשטעהט, ווי עס קייטעלט זיך? ס'איז געקניפּט און געבונדען! זאָגט אפשר, אַז ניין?

— יאָ, — זאָג איך — ס'איז געקניפּט און געבונדען. וואָס געהער ער זיך אָבער אָן מיט אייך? ווער זענט איהר?

— הערט זשע ווייטער! — מאַכט ער צו מיר — אָט דער נפתלי מאַנעסטרישטשער, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, האָט דאָך געהאַט די עלטערע צוויי טעכטער: עטעלע און רבקה'לע. האָט עטעלע חתונה געהאַט פון ראַדאָמישל פאַר רב משה לייב ראַדאָמישלערס אַ זוהן, וואָס געהער זיך אָן מיט נפתלי מאַנעסטרישטשער טאַקי איינער איינענער, מחמת נפתלי'ס אַ שוועסטער האָט חתונה געהאַט פאַר משה לייבס אַ ברודער, איהר פערשטעהט, וואָס דאָ טהוט זיך?

— און וואו האָסטו אַריינגעטהון רבקה'לען? — רופט זיך אָן דאָס ווייב און וויל אָנהויבען דערצעהלען פון רבקה'לען, דערלאָזט זי

ניט דער מאן; ער פערשטעלט איהר דאס מויל מיט דער האנד און שרייט:

— האב צייט מיט רבקה'לען! וואס האסטו קיין צייט ניט? זי וועט זיין גאנץ! איך וועל זי אין קעשענע ניט בעהאלטען! יא, וואו זשע האלט איך? — ביי עטעלען, אפנים. האט עטעלע פון מאנעסטרישטש, הייסט דאס, חתונה געהאט פון ראדאמישל, ווי איהר ווייסט שוין, טאקי פאר איין אייגענעם, און רבקה'לע האט גענומען א מאן א פליאסק פון מאנעסטרישטש, האט ער געהייסען העניך, און האט געהאט מיט איהם א טאכטער גענענדיל.

— גוט יום-טוב דיר! — זאגט דאס ווייב — פון וואנען האט זיך צו דיר גענומען גענענדיל? גענענדיל איז דאך גאר עטעלעס טאכטער פון ראדאמישל!

— און איך וואס האב געזאגט?

— דו האסט געזאגט — דער מוהמע רבקה'לעס טאכטער.

— עס האט זיך דיר גע'חלומ'ט! איך האלט נאך גאר אפילו ניט ביי רבקה'לען.

— אוי! — מאכט דאס ווייב, און טהוט א טאנץ אונטער. — מע קען דאך פון איהם דעם שלאג בעקומען! דו האסט דאך נארוואס אויסגערעכענט דעם יחוס פון דער מוהמע רבקהלע, אז זי האט חתונה געהאט פון מאנעסטרישטש, אפילו א סימן, זי האט גענומען א מאן א פליאסק, העניך האט ער געהייסען.

— זי פערדרולט מיר דעם קאפ! — מאכט דער מאן. — וואו זשע האלט איך? יא, האט רבקה'לע פון מאנעסטרישטש, הייסט דאס, געהאט א טאכטער, מיין איך א זוהן, האט ער געהייסען מענדיל, און עטעלע פון ראדאמישל האט געהאט א זוהן, מיין איך א טאכטער, גענענדיל, האבען זיי צווישען זיך א שדוך געטהון, דאס הייסט רבקה'לעס טאכטער מענדיל פון ראדאמישל האט חתונה געהאט פאר עטעלעס זוהן גענענדיל פון מאנעסטרישטש, מיין איך פערקעהרט, רבקה'לעס זוהן גענענדיל פון מאנעסטרישטש האט גענומען עטעלעס טאכטער מענדעל פון ראדאמישל פאר א ווייב...

— טפו זאלסטו ווערען פאר אלע יודען! — רופט זיך אן דאס ווייב צום מאן, האפט זיך אויף, טהוט א פלעסקע מיט די הענד. — איהר האט אמאל געהערט, אז א זוהן זאל הייסען גנענדיל און א טאכטער מענדיל, אז גנענדיל זאל נעהמען מענדלען פאר א ווייב?

— אַז דו פערדרולסט מיר דעם קאָפּ! — זאָגט צו איהר דער מאַן און וויל דערצעהלען ווייטער, קומט אָן מיין חיה־עטיל:

— שוין געגרייט צום טיש, קומט עסען! רוף, ליובעניו, די געסט צום טיש, זיי געהרען אודאי הונגעריג!

— ביים טיש קעהרט זיך אום דער קרוב מיינער צו דער באָבע נחמה'לעם פעטער פון מעזשביזש, וואָס האָט געהייסען נח, און דער נח האָט געהאַט, ווי יענער נח פונ'ם חומש, דריי זיהן; נאָר יענעם נח'ס דריי זיהן האָבען געהייסען שם, חם און יפת, און דעם נח'ס דריי זיהן האָבען געהייסען שימעלע, חעמעלע, און יאָקעל — און ערשט דאָ ציהט זיך אוועק אַ לאַנגער פּאָדעם פון קרובים און שרוכים צווישען זיך, געדרעהט און געקייטעלט, געקניפּט און געבונדען — אַ מעשה אָהן איין עק! אַ שטיקעל גליק, וואָס דער פעטער זלמן (מאריך ימים זאָל ער זיין!) מישט זיך אריין אין מיטען:

— ווי טייער איז ביי אייך פליישׁ אין בויבעריק, האַ? ביי אונז אין ווארשוי איז פליישׁ ביוקר־גדול. ווייסטו פאַרוואָס? אַי־בער דער טאַקסע. מיר האָבען אונזער אייגענם אַ בעל־טאַקסע, איז ער אַ גרויסער הולטיי! און אייער בעל־טאַקסע איז אויך אַזאַ הולטיי, האַ? אַלע בעל־טאַקסעס זענען גרויסע הולטייעס, ממזרים, ימח־שמם! אפשר ניין? האַ?...

מיין קרוב מיט'ן סאַמעטענעם קאַשקעט הערט אויף צו עסען, האַלט דעם גאָפּעל אין דער לופטען און קוקט אויפ'ן פעטער זלמן, ווי אַ גזלן, למאי ער האָט איהם איבערגעשלאָגען סאַמע אין מיטען; נאָר דער פעטער זלמן הערט איהם ווי דעם קאָטער; ער טהוט זיך זיינס: ער דערצעהלט מעשיות פונ'ם אַווריטשער בעל־טאַקסע און פון אַווריטשער קהל און עסט בשעת מעשה גאַנץ געשמאַק. —

יח.

מע בעלעגט די משפּחה. — מיר פֿאָהרען קיין אויסלאַנד אין די בעדער אריין.

— וואו בעלעגט מען די „משפּחה“? — רופט זיך אָן צו מיר נאָכ'ן עסען מיין חיה-עטיל פערזאָרגט. — זיי זענען טאַקי זעהר אָנגעלעגטע געסט, נאָר פונדעסטוועגען אין דרויסען קאָן מען זיי ניט לעגען.

— פרעגט מיך עפּיס גרינגערס! — זאָג איך. — דעם פעטער זלמן רעכען איך אויסבעטען אָט דאָ אויף דער וועראַנדע; יענטעל וועט שלאָפען מיט די קינדער; און דאָס פּאָרפאָלק, וואָס ס'איז „גע-קניפּט און געבונדען“, מעג ליגען ביי דער הייסער וואַנד; לאָזען זיי האָטש הנאה האָבען פון דער דאַטשע... ווי געפעלט דיר, חיה-עטיל, דאָס ווינטעלע, וואָס האָט אַ בלאָז געטהון? עס חמאַרעט זיך, מיר דאַכט, עס וועט געהן אַ רעגען.

— אמן הלואי! — זאָגט חיה-עטעל — די זון האָט אַזוי אָנ-געבראָטען דורכ'ן טאָג, אַז עס וואָלט שוין געמעגט כ'לעבען אונטער-פרישען אַ ביסעל אויף דער שענער דאַטשע! נאַ דיר אַ דאַטשע! נאַ דיר „לופט“! גאָט זאָל העלפען, עס זאָל אַ גאָס טהון אַ רעגען און פערטרינקען די דאַטשעס מיט די דאַטשניקעס מיט גאַנץ בויבע-ריק, רבונו של עולם!

עס געדויערט נישט לאַנג, און דער הימעל ציהט זיך איבער מיט געדיכטע וואָלקענס. עס ווערט מיט אַמאָל פינסטער-חושך, גלייך ווי עמיצער האָט פערלאָשען די זון. די פייגעלעך האָבען זיך בעהאַל-טען אין די נעסטען. די לופט ווערט אַלע מינוט געדיכטער און שווע-רער. מיט אַמאָל שניידט דורך אַ בליץ און פערבלענדט די אויגען, און באַלד טהוט אַ זעץ אַ דונער, וואָס קנעלט, הילכט און קאַטשעט זיך פון איין עק וואַלד ביז'ן אַנדערן.

— איך האָב מורא, עס וועט געהן אַ רעגען! — רופט זיך אָן דער פעטער זלמן און קוקט אין הימעל אַריין. — און גלייך ווי ער האָט געטראָפען; ער האָט נאָר אויסגערעדט, האָט אָנגעהויבען

צו גיסען א שלאקס-רעגען, אלעמאל געשמאקער, געדיכטער און שטארקער; און אלעמאל טהוט א בלישטש א נייער בליץ, וואס באלייכט דאס געדיכטע בלויע פינסטערניש, און א זעץ א דונער, א פאהר איבערן גאנצען וואלד — „ט-ר-ר-ר-ר-ר-ר!"

— מיר דאכט, אז דער רעגען האט זיך פערקאטשעט נישט אויף א ווייל, — זאגט דער פעטער זלמן. — ער וועט, אם-ירצה-השם, געהן און געהן.

— איהר זאלט דערלעבען אנזאגען בעסערע בשורות! — מאכט חיה-עטיל דערשראקען און חאפט א קוק אלעמאל אין שטוב אריין.

— וואס קוקסטו זיך ארום אלע מינוט? — רוף איך מיך אן צו איהר.

— איך קוק, זאגט זי, צי סע קאפעט נישט פון דער סטעליע. יא, סע קאפעט גלייך אין בעט אריין! מע דארף אונטערשטעלען א שיסעל.

— ביי אונז אין אווריטש — זאגט דער פעטער זלמן — איז אויך געוועזען אזא מבול, שוין דרינען א יאהר עטליכע און צוואנציג, און אפשר, הא? אלע דרייסיג! עס האט פערטרונקען דעמאלט די גאנצע שטאדט האט דאס פערטרונקען! מע האט זיך געשיפט אויף שיפלעך האט מען זיך געשיפט! ס'איז געוועזען חשך איז געוועזען!

— וואו זענט איהר ערגיץ? — הער איך א קול פון שטוב. — קומט אהער העלפט טראגען! ראטעוועט...

איך טהו זיך א ווארף אין שטוב אריין — א צרה! איין אומגליק! דער רעגען שמייסט דורך די פענסטער, און סע גיסט פון דער סטעליע, און מיין חיה-עיטל פערקאטשעט דאס קליידעל אין וואסער, אין איין האנד האלט זי א קאפען-קישעלע, אין דער אנדערער — א פאן, וואס מע פרעגעלט איינגעמאכטס, און שרייט אין א קול:

— געוואלד! העלפט טראגען! ראטעוועט! ראטעוועט!

— וואס טהוסטו? — זאג איך צו איהר. — וואס שלעפסטו פון שטוב? לאמיר אנטלויפען, זיך ארויסראטעווען מיט די נפשות; וואו זענען ערגיץ די קלענערע קינדער?

— פאפאשא! אידי קא סיודא! (טאטע קום נאר אהער!) — שרייען צו מיר די קליינע חברה-לייט פונ'ם אנדערן חדר, שטעהען

מלא־שמחה כמעט ביז די קנעכלעך אין וואַסער און טאַנצען און פּאַ־ליושקען זיך, מאַכען בולבעלעך און זינגען:

דאָזשדיק, דאָזשדיק, פּערעסטאַן!

מי פּאָיעדיעם נאַ יאָרדאַן [1] ...

— געוואַלד! געוואַלד! געוואַלד! ראַטעוועט! מיר זענען פאַר־בײַ! — שרײַט מײַן חיה־עטיל און צולאָזט די הענד און בלײַבט שטעהן אין וואַסער ווי פערגליווערט.

— די קינדער, די קינדער ראַטעוועט אַרויס! — שרײַט יענ־טעל אויף אַ קוויטש און שטעהט אויף איין אָרט.

— פאַרוואָס ראַטעוועט מען ניט די קינדער? — שרײַט דאָס פּאָרפאָלק און ריהרט זיך ניט פון׳ם אָרט.

— ווייסט איהר, וואָס איך וועל אײַך זאָגען? — שרײַט דער פעטער זלמן. — עס וואָלט גלײַכער געווען, איהר זאָלט די קלענע־רע קינדער ערגיץ אַריבערטראָגען, וואָרום עס וועט, שײַנט כ׳ר, זײַן אַ מבול...

⁂

איך איל כיך און פערשליס מײַן בעשרײַבונג פון גלות דאַט־שע, מחמת מיר האַלטען, איך און מײַן חיה־עטיל, הײַסט דאָס, בײַ אַוועקפאָהרען קײַן אויסלאַנד אין די „וואַרימע בעדער" אַרײַן. די דאָקטוירים געפינען, אַז מיר בעדאַרפען בײַדע טרינקען אַזעלכע מינים וואַסערן און באָדען זיך אין די וואַרימע בעדער; און אגב ווילט זיך אונז טאַקי אַ ביסעל אָנקוקען אַ וועלט; מהיכי־תיתי, אַז גאָט העלפט, מע קאָן, פאַרוואָס ניט? ... די קינדער לאָזען מיר איבער אין בויבעריק אויף דער דאַטשע, חלילה ניט אַליין; יענטעל דעם פעטער זלמנ׳ם האָבען מיר געמאַכט פאַר בעל־הבית׳טע אין שטוב, און צוליעב איהר איז שוין פערבליבען דער פעטער זלמן אויך. דאָס פּאָרפאָלק, וואָס איז „געקניפּט און געבונדען", האָט אפילו אויך שטאַרק חשק געהאַט איבערצובלײַבען בײַ אונז איבערן

[1] רעגען, רעגען, העהר שוין אויף, מיר פאָהרען אויפ׳ן ירדן!

זומער, האָט זיי מײַן ווײַב געגעבען אָנצוהערעניש, אַז עס וועט אין בױבעריק אָהן זיי, אם־ירצה־השם, אויך זײַן פרעהליך, און זיי האָבען גענומען דעם וועג. וואוהין פאָהרען מיר — ווייס איך נאָך אַליין נים; מסתמא וועט אונז שוין דער דאָקטאָר אָבשיקען אַהין, וואו מע בעדאַרף. און מחמת מיר האַלטען בײַ אָבפאָהרען אין אַזאַ לאַנד, וואו מע רעדט דײַטש, בעדאַרף מען זיך אָנהויבען געוועהנען מיט זייער שפּראַך און געזעגענען זיך מיט אײַך אויף דײַטש און זאָגען: „אַדיע! צום ווידערזעהעניש!"...